STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05246

TUNEL

Bernhard Kellermann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. קעלערמאן

טונעל

יידיש: ש. זאקס

פארלאג ש. גאלדפארב, ווארשא, דזיקא 31

ווארשא 1926

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

B. KELERMAN

TUNEL

Roman

Wyd. SZ. GOLDFARB

Warszawa. Dzika 31.

1928

I.

גאַנץ ניו-יאָרק האָט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געפֿונען אונטערן געוואַלדיקן רושם פֿונם גרויסן גאַלאַ-קאָנצערט, וואָס איז פֿאָרגעקומען צוליבן חנוכּת-הבּית פֿון ריזיקן מאַדיזאָן-סקווער-פּאַלאַץ. קינד און קייט, מענטשן פֿון אַלע קלאַסן און געזעלשאַפֿטליכע שיכטן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן אינטערעס צו דעם דאָזיקן קאָנצערט און פֿייערליכן חנוכּת-הבּית, וועלכע האָבן מיט זייער גלאַנץ און פּראַכט איבערגעשטיגן אַלע סענסאַציעס פֿון ווינטער-סעזאָן. מיט אַ אומגעהויערער נייגעריקייט און לײַדנשאַפֿטליכער אויפֿמערקזאַמקייט האָט דער עולם געלעזן די אויספֿירליכע באַשרײַבונגען פֿון דאָזיקן אויסערגעוויינליכן קאָנצערט, וועלכע האָבן אין אַלע צײַטונגען פֿאַרנומען גאַנצע שפּאַלטן. יאָ, דאָס איז שוין איין מאָל געווען אַ קאָנצערט, אַזעלכער, וואָס איז נאָך, זינט ניו-יאָרק עקזיסטירט, עד היום ניט פֿאָרגעקומען. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פֿון צוויי הונדערט און צוואַנציג מוזיקער און יעדער אינסטרומענט איז באַזעצט געווען דורך אַ קינסטלער פֿון די גרעסטע מוזיקאַלישע באַרימטהייטן. אַלס דיריגענט איז אײַנגעלאַדן געווען דער גרעסטער מוזיקאַלישער גאון פֿון היינטיקן יאָר-הונדערט, אַ דייטש, וואָס יעדער מוזיקער דערמאָנט זיין נאָמען מיטן גרעסטן יראת הכּבוד, און דער דאָזיקער גרויסער קאָמפּאָניסט-דיריגענט האָט פֿאַר דעם איינעם אָוונט באַקומען דעם

אונערהערטן האָנאָראַר פֿון זעקס טויזנט דאָלאַר. די איינטריטס־פּרייזן זענען געווען אַזעלכע הויכע און האָבן דערגרייכט אַזעלכע ציפֿערן, אַז אפילו דאָס פֿאַרשווענדערישע ניו־יאָרק האָט זיך אויף דעם שטאַרק געחידושט און זיי זענען געווען פֿאַר אים אַנאיבערראַשונג, סאיז גענוג צו זאָגן, אַז אפֿילו קיין שטיי־פּלאַץ איז אונטער פֿערציג דאָלאַר ניט געווען צו באַקומען.

אַכט אַזייגער אין אָוונט זענען די 26, 27 און 28־טע גאַס און מאַדיזאָן־אַוועני פּשוט בלאָקירט געווען פֿון אונגעדולדיג רוישנדע אויטאָמאָבילן. די בילעט־הענדלער נישט מורא האָבנדיק אייבערגעפֿאָרן און דערהרגעט צו ווערן, דורך די אויטאָס, האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָזיקן קאָכעדיקן אָרט און מיט הויכע, האַלב הייזעריקע קולות אָנגעבאָטן די אָנגעזעענע אייגנטימער פֿון די אויטאָס בילעטן צום קאָנצערט אויף משוגענע פּרייזן. די דאָזיקע שפּעקולאַנטן האָבן, אַרויפֿכאַפּנדיק זיך מיט אַ אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט און געשיקטליכקייט אויף די טריט־ברעטער פֿון די אויטאָס, מיט זייערע אויסגעשרייען פּשוט פֿאַרטויבט די לופֿט:

— צוויי פּאַרקעט־פּלעצער, צענטע ריי! איין לאָזשנפּלאַץ! צוויי פּאַרקעט־פּלעצער!

יאָ, די בילעט־שפּעקולאַנטן האָבן דעם אָוונט געמאַכט זעהר גוטע געשעפֿטן, ווייל קיין בעלנים אויף די איבערגעבליבענע בילעטן, וואָס האָבן זיך אין זייער רשות געפֿונען, האָבן ניט געפֿעלט און יעדער קאַפּיטאַליסט האָט זיך ווי געפֿילט פֿאַרפֿליכטעט, אומבאַדינגט דעם דאָזיקן אויסערגעוועהנליכן קאָנצערט מיט זיין פֿרוי און דערוואַקסענע קינדער צו באַזוכן. סאיז דאַרום קיין חידוש ניט, וואָס דער שטראָם אויטאָס און אַנדערע וואָגנס, וואָס האָבן זיך געצויגן צום מאַדיזאָן־פּלאַץ, איז געוואַקסן פֿון מינוט צו מינוט און אַ פֿערטל אויף ניין איז אין ריזיקן קאָנצערט־זאַל ניט פֿריי געווען קיין איין איינציקער פּלאַץ. און דאָ איז געווען צו זען די גאַנצע אַמעריקאַנער געלט־אַריסטאָקראַטיע מיט זייערע פֿרויען און טעכטער אין די טייערסטע, פּרעכטיקע טואַלעטן, באַשאָטן מיט בריליאַנטן און די קאָסטבאַרסטע איידל־שטיינער אויף קאָלאָסאַלע פֿאַרמעגנס. יאָ, דער זעלטענער קאָנצערט האָט צוגעצויגן

צו זיך די בעסטע שילדן פון ניו־יאָרקער באַפעלקערונג, ניט קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן פראָסט און שניי־זאַווערוכע, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין דרויסן. סהאָבן אין גלענצנדן קאָנצערט־זאַל אויך ניט געפעלט קיין אָנגעזעענע באַזוכער פון אַנדערע שטעט, ווי פון טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן און בופאַלאָ. מענטשן האָבן זיך געלאָזט קאָסטן פאַרמעגנס, כדי דעם דאָזיקן קאָנצערט צו באַזוכן.

צווישן די באַזוכער, וועמען סאיז געלונגען צו באַקומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין ווונדער־שעהנעם קאָנצערט־זאַל, איז געווען אינזש. מאַק אַלאַן מיט זיין יינגער פרוי מאָוד. זיי זענען געזעסן אין אַ קליינער לאָזשע האַרט איבערן אָרקעסטר. האָבי, אַלאַנס אַ גוטער פריינד, אַנ׳אַרחיטעקטאָר, וואָס האָט אויסגעבויט דעם מאַדיזאָן־סקווער־פּאַלאַץ, האָט אויסגעפועלט ביי דער פאַרוואַלטונג פון קאָנצערט־זאַל צו באַקומען די דאָזיקע לאָזשע פאַר זיין גוטן ברודער אַלאַן פון בופאַלאָ און זי האָט אַזוי־אַרום אַלאַנען קיין סענט ניט געקאָסט. מיר זאָגן „אויסגעפועלט” ווייל ניט יעדער אויסווערטיקער, וואָס געהערט ניט צו דער גרויסער געלט־אַריסטאָקראַטיע, האָט געהאַט די זכיה צו באַקומען דעם אָוו ט אַ לאָזשע בפרט נאָך ווען ער האָט וועגן דעם זיך ניט באַמיט מיט עטליכע וואָכן אָדער זאָגאַר חדשים פריער. דער אינזשינער אַלאַן איז אַהער געקומען פון בופאַלאָ, ווו ער האָט אַמאָל געהאַט אַ פאַבריק פון ווערקצייג, ניט כדי די זעלטענע מוזיק דאָ צו הערן, צו וועלכער ער איז מער ווי גלייכגילטיק געווען, נאָר צוליב אַנאַנדער, גאָר פראָזאַישן צוועק. ער איז אַהערגעקומען, זייענדיק זיכער, אַז אים וועט געלונגען דאָ אין קאָנצערט זאַל, זיך צו באַגעגענען מיט דעם גרויסן אייזנבאַן־מאַגנאַט און באַנקיר לאָיד, דעם מעכטיקסטן מאַן פון די פאַריייניקטע שטאַטן און איינעם פון די רייכסטע מענער אין דער וועלט. פאַר אַלאַנען איז געווען זער נויטיק, — און דאָס האָט געקאָנט האָבן אַ ענטשיידענע באַדייטונג פאַר זיין גאַנצער קאַריערע אין לעבן — זיך דורכצורעדן מיטן דאָזיקן מעכטיקן געלט־מאַגנאַט חאָטש עטליכע מינוט און אַזוי ווי זיין פריינד האָבי האָט אים צוגעזאָגט צו נעבן אים אין קאָנצערט־זאַל אַ „אוידיענץ”

בײַ לאָידן, איז אלאַן, אַוועקוואַרפנדיק דעם טאָג זײַנע געשעפטן, געקומען מיטן לעצטן עקספרעס צופאָרן קײן ניו־יאָרק מיט זײַן ײַנגער פרוי צום פײַערלעכן חנוכּת הבית און גרויסן קאָנצערט. נאָכמיטאָג, זיצנדיק אין צוג, האָט אַלאַן שטאַרק חרטה געהאַט וואָס ער האָט „איבערגעלאָזט אויף הפקר״ זײַן פאַבריק און זיך געלאָזט אין װײַטן וועג אַרײַן, שטיצנדיק זיך נאָך אויף האָבּיס הבטחה, אים לאָידן פאָרצושטעלן. די פאַבריק איז פאַר אַלאַנען געװען דערזעלבער עלעמענט, ווי פאַר אַ פיש — דאָס וואַסער. ער איז מיט איר ווי אָרגאַניש געווען געבונדן און אָהן איר ניט געקענט לעבן. דאָס דאָזיקע חרטה־געפיל האָט זיך בײַ אַלאַנען באַדײַטנד פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט קוקנדיק אויף לאָידס לאָזשע געזען ווי זי איז נאָך אַלץ פוסט און דער גרויסער מאַן באַווײַזט זיך אין איר ניט. אפשר — האָט זיך אַלאַן בײַ זיך געטראַכט — ערלויבן נישט די גרויסע געשעפטן לאָידן צו פאַרברענגען „אומזיסט״ עטלעכע שעה דאָ אין קאָנצערט־זאַל און ער וועט נאָך אפשר — אַ קשיא אויף אַ מעשה — אַהערצו הײַנט אינגאַנצן ניט קומען... און ווײַבאַלד אַזוי, האָט דאָך אודאי און אודאי ניט געהאַט קײן זין, אַהער צו קומען אַזש פון בופאַלאָ. און צום געפיל פון חרטה און אויפרעגונג וואָס ער האָט פאַרלאָזט אויף אַ גאַנצן מעת לעת זײַן פאַבריק, האָט זיך אין זײַן האַרצן אַ ריר געטון אַ געפיל פון צאָרן אויף זײַן פרײַנד האָבּי, אויף דעם דאָזיקן לוסטיקן און לײַכטזיניקן ײַנגענמאַנטשיק, אויף וועלכן מקאַן זיך איבערהויפּט ניט פאַרלאָזן, און אַלאַן איז אין זײַן לאָזשע געזעסן ווי אויף שפּילקעס, ניט אַרויסלאָזנדיק אויף קײן רגע פון קאָפּ זײַן פאַבריק מיט אירע אַלע מאַשינען, מאָטאָרן, קעסלען, א. א. וו. אַלאַן איז געווען ניט הויך, דערפאַר אָבער ברייט און שטאַרק געבויט, ווי אַ אמתער באָקסער. זײַן גרויסער שאַרבן איז געווען מער פירעקיג ווי לאַנג אין די פאַרב פון זײַן דאַרלעכן געזיכט אָהן אַ באָרד און אָהן וואָנסן — אונגעווענליך טונקל. אַפילו איצט, ווען אין דרויסן האָט געברענט דער פראָסט איז זײַן געזיכט ניט געווען פרײַ פון זומער־שפּרענקלעך. ווי אַלע אַמעריקאַנער האָט ער זײַנע האָר געטראָגן שען פאַרקעמט, זײַנע האָר זענען געווען

ברוינע, ווײַכע און האָבן בײַם שײַן פֿון ליכט אויסגעזעען קופּער־פֿאַרביק. אַלאַנס אויגן זענען געלעגן פֿאַרשאַנצט אונטער שטאַרקע שטערנבײנער, זענען געווען בלוי־גרוי און האָבן געקוקט קינדיש גוטמוטיק. בכלל האָט אַלאַן אויסגעזעען ווי אַ שיפֿס־אָפֿיציר וואָס האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פֿון זײַן רײַזע, אָנגעפּאַקט מיט פֿרישער לופֿט און וואָס טראָגט הײַנט צופֿעליק אַ פֿראַק, וועלכער פּאַסט אים זער ווייניק. ער האָט אין אַלגעמײן געמאַכט אַ אײַנדרוק פֿון אַ געזונטן, עטוואָס ברוטאַלן און דאָך גוטמוטיקן מענטשן, ניט קײַן פּראָסטן, אַביסל אינטעליגענטן, אַזוי צו זאָגן פֿון „אַ מענטש פֿון אַ גאַנץ יאָר”. פֿון לאַנגווײַליקייט און אומגעדולד האָט אַלאַן מיט זײַנע אויגן אויסגעמאָסטן דעם גאַנצן אומפֿאַנג פֿון ריזיקן זאַל, פּרעכטיקע ווענט און די גאַנצע רײַכע און גלענצנדע דעקאָראַציע און ער האָט בײַ זיך געטראַכט: „וואָס פֿאַר אַ ים פֿון געלט איז פֿאַראַן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, אַז ס׳קאָן אײַנפֿאַלן אין קאָפּ אויף דעם אַזוי פֿיל געלט אויסצוגעבן”.

אַלס העכסט פּראַקטישער מענטש, וואָס איז געוווינט אַלץ אויף געלט אויסצורעכענען: וויפֿיל יעדע זאַך איז ווערט און קאָסט אָפּ, האָט אַלאַן בײַ זיך אין קאָפּ אויסגערעכנט, וויפֿיל דאָס באַלויכטן פֿון ריזיקן זאַל קאָסט יעדע שעה אָפּ און וואָס פֿאַר אַ נוצלעכע זאַכן מוואָלט געקאָנט אײַנקויפֿן פֿאַרן געלט וואָס דער דאָזיקער ים פֿון עלעקטרישן ליכט, מיט וועלכן דער גאַנצער זאַל איז באַגאָסן, קאָסט יעדן אָוונט אָפּ. אַלאַן האָט ווײַטער אַ וואָרף געטון אַן׳אומגעדולדיקן בליק אין דער זײַט, ווו לאָידס לאָזשע געפֿינט זיך, און ניט זעענדיק נאָך אַלץ דעם הייס־געזוכטן אײַזנבאַן קעניג, האָט זײַן בליק זיך אַראָפּגעגליטשט אַראָפּ צום אָרקעסטר.

ווי אַלע מענטשן, וואָס פֿארשטייען נישט קײַן מוזיק, האָט אַלאַן ניט געקאָנט משיג זײַן דעם עקסטאַז און די היציקע באַגײַסטערטע זשעסטן, מיט וועלכע די מוזיקאַנטן האָבן געאַרבעט. אַלאַן האָט זיך אַביסל אײַנגעבויגן איבערן באַריער פֿון זײַן לאָזשע, כּדי צו זעען דעם וועלט באַרימטן דיריגענט און אים איז פֿאַרגעקומען קשה, פֿאַר וואָס אייגנטליך דער דאָזיקער שמאָל־

פלייציקער, מאָגערער דזשענטלמען באַקומט אַזאַ אונגעהויער
גרויסן האָנאָראַר פון גאַנצע זעקס טויזנט דאָלאַר פאַר איין אָוונט,
פאַר „עטלעכע שעה אַרבעט”. ער האָט דעם וועלט-באַרימטן קאָמ-
פּאָזיטאָר באַטראַכט לאַנג און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.
דאָס אויסזעען פון דאָזיקן גרויסן מענטשן איז געווען אונגעווענ-
ליך, זיין קאָפּ מיט אַ קרומער נאָז, מיט קליינע לעבעדיקע אויגן,
מיט די ענג-געשלאָסענע ליפּן, זיינע דינע, צום נאַקן זיך ציענדע
האָר, האָבן דערמאָנט אָן אַ יאַסטשעמב. דער געניאַלער מוזיקער
איז באַשטאַנען פון בלויז הויט מיט ביינער — אַזוי דאַר, אַזוי
מאָגער איז ער געווען. מהאָט אָבער געדאַרפט זעען, וואָס פאַר
אַ פלינקע און קונציקע זשעסטן זיינע דינע מאָגערע הענט האָבן
געמאַכט, דיריגירנדיק מיטן ריזן-אָרקעסטער, און וואָס פאַר אַ צויבער-
מוזיק דער אָרקעסטער האָט אונטער זיין מאַגישער לייטונג אַרויס-
געגעבן. אַלאַן האָט באַוווּנדערט דעם געניאַלן מוזיקער, קוקנדיק
אויף אים ווי אויף עפּעס אַ מכשף און פלייסנדיק זיך אַריינצו-
דרינגען אין די סודות פון זיין צויבער-מאַכט און זי צו פאַרשטיין
נאָר זיינע געדאַנקען זענען פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן דורך
אַ אונגעהויער שטאַרקן דונער פון ביפאַל, וואָס האָט אויסגעבראָכן
צווישן גרויטן עולם אין זאַל. אַזאַ פייערדיקע באַגייסטערונג, אַזאַ
סטיכישע באַגייסטערונג פון אַ פילטויזנט קעפּיקן עולם האָט אַלאַן
שוין לאַנג ניט געזען. דער גאַנצער עולם איז פּשוט אויסער זיך
געוואָרן פון דער געוואַלדיקער ענטציקונג, וועלכע דער „מכשף”,
דער דאָזיקער דאַרער געניאַלער דיריגענט האָט ביי אים דערוועקט,
און איצט האָט ערשט אַלאַן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע
מאַכט די קונסט קאָן האָבן אויף די מענטשליכע נשמה. די הויכע
גראָבע ווענט און דער סופיט פונם ריזן-בנין האָבן עטלעכע מינוט
נאָכאַנאַנד געציטערט פון די אונאויפהערנדע שטורמישע אָוואַציעס
וואָס דאָס גרויסע פּובליקום האָט געמאַכט דעם געניאַלן מוזיקער.

אין קייגנזאַץ צו איר פּראָזאַישן און העכסט פּראַקטישן מאַן,
האָט מאַוד, אַלאַנס יונג ווייבל שוין צופיל פאַרשטאַנען אין מוזיק
און באַזיצנדיק אַ צערטליכע, אַביסל פּאָעטישע נשמה, איז זי אונ-
טערן איינדרוק פון גוטער מוזיק געווען פעיק צו קומען אין

אַ צושטאַנד פֿון דער גרעסטער באַגייסטערונג. זיצנדיק נעבן איר גרעבליכן און ברייט־בייניקן מאַן, האָט מאַוד אויסגעזען נאָך קלענער און צערטליכער ווי זי איז געווען אין דער ווירקליכקייט. זי האָט געהאַט אַ פֿיינעם ברוינעם מאַדאָנען־קאָפּ און אירע קליינע רויטליכע דורכלויכטנדיקע אויערן האָבן ווי געטרונקען די טאָנ־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון אונטן און אָנגעפֿילט דעם גאַנצן זאַל פֿון גרויסן עסטעטישן פֿאַרגעניגן. וואָס מאַוד האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, זענען אירע אויגן פֿיל ברייטער געוואָרן ווי געוויינליך. זי איז געווען אַזוי מחיהדיק, אַזוי זיס און שטאַרק אויפֿגערעגט, אַז אויף אירע צאַרטע גלאַטע באַקן האָבן זיך רויטע פֿלעקן באַוויזן. נאָך קיינמאָל, קיינמאָל האָט מאַוד ניט געשפּירט און ניט איבערגעלעבט אַזאַ הימלישן צושטאַנד ווי איצט, נאָך קיינמאָל האָט זי אַזאַ געטליכע מוזיק ניט געהערט.

מאַודס לעבן איז געווען אַזוי באַשיידן און איינפֿאַך ווי איר אויסזעען גופא. זי איז געבוירן געוואָרן אין ברוקלין ווו איר פֿאָטער איז געווען אַ אייגנטימער פֿון אַ דרוקעריי, און ערצויגן פֿון איר הייס געליבטער מוטער — אַ געבוירענע דייטשקע — אויף אַ גוט. זי האָט באַקומען אַ גוטע שול־בילדונג און אין אַלגעמיין איז זי גייסטיק געווען גוט ענטוויקלט. האָבנדיק אַ שטאַרקע נייגונג צו מוזיק, האָט זי זיך אויסגעלערנט גוט שפּילן פּיאַנאָ און איר מוזיקאַלישע בילדונג פֿאַרענדיקט אין מינכען און פּאַריז ביי ערשטקלאַסיקע לערער. זי האָט מיט איר מוטער עטלעכע לאַנגע רייזעס געמאַכט, האָט זיך אַביסל פֿאַרנומען אויך מיט ספּאָרט און ווי אַלע ייִנגע מיידלעך שפּאַצירט מיט ייִנגע־לייט, נאָך זייענדיק אַ 17־יאָריק מיידל האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט פֿאַרשידענע אידעאַלן, האָט געטרוימט צו דינען דער געפּלאָגטער מענטשהייט א. א. וו. נאָר אינגיכן האָט מאַוד זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון קאָפּ די חלומות און אָנגעהויבן קוקן אויפֿן לעבן און מענטשן מיט ניכטערנע אויגן. צו יענער צייט איז אין איר דער אַרכיטעקטאָר האַבי שטאַרק פֿאַרליבט געווען און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, נאָר מאַוד איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען, ווייל זי האָט האַבין נאָר ווי אַ קאַמעראַד, ווי אַ גוטן פֿריינד ליב געהאַט און האָט חתונה

געהאַט מיטן אינזשינער מאַק אַלאַן, וועלכער „איז איר שטאַרק געפֿעלן געוועזן”. אויפֿן צווייטן יאָר נאָך איר חתונה האָט זי אַ מיידעלע געהאַט, וואָס איז פֿאַר איר ווי אַ מין אָבגאָט געוואָרן. צו דער צייט, וואָס זי איז מיט איר מאַן צום גאַלאַ־קאָנצערט געקומען, איז מאַוד אַלט געווען 23 יאָר און איז געווען גליקלעך אין אַמעריקאַנישן זין פֿון דאָזיקן וואָרט.

טראָגנדיק אין האַרצן אַ אונפֿאַרהיילטע ווונד, וואָס מאַוד האָט מיט אים ניט געוואָלט חתונה האָבן, איז האָבי פֿונדעסטוועגן געבליבן אויף שטענדיק איר בעסטער איבערגעבנסטער גוטער פֿריינד און האָט ניט אַדורכגעלאָזט די מעגליכקייט און געלעגנהייט איר און איר מאַן נוצליך צו זיין און אפֿילו זיי צו טון וויכטיקע טובות. האָבי, קען מען זאָגן, איז די גאַנצע צייט, אפֿילו איצט, ווען מאַוד איז שוין געווען אַ מוטער פֿון אַ צוויי־יעריקן קינד, געווען אין איר פֿאַרליבט, נאָר, אַלס דזשענטעלמען, וואָס איז מחויב צו פֿאַרשטיין זיינע פֿליכטן בנוגע זיינע גוטע פֿריינד, האָט ער זיין געפֿיל געהאַלטן טיף אין האַרצן פֿאַרבאָרגן, ניט ווילנדיק שטערן דאָס פֿאַמיליע־גליק פֿון זיינע גוטע פֿריינד. די אַלאַנס, פֿון זייער זייט, האָבן אים שטאַרק גערן געהאַט און אים געהאַלטן ווי אַן אייגענעם, שעצנדיק שטאַרק זיין איבערגעבנקייט צו זיי און זיין גרייטקייט בייהילפֿיג צו זיין אַלאַנען ביי יעדער געלעגנהייט. אַלס איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבענע גוטע פֿריינד, פֿלעגט האָבי פֿון צייט צו צייט באַזוכן די אַלאַנס אין בופֿאַלאָ און דאָרט אין זייער געמיטליכן פֿאַמיליע־קרייז פֿאַרברענגען עטלעכע טעג כסדר, ניט קוקנדיק, וואָס צייט איז ביי דעם טיכטיקן האָבין געווען טייערער ווי געלט. די אַלאַנס פֿון זייער זייט פֿלעגן אָממערסטן יום־טוב־צייט באַזוכן האָבין אין ניו־יאָרק און די פֿריינדלעכע פֿאַרייניקונג צווישן זיי איז געווען איינע פֿון די שטאַרקסטע און איידלסטע וואָס קענען נאָר געבן.

דאָס מאָל, ווי מ׳ר האָבן שוין געזען, איז אַלאַן מיט זיין פֿרוי געקומען צום גרויסן גאַלאַ־קאָנצערט אויך צוליב האָבי׳ס אַנ׳עצה און זיינע באַמיהונגען פֿאַרצושטעלן אַלאַנען פֿאַר דעם גרויסן געלט־מאַגנאַט לאָיד. נאָר נאָכדעם, ווי דער קאָנצערט האָט

זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן און דער מעכטיקער אייזנבאַן-קעניג לאָיד האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן אין זיין לאָזשע — האָט האַבּי שוין אויך געהאַט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז לאָיד וועט דאָס מאָל צום קאָנצערט ניט קומען.

— דו ווייסט, מאַק — האָט האַבּי שטילערהייט געזאָגט צו זיין חבר — כ'האָב מורא, אַז דו ביזט היינט אומזיסט אַהער געקומען פון בופאַלאָ: מיר דוכט זיך, אַז דער אַלטער לאָיד איז היינט עפּעס ניט מיט אַלעמען, ווען ניט, וואָלט ער געוויס געקומען צום קאָנצערט. כ'האָב נאָר וואָס אָנגעפרעגט דורכן טעלעפאָן זיין טאָכטער עטעל, אָבער זי האָט מיר ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. זי האָט מיר געזאָגט, אַז, מעגליך, וועלן זיי היינט נאָך קומען אויפן קאָנצערט, און כ'מוז דיר זאָגן, אַז מיר וואָלט שטאַרק פאַרדראָסן, ווען דער אַלטער וואָלט היינט אַהער ניט געקומען.

— ס'איז ניט קיין אומגליק, ווען ער וועט ניט קומען — האָט אַלאַן זיך אָפּגערופן, כדי צו באַרויקן זיין גוטן פריינד, אין האַרצן האָט אים אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס לאָיד איז ניט געקומען.

— אָבער דו מעגסט זיין זיכער, אַלאַן — האָט האַבּי זיך באַמיט אים צו באַרויקן — אַז איך וועל ניט אָפּשטיין פון דעם אַלטן ווי אַ שאָטן און וועל שוין ביי אים יעדנפאַלס פועלן, ער זאָל דיך אויסהערן און דיר שענקען עטלעכע מינוט אויפמערקזאַמקייט.

פאַר אַלאַנען איז די אודיענץ ביי לאָידן געווען, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, אַ לעבנס-פראַגע. פון איר איז געווען אָפּהענגיג זיין גאַנצע קאַריערע. זויף דער דאָזיקער אודיענץ האָט מאַק אַלאַן אַרויפגעלעגט — און מ'מוז צוגעבן: ניט אומזיסט, האָבנדיק אויף דעם אַ פאָלקאָמען גרונד — זער פיל גרויסע האָפנונגען. אין מאַק אַלאַנס פּראַקטישן קאָפּ איז שוין זייט עטלעכע חדשים געבוירן געוואָרן אַ גלענצנדער פּראָיעקט, איינער פון יענע געניאַלע פּראָיעקטן, וואָס, ווען זיי וואָלטן זיך נאָר לאָזן פאַרווירקליכן, זענען זיי מסוגל צו רויסצורופן סאָציאַלע איבערקע-

רעניש. מיט איין וואָרט: אַ פּראָיעקט פון אַנ׳אויסערגעוועגליכער באַדייטונג. נאָר אפילו די עֶרשטע טריט צו פאַרווירקליכן דעם דאָזיקן גראַנדיעזן פּראָיעקט, זענען פאַרבונדן מיט אונגעהויער גרויסע, קאָלאָסאַלע אויסגאַבן און פאָדערן ריזיקע געלט מיטלען, און ס׳איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס, באַראַטנדיק זיך מכח דעם דאָזיקן פּראָיעקט מיט זיין חבר האַבּי, איז דעם לעצטן איינגעפאַלן, זיך צו ווענדן צום אייזנבאַן-קעניג און גרויסן באַנקיר לאָיד, ער זאָל פינאַנסירן דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

האַבּי האָט איבערגעגעבן בקצור לאָידן אין וואָס אַלאַנס פּראָיעקט באַשטייט. דער פּראָיעקט איז דעם מעכטיקן געלט-מאַגנאַט געפעלן געוואָרן און האַבּי האָט געפועלט ביי לאָידן, אַז ער זאָל „שענקען זיין חבר דעם אויטאָר פונם גראַנדיעזן פּראָיעקט, עטליכע מינוט אויפמערקזאַמקייט” און אויסהערן די פּרטים פון זיין גרויסן פּלאַן.

נאָר נאָכדעם, ווי האַבּי און אַלאַן האָבן זיך שוין געהאַט מיאוש געווען צו האָבן היינט דעם הייס געווונשענעם געשפּרעך מיט לאָידן, — האָט זיך געעפנט די טיר פון לאָידס פּרעכטיקער לאָזשע און דער אייזנבאַן-קעניג איז אַהין אַריינגעקומען מיט זיין טאָכטער עטעל.

ווען דער גרויסער עולם האָט דערזעען דעם מעכטיקן אייזנבאַן-קעניג מיט זיין טאָכטער אין זיין לאָזשע, איז איבערן טויטשטילן, פון דער געטליכער מוזיק באַצויבערטן זאַל דורכגעגאַנגען אַ מין זשומען און ציטער. טויזנטער קעפּ האָבן זיך אָנגעהויבן רירן און זיך אַ קער געטון צו דער זייט, ווו לאָידס לאָזשע געפינט זיך. די בריליאַנטן און סאַפירן, מיט וועלכע די דאַמען זענען געווען באַצירט, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו פינקלען און טויזנטער בינאָקלען און מאָנאָקלען זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף דער פּרעכטיקער לאָזשע פונם אַלמעכטיקן אייזנבאַן-קעניג און גרעסטן געלט-מאַגנאַט — לאָיד. אין מאָמענט ווען דער מיליאַרדער האָט זיך באַוויזן אין זיין לאָזשע, האָט די מוזיק געהאַלטן ביים פאַרענדיקן אַ מאָטיוו, וועלכער האָט ביים גאַנצן פּובליקום באַזונדערס שטאַרק אויסגענומען און עס געבראַכט אין גרויס

ענטציקונג. נאָר, סוזעט אויס אַז די מאַכט פון געלט איז אין אמע־דיקע פיל שטאַרקער ווי די מאַכט פון קונסט. דאָס האָט מען בולט אַרויסגעזעהן אין דעם געוואַלדיקן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער גרויסער מיליאָרדער האָט אַרויסגערופן אין זאַל ביים גאַנצן עולם, ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן אין זיין וואונדערבאַר שענער און רייך־דעקאָרירטער לאָזשע. דער היפנאָז, אונטער וועלכן דאָס פובליקום האָט זיך געפונען עטליכע מינוט געכאַנאַנד, הערנדיק די וואונדערבאַרע שענע מוזיק, האָט אין אַ רגע דאָס גאַנצע פובליקום פאַרלאָזט, און אַלע האָבן לאַנג און פלייסיק אָנגעהויבן באַקוקן דעם אייזנבאַן־קעניג. דער געניאַלער קאָמפּאָזי־טאָר איז געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט און האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ אין זאַל איז אַזוינס פּלוצלינג פאָרגעקומען. ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט אַז דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס האָט איבערן אודיטאָריום אַ גרעסערע מאַכט ווי דער היפנאָז פון די צוויי הונדערט און צוואַנציג מוזיקער, פון דיריגענט און אומשטערבליכן קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז צווישן פובליקום האָט זיך באַוויזן דער גרעסטער געלט־מאַגנאַט אַליין!

אין דער שכנותדיקער לאָזשע האָט אַ געדעמפּטע שטים באַמערקט וועגן לאָידס טאָכטער:

— זעהט נאָר, ס'איז אַ צירונג, ס'איז אַ בריליאַנטן: זי טראָגט דאָך אויף זיך דעם ראָזי־דימענט פון אַבדול האַמידס אוצר, איר וועט אים ניט קויפן פאַר צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר, וואָס רעד איך? צוויי הונדערט טויזנט? ער איז ווערט אפשר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר!

אַלאַן האָט אויך אַ קוק געטון אויף לאָידס לאָזשע, זי איז געווען טונקל — לאָיד איז ענדליך געקומען.

אין דער טונקעלער לאָזשע איז עטעל לאָידס באַקאַנטער פּראָפיל קוים געווען צו זעען אויף די גאָלד־בלאָנדע האָר פון איר שענעם קאָפּ האָבן פאַרשידענע עדלשטיינער גע־ינקלט און אויפן ליבקן שלייף, וואָס איז געווען געווענדעט צום פובליקום, האָט זי געטראָגן אַ עדלשטיין פון אַ בלאַס־רויטליכן פייער.

— קוקט זיך צו, ס׳אַר אַ האַלדז, ס׳אַר אַ נאַקן? — האָט די געדעמפּטע שטימע אין דער שכנותדיקער לאָזשע אין דער שטיל געזאָגט — האָט איר ווען־עס־איז שוין געזעען אַזאַ נאַקן? מזאָגט אַז האַבּי, דער אַרכיטעקט, אָט דער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס דאָ אַרומגעדרייט...

— אָ, דאָס איז זעהר מעגליך — האָט אַנ׳אַנדער שטים געענטפערט מיט אַריין־ענגלישן אַקצענט, אויסדריקנדיק איינשטימונג מיט דער השערה, וואָס די ערשטע שטים האָט אַרויסגעזאָגט וועגן האַבּין און, ווארשיינליך, וועגן זיינע שאַנסן חתונה צו האָבן מיט דער צייט מיט דער דאָלאַר־פּרינצעסן עטעל.

אַלאַן האָט זיך אָנגעבויגן צו זיין פרוי און איר מיטגעטיילט, אַז לאָיד איז ענדליך געקומען, אָבער מאַוד האָט דעמאָלט גאָר אין אַנ׳אַנדער וועלט געשוועבט, אין אַ וועלט פון הימלישע טענער און פּאָעזיע, וועהין דער אָרקעסטער מיטן געניאַלן דיריגענט האָבן זי איבערגעטראָגן. זי איז אפשר געווען די איינציקע אין זאַל, וועלכע האָט נאָך ניט געוווסט, אַז עטעל לאָיד טראָגט איצט אויף זיך דעם באַרימטן ראָזי־דימענט פון אַבדול־האַמידס אוצר, וואָס איז אפשר ווערט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר.

— לאָיד, זאָגסטו, איז געקומען? — האָט זי זיך ווי פון שלאָף אָפּגערופן: שוין לאַנג?

— אָט דאָ נאָר־וואָס.

די געדעמפּטע שטים פון דער שכנותדיקער לאָזשע האָט ווייטער דערציילט פיל העכסט אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן לאָידס קאָלאָסאַלן פאַרמעגן און די מיטלען, דורך וועלכע ער האָט זיך אַזאַ ריזן־רייכטום געמאַכט. די לאַנגע דערציילונג פון יענער שטים פלעגט פון צייט צו צייט איבעררייסן אַנ׳אַנדער שטילע שטים מיט קורצע ווערטער פון דערשטוינונג:

— „וואָס איך הער?!“

— „ווי קומט עס? דאָס איז דאָך שווער צו גלויבן, ססמעקט עפּעס מיט לעגענדע און ניט מיט ווירקליכקייט! גאָט מיינער, ווי מענטשן קאָן עס אָפּגילטן!“ א. א. וו. און מ׳מוז צוגעבן, אַז דאָס, וואָס די געדעמפּטע שטים האָט וועגן לאָידן דערציילט,

ערנפאַלס אַטייל, וואָס זי האָט וועגן אים דערציילט, האָט ווירק־ליך געשמעקט מיט לעגענדן און בבא מעשות, איידער מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט. די וועגן, וועלכע האָבן לאָידן געפירט צו זיין קאָלאָסאַלן פאַרמעגן און זיין איצטיקער לאַגע, די מיטלען, מיט וועלכע ער האָט אַזעלכע געלט־אוצרות דערוואָרבן — זענען נווירקליך געווען צו באַוווּנדערן.

— דערצו נאָך — האָט יענע אומבאַקאַנטע יטים ווייטער לאָידן געשילדערט — איז ער שווער קראַנק, האָט מורא פאַר מענטשן — מעטערדיקע בעטאָן־ווענט רינגלען אַרום זיין וווינונג, בדי קיין קול, קיין פיפס זאָל ניט אַריינדרינגען צו אים, ווי אַ געפאַנגענער...

— פוי — האָט מאָוד אין גרעסטן כעס אַ קער געטון איר קאָפּ צו דער שכנותדיקער לאָזשע, ווו די געדעמפטע שטים האָט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען, שטערנדיק איר די מוזיק צו הערן, — און יענע שטים איז טאַקע, דערהערנדיק מאָודס „פוי", באַלד אַנטשוויגן געוואָרן.

בעת'ן אַנטראַקט האָט מען אין לאָידס לאָזשע דערזעען אַריינגיין דעם העל־בלאָנדן האַבי און עטעלן, ווי אַ גוטע באַקאַנטע די האָנט דריקן.

— איר זעט? וואָס האָב איך געזאָגט! בין איך דען ניט גערעכט געווען? — האָט דאָס מאָל יענע שטים הויך געזאָגט: האַבי האָט שוין איינמאָל אַ גליק! ער איז, ס'ווייזט אויס, אין אַ העמדל געבוירן געוואָרן. אין עטליכע מינוט אַרום האָט האַבי געעפנט די טיר און אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין אַלאַנס לאָזשע.

— קום, מאַק! האָט ער זיין חבר אַ רוף געטון: דער אַל־טער וויל מיט דיר רעדן.

II.

— דאָס איז מאַק אַלאַן! — האָט האַבי געזאָגט, פאַרשטעלנדיק לאַידן זיין חבר און אַ קלאַפּ טועגדיק אים דערביי איבער זיין פּלייצע.

לאַיד איז געזעסן ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט אין זיין פאָטעל מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ניט ווייט פון באַריער, און טויזנטער אויגן פון גרויסן פּובליקום האָבן נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט אים פּלייסיק צו באַקוקן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

דער אַלטער מיליאַרדער האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער האָט ניט געהערט, ווי האַבי האָט אים זיין חבר פאַרגעשטעלט און וואָס ער, האַבי, האָט דערביי געזאָגט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט לאַיד דאָך אַ ביסל אויפגעהויבן זיין קאָפּ און טרוקן מיט אַ האַלב הייזעריקער שטים געזאָגט:

— ס׳טוט מיר אויפריכטיק הנאה, אייך צו זעען, הער אַלאַן! כ׳האָב זיך געגוי באַקאַנט מיט אייער פּראָיעקט. ס׳איז פון אייער זייט דרייסט. דער פּראָיעקט איז זער אַ גרויסער — מעגלין, אַז איר וועט אים דורכפירן, און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט לאַיד אים דערלאַנגט זיין האַנט, אַ קורצע פירעקיגע האַנט, און זיין געזיכט צו אים געווענדעט.

אַלאַן איז דורך הזבין צוגעגרייט געווען, וואָס דעם אַלטן לאַידן צו ענטפערן און ווי זיך צו האַלטן בעת דער „אוידיענץ“. איבערהויפּט האָט האַבי אים געוואָרנט, זיך ניט צו דערשרעקן פון לאַידס אויסטערליש פּנים און שטרענגן בליק. נאָר, ניט קוקנדיק אויף די דאָזיקע וואָרנונגען, האָט אַלאַן געמוזט מאַכן שטאַרקע אָנשטרענגונגען, כדי צו פאַרבאָרגן די שרעקן און געפילן, וואָס לאַידס געזיכט האָבן ביי אים אַרויסגערופן.

לאַידס געזיכט האָט דערמאָנט אין אַ בולדאָג. די אונטער-שטע ציין זענען געווען אַרויסגערוקט פאָרנט, די נאָזלעכער — רונד און די טרערנדיקע קליינע אויגן זענען געשטאַנען ווי קרומע

דורכשניטן אויף זיין ברוינעם, אויסגעטריקנטן געזיכט, כמעט אָן יעדער באַוועגונג. זיין קאָפּ איז געווען פּאָלשטענדיק אָן האָר — אַ רונדער גלאַטער און ערטערווייז גלאַנצנדער פּליך. די גאַנצע פיגור לאָידס איז אין אַלגעמיין ניט געווען שענער ווי זיין געזיכט. אַ שרעקליכן איינדרוק האָט לאָיד געמאַכט אויף יעדן, ווער ס'האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזעען. מענטשן זענען, אַ קוק טוענדיק אויף אים, בלאַס געוואָרן פון עקל און שרעק. ס'זענען אויך פאָרגעקומען פאַלן, ווען דאָס געזיכט פון גרויסן געלט-מאַגנאַט האָט מענטשן צו חלשות געבראַכט, און נאָר מענטשן מיט שטאַרקע נערוון זענען אימשטאַנד געווען, אָן אַ ציטער צו קוקן אויף לאָידן, אין אַלגעמיין האָט לאָידס געזיכט דערמאָנט אין אַ מאַסקע פון אַ בולדאָג און געמאַכט אַ איינדרוק פון אַ טויטן קאָפּ. אַ קוקטוענדיק אויף אים, האָט זיך אַלאַן דערמאָנט אָן די מומיען פון די אינדיאַנער, אויף וועלכע ער האָט זיך אַמאָל אָנגעשטויסן, בויענדיק אַ באַן אין אינדיען.

לאָיד, וועלכער האָט גוט געוווסט, וואָס פאַר אַ ווירקונג זיין געזיכט מאַכט אויף אומבאַקאַנטע מענטשן, איז געבליבן צופרידן מיטן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אַלאַנען געמאַכט, און האָט אָנגעהויבן מיט זיינע קליינע פייכטע אויגן זיך צו אָריענטירן אין אַלאַנס געזיכט-ציגן, כדי אים וואָס נענטער צו דערקענען און פעסטשטעלן, צי מ'קאָן זיך אויף דעם יונגן מאַן פאַרלאָזן.

— יאָ, האָט דער אַלטער לאָיד זיך צו אַלאַנען געווענדעט: אייער פּראָיעקט איז ווירקליך אַ אויסערגעוויינליכער און דרייסטער, פון וועלכן איך האָב ווען עס איז געהערט און, ניט קוקנדיק אויף דעם, האַלט איך, אַז ס'איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגליכקייט, אים צו פאַרווירקליכן.

אַלאַן האָט זיך פאַרנויגט פאַרן מעכטיקן אייזנבאַן-קעניג און געזאָגט, אַז ס'טוט אים שטאַרק הנאה, וואָס ער האָט ביי אים דערוועקט אַ אינטערעס צו זיין פּראָיעקט.

— הגם די דאָזיקע רגע איז געווען די ענשיידנסטע פאַר אַלאַנס גאַנץ לעבן, איז ער פונדעסטוועגן צו זיין אייגענעם ערשטוינען געווען פאָלשטענדיק רויק דערשלאָגנדיק זיך צו אַזאַ

גרויסן ערפאָלג, וועלכער האָט געזאָלט אַלאַנען פון איצט אָן פירן צו אַ גלענצנדער קאַריערע און גרויס רייכטום, איז ער פונדעסט־וועגן געווען כמעט גלייכגילטיק צו יענע אויסערגעוועהנליך־גלענצנדע אויסזיכטן פאַר אים אין דער צוקונפט, וועלכע לאָידס אינטערעס צו זיין פּראָיעקט האָבן געשאַפן. אַ אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט פשוט פון זינען אַראָפ פון גליק, וואָס דעם אַלטנס אויפ־מערקזאַמקייט קאָן יעדן ערפינדער ברענגען. אויף אַלאַנען אָבער האָט לאָידס אינטערעס און זיינע ווערטער וועגן זיין פּראָיעקט כמעט קיין שום ווירקונג נישט געהאַט.

— צו זענט איר, האָט אים לאָיד געפרעגט, צוגעגרייט, כדי מאָרגן אימשטאַנד צו זיין אַרויסצוטרעטן וועגן אייער פּראָיעקט אין דער עפנטליכקייט?

— איך דאַרף נאָך אויף אים דריי חדשים צייט האָבן — האָט אַלאַן געענטפערט.

— ווי באַלד אזוי, — האָט לאָיד אים געזאָגט — זעט־זשע, קיין רגע אומזיסט נישט צו פאַרלירן. איך פון מיין זייט וועל פאַר אייך טון, וואָס איר וועט נאָר פאַרלאַנגען.

דערויף האָט לאָיד, אָגרירנדיק זיך מיט זיין האַנט צו אַלאַנס אַרבל, אים געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף זיין טאָכטער, וואָס איז געזעסן אין אַוייט אין זיין לאָזשע.

— דאָס איז עטעל לאָיד.

אַלאַן האָט זיך טיף פאַרבויגן פאַר עטעלן און אַ דרוק גע־טון איר קליין הענטל, וועלכעס זי האָט אים דערלאַנגט.

— זייט איר, הייסט עס מאַק אַלאַן? האָט זי מיט דער גאַנצער נאַטירליכקייט און פשוט'קייט פון איר ראַסע אים גע־פרעגט, קוקנדיק אים גלייך אין געזיכט אַריין.

— „איז דאָס טאַקע ער אַליין?" — האָט זי ביי זיך געטראַכט נאָך אַ קורצע פויזע, באַקוקנדיק אַלאַנען פון קאָפ ביז די פיס אין דערביי האָט זיך אויף אירע קליינע רויטע ליפן באַוויזן אַ קליין כיטרע שמייכעלע. אַלאַן האָט זיך נאָכאַמאָל טיף פאַר־נייגט פאַר דער דאָלאַר־פּרינצעסן און איז דערביי אַ ביסל רויט געוואָרן פון פאַרלעגנהייט: אַלאַן האָט געערט צו יענע פּראַקטישע

געשעפטס-מענער, וועלכע בלייבן אויף שטענדיק פרעמד דער קונסט, ווי אזוי מיט פרויען זיך צו באגיין און ווי אזוי מיט זיי ביי דעם אדער יענעם אומשטאנד זיך צו האלטן.

באטראכטנדיק מיטן גרעסטן אינטערעס די שיינע טאכטער פון גרויסן געלט-מאגנאט, האט אלאן באמערקט, אז ניט קוקנדיק אויף איר נאטירליכער שיינקייט, איז זי געווען צו-פיל געפודערט. גאנצע שיכטן פודער זענען געלעגן איבער איר שיין העלדול און האלב-דעקאלטירטע פלייצעס און הענט. עטעל האט אלאנען באגריסט און מיט אים גערעט, ווי א דערוואקסענע דאמע, איר שטים האט אבער דערמאנט עטוואס קינדישעס, פונקט ווי זי וואלט ניט געווען, נאר צוועלף יאר אלט געווען, עטעל האט נאך אלץ אלאנען אויפמערקזאם באטראכט האלב ווי א איינפלוסרייכע דאמע, וועלכע טוט איין דורך איר אינטערעס דעם גרעסטן חסד, און האלב ווי א נייגעריק קינד.

עטעל לאיד איז געווען א טיפיש אמעריקאנישע שיינהייט. זי איז געווען שלאנק רירעוודיק, און ביי דעם אלעם — דאך ווייבליך. אירע געדיכטע זיידענע האר האבן געהאט יענעם זעלטענעם צארטן גאלד-בלאנדן-קאליר, וואס יעדע אמעריקאנערן וואלט זיך געשעצט פאר גליקליך צו האבן. עטעל האט געהאט אויפפאלנד לאנגע ברעמען און אין זיי איז אויך פיל שפורן פון פודער געווען צו זעען. אירע אויגן זענען געווען טונקל-בלויע און קלארע, איר פראפיל, איר שטערן, די אויערן, דער נאקן — אלץ איז אזוי איידל, שיין און פול מיט חן געווען, אבער אויף איר רעכטער באק האבן זיך שוין באוויזן, קוים צו באמערקן פאר א גוט-געניט אויג, שפורן פון יענער שרעקליכער קראנקהייט, וועלכע האבן איר פאטער נאר א קאליקע געמאכט.

— כ'האב שטענדיג א טבע, — האט זיך לאיד ווידער צו אלאנען געווענדעט — מיט מיין טאכטער זיך צו בעראטן וועגן אנגעלעגנהייטן, וועלכע אינטערעסירן מיך שטארק, און איר דארפט אויך מיר קיין פארא־יבל נישט האבן, וואס איך האב מיט איר אויך וועגן אייער פראיעקט גערעט און איר וועגן אים אלע פרטים איבערגעגעבן.

— מיר עטעל האָבן, האָט אַלאַנען געזאָגט, שעה'ן לאַנג אייערע פּלענער באַהאַנדלט און כ'האָב מיט מיין פּאַפּאַ אַזוי פיל וועגן אייער פּראָיעקט גערעט און געטענה'ט, אַז ער איז פון אים פשוט באַגייסטערט געוואָרן. אייער פּראָיעקט געפעלט אים אָן אַ שיעור. ער לעגט אויף אים די גרעסטע האָפענונגען און איר קענט זיך ניט, הער אַלאַן, פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ הויכע מיי-נונג מיין פּאַפּאַ האָט איצט וועגן אייך, ער האַלט אייך פאַר אַ געניאַלן מענטש, וועלכער איז מסוגל אַ איבערקערעניש אין לעבן אַרויסצורופן, איר מוזט, הער אַלאַן, איצט אונזער אָפטער גאַסט ווערן, אונז וואָס אָפטער באַזוכן.

— איר זענט זער ליבנסווירדיק, פריילין לאַיד, האָט אַלאַן נאָכאַמאָל, טיף פאַרבייגנדיק זיך, עטעלן געענטפערט מיט אַ לייכט. שמייכעלע אויף די ליפּן.

עטעלן איז אַלאַנס שמייכל שטאַרק געפעלן געוואָרן, גאַנץ אונזשעניִרט האָט זי איר בליק אָנגעשטעלט אויף זיינע ווייטע שטאַרקע ציין. זי האָט געעפנט אירע ליפּן, אום אַלאַנען נאָך עטוואָס צו זאָגן. נאָר אין דער דאָזיקער רגע האָט דער אָרקעס-טער מיט אַמאָל ווידער אָנגעהויבן שפּילן.

עטעל לאַיד איז געווען אַ גרויסע אָנהענגערן פון מוזיק און מיינענדיק, אַז אַלאַן האָט אויך שטאַרק ליב מוזיק, האָט זי אים געזאָגט: — איר זאָלט וויסן זיין, הער אַלאַן, אַז אין מיין פּערזאָן האָט איר, וואָס אַנבעלאַנגט מוזיק, אַ געטרייע חבר'טע, — און איבערגייענדיק דערנאָך ווידער צו זיין פּראָיעקט, האָט זי געזאָגט:

— איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז איך וועל אָנווענדן אַלע מעגליכקייטן און וועל בכלל ניט דערלאָזן, אַז מיין פּאַפּאַ זאָל זיין מיינונג וועגן אייך ענדערן. כ'מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז דער פּאַפּאַ מיינער איז צייטנווייז נישט פריי פון אַזאַ פעלער — זיין מיינונג וועגן מענטשן און פאַרשידענע סאָציאַלע פראַגן צו ענדערן. אָבער איך זאָג אייך נאָך אַמאָל און קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז אין פאַל ווען ס'וועט נויטיג זיין, וועל איך אימשטאַנד זיין אפילו אים צו צווינגען, ער זאָל זיך נעמען צו אייער פּראָיעקט און אַלץ וואָס

נויטיג „לאָזן אין גאַנג“. אויף ווידערזעען, הער אַלאַן! — און בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט זי אַ העפֿליכן, אָבער אַ ביסל גלײַכגילטיקן בויג געטון מיטן קאָפּ פֿאַר אַלאַנען, אים דערלאַנגט איר האַנט און פֿון אים אָפּשיד גענומען.

דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס געשפּרעך, וואָס אַלאַן האָט געהאַט מיט דער דאָלאַר־פּירשטן און פֿרײַער מיט איר אַלימענטיקן פֿאָטער. אַ געשפּרעך, וואָס האָט איבער דעם ווערק פֿון זײַן לעבן די גרעסטע ענטשיידונג געהאַט און האָט אויך אַ נײַע תקופה אין די געגנזײַטיקע באַציונגען פֿון דער אַלטער און נײַער וועלט באַשטימט.

שײַנענדיק פֿון נחת און גליק, האָט אַלאַן פֿאַרלאָזט לאָידס לאָזשע און מיט אַ געפֿיל פֿון אַ גרויסן זיגער זיך געלאָזט גיין צוריק צו זיך אין לאָזשע אַרײַן. בײַ דער טיר פֿון לאָידס לאָזשע האָט אַלאַן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יונגן מאַן פֿון קוים צוואַנציג יאָר אַלט. ס'ווײַזט אויס, אַז דער דאָזיקער יונגער מאַן איז די גאַנצע צײַט, וואָס אין דער לאָזשע איז פֿאָרגעקומען דאָס געשפּרעך צווישן אַלאַנען מיט די לאָידס געשטאַנען בײַ דער טיר, כּדי זיך צו צוהערן וואָס מ'רעדט דאָרט. דער יונגער מאַן איז, דערזעענדיק פֿאַר זיך פּלוצלינג אַלאַנען, שטאַרק רויט געוואָרן, באַשטעטיקנדיק דערמיט די השערה, אַז ער האָט זיך ווירקלעך צוגעהערט צום געשפּרעך. די דאָזיקע השערה האָט זיך אין גאַנצן באַשטעטיקט נאָך דעם ווי דער יונגער מאַן האָט, אין דער גרעסטער פֿאַרלעגנהייט, אָנגעהויבן בעטן בײַ אַלאַנען ענטשולדיגונג.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער יונגער־מאַן געווען אַ רעפּאָרטער פֿון „העראָלד“ און איז געשיקט געוואָרן אַהער, כּדי גענוי צו באַשרײַבן דעם גאַלאַ־קאָנצערט.

— הער האַבּי, — האָט זיך דער יונגער מאַן געווענדעט צו אַלאַנס חבר, וועלכער האָט זיך גראָד אויך בײַ דער טיר פֿון דער לאָזשע באַוויזן — ווער איז דער דזשענטעלמען?

האַבּי האָט צום יונגן מאַן באַדײַטונגספֿול אַ ווינק געטון מיט די אויגן און אים מיט אַ פֿראַגע געענטפֿערט:

— איר קענט אים ניט? דאָס איז דאָך מאַק אַלאַן פֿון בוי־

פֿאַלאָ, דער גרויסער ערפֿינדער און דער ערשטער קאָפּ אויף דער וועלט. אַ חידוש כ׳לעבן, וואָס איר קענט אים נאָך עד היום נישט.

דער זשורנאַליסט האָט זיך הויך צולאַכט און זיך אָפּגערופֿן:

— איר פֿאַרגעסט, האַבּי, פּאַרדאָן! — הער האַבּי — האָט ער פֿאַרבעסערט זיין ניט-פּאַסנדע אינטימע ווענדונג, — אַז...

און דאָ האָט דער כיטרער רעפּאָרטער עפּעס איינגערוימט האַבּין אויפֿן אויער, וואָס איז צווישן זיי ביידע אַ סוד געבליבן.

— נו, וואָס הערט מען חוץ דעם עפּעס נייעס? — האָט דער רעפּאָרטער ווידער געפֿרעגט האַבּין.

— יאָ, האָט האַבּי, לאַכנדיק, געענטפֿערט — שוין איינמאָל נייעס! נייעס, פֿון וועלכע איר וועט פּשוט ערשטוינט ווערן! מיר בויען און שטעלן אויף אַ ריזיקע תּליה פֿון טויזנט פֿוס די הויך, אויף וועלכער ס׳וועלן דעם 4-טן יולי אויפֿגעהאָנגען ווערן אַלע צייטונגס-שרייבער פֿון ניו-יאָרק.

האַבּיס „חכמה" איז צומאָרגנס אָפּגעדרוקט געווען אין דער צייטונג „העראָלד" צוזאַמען מיט אַ פּאָרטרעט (אַ געפֿעלשטן, אַגב אורחה באַמערקט) פֿון מיסטער מאַק אַלאַן, דער ערפֿינדער פֿון דימענט-שטאָל „אַלאַניט", וועלכן טש. ה. ל. (טשאַרל האָראַם לאָיד) האָט אין זיין לאָזשע אויפֿגענומען, כּדי מיט אים צו אונטערהאַנדלען וועגן גרינדן אַ קאָלאָסאַלע מיליאָנען אונטערנעמונג.

III.

בעת מאַק אַלאַן איז געזעסן אין לאָידס לאָזשע און האָט מיט'ן גרויסן געלט-מאַגנאַט געפירט זיין באַדייטונגספולן געשפּרעך מכּח זיין גראַנדיעזן פּראָיעקט, איז מאַוד אַלץ נאָך פאַרטיפט געווען אין יענער הימלישער שטימונג, וועלכע די געטליכע מוזיק פון זעלטענעם אָרקעסטער מיט זיין אונשטערבליכן דיריגענט האָבן אין איר נשמה דערוועקט. זיצנדיק אַליין אין לאָזשע, האָט זי פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אין לאָידס לאָזשע, ווי איר מאַן איז געזעסן און געפירט דאָס געשעפטליכע געשפּרעך מיט'ן מעכטיקן אייזנבאַן-קעניג. אין וואָס דאָס דאָזיקע געשפּרעך איז אייגנטליך באַשטאַנען און פאַרוואָס מאַק האָט דעם דאָזיקן געשפּרעך אַזאַ גרויסע באַדייטונג צוגעגעבן — האָט מאַוד כּמעט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. מאַוד האָט נאָר איינס געוווסט — און דאָס אויך נישט איבעריג דייטליך — אַז איר מאַק איז איצט באַשעפטיקט מיט עפּעס „אַ גרויסער זאַך” אויסצואַרבעטן און דורכצופירן און אַז כּדי עס צו דערגרייכן, מוז ער אָנקומען צו לאָידס אַ הלוואה אָדער צו זיין הילף אין אַ אַנדער פאָרם.

איבערהויפּט איז מאַוד זער ווייט געווען פון איר מאַנס פּראַקטישער וועלט מיט זיינע מאַשינען, קעסלען, שטאָל, מיט זיינע ערפינדונגען א. א. וו. טיף אין האַרצן איז זי שטאַרק ברוגז געווען אויף מאַקן און האָט אים נים געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט אַזאַ אויסערגעוועגליך גייסטרייכן אָוונט, ווי היינטיקן, אָפּגעגעבן אַזעלכע וואָכנדיקע אנגעלעגנהייטן און פראַגן, ווי דאָס אַרומרעדן עפּעס אַ פּראָיעקט. די געדאַנקען וועגן איר מאַן האָבן נישט ווילנדיק אַרויסגערופן ביי איר אַ שטיקל כּעס אויף אים, פאַרוואָס ער איז אַזוי שטאַרק, מיט לייב און לעבן פאַרטיפט בלויז אין געשעפטן און חוץ ביזנעס אינטערעסירט אים קיין שום זאַך נישט אויף דער וועלט. צוזאַמען מיט דעם איז אין איר קאָפּ אויך געקומען אַ געדאַנק אַז זי איז עפּעס ווי דורך אַ מיספאַרשטענדניש אַ אַמעריקאַנערין, אַז לויט אירע גייסטיקע און פּסיכישע נייגונגען איז זי גיכער אַ אייראָפּעערין איידער אַ טאָכטער פון ביזנעס-פאָלק.

דאָס געשפּרעך וועגן זיין פּראָיעקט מיט לאָידן האָט גע־דויערט פיל מער, ווי אַלאַן האָט תּחלת געמיינט, און זעענדיק איר מאַן אַזוי לאַנג זיצן אין לאָידס לאָזשע, האָט מאַוד שוין אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געדולד און איז שוין שטאַרק ברוגז געוואָרן אויף איר מאַן.

אָבער נישט בלויז דאָס אַליין, וואָס איר מאַן איז אַזוי לאַנג דעמאָלט געזעסן אין לאָידס לאָזשע צוליב געשעפטליכע אָנגעלעגנהייטן האָט מאַודן פאַרדראָסן און באַונרויִקט. דער פיינער אייביק־וואַכער אינסטינקט פון אַ ליבענדער פרוי האָט אין איר האַרץ אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ געפיל פון מורא. אַז יענע „גרויסע זאַך" וועלכע האָט איצט באַהערשט איר מאַנס גאַנצע נשמה, יועט נאָך מיט דער צייט, אים אינגאַנצן אָפּרייסן פון איר, אים גלייכגילטיק מאַכן צום פאַמיליען־לעבן און, גאָט ווייסט, נאָך וואָס פאַר אַ טרויעריקע פאָלגן האָבן. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אינגאַנצן קאַליע געמאַכט מאַודס פריילעכע שטימונג, אין וועלכער זי האָט זיך גע־האַט געפונען דעם גאַנצן אָוונט. עפּעס אַ שאָטן פון אַ אונבאַשטימטן פחד איז געפאַלן אויף איר שטימונג און האָט איר שיינעם שטערן ערטערווייז פאַרצויגן מיט פאַלדן. פאַרטיפט אין אַזעלכע אומעטיקע געדאַנקען, האָט מאַוד נישט באַמערקט, ווי מאַק איז אין לאָזשע צוריקגעקומען, זי האָט אים ערשט באַמערקט דאַן, ווען ער האָט באַרירט איר פּלייצע און איר שטילערהייט געזאָגט:

— אַנטשולדיק מיר מאַוד, וואָס איך שלאָג איבער דיינע געדאַנקען, מיר פאָרן מיטוואָך קיין אייראָפּאַ, איך האָב אָבער אין בופאַלאָ נאָך פיל פאַרברייטונגען צו מאַכן. ווען מיר וועלן באַלד דעם קאָנצערט־זאַל פאַרלאָזן קאָנען מיר נאָך באַוויזן צו קומען צום נאַכט־צוג, וואָס זאָגסטו דערצו?

מאַוד האָט גאָר ניט געענטפערט, זי איז געזעסן שטיל און אָהן יעדער באַוועגונג. דאָס בלוט איז איר געקומען אין געזיכט אַריין. אירע אויגן האָבן זיך לאַנגזאַם מיט טרערן אָנגעפילט, עס זענען אַזוי אַוועק עטליכע מינוט. זי איז איצט מאַקס פאַרביטערסטער שונא געווען. ער האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן אַזוי גראָב מיט זיין פאַרלאַנג, זי אָפּצורייסן אין סאַמע מיטן קאָנצערט פון

אַזאַ עסטעטישן פֿאַרגעניגן, נאָר צוליב דעם, וואָס זיינע געשעפֿטן פֿאָדערן עס... אַלאַן האָט באַמערקט, ווי זי האָט שווער געאָטעמט פֿון אויפֿרעגונג און ווי אירע באַקן זענען רויט געוואָרן.

מאַק האָט געמאַכט אַ פֿריינדליכע מינע און געזאָגט מאַוד, אַרויפֿלעגנדיק דערביי זיין האַנט אויף איר פּלייצע:

— איך פֿאַרלאַנג נישט דורכאויס, מיין טייערע, מיר זאָלן תּכף פֿון דאַנען אַוועקגיין, איך האָב דיר נאָר אַ פֿאָרשלאַג געמאַכט, ס'איז נישט קיין אומגליק, אויב מיר וועלן פֿאָרן מאָרגן מיט'ן פֿרי־צוג.

מאַקס דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט זער אַ רייכן און צערטליכן טאָן, האָבן אָבער מאַודס צאָרן נישט פֿאַרטריבן און איר קאַליע געוואָרענע שטימונג נישט פֿאַרבעסערט.

IV.

מאַק און זיין פֿרוי זענען צומאָרגנס אין דערפֿרי אָנגעקומען, אויף די צענטראַל־סטאַציע פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען דער צוג קיין בופֿאַלאָ האָט זיך שוין אַ ריר געטון אָפּצוגיין. מאַוד האָט געהאַלטן אירע קליינע הענט אין די טאַשן פֿון איר פעלץ־מאַנטל און פֿון אויפֿגעהויבענעם קראַגן געקוקט מיט אַ געפֿיל פֿון צופֿרידנהייט אויף איר מאַן, ווען ס'האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן דעם צוג פֿאַרשפּעטיקט.

ז — אָט האָסטו דיר דיין פֿרי־צוג! האָט מאַוד לאַכנדיק געאָגט צו מאַקן און האָט זיך דערביי קיין שום מי נישט געגעבן צו פֿאַרבאָרגן איר געפֿיל פֿון הנאה און סאַטיספאַקציע, וואָס איר מאַן איז אַזוי־אַרום באַשטראָפֿט געוואָרן פֿאַר זיין געוואַלטיקן דורשט און אונגעהויערער ליידנשאַפֿט מיט אַמאָל צו מאַכן מיליאָנען

הינטערן פֿאַר־פֿאָלק איז געשטאַנען זייער דינער ליאָן,

אַ אַלטער כינעזער. ליאָן האָט געהאַלטן איןביידע הענט די וואַליזקעס און רייזע־טאַשן און מיט אַ אויסדרוק פון פאַרדרוס האָט ער נאָכגעקוקט דעם אָפּגייענדן צוג, אַלאַן האָט ארויסגענומען זיין זייגער פון טאַש און, שאָקלענדיק באַדויערנד מיטן קאָפּ, האָט ער באַמערקט:

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס מיר האָבן דעם צוג פאַרשפּעטיקט, אָבער צום האַרצן זיך נעמען דאַרף מען נישט, און, ווענדנדיק זיך צום כינעזער, האָט ער אים גוטמוטיק געזאָגט:

— ליאָן, מיר פאָרן צוריק אין האָטעל אריין.

אין אויטאָ, אויפן וועג צום האָטעל, האָט מאַק דערקלערט מאַודן, אַז גראָד צוליב איר פאַרדריסט עס אים, וואָס זיי האָבן דעם צוג פאַרשפּעטיקט, ווייל זי האָט נאָך אין דערהיים אַ מאַסע פּעק און וואַליזקעס צו פאַרפּאַקן און אירע הכנות צו דער רייזע קיין אייראָפּאַ וועלן אַזוי פיל צייט נאָך פאָדערן.

מאַוד האָט זיך לייכט צולאַכט.

— וואָס פאַר אַ הכנות און פּעק? — האָט זי צו מאַקן געזאָגט — און פון וואַנען ווייסטו, צי איך וועל איבערהויפּט מיט דיר מיטפאָרן?

אַלאַן האָט זי ערשטוינט אָנגעקוקט.

— דו וועסט שוין מיטפאָרן, רעכן איך, יעדנפאַלס, מאַוד כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, האָט זי מאַקן געענטפערט, זעענדיק זיין שטאַרקע ערשטוינונג — אַז איך ווייס נישט אויב עס איז מעגליך מיט עדיטן (אַזוי האָט געהייסן זייער צוויי־יעריק טעכטערל) צו מאַכן אים ווינטער אַזאַ לאַנגע רייזע, און אָן עדיטן וועל איך בשום אופן די רייזע נישט מאַכן.

אַלאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט.

— דאָס, מוז איך דיר זאָגן, איז מיר אַפילו אויף קיין רגע אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן. נאָר, איך האָף אַז מיר וועלן שוין געפינען אַ עצה און אַ אויסוועג, די דאָזיקע מניעה צו באַזייטיקן.

מאַוד האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט געוואַרט, וואָס איר מאַן וועט ווייטער זאָגן. נאָך אַ פּויזע פון אַ מינוט צייט האָט האָט אַלאַן צוגעגעבן:

— דער דאַמפּפער איז דאָך כמעט ווי אַ האָטעל, מאָוד, כ'וועל דאָרט נעמען עטליכע לוקסוס-קאַבינעטן, כדי די רייזע וואָס באַקוועמער צו מאַכן.

מאָוד האָט גוט געקענט איר מאַן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און קאַפּריזן. זי האָט געוווּסט, אַז אַלאַן וועט ניט פאָדערן, זי זאָל מיט אים מיטפאָרן, קוים האָט זי קיין חשק נישט דערצו, און אַז ער וועט זאָגאַר אויף איר קיין פאַריבל נישט האָבן, ווען זי וועט אים לאָזן פאָרן אַליין. זי האָט באַמערקט, אַז אַלאַן איז שוין איצט כמעט אויף דעם איינגעגאַנגען. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט טיף פאַרטראַכט און ענטוישט. דעם אויפריכטיקן און פשוט'ן, ווי די נאַטור אַליין, אַלאַנען, איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז זיין יינג ווייבל שפּילט מיט אים איצט אַ שטיקל קאָמעדיע, אַז דאָס, וואָס זי האָט אים דערקלערט מכח דער רייזע קיין איראָפּאַ, מיינט זי גאָרנישט ערנסט. זעענדיק מאַקס ענטוישונג, וועלכע האָט געגרענעצט מיט פאַרצווייפלונג, האָט מאָוד פּלוצלינג אים אַחאַפּגעטון ביי זיין האַנט און מיט אַ צערטליכן טאָן געזאָגט:

— כ'האָב, ליבער מאַן, מיט דיר קאַטאָוועס געטריבן, אַח דו, תּם איינער, איך פאָר דאָך מיט דיר מיט! ווי האָסטו דען אַנדערש געקאָנט מיינען, דו גרויסער ערפינדער מיינער!

אַלאַן האָט אין שטומער דאַנקבאַרקייט אַ הייסן קוש געטאָן זיין יינג ווייבל און איר שטאַרק געדריקט די הענט.

דער סוף פון דער דאָזיקער קליינער קאָמעדיע, וואָס מאָוד האָט דאָ מיט איר מאַן אָפּגעשפּילט, האָט אינגאַנצן פאַרטריבן די מרה-שחורה, וועלכע האָט געהאַט באַהערשט מאָודן אין די מינוטן, וואָס איר מאַן איז אין לאָידס לאָזשע געזעסן. מאָוד האָט, אַריינפאַלנדיק אין אַ גוטן הומאָר, אָנגעהויבן אויסצופרעגן איר מאַן, וואָס ער האָט מיט לאָידן גערעדט, ווי אַזוי ער האָט אים אויפגענומען, ווי עטעל, זיין טאָכטער האָט זיך צו אים געהאַלטן און א. וו.

— וואָס זאָגסטו אויף עטעלן? ווי געפינסטו זי? האָט זי מאַקן געפרעגט.

— זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ איינדרוק פון אַ אומגע-

קינסטלט פֿרייליין, זי איז נאַטירליך און זאָגאַר אַ ביסל נאַיוו, כמעט ווי אַ קינד.

— אָ! — האָט זיך מאַוד צולאַכט, אויסהערנדיק אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פֿון עטעלן, וועלכע איז איר פֿאָרגעקומען אַלס אַ העכסט נישט ריכטיקע — אָ, מאַק, דו ביזט שוין איינמאָל אַ מבין אויף פֿרויען! חאַ, חאַ, חאַ, עטעל לאָיד — און נאַטירליכקייט... עטעל לאָיד איז נאַיוו, כמעט ווי אַ קינד? אוי, איך האַלט עס נישט אויס!

אַלאַן האָט זיך אויך נישט ווילנדיק פֿונאַנדערגעלאַכט און האָט צוגעגעבן, ווי פֿאַרענטפֿערנדיק זיך:

— נו, וואָס זאָל איך טון, אַז עטעל האָט אויף מיר אַזאַ איינדרוק געמאַכט.

— אָבער, מאַק! האָט מאַוד געענטפֿערט: ווי קאָן מען אַזוי נאַיוו זיין און האַלטן, אַז עטעל איז נאַיוו און נאַטירליך? ס׳איז דאָך פּשוט צו לאַכן!... מיר דאַכט זיך, אַז אויף דער וועלט וועט מען נישט געפֿונען קיין מער געקינסטלט באַשעפֿעניש, ווי עטעל לאָיד. איר נאַטירליכקייט, מיט וועלכער זי פֿאַרבלענדט די אויגן, איז איר גרעסטע קונץ. עטעל איז — דו קאָנסט זיך שוין, מאַק, אויף מיר פֿאַרלאָזן — שוין איינמאָל אַ קאָקעטקע, אַ ראַפֿינירטע קאָקעטקע און יעדע באַוועגונג וואָס זי מאַכט, יעדעס וואָרט וואָס זי רעדט אַרויס, איז אויסגערעכנט און אָפּגעוווגן. זי איז אומשטאַנד אייך אַלע מאַנספֿאַרשוינען דעם קאָפּ צו פֿאַרדרייען און פֿאַר דער נאָז צו פֿירן. צי האָסטו געזען אירע געהיימניספֿולע אויגן און אין זיי זיך איינגעקוקט?

— ניין, — האָט אַלאַן דעם אמת געזאָגט.

— ניין? — עטעל אַליין האָט פֿאַר מאָבעל גאָרדאָן געזאָגט: „איך האָב אויגן פֿון אַ ספֿינקס, אַלע זאָגן עס” — און גאָכדעם, מיינסטו, אַז עטעל לאָיד איז נאַיוו! דאָס איז שוין איינמאָל אַ געקינסטלט באַשעפֿעניש, געקינסטלט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. מען קאָן נישט לייקענען, זי איז גענוג שיין, אום מענער צו געפֿעלן. יעדע וואָך ערשיינט איר בילד אין די צייטונגען, און וויפֿיל עטעל לאָזט זיך אויף דעם קאָסטן, דאַרפֿסטו גוט פֿאַרשטיין. טאָג און נאַכט האַלט זי אין איין מאַכן רעקלאַמע וועגן זיך. פּונקט ווי האָב־

רעקלאַמירט זיינע געשעפטן, רעקלאַמירט זי איר פּערזאָן. אפילו איר וואָלטעטיקייט איז אויך נישט מער, ווי אַ פּשוט׳ע רעקלאַמע.

— ס׳קאָן זיין — האָט אַלאַן זיין פרוי איבערגעשלאָגן, — אַז זי האָט טאַקעווירקליך אַ גוט האַרץ וואָס באַוועגט זי, זיך צו פאַר־נעמען מיט וואָלטעטיקייט?

מאַוד האָט זיך צולאַכט איבער איר מאַנס השערה וועגן עטעלס גוטהאַרציקייט.

— איז עטעל ווירקליך אַזוי שיין, ווי מזאָגט? — האָט מאַוד געפרעגט.

— יאָ, זי איז שיין, נאָר איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס זי פּודערט זיך אַזוי פיל.

— האָסט זיך, מאַק, אפשר אין עטעלן, ווי פיל אַנדערע מענער, פאַרליבט? — האָט מאַוד מיט אַ געמאַכטער זאָרג געפרעגט איר מאַן. אַלאַן האָט זיך צולאַכט און צוגעצויגן מאַקן צו זיך.

— דו ביסט נאָך גאָר אַ קינד, מאַוד, האָט ער איר געענט־פערט און צוגעדריקט איר געזיכט צו זיין באַק.

מאַוד איז אויף אַ פּאָר מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, פאַר־טיפנדיק זיך אין פאַרשידערע מחשבות, און האָט דערנאָך צוגעגעבן:

— ס׳קאָן איבעריגנס זיין, אַז עטעל האָט ווירקליך אַ גוט האַרץ, עס איז זער מעגליך.

אָבער אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט מאַוד זיך געחאַפּט, אַז זי זאָגט נישט אמת, ווייל זי האַלט פאָרט נישט, אַז עטעל זאָל האָבן אַ גוט האַרץ.

נאָכן מיטאָג, וואָס זיי האָבן ביי זיך אין האָטעל־צימער גע־געסן, האָט מאַוד באַלד זיך געלעגט אָפּרוען, בעת אַלאַן איז אין זאַל געבליבן, כדי בריוו צו שרייבן און די קאָרעספּאָנדענץ צו ערליידיקן. מאַוד האָט זיך געשפּירט זער מיד און צוברואָכן, ווייל פון פרימאָרגן אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געווען אויף די פיס. די טרוקענע היסע לופט פון האָטעל־צימער האָט ביי איר אַ לייכטן פיבער אַרויסגערופן. אַלע איבערלעבונגען און אויפרע־גונגען פון פאַרגאַנגענעם טאָג: די רייזע, דער קאָנצערט, דער גרויסער עולם אין קאָנצערט־זאַל, עטעל לאָיד — אַלץ האָט ווידער

ערוואַכט אין איר מידן קאָפּ. אין אירע אוירן האָבן נאָך ווי געקלונגען די געטליכע טענער פון דער וווּנדערבאַרער מוזיק. פון דערווייטן האָט זי געהערט דאָס רוישן פון די צוגן, וואָס פליען איבער די דעכער, נישט קענענדיק אָבער איינשלאָפן, האָט מאָוד דורך דער שפּאַלט פון טיר אין צימער, ווי מאַק האָט געאַרבעט, צו אים געזאָגט:

— דו שרייבסט נאָך אַלץ מאַק?

— כ'שרייב נאָך, קעצעלע מיינס, האָט מאַק געענטפערט.

אין אַ שעה אַרום האָט מאָוד, נישט קענענדיק נאָך אַלץ איינשלאָפן, זיך אָנגעטון אַ שלאָפראָק, געבראַכט אין אָרדנונג די האָר און איז אַריין צו מאַקן אין צימער, אָנקלאַפּנדיק פריער אין טיר.

— וואָס לעגסטו זיך נישט אָפּרוען, מאַק? — האָט זי זיך צו אים געווענדעט, באַוווּנדערנדיק, ווי קאָן מען עס שעה'ן לאַנג נאָכאַנאַנד אָפּזיצן ביי דער אַרבעט.

— די בריוו מוזן מאָרגן מיטן דאַמפּפער אַוועקגיין — האָט מאַק ווי זיך פאַרענטפערט פאַר זיין פרוי.

— הער נאָר, מאַק — האָט מאָוד זיך געווענדעט צו איר מאַן נאָך אַ קורצער פויזע. — פאַרוואָס פאַרשווייגסטו און זאָגסט מיר נישט, וואָס פאַר אַ געשעפט דו ווילסט מאַכן מיט לאָידן?

מאַק האָט זיך צולאַכט און געענטפערט:

— דו האָסט מיך דען וועגן דעם געפרעגט? און אַ חוץ דעם האָב איך וועגן דער אָנגעלעגנהייט נישט געוואָלט רעדן, כל זמן די זאַך האָט נאָך געשוועבט אין דער לופט.

— און איצט ווילסטו אויך מיר וועגן דעם נישט דערציילן?

— פאַרוואָס זאָל איך דיר נישט דערציילן? און דאָ האָט מאַק אַלאַן אָנגעהויבן איבערצוגעבן זיין יונגער פרוי, אין וואָס זיין „געשעפט" מיט לאָידן באַשטייט. פון מאַקס גענויער דערציילונג און שילדערונג האָט מאָוד אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער צו פאַרשטיין די קאָלאָסאַלע באַדייטונג און דעם אונגעהויערן ווערט פון אירמאַנס ערפינדונג.

אויסהערנדיק מאַקס ערקלערונגען, זענען אירע אויגן פון

מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ גרעסער און פֿינקלדיקער פֿון נחת און שטאָלץ אויף איר מאַן. איצט, ענדליך, האָט זי אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין און צו שעצן זיין שטענדיקע פֿלייסיקע אַרבעט, זיין אויסערגעוועהנליכע ענערגיע און זעלטענע התמדה, איצט האָט שוין מאָוד פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איר מאַן איז פֿעיק צו פֿאַרברענגען שלאָפֿלאָזע נעכט, האָבנדיק אַלץ צו טון מיט מאָדעלן, מאַשינען א. א. וו. און פֿאַרוואָס ער זיצט איצט נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט, איבער דער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מוז אָפּגיין מיטן נאָנטסטן דאַמפּער קיין אייראָפּאַ.

— פֿאַרשטייסטו עווין, מיין ליבע פֿרוי, פֿאַרוואָס מיר קומט אויס אַזוי פֿיל צו אַרבעטן און וואָס אונז שטייט פֿאָר, ווען מיין גרויסער פּראָיעקט וועט געקריינט ווערן מיט ערפֿאָלג?

מאָוד האָט, פֿילנדיק זיך איבערגליקליך פֿון די גלענצנדע אויסזיכטן, וואָס האָבן זיך פֿאַר איר געעפֿנט פֿון איר מאַנס גרויסן פּלאַן און אויך פֿון זיין אויפֿריכטיקער ליבע מיט וועלכער יעדעס וואָרט זיינס צו איר האָט געאָטעמט, — האָט זיך ווי אַ קליין קינד צוגעטוליעט צו מאַקס ברוסט, פֿריער שענקענדיק אים אַ הייסן קוש פֿון ליבע און אָנערקענונג.

— מאַק, מיין טייערער מאַק! — האָט זי איבערגליקליך געשטאַמלט.

און איר איז אין קאָפּ געקומען אַ געדאַנק, אַז מאַקס גראַנדיעזער פּלאַן איז גרויס און הערליך, ווי יענע וווּנדערבאַרע סימפֿאָניע, וואָס זי האָט נעכטן געהערט אין קאָנצערט־זאַל, — יאָ גרויס אָבער גאַנץ אַנדערש...

V.

אין עטליכע טעג אַרום איז מאַק אַלאַן מיט זיין פרוי מאַוד און קליין טעכטערל עדיט אָפּגעפאָרן פון ניו-יאָרק אויף אַ דייטשן דריי-טאָג-דאַמפער קיין איירָאָפּאַ. האַבּי האָט זיי באַגלייט. ער איז מיט זיי מיטגעפאָרן אויף אַכט טאָג. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער מאַן אויף דער שיף און אָנהויבנדיק פון די קאַיוטעס, ווו די דאָקטוירדים האַלטן זיך אויף, ביז דער געהייליקטער קאָמאַנדע-בריק, איז האַבּי געווען און זיך געפילט, ווי ביי זיך אין דערהיים. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט איז נישט געווען קיין אָרט, ווו מ'זאָל נישט הערן זיין הויכע, אַביסל נאָזליכע שטים.

דערפאַר אָבער האָט מען פון אַלאַנען אויף דער שיף גאָרנישט געהערט. אַפילו דאָ, אויף דער רייזע איז ער טאָג און נאַכט געזעסן אין זיין קאַיוטע איבער דער אַרבעט, האָט געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו און צייכנען מאָדעלן. צוויי סטענאָגראַפיסטקעס זענען אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט געווען איבערצושרייבן אַלאַנס גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ און זיי צו קאָפּירן, הונדערטער בריוו אַלאַנס זענען שוין געלעגן פאַרקלעבט אין קאָפּערטן, גרייט אַוועקגעשיקט צו ווערן אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַזוי אַרום זענען געמאַכט געוואָרן די הכנות צו דער ערשטער שלאַכט. מאַק האָט געמאַכט צוערשט זיין רייזע קיין פּאַריז, פון דאָרט קיין קאַלע און פאַלקעסטאָן, ווו דער בוי פון טונעל אונטערן קאַנאַל האָט געהאַלטן אין מיטן ברען, נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט באַקעמפט איר לעבערליכע מורא פאַר אַ אינוואַזיע, וועלכע מ'וואָלט געקענט צו-נישט מאַכן דורך איין איינציקער באַטעריע. אין קאַלע האָט אַלאַן פאַרבראַכט דריי וואָכן, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין לאָנדאָן, בערלין, עסען, לייפּציג, פראַנקפורט און דערנאָך ווידער צוריק קיין פּאַריז. אין די אַלע שטעט האָט ער אין אַלגעמיין פאַרבראַכט עטליכע וואָכן. זיין צייט האָט אין די דאָזיקע שטעט אַלאַן איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, אַז ביז מיטאָג האָט

ער געאַרבעט אַליין פאַר זיך און נאָכמיטאָג געהאַט טעגליך קאָנפערענצן און באַראַטונגען מיט פאַרטרעטער פון גרויסע פירמעס, מיט אינזשעניערן, טעכניקער, ערפינדער, געאָלאָגן, אַצעאַנאָגראַפן, סטאַטיסטיקער און פאַרשידענע געלערנטע — מיט אַ גאַנצער אַרמיי קאָפּ־מענטשן פון אַלע געגענדן אין אייראָפּאַ: פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליען, רוסלאַנד און נאָרוועגן.

זעענדיק, ווי איר מאַן אַרבעט מיט אַזאַ שטאַרקער ענערגיע און התמדה איבער זיין פּראָיעקט, איז איצט מאַוד אויף אים שוין דערפאַר נישט ברוגז געווען; אדרבה, איר האָט שטאַרק הנאה געטון, וואָס מאַק האָט זיך מיט אַזאַ שטאַרקער באַגייסטערונג גענומען פאַרווירקליכן זיין גרויסן פּראָיעקט, וועלכער קען מיט דער צייט — און אפשר נאָך אין דער נאָנטער צוקונפט — זיי ברענגען אַ גרויסן רייכטום און גדולה. וואָס פאַר אַ צערטליכע פּאָעטישע נשמה מאַוד זאָל נישט האָבן פאַרמאָגט, האָט זי דאָך געהאַט אַ געוויסן חשק צו „עולם הזה", צו געניסן פון אַלע פאַרגעניגנס, וואָס רייכטום קאָן נאָר געבן. מאַודן האָט איצט דעריבער נישט אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס איר מאַן פאַרברענגט גאַנצע טעג אין דער געזעלשאַפט פון פרעמדע מענטשן און וואָס זי זעט אים אַזוי זעלטן ביי זיך.

געבנדיק איר מאַן די פולע פרייהייט צו טון וואָס ער וויל און צו גיין, ווו ער געפינט פאַר נויטיק, האָט מאַוד זיך באַמיט גוט אויסצונוצן די צייט, וואָס זי פאַרברענגט אין אייראָפּאַ. זי פלעגט באַזוכן די בעסטע מוזעומס, טעאַטערס, קאָנצערטן, וויפיל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און האָט געפילט, אַז יעדעס מאָל, וואָס זי באַזוכט אַזעלכע ערטער, ווערט איר אינערליך וועלטל פון אידייען און אנשויאונגען אַלץ רייכער און ברייטער. באַזיצנדיק אין בערהויפט אַ שטאַרקן דורשט און חשק צו וויסנשאַפט, פלעגט מאַוד ביי טאָג אַרומבלאָנדזשען אין פאַרשידענע פאַרוואָרפענע קרומע געסלעך פון פּאַריז און לאָנדאָן און דאָרט מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון געביידעס, קראָמען, חורבות און גאַסן־סצענעס. זי פלעגט ביי די בוקאַניסטן קויפן ביכער, רעפּראָדוקציעס, אַנזיכטס־קאַרטן א. א. וו. מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס קאָן פאַרבריי־

טערן דעם האָריזאָנט פון איר פאַרשטאַנד און וועלט-אָנשויאונג.

אין פּאַריז האָט אַלאַן געלאָזט זיין פרוי און קינד אויף גאַנצע אַכט טעג אַליין, ער האָט דעמאָלט געהאַט צו טון ביי לעקאַבל אויפן ביסקאַנישן ברעג מיט געאָמעטרן און אַ גאַנצן המון אַגענטן, פון דאָרט איז ער מיט די געאָמעטרן, אינזשעניערן און אַגענטן אָפּגעפאָרן אויף אַ דאַמפּפער צו די אַזאָרן, ווו אַלאַן איז באַשעפטיקט געווען איבער דריי וואָכן אויף די אינזלען פּאַיאַל, סאַן יאָרגאַ און פּיקאַ, בעת מאַוד און עדיט האָבן דאָ פאַרבראַכט דעם שענסטן און בעסטן פרילינג, וועלכע זיי איז ווען־סאיז נור אויסגעקומען איבערצולעבן, פון די אַזאָרען זענען זיי געפאָרן מיט אַ פראַכט־דאַמפּפער (אַלס די איינציקע פּאַסאַזשירן, וואָס האָט מאַודן אין די גרעסטע ענטציקונג געבראַכט). קווער דורך דעם אַטלאַנטיק צו די ווערמודן. דאָ אין האַמילטאָן, האָבן זיי, צו זייער גרויסער שמחה, געטראָפן האַבין וועלכער האָט געמאַכט אַהער אַ קליינע רייזע, כדי דאָ צו באַגעגענען און הערצליך באַגריסן זיינע גוטע פריינד.

אַלאַן האָט דאָ שנעל ערליידיקט זיינע געשעפטן און אין יוני האָט ער זיך מיט זיין פרוי און קינד צוריקגעקערט קיין אַמעריקאַ. אַלאַן האָט געדינגען אין בראָקס, אין אַ דאָרף, אַ הויז און די אַרבעט האָט ווידער אָנגעהויבן קאָכן ביי אים, ווי אין אייראָפּאַ, יעדן טאָג פלעגט ער קאָנפערירן מיט אינזשעניערן, אַגענטן און געלערנטע פון אַלע שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און ווייל אים איז איצט אָפּט אויסגעקומען צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט לאָידן, האָט זיין „גרויסע זאַך”, דער גראַנדיעזער פּלאַן, וואָס איז אין זיין קאָפּ געבוירן געוואָרן, שוין אויפגעהערט צו זיין אַ סוד פאַר דער עפנטליכקייט. די זשורנאַליסטן האָבן מיט זייער ראַפינירטן שאַרפן חוש דערשמעקט אין דער לופט, ווי אַ היענע דעם ריח פון נבלה, און אינגיכן האָבן איבער ניו־יאָרק זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן אַ אויסערגעוועגליך קאָלאָסאַלער אונטערנעמונג פון בופאַלער אינזשעניער, פאַבריקאַנט און ערפינדער פון דער אַלאַניט-שטאָל, מאַק אַלאַן. די קלאַנגען, אַז דער אַלמעכטיקער אייזנבאַן-קעניג לאָיד וועט אויך האָב

אַ שייכות צו דער דאָזיקער אונטערנעמונג, האָבן אין ניו־יאָרק זון אַ ביסל שפּעטער אין גאַנץ אַמעריקאַ אַרויסגערופן די גרעסטע סענסאַציע.

נאָר נישט קוקנדיק דערויף, וואָס גאַנץ אַמעריקאַ האָט שוין גערעדט וועגן זיין גראַנדיעזן פּלאַן, האָבן אַלאַן און זיינע מקורבים וועגן דעם געשוויגן. מאַוד, צו וועמען פיל ניי־געריקע מענטשן האָבן זיך געלאָזט מאַסנווייז, כּדי ביי איר זיך צו דערוויסן אין וואָס דער פּראָיעקט באַשטייט — האָט אויך וועגן דעם געשוויגן, און קיינעם איז טאַקע צוליב דעם פאַר דער צייט נישט געלונגען געוווּיר צו ווערן, וואָס פאַר אַ מין פּראָיעקט עס איז און ווען מען וועט אים אָנהויבן צו פאַרווירקליכן. דער אינטערעס פון גאַנץ ניו־יאָרק צו אַלאַנס געהיימניספולן פּלאַן האָט דעריבער דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה.

סוף אויגוסט זענען פאַרענדיקט געוואָרן די הכנות. לאָיד האָט אַרויסגעשיקט צו דרייסיק גרעסטע פאַרשטייער פון קאַפּיטאַל, גרויס־אינדוסטריי און גרויסע בענק איינלאַדונגען אויף אַ זיצונג, כּדי געבוי צו באַהאַנדלען אַלאַנס גרויסן פּראָיעקט. די איינלאַדונגען זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן קוריער, כּדי די אָנגעלעגנהייט נאָך אַלץ צו האַלטן בסוד פאַר דער גרויסער וועלט. דעם 18־טן סעפּטעמבער איז פאַרגעקומען די דאָזיקע באַדייטונגספולע קאָנפערענץ צווישן די גרעסטע געלט־מאַגנאַטן פון אַמעריקאַ.

VI.

ניו-יאָרק האָט די לעצטע טעג געגליט אין אמתער גיהנום היץ אַזוי, אַז אַלאַן האָט ביי זיך באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן די פאַר זאַמלונג אויפן דאָרטיקן דאַך-גאָרטן פון האָטעל. די איינגעלאַדענע גדולים, וועלכע האָבן ס'רוב געוווינט אין פאַרשידענע שטעט פון די פאַרייניקטע שטאַטן און זענען נישט געווען קיין ניו-יאָרקער, זענען שוין אין פאַרלויף פון טאָג געהאַט אָנגעקומען צו דער קאָנפערענץ, אייניגע — זאָגאַר נעכטן.

זיי זענען געקומען אין ריזיקע, מיט אַ געדיכטן שטויב באַדעקטע, אויטאָמאָבילן מיט זייערע פרויען, זין און טעכטער פון זייערע פרעכטיגע זומער-רעזידענצן אין בערמאָנט, מען, פּאַנסילוואַניע און אַנדערע ווערטער. עטלעכע זענען געקומען אין עקסטראַ צוגן פון סען לויס, טשיגאַגאָ און ציגצינאַטי. דריי גרויסע געלד פירשטן פון טשיקאַגאָ, קילאַנאַן, מילענבאַך און ע. מאָריס, זענען אַמערצו געקומען צופליהען, אויף אַ עקספּרעסלופט שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם מרחק פון 700 מייל פון טשיקאַגאָ קיין ניו-יאָרק אין משך פון אַכט שעה, און דער ספּאָרטסמען וואַנדערשטיפט האָט זיך אויף זיין אייגענער לופט-יאַכט אַרום מיטאָג-צייט אַראָפּגעלאָזט אויפן דאַך-גאָרטן פון אַטלאַנטיק; אַנדערע גרויסע מיליאָנערן זענען ווידער אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק צו דער קאָנפערענץ אַלס געוועגליכע רייזנדע, פּשוט צו-פוס מיט אַ קליין רענצל איבער די פלייצעס גלייך אין האָטעל אַריין. אָבער געקומען זענען אַלע, קיין איינער פון די איינגעלאַדענע איז נישט געבליבן אין דערהיים.

און ס'איז קיין חידוש נישט, לאָיד האָט זיי אַרויסגערופן צוליב אַ אַנגעלעגנהייט פון קאָלאָסאַלער באַדייטונג און וויכטיקייט. די אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטן און אונטערנעמער זענען אַהער געקומען נישט נאָר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מיט זייער שאַרפן חוש דערשפּירט דעם ריח פון גרויסע פאַרדינסטן (די אונטערנעמונג האָט נישט אויסגעשלאָסן די מעגליכקייט אויך גרויסע קאַפּיטאַלן צו דערלעגן). זיי זענען הויפּטזעכליך אהער געקומען, כדי

מיטצוהעלפֿן דורכפֿירן אַ גרויסע זאַך, וואָס קען אַמבעסטן באַפֿרידיקן זייער אונטערנעמונגס־גייסט, וועלכער האָט זיי אַזוי גרויס געמאַכט, לאַיד האָט יענעם געהיימניספֿולן פּראָיעקט אין זיין איינלאַדונג אָנגערופֿן „דאָס גרעסטער און דרייסטער פֿון אַלע צייט,“ און דאָס איז שוין גאַנץ גענוג געווען, אַז די דאָזיקע גרויסע הערן זאָלן פֿאַרלאָזן זייערע געמיטליכע און פּרעכטיקע ווילעס און קומען אין שטאָט אַריין, וואָס ברענט איצט ווי אַ גיהנום, דאָס שאַפֿן נייע ווערק, אויפֿצוטון עפּעס גרויסעס אויפֿן געביט פֿון טעכניק איז פֿאַר זיי געווען איינס פֿון די גרעסטע באַדערפֿנישן.

די דאָזיקע באַוועגונג צווישן די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן און באַנקירן און זייער אָנקומען קיין ניו־יאָרק אין מיטן ברען פֿון אויסערגעוויינליך הייסן זומער האָט, זעלבסטפֿאַרשטענדליך נישט געקאָנט בלייבן אומבאַמערקט אין ניו־יאָרק. שוין צומאָרגנס האָט די בערזע אַ לייכטן ציטער געטון, די פּרעסע האָט מיטגעטיילט די נעמען פֿון די אַלע גדולים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַטלאַנטיק און האָט דערביי נישט פֿאַרגעסן צו דערמאָנען וויפֿיל מען שאַצט יעדן פֿון זיי. אין אַלגעמיין איז אין ניו־יאָרק באַשאַפֿן געוואָרן אַ באַגריף, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט שטעט פֿאָר עפּיס אונגעווענליכעס — אַ ריזן־שלאַכט פֿון קאַפּיטאַל. עטליכע צייטונגען האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען ביי לאַידן היימישע מענטשן און, אַלס אַ זעלבע ווייסן זיי אַלע פּרטים פֿון דער גרויסער אונטערנעמונג, נאָר זיי טאָרן כלומרשט פֿאַר דער צייט זיי נישט פֿאַרעפֿנטליכן, נישט האָבנדיק דערצו לאַידס דערלויבניש. אַנדערע צייטונגען זענען נאָך ווייטער געגאַנגען אויפֿן וועג פֿון בבא־מעשׂות און געיעג נאָך סענסאַציעס. זיי האָבן דערציילט, וואָס זייער „פֿריינד לאַיד“ האָט זיי כלומרשט ביים דעסערט אָנפֿאַרטרויט: אַז די גאַנצע מעשה איז כלומרשט אַ גאַנץ געווענליכע און ס׳איז נישט ריכטיק, וואָס אַנדערע דערציילן, אַז ס׳ווערט אָנגענומען עפּיס וויכטיגעס. אַנדערע צייטונגען האָבן ווידער דערציילט מיט אַ זיכערן טאָן, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן ספֿק, אַז עס האַנדעלט זיך וועגן פֿאַרגרעסערן און פֿונאַנדערשפּרייטן איבער אַלע שטאַטן די נעץ פֿון דער לופֿט

קאָמוניקאַציע, אַזוי אַז אין גיכן וועט מען קאָנען פליהען אין יעדן ווינקעלע פון די פאַרייניקטע שטאַטן פונקט ווי מפליט איצט קיי, באָסטאָן, טשיקאַגאָ, בופאַלאָ און סען־לואיס, די רעפּאָרטערן האָבן גאַנצע טעג און נעכט זיך אַרומגעדרייט אין האָטעל און, ווי פּאָליציי הונד, געשמעקט די לופט, כדי צו דערטאַפּן סענסאַציעס, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום ריזיגן האָטעל, זיי פלעגן זיך אויפהויבן מיט דער ווינדע ביזן זבקס־אונדרייסיקסטן שטאָק פון אַטלאַנטיק, נישט קוקענדיק אויף דער הערשענדער היץ פון אַ קאַלך־אויוון. איינער פון די רעפּאָרטערן איז געפאַלן אויף אַ המצאה זיך דורכצושמוגלען אויפן דאַך־גאָרטן אלס געוועגליכער טעלעפאָן אַרבעטער און אַזוי אַרום זיך צוקוקן, ווי אַזוי די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פאַרברענגען די צייט אויפן דאַך־גאָרטן. דער פאַרוואַלטער פון האָטעל האָט אָבער באַצייטענס ענדעקט דעם שמוגלער און פון זיין איינפאַל אַ תל געמאַכט: ווען דער דרייסטער רעפּאָרטער, אָנגעטון ווי אַ געוועגליכער טעלעפאָן אַרבעטער, איז שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר פאַר דער טהיר פון וואַנדערשטיפס קאַבינעט, כדי דאָרט כלומרשט צו פאַריכטן דעם טעלעפאָן, האָט דער פאַרוואַלטער אים צו זיין גרעסטער ענטוישונג געזאָגט, אַז ער האָט זיך נישט וואָס כטריח צו זיין און צוליב דעם אין מיליאַרדערס קאַבינעט אַריינצוגיין, ווייל וואַנדערשטיפטס מאַרקאָני אַפּאַראַט איז אין דער בעסטער אָרדנונג און נויטיקט זיך נישט אין קיין רעפּעראַציע. נישט קוקענדיק אויף זיין דורכפאַל, האָט דער דרייסטער רעפּאָרטער געמאַכט נאָך אַ פּרווו זיך דורכצושמוגלען אין וואַנדערשטיפטס אַפּאַרטאַמענטן אַריין כדי זיך צוקוקן און הערען, וואָס ביים גרויסן מיליאַרדער קומט פאָר. דער זשורנאַליסט האָט צוליב דעם געפּרווט אונטערקויפן אַ יינגן בינעזער, וואָס האָט געדינט אין האָטעל אַלס קעלנער, פאַרלאַנגענדיק נאָר, ער זאָל אים דערלויבן אין אַ ווינקעלע פון קאָרידאָר צווישטעלן אַ קליין קעסטעלע, ווי אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, נאָר אויך דאָסמאָל איז דעם רעפּאָרטער, ווי מיר וועלן זען ווייטער, נישט געלונגען דורכצופירן זיין פּלאַן.

אַלאַן האָט דעם פאַרוואַלטער פון האָטעל אַרויסגעגעבן

אינסטרוקציעס, ווי אזוי דער הויכער ראט פון די געלד־מאגנאט מיט לאידן אין דער שפיץ זאל אבגעהיט ווערן פון די אונגעווינשענע געסט, פון די חוצפהדיקע רעפּרטערן, די „גרויסע זאך" וועלכע דער ראט פון די מיליארדערן טרעט איצט צו באהאנדלען, פאדערט, אז די גאנצע אנגעלעגנהייט זאל נאך דערווייל געהאלטן ווערן בסוד, און וואס די רעפארטערן קאנען אויפטון מיט זייערע פריציייטיקע, ס'רוב פאלשע, ידיעות און סענסאציעס — איז יעדן אונטערנעמער באוווסט. דער פארוואלטער פון האטעל האט דעריבער גענומען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט בנוגע די רעפארטערן און האט אונגענומען אויסערגעוועהנליך שטרענגע מיטלען, אז קיינער פון זיי זאל אפילו בשתיקה נישט קאנען אריינדרינגען אין די צימערן, ווו די זיצונגען פון „הויכן ראט" דארפן פארקומען.

מען דארף אבער צוגעבן, אז אלאן האט געפונען פאר מעגליך צו מאכן א אויסנאם פאר זעקס פארטרעטער פון דער אמעריקאנער פרעסע און דריי פאטאגראפן, זיי זענען געווען די גליקליכע, וואס האבן געהאט די זכיה זיך ארומצודרייען אין די קארידארן פון די אפארטאמענטן, ווו די הויכגעשטעלטע געסט האבן זיך אפגעשטעלט, זיי האבן אויך געהאט דאס רעכט ארומצושפאצירן איבערן גרויסן דאך־גארטן, פון האטעל, זיך צוקוקן און צוהערן צו אלץ, וואס דארט קומט פאר. מאכנדיק פאר די דאזיקע ניין פערזאן א אויסנאם, האט אלאן ביי זיי גענומען א ערן־ווארט און זיי האבן אים פייערליך פארזיכערט — נישט צו קומען בעת דער קאנפערענץ אין קיין שום פארבינדונג מיט דער אויסערליכער וועלט.

עטליכע מינוט פאר ניין האט זיך אלאן גופא באוויזן אויפן דאך־גארטן, כדי זיך צו איבערצייגן, אויב אלע זיינע פאראָרדנונגען און אינסטרוקציעס זענען פינקטליך דורכגעפירט געווארן. אלאן האט ענטדעקט דעם אריינגעשמוגלטן טעלעפאן־אפאראט, וואס איז געווען גרויס ווי א קליינער פאטאגראפישער אפאראט, מ'האט דעם אפאראט באזייטיקט און נאכדעם ווי אלאן האט זיך איבערצייגט, אז איצט איז שוין אלץ אין דער בעסטער ארדנונג, האט

מען אָנגעהויבן מאַכן הכנות צו דער קאָנפערענץ. פון ניין אַ זייגער אָן האָט די ווינדע אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַלע כלים. אין פאַרלויף פון אַ פערטל שעה האָבן זיך אויף דער ווינדע אויפגעהויבן אַלע געסט, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען: מאָוד, אַ פריילעכע, אַ בליענדע, אָנגעטון אין אַ שניי-ווייסן קאָסטיום, און מיסטריס בראָוון, אַ אַלטע, קליינע, אָרעם אויסזעענדע פרוי מיט אַ געלבן געזיכט און בליקן, פול מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט פון אַ קאַרגן מענטש. דאָס איז געווען די רייכסטע פרוי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ דורכגעטריבענע וואָכערן.

די געסט זענען איינער דעם אַנדערן גוט באַקאַנט געווען. זיי האָבן זיך אויף פאַרשידענע „קאַמפּס-פּלעצער“ באַגעגנט. זיי האָבן יאָרנלאַנג צוזאַמען האַנט ביי האַנט זיך געשלאָגן מיטן געמיינזאַמען שונא אָדער צווישן זיך האַרטנעקיגע קאַמפן געפירט. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן נישט איבעריק געשעצט און מיט איבעריגער אַכטונג זיך צו איינאַנדער נישט באַצויגן, איינער וועגן אַנדערן האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערס גוטע מיינונג, דאָך אָבער האָבן זיי איינער פון אַנדערן שטאַרק געהאַלטן, ווייל זיי זענען אַלע געווען פאַרבונדן מיט אַ געמיינזאַמען צוועק און האָבן דעריבער געשפירט איינער צום אַנדערן אַ מין אַחדות-געפיל. כמעט אַלע געסט זענען געווען שוין עלטערע מענער, גרויע, אַנדערע זאָגאַר שוין ווייס-גרוי, אין טיפן עלטער, און וואָס ס'האָט זיי אָפגעשייט פון די איבעריקע מענטשן, איז געווען זייער רויקייט, זייער אינטעליגענטקייט, די פעיקייט אויסצורעכענען און אָפצומעסטן גענוי יעדן שריט. און — מערקווירדיק — די דאָזיקע דורכגעטריבענע קאַפּיטאַליסטן, די דאָזיקע פאַרקערפּערונגען פון פּראַקטישער חכמה, האָבן כמעט אַלע געהאַט גוטמוטיקע, פריינדלעכע מ'קאָן זאָגן, קינדערשע אויגן. זיי זענען געשטאַנען אין גרופּן איינע נעבן די אַנדערע, פּלוידערנדיק און וויצלענדיק זיך, אָדער אַרומגעגאַנגען פּאָרנווייז און שטיל צווישן זיך גערעט. די איינזאַמע און שווייגער זענען שוין שטיל געזעסן אין די ברייטע פאָטעלן און האָבן געוואָרפן קאַלטע בליקן אויפן פּערסישן טעפּיך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע.

פֿון צייט צו צייט פֿלעגן זיי מיט אַ אויסדרוק פֿון אומגעדולד אַרויסנעמען דעם זייגער פֿון טאַש און וואַרפֿן דערביי אַ בליק אויף דער ווינדע. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן נאָך אויף עמיצן געוואַרט.

און אונטן האָט ניו־יאָרק זיך געגליט אין היץ, ווי אין אַ קאַלך־אויבן. נעבן ריזיקן האָטעל, וווּ די קאָנפֿערענץ פֿון די געלט־מאַגנאַטן קומט פֿאָר, דרייען זיך אַרום מאַסן מענטשן, ברענענדיק פֿון נייגעריקייט, וואָס אייגנטלעך פֿאַר אַ „גרויסע זאַך" ווערט דאָרט אויבן אויפֿן דאַך־גאָרטן באַהאַנדלט. דורכן ווירוואַר פֿון פֿאַרשידענע קולות און אויסגעשרייען הערן זיך דייטלעך די הילכיקע געשרייען פֿון די צייטונגס־פֿאַרקויפֿער: „עקסטראַ! עקסטראַ!".

די צייטונג „וואָרלד" האָט, זעענדיק דעם אומגעהויערן אינטערעס פֿון מיליאָנען מענטשן צו דער קאָנפֿערענץ פֿון די מיליאַרדערן, אַרויסגעלאָזט אַ עקסטראַ־בלאַט און דערמיט מקדים געווען אירע קאָנקורענטן אויף אַ גאַנצע פֿערטל שעה. פֿון דעם „וואָרלד" איז, ווייזט אויס, קיין שום סוד אויבן נישט פֿאַרבאָרגן געווען. ער האָט אין זיין עקסטראַ־בלאַט מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט גישט קיין מינדעסטן ספֿק, מיטגעטיילט די לעזער געטרײַ, אין וואָס דער גרויסער פּראָיעקט באַשטייט, און נעמלעך, אַז די מיליאַרדערן, וואָס שוויצן דאָרט אויבן, באַהאַנדלען איצט דעם אומגעהויער וויכטיקן פּראָיעקט וועגן איינפֿירן אונטערוואַסער פּאָסט קאָמוניקאַציע צווישן אַמעריקע און אייראָפּע. פּונקט ווי איצט ווערן די בריוו דורך אונטערערדישע רערן דורכגעשיקט פֿון ניו־יאָרק קיין סאַן־פֿראַנציסקאָ, — זאָלן זיי אויף דעם זעלבן אופֿן באַזאָרגט ווערן דורך געוואַלדיקע רערן — אין פֿאַרלויף נישט מער פֿון דריי שעה צייט — פֿון אַמעריקע קיין אייראָפּע. דער „וואָרלד" האָט, איבערגעבנדיק די איבעראַשנדע ידיעה, אויך אָנגעוויזן די ריכטונג, איבער וועלכע די געוואַלדיקע רערן וועלן זיך ציען אונטערן אָקעאַן — איבער די ווערם־דאַם און אַזאָלן! אָבער טאַקי נישט מער ווי אין דריי שעה. נו, איז דאָס נישט קיין חידוש? וואָלט מען דען געקאָנט גלויבן אין דעם, ווען אין דער אַנגעלעגנהייט זאָלן נישט

זיין פארמישט אזעלכע גדולים און ריזן פון קאפיטאל, ווי לאיד וואנדערשטיפט און אנדערע מיליארדערן! זייערע נעמען אליין גאראנטירן שוין, אז דאס איז נישט קיין בבה-מעשה און אז אין א פאר יאר ארום וועט אזא מין קאמוניקאציע ווערן א רעאלער פאקטאר צום רום און גרויסקייט פון אמעריקאנישן פאלק.

די עקסטרא בלעטער פון „וואָרלד” מיט דער העכסט סענסאציאנעלער ידיעה האט מען ביי די ציימונגס פארקויפער ממש געריסן פון די הענט. מיט א אויסערגעוויינליכער נייגיריקייט און אינטערעס האבן מיליאנען מענטשן געלעזן די דאזיקע העכסט איבערראשנדע ידיעה. די גאסן און פלעצער, באזונדערס די, וואס געפינען זיך נישט ווייט פון קאנפערענץ ארט, האבן פשוט געקאכט ווי א קעסל. דער גרויסער אינטערעס צום געוואלטיקן פראיעקט האט ביים גרויסן עולם דערגרייכט די העכסטע שטופע.

און בעת גאנץ ניו-יארק האט אזוי געקאכט און איז אזוי שטארק אויפגערעגט געווען פון דער העכסט אינטערעסאנטער ידיעה, וואס דער „וואָרלד” האט געבראכט, האט זיך אויבן אויפן דאך-גארטן ערשט אנגעהויבן די קאנפערענץ.

האבי האט, האלטנדיק אין דער האנט א דעפעשע, מיטגעטיילט דער קאנפערענץ, אז לאיד באדויערט, וואס זיין קראנקהייט ערלויבט אים נישט, די געסט פערזענליך צו באגריסן, און אז לאיד אט אים באפאלמעכטיקט פארצושטעלן די פארזאמלטע דעם אינזשעניער מאק אלאן, דעם לאנג-יעריקן מיטארבעטער פון די עדיסאן ווערק-לימיט און ערפינדער פון דיאמענטשטאל אלאניט.

— אט דא זיצט ער! — האט האבי צוגעגעבן, אנווייזנדיק אויף אלאנען, וועלכער איז געזעסן נעבן זיין פרוי מאוד אין א קארב-שטיל, אן א ראק אין העמד-ארבל, ווי די איבעריגע געסט.

— הער אלאן — האט האבי געזאגט, ווענדנדיק זיך צו די געסט — האט אייך עטוואס מיטצוטיילן. ער וויל אייך פארלעגן א פראיעקט, וועלכן ד. ה. לאיד האלט, ווי איר ווייסט שוין פאר איינעם פון די גרעסטן און דרייסטעסטן פון אלע צייטן. הער אלאן באזיצט גענוג פעיקייטן און זשעני, דעם פראיעקט דורכצופירן, כדי אבער דעם פראיעקט צו פארווירקליכן, מוז מען האבן א סך געלט-מיטלען

און וווּנדנדיק זיך צו זיין חבר, האָט האַבּי אים אַמאַך גע־טון מיטן פינגער און געזאָגט:

— רעד אַליין מיט די דזשענטעלמענס, אַלאַן!

אַלאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אָבער האַבּי האָט אים געגעבן אַ צייכן ער זאָל נאָך אַביסל וואַרטן און, אַ קוק טוענדיק אין דער דעפּעשע, האָט ער צוגעגעבן:

— אין פאַל, ווען די פאַרזאַמלונג וועט איינגיין אויף מאַק אַלאַנס פּראָיעקט, וועט זיך דער הער לאָיד באַטייליקן מיט פופצן מיליאָן דאָלאַר.

— איצט קענסטו שוין רעדן! — האָט זיך האַבּי געווענדעט צו אַלאַנען.

אַלאַן איז צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו האַבּי איז געשטאַנען אין זאַל איז געוואָרן טויט-שטיל, אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צום העלד פון טאָג, צו אַלאַנען.

אַלאַן איז ביי זיינע אַלע גרויסע פעיִקייטן נישט געווען קיין רעדנער, און דאָ איז אים אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו רעדן פאַר אַזאַ וויכטיקער פאַרזאַמלונג. דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ גרויסע פאַרלעגנהייט. אַלאַן האָט אָבער באַהערשט זיין אי־נערליכע אויפרעגונג און אָנגעהויבן צו רעדן צו דער פאַרזאַמלונג.

בעת ער האָט אָנגעהויבן, האָט זיין שטים געקלינגען רויִק און קלאָר. אַלאַן האָט אָנגעהויבן מיט אַ הקדמה, אַז נאָכדעם ווי לאָיד האָט אַזוי פיל גרויסע האָפנונגען אַרויפגעלעגט אויף זיין ראָיעקט און אַזעלכע שפּאַנענדע דערוואַרטונגען אַרויסגערופן ביי דער געערטער פאַרזאַמלונג, האָט ער מורא, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל פון זיינע דערקלערונגען נישט ענטוישט ווערן. פון באַשיידנ־הייט האָט אַלאַן צוגעגעבן, אַז זיין פּראָיעקט פאַרדינט קוים באַ־טראַכט צו ווערן אַלס אַ גרויסער, און אַז ער איז גאָר אַ איינ־פאַכער.

דאַרויף האָט אַלאַן אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיק קרייד און האָט אָנגעצייכנט צוויי ליניעס אויף אַ טאָוול, וואָס איז גע־שטאַנען הינטער אים.

— דאָס, האָט ער דערביי באַמערקט, איז אַמעריקאַ, און

דאָס אייראָפּאַ. איך נעם זיך אונטער אין פֿאַרלויף פֿון פֿופֿצען י אָראויסצובויען אַ אונטער-וואַסער-טונעל, וועלכער וועט פֿאַרבינדן די ביידע קאָנטינענטן און צוגן וועלן קאָנען דורכשניידן דעם דאָזיקן קאַנאַל צווישן די ביידע וועלט-טיילן אין משך פֿון פֿיר־אונצוואַנציק שעה.

— דאָס איז, האָט ער געזאָגט, מיין פּראָיעקט אין די הויפּט־שטריכן.

אין אָנהויב האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלאַנס פּראָיעקט, וועלכער איז מסוגל אַרויסצורופֿן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פֿון ביידע וועלט-טיילן, האָט אויף דער פֿאַרזאַמלונג כּמעט נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, עטליכע פֿון די הויכגעשטעלטע געסט זענען זאָגאַר געווען ענטוישט פֿון אים. זיי האָבן וויזט אויס, אַ סך מער דערוואַרט פֿון פּראָיעקט. די דאָזיקע הערן האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן אַמאָל — זיי געדענקען אַליין נישט ווו און ווען — וועגן אַזאַ פּראָיעקט עפּעס שוין געהערט.

די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג האָט דעם פּראָיעקט אויסגעהערט גאַנץ ערנסט, אַלס אַ פּראָיעקט, וואָס לאָזט זיך פֿאַרווירקליכן און ליגט אין די גרענעצן פֿון ווירקליכקייט. דער אומשטאַנד אַליין, אַז אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט אויסגעהערט אַלאַנס פּראָיעקט און אויף אים נישט געקוקט ווי אויף אַ אוטאָפּיע, דער אומשטאַנד, וואָס די דאָזיקע געלט-מאַגנאַטן ביי וועלכע צייט איז טייערער ווי געלט, האָבן אים אַזוי פֿיל צייט געשאָנקען, באַווייזט שוין, אַז מאַק אַלאַנס פּראָיעקט האָט ווירקליך געהאַט אונטער זיך אַ רעאַלן באָדן. מ'דאַרף נישט פֿאַרגעסן אַז צווישן די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע קאַפּריזנע גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען גרייט, וואָס איר ווילט איבערצוטראָגן, אַבי נישט — קיין לאַנגווייליקייט. און דאָס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז מאַק אַלאַנס פּראָיעקט האָט דאָ אויף דער פֿאַרזאַמלונג קיינעם נישט געלאַנגווייליקט, נאָר אדרבה, ביי עטליכע פֿון די פֿאַרזאַמלטע אַפֿילו אַרויסגערופֿן דעם גרעסטן אינטערעס.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט זיין פֿאָררעדע און איבער־געגעבן זיין פּראָיעקט אין די הויפּט-שטריכן, איז אַלאַן איבערגע־

גאַנגען צו די פּרטים: וויפֿיל געלט-מיטלען זענען נויטיק אויף צו
פֿאַרווירקליכן דעם פּראָיעקט, וועלכע טעכנישע מיטלען וועלן נוי·
טיק זיין אנצוווענדן ביים אויספֿירן די בוי-אַרבעט א. א. וו. און
וואָס מער מאַק אַלאַן האָט, אַנטוויקלענדיק זיין פּלאַן, געדעט אויף
דעם טעמאַ, אַלץ מער איז געוואַקסן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון
די פֿאַרזאַמלטע צו זיין אידעע. די לעדערנע פֿאָטעלן האָבן אָנגע·
הויבן צו קרעכצן, די הערן וואָס זענען אין זיי געזעסן, האָבן זיך
אויסגעצויגן, באַקוועמער זיך אַנידערגעזעצט, צוגרייטנדיק זיך מיטן
גרעסטן אינטערעס אויסצוהערן די גאַנצע לאַנגע דערקלערונג פֿון
מאַק אַלאַן וועגן זיין פּראָיעקט, עטליכע געסט האָבן אָנגעצונגדי
און פֿאַררויכערט זייערע גראָבע ציגאַרן און מיסטריס בראַון, דן
רייכסטע פֿרוי אין אַמעריקאַ, האָט צוגעלעגט צו איר אויער דעם
הער-אַפּאַראַט, כּדי וואָס דייטליכער אויסצוהערן אַלע פּרטים וועגן
דעם וויכטיקן פּראָיעקט, אין וועלכן זי האָט בדעה געהאַט זיך
צו באַטייליקן מיט עטליכע צענדליק מיליאָן דאָלאַר.

דער וואַקסנדער אינטערעס, וואָס די מיליאַרדערן האָבן
אַרויסגעוויזן צו זיין פּראָיעקט, האָט אַלאַנען צוגעגעבן פֿיל מוט
און חשק און ער האָט געפֿילט, ווי ביי אים וואַקסן אויס פֿליגלען,
פֿליגלען פֿון ענערגיע און אונטערנעמונגס-קראַפֿט. מאַק אַלאַן האָט
איצט אָנגעהויבן רעדן צו זיין אודיטאָריום שוין גאָר מיט אַ טאָן
פֿון זיכערקייט און איבערצייגונג, וואָס שליסט אויס יעדן ספק
אין אַ אונגינסטיקן אויסגאַנג פֿון זיין פּלאַן.

דער טונעל זאָל זיך אָנהויבן הונדערט קילאָמעטער אויף
דרום פֿון ניו-יאָרק, זאָל באַרירן די ווערמודען און אַזאָרען, און
אויך צפֿון-שפּאַניען און דעם ביסקאַנישן ברעג פֿון פֿראַנקרייך, די
ביידע ים-סטאַציעס, די ווערמודן און אַזאָרן, זענען צוליב טעכ־
נישע סבות אונבאַדינגט נויטיק, די ים-סטאַציעס זענען אויך נויטיק
צוליב דעם, וואָס זיי קאָנען ברענגען דעם טונעל די גרעסטע
הכנסות, די ים-סטאַציעס וועלן ווערן די צענטראַל-פּונקטן פֿון
וועלט-פֿאַרקער און שפּילן אַזאַ ראָלע ווי ביז איצט — ניו-יאָרק
און לאָנדאָן.

די רעגירונגען וועלן געצוווּנגען זיין צו געבן זייער הסכּם

אויף צו בויען דעם טונעל — אין דעם קען קיין שום ספק נישט זיין און ער, מאַק אַלאַן, וועט אימשטאַנד זיין זאָגאַר זיי דערצו צו צווינגען אויב זיי וועלן נאָר דאָס נישט וועלן טון מיט גוטן.

דער טונעל פֿון בערינגוועג — האָט מאַק אַלאַן ווייטער זיין פּלאַן אַנטוויקלט — וועלכער בויט זיך שוין דריי יאָר: דער דאָווער-קאַלע-טונעל, וועלכער האָט היי-יאָר ביי פֿאַרענדיקט ווערן, — האָבן גאַנץ דייטליך באַוויזן, אַז דער בוי פֿון טונעלן אונטערן ים שטעלט דער מאָדערנער טעכניק נישט אַרויס קיין באַזונדערע שוועריקייטן, און אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס ליגט אין די ראַמען פֿון דער מעגליכקייט. דער דאָווער-קאַלע-טונעל האָט אין דער לענג פֿופֿציק קילאָמעטער, מיין טונעל איז הונדערט מאָל לענגער און דער מרחק פֿון זיינע ביידע עק-פּונקטן וועט זיין פֿינף טויזנט קילאָמעטער.

פֿינאַנציעל, האָט אַלאַן ווייטער געזאָגט, הענגט אָפּ די אויספֿירונג פֿון פּראָיעקט נאָר פֿון אייער הסכם. ווען איר וועט מיר אייער הסכם געבן, איז די פֿאַרווירקליכונג פֿון מיין פּראָיעקט פֿאָלשטענדיק געזיכערט. אייער געלט, ווי האָבי האָט געזאָגט דאַרף איך נישט, ווייל כ'וועל דעם טונעל בויען מיט אַמעריקאַניש און אייראָפּעיש געלט, מיטן געלט פֿון דער גאַנצער וועלט. דער פּראָיעקט מיינער מוז אומבאַדינגט אין פֿאַרלויף פֿון פֿופֿצן יאָר פֿאַרווירקליכט ווערן. און דאָס וועט מיינע אַ אייגענע ערפֿינדונג מיר מעגליך מאַכן. איך רעד דאָ וועגן אַלאַניט, אַ שטאָל, וואָס איך האָב ערפֿונדן. דאָס איז אַזאַ מין האַרט שטאָל, וואָס איז נאָר אויף איין גראַד ווייכער, ווי דיאַמאַנט און גיט די מעגליכקייט צו באַאַרבעטן די האַרטסטע שטיינער אויף דער וועלט און צו שאַפֿן אַ אומבאַגרענעצטע צאָל באָרן פֿון וואָס פֿאַר אַ גרויס מ'וויל און דערצו נאָך — אויסערגעוויינליך ביליק.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך געהאַלטן שטיל און רויק. פֿאַר אַ זייטיקן מענטש, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיטן כאַראַקטער פֿון די מיליאַרדערן, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי אַלע זענען איינגעשלאָפֿן. הערנדיק אַלאַנס רעדע. די שטילקייט און רויִקייט, וואָס האָבן געהערשט אין זאַל, זענען אָבער נישט געווען קיין צייכן

פֿון שלאָפֿן, נאָר, אדרבה — אַ סימן, אַז די געלט־מאַגנאַטן באַציען זיך גאַנץ ערנסט צו דעם, וואָס דער רעדנער דערציילט זיי און — נאָכמער — אַז דער פּלאַן זיינער האָט געפֿונען זייער הסכם.

די אַלע דרייסיק מוחות פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זענען דאָ געזעסן, און פֿאַר וועלכע אַלאַן האָט דערקלערט זיינע אידעען און אַרגומענטן, האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו אַרבעטן, באַטראַכטנדיק אַלאַנס גרויסן פּראָיעקט. איבער אַלאַנס פּראָיעקט האָט זיך שטאַרק פֿאַרטראַכט דאָס געלט. דאָס אייזן דער שטאָל, דאָס קופּער, דאָס האָלץ און די קויל, וואָרום צווישן די נעסט וואָס זענען געקומען אויסהערן אַלאַנס פּראָיעקט האָבן זיך געפֿונען די גרעסטע עשירים אויף דער וועלט, וואָס אין זייערע הענט געפֿינט זיך דאָס גאַנצע אייזן, דאָס גאַנצע שטאָל און די איבעריקע אוצרות פֿון דער וועלט.

די אַלגעמיינע מיינונג פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן איז געווען, אַז אַלאַנס פּראָיעקט איז זער און זער אַ וויכטיקער און פֿאַרדינט, מען זאָל זיך וועגן אים מישב זיין און אים גענוי באַטראַכטן. פֿאַר אייניקע פֿון די אָנוועזנדע באַדייט אַלאַנס פּראָיעקט גאַנצע בערג גאָלד, וואָס מקאָן אויף דעם פֿאַרדינען אָן שום ריזיקע. פֿאַר אַנדערע ווידער איז דער גרויסער פּראָיעקט פֿאַרבונדן געווען מיט אַ ריזיקע פֿיל געלט אָנצוווערן און ס'איז דעריבער נויטיק געווען אָנצונעמען אַ געוויסע שטעלונג צו דעם דאָזיקן אויסערגעוועגליכן פּראָיעקט. פֿאַר די אַלע געלט־מאַגנאַטן האָט זיך דאָ געהאַנדלט נאָך וועגן עפּעס. ס'האָט זיך געהאַנדלט דאָ וועגן לאָידן, וועגן דעם אַלמעכטיקן לאָידן, וועלכער שפּרייזט אַרום, ווי אַ גאָלדענער געשפּענסט, שאַפֿנדיק און פֿאַרניכטנדיק, איבערן גאַנצן ערד־קויגל, און וויבאַלד נאָר דער גרויסער לאָיד וועט צום פּראָיעקט האָבן אַ געוויסע שייכות, מוז מען שוין יעדנפֿאַלס אָננעמען די אָדער יענע שטעלונג צום פּראָיעקט.

צוזאַמען מיטן גרויסן אינטערעס צו אַלאַנס פּראָיעקט איז אויך צווישן די מיליאַרדערן שטאַרק געשטיגן דער אינטערעס צו דער פּערזאָן פֿון זיין מחבר, צום בופֿאַלער ערפֿינדער פֿון האַרטשטאָל אַלאַניט, מאַק אַלאַן. זיצנדיק זיך ברייט אין די לעדערנע

פֿאָסטעלן, האָבן די געלט-מאַגנאַטן אָנגעהויבן שטודירן דעם מאַן
וואָס האָט צו זיי געבעט וועגן זיין גראַנדיעזן פּלאַן.

נישט קיין קליינע איבעראַשונג האָט אויף די פֿאַרזאַמלטע
געמאַכט אַלאַנס וייטערדיקע דערקלערונג, אַז כּדי צו פֿאַרווירקליכן
זיין פּראָיעקט וועגן טונעל און אויף די צוועקן פֿון באַטריב וועט
ער מוזן האָבן אַ שטראָם-קראַפֿט, וואָס איז כּמעט גלייך צו דע=
אַלגעמיינער שטראָם-קראַפֿט פֿון דעם בארימטן ניאַגאַראַ-וואַסערר
פֿאַל, און אַזוי ווי די ניאַגאַראַ איז שוין אוממעגליך אויסצונוצן
אויף אַזעלכע צוועקן, וועט ער זיך אויסבויען אַ אייגענע
ניאַגאַראַ... און וועגן אַזאַ לעגענדאַרישער אונטערנעמונג
האָט אַלאַן גערעט מיט אַזאַ איינפֿאַכקייט, פּונקט ווי דאָ וואָלט
זיך געהאַנדלט וועגן אויסבויען נאָך אַ באַן-ליניע איבער אַ גלאַטן
און פֿלאַכן שטח.

אַלאַן האָט ווייטער פֿאָרגעלעזן דער פֿאַרזאַמלונג די הסכּמות,
וואָס די גרעסטע מענער פֿון דער וועלט האָבן אים געגעבן אויף
זיין פּראָיעקט, דאָ זענען געווען הסכּמות פֿון די גרעסטע קאַפּיטאַ-
ליסטן און געלערנטע פֿון ניו-יאָרק, באָסטאָן, פּאַריז, לאָנדאָן,
בערלין און פֿיל אַנדערע גייסטיקע צענטרן.

דעם גרעסטן אינטערעס אָבער האָט ביי דער פֿאַרזאַמלונג
דערוועקט לאָידס באַשלוס וועגן אַלאַנס פּראָיעקט און זיין גרייט=
קייט אים צו פֿינאַנסירן, דער אַלמעכטיקער לאָיד אַליין האָט אויס-
געאַרבעט אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי מ'דאַרף דעם דאָזיקן גרויסן פּראָ=
יעקט פֿינאַנסירן און ווי אַזוי אַרום צו העכערן זיין קאָלאָסאַלע
הכנסה, אַלאַן האָט לאָידס דאָזיקן פּראָיעקט איבערגעלעזן צולעצט.

VII.

געענדיקט זיין רעדע, האָט מאַק אַלאַן געשווינד פֿאַרלאָזט דעם קאָנפֿערענץ-זאַל און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיין פֿרוי מאָוד אויפֿן צענטן שטאָק, מיטאָג עסן. מאָוד האָט איצט געשיינט פֿון נחת און גליק. זי האָט געפֿלאַפּלט און געלאַכט אָן אויפֿער. די קאָנפֿערענץ מיט אירע אַלמעכטיקע געלט-פֿירשטן און זייער גרויסע אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו איר מאַנס פּראָיעקט, די גלענצנדע אויסזיכטן אויף די צוקונפֿט, וואָס אַזאַ אויפֿמערקזאַמקייט און אינטערעס פֿון די קאַפּיטאַליסטן האָבן פֿאַר איר מיט איר מאַן געשאַפֿן — האָבן איר האַרץ אָנגעפֿילט מיט אומבאַשרייבליכן גליק, און איר מאַן איז איצט אין אירע אויגן אויסגעוואַקסן ביז דער מדרגה פֿון אַ גרויסן העלד. זיין נצחון האָט מאָודן שטאַרק באַגייסטערט. זי האָט קיין רגע נישט געצווייפֿלט, אַז איר מאַנס פּראָיעקט וועט ־געקרוינט ווערן מיט אַ גרויסן ערפֿאָלג.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, טייערער מאַק מיינער, — האָט זי געזאָגט, צו איר מאַן צערטליך אים אַרומנעמענדיק — אַז תּחלת האָב איך פֿאַר דיר אַ ביסל מורא געהאַט: כ'ווייס דאָך, אַז דו ביזט נישט קיין רעדנער — און דאָ האָבן די אומשטענדן פֿון דיר פֿלוצלינג פֿאַרלאַנגט, דו זאָלסט אַרויסטרעטן אַלס רעפֿערענט און רעדנער פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַזעלכע אַלמעכטיקע מיטאַגנען פֿון קאַפּיטאַל, כ'האָב געמיינט, אַז דו וועסט נישט קאָנען באַקעמפֿן אין זיך די אימה, וואָס אַזאַ פֿאַרזאַמלונג וואַרפֿט אַרויף אויפֿן רעדנער. נאָר דו ביזט שוין איינמאַל אַ העלד, מיי טייערער מאַן! דו האָסט אַלע אומשטענדן גובר געווען און האָסט גערעדט ווי אַ אמתער רעדנער פֿון באַרוף. אָ, ליבער מאַן מיינער! — און ביי די ווערטער האָט מאָוד מאַקן ווידער צערטליך אַרומגענומען און אים געטון אַ הייסן קוש אין שטערן.

אַלאַן האָט זיך צולאַכט.

— כ'וואָלט בעסער — האָט ער געזאָגט — גערעדט צו שדים

איידער צו די דאָזיקע הערן, מאָוד, דו קאָנסט גלויבן, וואָס איך זאָג דיר — איך מיין עס גאַנץ ערנסט.

— ווי לאַנג וועט נאָך דויערן די קאָנפֿערענץ? האָט מאָוד געפֿרעגט.

— אַ שעה, צוויי שעה, סקאָן זיין אַ גאַנצע נאַכט.

מאָוד האָט איבעראַשט געעפֿנט דאָס מויל.

— אַ גאַנצע נאַכט יאָגסטו?

— סקאָן זיין, מאָוד, יעדנפֿאַלס, וועלן זיי אונז לאָזן צייט אָוונט־ברויט צו עסן.

אַלאַן איז שוין מער נישט געווען אויפֿגערעגט ווי פֿריער און דאָס באַוווסטזיין, אַז זיין רעדע האָט אַזאַ ערפֿאָלג געהאַט, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפֿן, צו באַזייטיקן זיין אויפֿרעגונג. זיינע הענט האָבן שוין נישט געציטערט מער, און זיין בליק איז שוין צוריק געוואָרן רויק. ער האָט, זיצנדיק ביים מיטאָג־טיש, דערפֿילט דעם חוב פֿון העפֿליכקייט אַלס מאַן או דזשענטלמאַן. מאָוד האָט מער גערעט און געפּלאַפּלט, ווי געגעסן. דער איבערפֿלוס פֿון גליק און נחת האָט, ווייזט אויס, איר קאַליע געמאַכט אינגאַנצן דעם אַפּעטיט. זי האָט אָנגעהויבן זיך צו טיילן מיט איר מאַן מיט די איינדריקן, וואָס די הויכגעשטעלטע געסט האָבן אויף איר געמאַכט זי האָט געפֿונען, אַז דער מיליאַרדער וויטערשטיינער האָט אַוונ־דערבאַרן און גרויסן קאָפּ, זי האָט זיך זער געוווּנדערט, וואָס דער שטאָל־קעניג קיטנאַלאַן, זייענדיק שוין אַ מאַן אין די יאָרן, זעט נאָך אַזוי יונג אויס. דער גרויסער באַנקיר שמיט האָט אויף איר געמאַכט אַ איינדרוק פֿון אַ קליינעם, ברויען און כיטרען פֿוקס, די אַלטע מרשעת, די רייכסטע פֿרוי אין אַמעריקאַ, מיסטריס בראָוון, האָט די גאַנצע צייט פֿון איר, מאָודן, קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און זי באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— איז דאָס אמת, מאַק, — האָט זי צוטוליענדיק זיך צו איר מאַן, געפֿרעגט, — אַז די מכשפֿה איז אַזוי קאַרג, אַז זי צינט אַפֿילו ביי זיך אין צימער ביינאַכט קיין ליכט נישט אָן?

— אויף אַזאַ מכשפֿה איז אַלץ צו גלויבן, האָט מאַק גע־ענטפֿערט.

אין מיטן מיטאָג איז צו די אַלאַנס אין צימער אַרייַנגעקומען האַבי — אַזוי ווי שטענדיק אַ לוסטיקער, אַ פֿרייליכער און אַ וויציקער, ער האָט זיך נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט אויף דער ווינדע פֿון דאַך גאָרטן, אָן אַ ראָק, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט אין קאָנפֿערענץ זאַל אויף זיין פֿאָטעל.

האַבי האָט זיך אַרייַנגעוואָרפֿן אין אַ ברייטן שטול, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט, ביים פֿענסטער.

— אַזעלכע סצענעס האָב איך אויף מיין לעבן נאָך קיינמאָל נישט געזען! האָט ער זיינע גוטע פֿריינט דערציילט — שטעלט זיך פֿאָר, אַז זיי רייסן זיך דאָרט ממש איינער דעם אַנדערן פֿאַר די האָר פֿון קאָפּ! און האַלטן זיך, דאַכט זיך, ביים אויסרייסן די אויגן איינער ביי דעם אַנדערן. אַ געוואַלט! אַ געפּילדער! מחלוקת קריגערייען און געשרייען ביז צום הימל — פּונקט ווי ביי אַ וואָהל קאַמפּאַניע דער הער שמיט האָט געוואָלט פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ און האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו דער ווינדע, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַנטייל צו נעמען אין דער גרויסער אונטערנעמונג און — איר מעגט עס אויסהערן! — זיי זענען צו אים צוגעלאָפֿן און פֿאַר די פּאָלעס פֿון זיין ראָק אים געצויגן צוריק און נישט געלאָזט אַוועקגיין. איר הערט?

און ביי די ווערטער האָט זיך האַבי פֿונאַנדערגעלאַכט מיט אַזאַ געזונטן הילכיקן געלעכטער, אַז אַפֿילו דער קאַלטבלוטיגער אַלאַן האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויך אָנגעהויבן צו לאַכן.

— נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָט האַבי ווייטער דערציילט — אַקעגן דעם וואָס אויבן איז פֿאָרגעקומען אין אַלאַנס אָפּוועזנהייטן קילנעלאַן איז געשטאַנען אין מיטן דער גרופּע, וואָס האָט נישט געלאָזט שמיטן אַוועקגיין, — און איך שווער אייך ביי אָט אַז דאָס וואָס איך דערצייל אייך איז אמת — האַלטנדיק אין האַנט די שריפֿטליכע הסכמות און אָנווייזנדיק אויף זיי מיט די פֿינגער, האָט ער מיט אַ הויכן קול צו שמיטן געשריגן, אָבער וואָס וועט איר זאָגן דאַרויף? צי קאָן מען דען, זעענדיק מיט די אייגענע אויגן אַ זעלכע וויכטיגע הסכמות אויף אַלאַנס פּראָיעקט, אויף אַ רגע צווייפֿלען, צי ער וועט גלענצענד דורכגעפֿירט ווערן? סאיז

פשוט אַ משוגעת, אין פּראָיעקט זיך נישט צו באַטייליגן!

— דאָס האָב איך געוווּסט נאָך פריער — האָט זיך אָנגערופן אַלאַן׳ — אַז קילנאַלאַן וועט שטיין אויף מיין זייט און וועט שטאַרק אַגיטירן פאַר מיין פּלאַן (קילגאַלאַן איז געווען דער קאָפּ פון שטאָל־טרעסט).

— נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט! — האָט האַבּי איבער־געגעבן וויכטיגע פאַקטן און קוריאָזן „פון אויבן", — איר האָט בעדאַרפט זען׳ ווי די אַלטע בראָוון האָט דאַנאָלס, בעת דער מחלוקה אויסגעזען! די אַלטע הערט נישט אויף צו שרייען! אַלאַן איז דער גרעסטער מאַן פון אַלע צייטן. ס׳וואָלט פאַר אַמעריקאַ געווען אַ חרפה און אַ שאַנד, ווען זיין פּראָיעקט זאָל נישט אויס־געפירט ווערן. דו הערסט מאַק?

— דאָס רעדסטו פון מיסטריס בראָוון? — האָט מאַוד, העכסט דערשטוינט געפרעגט האַבין — מ׳זאָגט דאָך אָבער, אַז זי איז אַזאַ קאַרגע. אַז זי ציינט ביי זיך אין שטוב אַפילו קיינמאָל ביינאַכט קיין לאָמפּן נישט אָן.

— און נישט קיקנדיק אויף דעם — האָט האַבּי געענטפערט — שטייט זי פאַר דיין מאַקן שטאָל און אייזן.

— כ׳קאָן דיר, מאַק, פאַרזיכערן — האָט האַבּי ווייטער געזאָגט, אַז די אַלטע בראָוון מיט קילנאַלאַנען וועלן דיך שוין אַרויספירן אויפן גלייכן וועג. געדענק מיינע ווערטער, דו קאָנסט זיך שוין אויף זיי ביידע פאַרלאָזן און, האָבנדיק זיי אויף דיין צד, זיך פילן „אויבן זאָטל" פון ערפאָלג און גליק.

— ווילסטו אפשר מיט אונז עסן האַבי? האָט אַלאַן געפרעגט זיין האַבי.

— לאָז זיך נישט בעטן האַבי, און זעץ זיך צום טיש עסן — האָט מאַוד צו אים געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק פאַר אים אַ טעלער מיט בראָטן אויפן טיש.

אָבער האַבי האָט קיין צייט נישט געהאַט צווישן זיינע גוטע פריינט ווייטער צו פאַרבלייבן. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און האָט פשוט געברענט פון נייגעריקייט צו וויסן וואָס דאָרט

אויבן, אין קאָנפֿערענץ-זאַל, קומט איצט פֿאָר, הגם די עצם-זאַך מאַקס פּראָיעקט, איז אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען.

האַבּי האָט די אַלאַנס פֿאַרלאָזט און האָט זיך אויף דער ווינדע צוריק אויפֿגעהויבן אויפֿן דאַך-גאָרטן, נאָר יעדע פֿערטל שעה האָט ער זיך צראָפּגעלאָזט צו מאַקן אין צימער אַריין, כדי אים און זיין פֿרוי מיטצוטיילן דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון די דיסקוסיעס, וואָס זענען אויבן פֿאָרגעקומען וועגן זיין פּראָיעקט, און די סצענעס, וואָס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט.

האַבּי האָט זיך שוין דאָס פֿערטע מאָל אַראָפּגעלאָזט פֿון קאָנפֿערענץ-זאַל און מיט אַ טריומפֿירנדן געזיכט מיטגעטיילט זיינע גוטע פֿריינד, אַז מיסטיס בראָון, אַט די אַלטע, קאַרגע בראָון, האָט געצייכנט צען מיליאָן דאָלאַר, און מיט שיינענדע שטראַלענדע אויגן האָט ער דערביי צוגעגעבן:

— נו מאַק, איצט הויבט זיך שוין אָן. יאָ, סהויבט זיך שוין, מיט גליק אָן!

— גאָט מיינער! — האָט מאַוד, דערהערנדיק די גאַנצע ידיעה, אַ שטאַרקן געשריי געטון און פֿון גרויס איבעראַשונג און ערשטוינונג האָט זי צוזאַמענגעשלאָגן אירע ביידע הענט.

אַלאַן האָט רויִק אָפּגעשיילט אַ באַנאַנע און געפֿרעגט האַבּין:

— נו, און ווייטער וואָס קענסטו מיר עפּעס דערציילן?

האַבּי איז אָבער געווען צו אויפֿגערעגט, צו קאָנען זיך אַנידערזעצן און דערציילן זיין חבר כסדר, וואָס איז ווייטער פֿאָרגעקומען אויף דער קאָנפֿערענץ. ער איז אַרומגעלאָפֿן איבערן צימער אַהין און אַהער, האָט אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ ציגאַר און אָפּבייסנדיק דעם שפּיץ, פֿאַרגעסן עס צו פֿאַררויכערן, נאָר קומענדיק אַ ביסל צו זיך פֿון גרויס אויפֿרעגונג, האָט האַבּי ווייל טער אָנגעהויבן דערציילן וואָס עס קומט דאָרט אויבן פֿאָר.

— זי האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ-בלאָק פֿון טאַש — האָט האַבּי אָנגעהויבן ווייטער דערציילן — און האָט אויף אַ בלעט געצייכנט איר אָנטייל אויף אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע. אין זאַל איז געוואָרן טויט-שטיל, אַלע זענען ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון ערשטוינונג, דערויף האָבן כמעט אַלע אָנוועזנדע דאָס זעלבע גע-

געמען: זיי האבן אויך ארויסגענומען פון זייערע טאשן נאטיץ-בלאק און יעדער האט אין זיי געצייכנט מיט וויפיל ער באטייליקט זיך אין דיין פראיעקט, ווען זיי האבן שוין אלע געהאט דאס אפגעטון איז קילגאלאן צוגעגאנגען צו יעדן און אפגענומען די געצייכנטע בלעטלעך, די מחלוקת האט שוין דאן אין גאנצן אויפגעהערט, אלע האבן געצייכנט איינשטימיק, אפילו שמיט, וואס האט תחילת זיך געוואלט פון דעם צוריקהאלטן, האט אויך געצייכנט אויף א זער גרויסע סומע. דער פאטאגראף האט דאן געארבעט אויף אלע כלים און דעם ווילטיקן גרויסן מאמענט פאראייביקט. הללי! מקאן דיר איצט שוין אפגעבן מזל-טוב. דו ביזט אצט געווארן דער העלד פון טאג און דיין גרויסער פלאן איז אריינגעטרעטן אין ערשטן סטאדיום פון פארווירקליכונג.

דערויף איז האבי ווידער פארשווינדן געווארן און מען האט אים א גאנצע שעה צייט מער ביי אלאנען אין צימער נישט געזען. דאס האט מאדן שטארק באונרויקט, ווייל זי האט געמיינט, אז ווי באלד האבי קומט נישט ארויס, איז א סימן, אז ער האט נישט וואס מיטצוטיילן קיין פרייליכעס, און די ווייטערדיגע דיסקוסיעס האבן צוליבן זיכער א שלעכטע ווענדונג פאר אלאנען. זי איז געווען זער אויפגערעגט צוליב דעם און האט זיך צוגעהערט צו יעדער באוועגונג פון דרויסן — אפשר קומט האבי, און וואס לענגער האבי איז נישט געקומען, אלץ מער איז זי געווארן פארצווייפלט. זי האט אנגעהויבן מורא צו האבן, אז איר מאנס פראיעקט איז אפשר אין די לעצטע מינוטן דורכגעפאלן. א קשיא אויף א מעשה, זיי האבן זיך אויבן דארט געענדיקט מיישב זיין און גאר חתימה באקומען. אלאנען אבער האט האביס אפוועזנהייט לחלוטין נישט אנגעהויבן צו באונרויקן, ער איז געזעסן א פארטראכטער און שטיל זיך גע-רויכערט זיין פייקע.

מאד האט נישט אויסגעהאלטן און געפרעגט ביי איר מאן:

— און וואס וועט זיין, טאטע, ווען זיי וועלן זיך נישט קא-

נען אנטשליסן און דיין פראיעקט נישט וועלן פינאנסירן?

בלאן האט ארויסגענומען די פייקע פון זיין מויל, מיט

אַ געלעכטערל אויפֿגעהויבן זיין בליק אויף זיין פֿרוי און איר געענטפֿערט רויִק און מיט אַ טיפֿער שטים:

— דאַן פֿאָר איך צוריק קיין בופֿאַלאָ און וועל זיך ווידער נעמען צו פֿאַבריצירן מיין שטאָל.

ער האָט אָבער דערביי אַ פֿעסטן און זיכערן שאָקל געטון מיטן קאָפּ און צוגעגעבן:

— זיי וועלן זיך, שוין ענטשליסן, מאַוד, קאָנסט פֿאָלשטענדיק זיכער זיין, אַז זיי האָבן דעם געוווּנשטן באַשלוס שוין אָנגענומען

אין דער רגע האָט אַ קלונג געטון דער טעלעפֿאָן, דאָס האָט אָנגעקלונגען חאַבי.

— „תיכף אַרויפֿקומען”!.

ווען אַלאַן האָט זיך ווידער באַוויזן אויפֿן דאַך-גאָרטן, איז אים געקומען אַנטקעגן דער שטאָל טרעסטמאַן קילנאַלאַן און מיט אַ פֿריילעכער מינע אים אַ קלאַפּ געטון אויף זיין פּלייצע.

— גראַטולירן אייך, הער אַלאַן — האָט קילנאַלאַן אים געזאָגט דערלאַנגענדיק אים די האַנט — אייער זאַך איז אין דער בעסטער אָרדנונג!

אַלאַן האָט געזיפֿצט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער איבערגעגעבן דעם האָטעל דינער אַ פּאַק דעפּעשן און דער דינער האָט זיך באַלד מיט זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער ווינדע.

נאָך אין עטליכע מינוט אַרום איז דער דאַך-גאָרטן לעדיק

VIII.

צען מינוט נאָך דער קאָנפֿערענץ האָט דער טעלעגראַף-דראָט נישט אויפֿגעהערט צו זשומען, פֿונאַנדערטראָגנדיק די ווילדטיקע ידיעה וועגן רעזולטאַט פֿון דער קאָנפֿערענץ קיין פֿראַנקרייך, שפּאַניען, אויף די ווערמודן און אזאָרן. אין אַ שעה אַרום האָבן אַלאַנס אַגענטן, באַקומענדיק די ידיעה, שוין געהאַט איינגעקויפֿט פֿלעצער און ערד-שטחים אויף 25 מיליאָן דאָלאַר. די דאָזיקע ערד-שטחים האָבן זיך געפֿונען אין ערטער, וואָס זענען צוגעפּאַסט אויף צו בויען דעם טונעל. אַלאַן האָט די ערטער און פֿלעצער שוין מיט עטליכע יאָר פֿריער אויסגעקליבן, ס'רוב פֿלעצער זענען געלעגן אויף זער אַ שלעכטן באָדן און זענען באַשטאַנען פֿון לאָנקעסן נישט באַוואַקסענע אינזלען און ווילדע פֿעלדער, אַזעלכע פֿלעצער האָבן, זעלבסטפֿאַרשטענדליך, געקאָסט שפּאָט-ביליק. דער אַלגעמיינער שטח, וואָס די אויפֿגעקויפֿטע פֿלעצער האָבן פֿאַרנומען, איז געווען גרויס ווי אַ גאַנץ הערצאָגטום. די אויפֿגעקויפֿטע געביט זענען אַלע געלעגן אין פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלעך, ווייט פֿון גרויסע שטעט, ווייל אַלאַנען זענען די גרויסע שטעט נישט נויטיק געווען, ווען אַלע מענטשן זענען פֿאַרטיפֿט געווען אין שטאַרקן שלאָף. ביינאַכט, עטליכע שעה נאָך דער באַרימטער קאָנפֿערענץ פֿון די מיליאַרדערן, זענען אַלאַנס טעלעגראַמען געפֿלויגן אין אַלע עקן וועלט דורכן קאַבעל און דורך דער לופֿט. די איבעראַשונג, וואָס די ווילדטיקע ידיעה האָט אומעטום געמאַכט, איז געווען אַ געוואַלטיקע. אַ באַזונדערס געוואַלטיקן רושם האָט די ידיעה געמאַכט אויף דער בערזע. צומאָרגנס אין דער פֿרי האָבן ניו-יאָרק, טשיקאַגאָ, גאַנץ אַמעריקאַ, איראָפּאַ, מ'קען זאָגן די גאַנצע וועלט, פֿון איבעראַשונג אַ ציטער געטון. דער אַטלאַנטיק-טונעל-סינדיקאַט איז געוואָרן די גרעסטע סענסאַציע פֿון טאָג. קינד און קייט האָבן פֿון דעם גראַנדיעזן סינדיקאַט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן.

די רעדאַקציע מאַשינען פֿון אַלע גרויסע צייטונגס-דרוקערייען האָבן געדרוקט מיט דער גרעסטער שנעלקייט. דער „העראַלד"

„וואָרלד״, „זשורנאַל״, „טעלעגראַף״ — אַלע צייטונגען, וואָס ערשיינען אין ניו-יאָרק אויף ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, רוסיש און יידיש, זענען אַרויסגעגאַנגען אין כמעט דאָפּלטע אויפלאַגן. אויף די זשומעדיקע ווינדעס, אויף די קאָלנדיקע טראָטואַרן, אויף די טרעפּ פון די הויך-באַן-סטאַציעס, אויף די פּעראָנען פון די וואָקזאַלן און אין די פול-אָנגעשטאָפּטע וואַגאָנען, אויף די טויזנטער טראַמווייען — אומעטום זענען פאָרגעקומען אמתע שלאַכטן צוליב אַ נאָר-וואָס דערשינענער, נאָך נאַסער צייטונג.

די ידיעה וועגן דעם ניי-געבילדעטן אַטלאַנטיק-סינדיקאַט האָט געקלונגען עפּעס ווי אַ לעגענדע, ווי אַ בבא מעשה, אָבער דאָך — אַ רעאַלע, אַ גרויסע זאַך, אַ אידעע, וואָס לאָזט זיך פאַרווירקליכן! מאַק אַלאַן! ווער איז ער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש? וואָס האָט ער פריער געטון? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? — אַזעלכע פראַגן זענען נעבוירן געוואָרן אין מיליאָנען קעפּ. און דער באַשיידענער אינזשעניער און פאַבריקאַנט פון בופאַלאָ, איז פון היינט אָן געוואָרן דער גרויסער העלד פון טאָג, אַ מענטש, וועמענס נאָמען מיליאָנען מענטשן האָבן פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט, רעדנדיק וועגן אים מיט אַ מין יראת הכבוד און מיטן גרעסטן דרך-ארץ. אַלע האָבן באַוואונדערט זיין זשעני, אַלע האָבן אים שטאַרק מקנא געווען.

ווי געוואַלדיק גרויס דער איטערעס צו מאַק אַלאַנס פּראָיעקט איז אין אַמעריקאַ געוואָרן, קאָן מען זעען פון די מיינונגען וועלכע די גרעסטע מענער פון אונזערע צייטן האָבן אַרויסגעזאָגט. דער [illegible]ער לאָיד, למש[illegible] האָט זיך אַזוי [illegible]ויסגעדריקט וועגן טונעל-פּראָיעקט און וועגן די פאָלגן, וואָס דער טונעל קאָן ברענגען:

„איי[illegible]ראָפּאַ וועט ווערן אַ פאָר-אָרט פון אַמעריקאַ.

דער טאַבאַק-קעניק ה. פּ. הערבסט:

„מ׳וועט קאָנען שיקן אַ וואַגאָן טאַבאַק פון ניו-אָרלעאַן אויף פּעטערבורג, נישט איבערלאָזענדיק אין ערגיץ די סחורה״.

דער געלד-פירשט ה. בעל.

„כוועל מיין טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט או[illegible] נט אין פּאַריז, קאָנען באַזוכן אַנשטאָט דריי מאָל אַ יאָר, יעדן חודש״

דער פֿאַרקער-מיניסטער דע-לאַ פּאַרעסט:

„דער טונעל באַדײַט פֿאַר יעדן סוחר אַ געשענקט לעבנס-יאָר און אָפּגעשפּאָרטע צײַט".

הונדערטער טויזנטער אויגן פֿון אַ געדיכטער מענטשן-מאַסע זענען געווען געווענדעט אויף די ריזיקע אַפֿישן מיט די אַרשיניקע אותיות וועגן דעם טונעל-פּראָיעקט, וואָס זענען געווען אויסגע-קלעבט אויף די ווענט פֿון „העראָלד" און צו דערזעלבער צײַט זענען אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן ערשינען די בילדער פֿון מאַק אַלאַן, האָבי, לאָיד און פֿון דער גאַנצער קאָנפֿערענץ אויפֿן דאַך-גאָרטן פֿון „אַטלאַנטיק".

אין די קינעמאַטאָגראַפֿן האָבן דעם זעלבן אָוונט זיך באַוויזן גראַנדיעזע אויפֿשריפֿטן: „אין פּראָיעקט איז שוין אַרײַנגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פֿון זיבן מיליאַרד", „מיסטריס בראָון צײכנט צען מיליאָן", „שמיטן האָט מען מיט געוואַלט פֿון דער ווינדע אַרויס-געשלעפּט", ווײַטער האָט מען געזען אויפֿשריפֿטן: „מיר זענען די אײנציקע, וועלכע קאָנען ווײַזן וואַנדערשטיפּטס אָנקומען אויפֿן דאַך-גאָרטן פֿון „אַטלאַנטיק", די מאַשין פֿון וואַנדערשטיפּטס פֿלי-אַפּאַראַט האָט צוריסן אויף שטיקער אונזער פֿאָטאָגראַף.

אַ גאַנצן טאָג זענען די סוחרים געווען באַשעפֿטיקט כּמעט נאָר דערמיט, וואָס זיי רעדן דורכן טעלעפֿאָן מיט זייערע קליענטן וועגן טונעל און דעם טונעל-סינדיקאַט. אײנער פֿרעגט בײַם אַנ-דערן דורכן טעלעפֿאָן אַ עצה, וואָס ער האָט איצט צו טון, וואָס פֿאַר אַ האַלטונג אָנצונעמען, צי ער זאָל אײַנקויפֿן נײַע אַקציעס דער א. א. וו. דער אַנדערער, דאַגעגן, גיט זײַן גוטן פֿרײַנד אַ עצה, וואָס ער זאָל טון אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרינדונג פֿון גרויסן טונעל-סינדיקאַט. לויט אַלע סימנים נאָך שטייט פֿאַר אַ ריזיקע קאָמפּאַניע, אַ פֿעלקער-שלאַכט פֿון קאַפּיטאַל.

ווער וועט אײגנטליך די ריזן-אונטערנעמונג פֿינאַנסירן? אויף וואָס פֿאַר אַ אויפֿן וועט די פֿינאַנסירונג געשען? לאָיד? ווער האָט עס געזאָגט, אַז לאָיד? אָדער אפשר גאָר וויטערשטײַנער? ווער ווייסט? קײן פּאָזיטיוועס, זיכערעס קען מען נאָך פֿאָרלויפֿיק נישט וויסן, ווי ס'האַלט מיטן סינדיקאַט. און ווער איז דער טײַוול מאַן

פּלאַן, וועלכער האָט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט באַוויזן אויפצוקויפן אויף 25 מיליאָן דאָלאַר ערד פאַר אַזעלכע שפּאָט ביליקע פּרייזן? מען זאָגט, אַז די גרויסע פּלעצער און ערד־שטחים וואָס ער האָט אויפגעקויפט, זענען שוין היינט דריי מאָל אַזוי פיל ווערט. אַז אין גיכן וועלן זיי ווערט זיין הונדערט מאָל אַזוי פיל. אויף אַזאַ אופן וועט מאַק אַלאַן מיט דער צייט ווערן איינער פון די רייכסטע מענער אין אַמעריקאַ.

נאָך די גרעסטע מהומה און אויפרעגונג האָט מאַק אַלאַנס גראַנדיעזער פּלאַן אַרויסגערופן אין דער סביבה פון די גרויסע שיף־געזעלשאַפטן פאַרן פאַרקער איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, זיי האָט מאַק אַלאַן מיט איין קלאַפּ אַוועקגעלעגט און אַריינגעוואָרפן אין תהום פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. ס'איז אַ קליינִיגקייט צו זאָגן — אַ טונעל צווישן אַמעריקע און אייראָפּאַ! דאָס וועט דאָך קודם כּל מוזן כּמעט אינגאַנצן אָפּשטעלן דעם פאַרקער פון די שיפן איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן צווישן ניו־יאָרק און אייראָפּאַ דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. און זיי, די שיפס־געזעלשאַפטן, שטייט פאַר אינגאַנצן אָפּגעמעקט צו ווערן פון דער ערד. זער אַ טרויריקע פּערספּעקטיוו. זער שלעכטע אויסזיכטן האָט פאַר די גרויסע און רייכע פאַרקער־געזעלשאַפטן באַשאַפן מאַק אַלאַנס פּראָיעקט וועגן דעם ריזן־טונעל צווישן אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. די אויפרעגונג און מהומה צוליב דעם אין די קרייזן פון אַזעלכע געזעלשאַפטן האָבן זיך גיך אַריבערגעטראָגן פון ניו־יאָרק קיין טשיקאַגאָ, בופאַלאָ, פּיטסבורג, סט. לואי און סאַן־פראַנציסקאָ, בעת דער טונעל־פיבער האָט ערשט אָנגעהויבן אָנצוגרייפן פון יענער זייט אָקעאַן לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין און פּעטערבורג.

צו מיטאָג־צייט, האָבן זיך אויף די ראָגעס גאַסן באַוויזן ריזיקע פּלאַקאַטן מיט אַ אויפשריפט אין אַרשיניקע אותיות: „הונ־דערט טויזנט אַרבעטער". דערביי איז געווען אָנגעוויזן דאָס זיץ־אָרט פון טונעל־סינדיקאַט: בראָדוויי — וואָלסטריט. ענדליך איז שוין פאַר אַלע געוואָרן אויס סוד, ווו עס קומען פאַר די זיצונגען פון סינדיקאַט. דאָ, אויף בראָדוויי, איז געשטאַנען אַ ווייסע האַלב־פאַרטיקע טורם־געביידע און זיינע צוויי־און־דרייסיק שטאָקן האָבן

געווימלט פון פאַרשידענע בעלי־מלאכות: פון מוליאַרס, טישלער א.א. וואָס זענען באַשעפטיקט געווען ביי דער אַרבעט אין גרויסן בנין. ס'איז נאָך נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, ווי אויף די ניו־יאָרקער גאַסן האָבן זיך באַוויזן יענע פלאַקאַטן, און צום זיך־אָרט פון סינדיקאַט האָבן זיך אָנגעהויבן ציען שטראָמענווייז טויזנטער גרי־בעטער, כדי דעם סינדיקאַט זייער אַרבעט פאָרצולעגן. אויף די גראַניט־טרעפ פון בנין האָבן זיך צום קאָנפערענץ זאַל געהאַלטן אין איין אויפהויבן טויזנטער אַזעלכע אַרבעט־זוכנדע מענער און יינגע־לייט. אין אַ שעה אַרום האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אפשר אַלע אַרבעטסלאָזע, וואָס זייער צאָל דערגרייכט אין ניו־יאָרק זומער־צייט געווענליך 50.000. אין די פאַרטער־קאָרידאָרן, האָבן די אַרבעטער זיך אָנגעשטויסן אויף אַלאַנס אַגענטן — קאַלטע, דורכגעטריבענע יינגע־לייט מיט אַ שנעלן בליק פון שקלאַפן־הענדלער.

די דאָזיקע דערפאַרענע אַגענטן האָבן יעדן אַרבעטער דורכגענומען מיט זייער שאַרפן בליק, אָפּשאַצנדיק די אַרבעטס־פעיקייט פון יעדן, וויפיל יעדער פון זיי איז אַלס אַרבעטער ווערט און מערקווירדיק: וואָס שוואַכער און מאָגערער דער אַרבעט־זוכנדער איז געווען, אַלץ מער האָט אַזאַ אַרבעטער ביי די אַגענטן נושא חן געווען. זיי האָבן געזוכט פאַר זיך אַזעלכע אַרבעטער, פון וועלכע די מערדערישע עבודת־פרך פון ניו־יאָרק האָט שוין לאַנג אַ תל געמאַכט, אויסזויגנדיק פון זיי די בעסטע קרעפטן און דעם מאַרך פון די ביינער. געזונטע, פרישע, מונטערע און אַנשטענדיק געקליידעטע אַרבעטער האָבן ביי די אַגענטן גאָרנישט אויסגענומען און מ'האָט זיי אַלס אַרבעטער פאַרבראַקירט.

IX.

נאָך דעמזעלבן טאָג האָבן זיך געצויגן גרויסע מאַסן מענער אויף די הויפּט־סטאַציעס, ווו דער טונעל דאַרף מיט דער צייט דורכגיין: אויף די אַמעריקאַנישע און שפּאַנישע ברעגעס. זיי זענען געקומען אויף וואָגנס, געדונגענע אויטאָמאָבילן, איבער די זומפּן און לאָנקעס און, צופֿאָרנדיק צו אַ באַשטימטן אָרט, זענען זיי אַראָפּ פֿון די וואָגנס און אויטאָס און זיך באַלד גענומען אויסמעסטן מיט דינע בענדער די גאַנצע סביבה. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך אויפֿן לאַנגן און ברייטן זומפּיקן טאָל באַוויזן וואָגנס, ביז אין דער הויך אָנגעלאָדענע מיט פֿאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן. נאָך אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין געהערט דאָס גערויש פֿון קלעפּ. מ׳האָט שוין געלאָזט אין גאַנג די האַק, דעם האַמער, די זעג און פֿיל אַנדערע מכשירים. קורץ דערויף איז צו איינעם פֿון די פּונקטן צוגעפֿאָרן, שפּרינגענדיק איבער די גריבלעך און קליינע בערגלעך, אַ אויטאָ, פֿון אויטאָ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ בלאָנדי־העלער מאַן און מאַכנדיק מיט די הענט און שרייענדיק, האָט ער צוזאַמען מיט די אינזשעניערן און געאָמעטרן זיך גענומען מעסטן דאָס אָרט אַרום און אַרום, אַריינשטעכנדיק ערטערווייז אין דער ערד דינע סלופּעס. דאָס איז געווען אַלאַנס חבר האַבי, דער שעף פֿון דער אַמעריקאַנער סטאַציע, ווו דער טונעל דאַרף זיך אָפּצוימען. אַ ביסל שפּעטער איז האַבי מיט עטליכע אַרבעטער אויף זיין אויטאָ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז צוגעפֿאָרן אויף אַ אָרט, וואָס ליגט עטליכע קילאָמעטער פֿון דער סטאַציע, און דאָרט דעם ערשטן פּראָוויזאָרישן טעלעפֿאָן אַוועקגעשטעלט. פֿון דאָרט איז האַבי, שרייענדיק אויף די אַרבעטער און זידלענדיק זיך, אַוועקגעפֿאָרן אויף זיין אויטאָ ווייטער אַראָפּ צום ברעג פֿון אָקעאַן, כדי יענע ערטער צו פֿאַרבינדן מיטן פּראָוויזאָרישן טעלעפֿאָן. איינס פֿון די ערטער איז געלעגן ביי דער באַן־ליניע און דאָ האָט האַבי באַגעגנט דעם ערשטן צוג מיט אַרבעטער וואָס זענען אָנגעקומען צו דער טונעל־אַרבעט. די אַלע אַרבעטער, מער ווי 500

זענען געווען אַלע פֿריילִיך און אין אַ גוטער שטימונג, פֿילנדיק
זיך איבער־גליקליך פֿון דעם אַליין, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגע־
ריסן פֿון דעם שרעקליכן גיהנום, וועלכן די ריזיקע, קאָכנדיקע
שטאָט שטעלט איצט מיט זיך פֿאָר, און זענען געקומען אַהער
אויף די פֿרייע, ברייטע פֿעלדער מיט אַזאַ פֿרעכטיקן גרינעם
גראָז אַרום און אַרום, מיט אַזאַ אַנגענעמער און קילער לופֿט. אין
צוואַנציק מינוט אַרום זענען די גליקליכע מענטשן שוין באַשעפֿ־
טיקט געווען ביי דער אַרבעט. זיי האָבן אויסגעלאָדעוועט אַ נאָר־
וואָס אָנגעקומענעם צוג מיט ברעטער, בעלקעס און פֿאַרשידענע
בוי־מאַטעריאַלן און פּראָוויאַנט. האַבּי איז, בעת די אַרבעטער
האָבן אויסגעלאָדעוועט די וואַגאָנעס, שנעל אַרומגעלאָפֿן איבער
די בעלקעס, האָט געשריגן און אַרויסגעגעבן באַפֿעלן. אַרבעט איז,
ווייזט אויס, פֿאַר האַבּין געווען אַזאַ שטאַרק באַדערפֿניש, ווי לופֿט
צום אָטעמען. אָן אַרבעט האָט האַבּי זיך געפֿילט אומעטיק, נידער־
שלאָגן און פֿאַרחושכט.

מיט אַ שעה שפּעטער זענען די פֿעלד־קיכן געווען צוועק־
געשטעלט און די קוכערס האָבן זיך שוין גענומען קאָכן און
באַקן אָוונט־ברויט פֿאַר די אַרבעטער. צוויי הונדערט אַרבעטער
זענען געווען באַשעפֿטיקט ביים אויפֿשטעלן באַראַקן, וועלכע זענען
אין משך פֿון דריי שעה פֿאַרטיק געוואָרן, בעת די איבעריקע אַר־
בעטער האָבן געהאַלטן אין אויסלאָדעווען די וואַגאָנעס. אַרום צען
אַזייגער אין אָוונט, ווען די אַרבעטער האָבן שוין געהאַט גע ענ־
דיקט זייער אַרבעט, האָט האַבּי איינעם פֿון זיינע אָנגעשטעלטע
געהייסן אָפּריכטן אַ גאָטעס־דינסט, נאָכדעם זענען אַלע געגאַנגען
שלאָפֿן. האַבּי האָט זיך ערשט דעמאָלט צוריקגעקערט צו די אינ־
זשעניערן און געזאָמעטרן, זיך דערוווּסט פֿון זיי, וואָס זיי האָבן
אין משך פֿון טאָג אויפֿגעטון, און וועגן דעם דורכן טעלעפֿאָן אָפּ־
געגעבן אַ באַריכט קיין ניו־יאָרק.

פֿינף אַ זייגער פֿאַרטאָג זענען אָנגעקומען הונדערט וואַגאָ־
נען מיט פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן. אין אַ שעה אַרום זענען אָנגע־
קומען אין אַ באַזונדערן צוג אַרום פֿינף טויזנט אַרבעטער. זיי
זענען אַלע געשלאָפֿן אין די וואַגאָנען און האָבן אויסגעזען

שטאַרק הונגעריק און מיד. ווען ס'האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיך שוין גערויכערט די פעלד-קוכן און מען האָט שוין געקאָכט פרישטיק פאַר די אַרבעטער. די בעקערייען זענען צו יענער צייט שוין געשטאַנען אונטערן דאַמפּף, אָנגרייטנדיק געבעקס אויף אַ גאַנצן טאָג. האַבי האָט זיך פּינקטלעך באַוויזן אויפן אָרט, ווו די אַרבעט קומט פאָר. די אַרבעט האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן און הגם ער איז נאָר עטליכע שעה געשלאָפן, האָט ער זיך געפונען אין דער בעסטער שטימונג, וועלכע האָט אים געוווּנען די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער אַרבעטער-אַרמעע.

נעבן די באַן-שינעס זענען דערווייל אויסגעוואַקסן גאַנצע בערג מיט פאַרשידענע מאַטעריאַלן, וועלכע לאַנגע צוגן פון ניו-יאָרק האָבן געהאַלטן אין איין צופירן און צושטעלן אַהער.

[א]ין דער פרי האָט אַ צוג מיט זיך מיטגעבראַכט אַ גאַנצן באַטאַליאָן אינזשעניערן און טעכניקער און זיי אַלע זענען אין אַ שעה אַרום שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט.

האַבי האָט טעלעפאָנירט קיין ניו-יאָרק, אַז ער דאַרף נאָך אַ פאָר טויזנט אַרבעטער און אַלאַן האָט אים צוגעזאָגט אויף מאָרגן אין דער פרי צוצושיקן נאָך צוויי טויזנט מאַן. אַרום זעקס אַ זייגער אין דער פרי זענען די 2000 מאַן ווירקלעך אָנגעקומען און אונטער זיי האָבן זיך געשלעפּט גאַנצע קייטן פון צוגן מיט בוי-מאַטעריאַלן. אויפן פערטן טאָג האָט די פעלד-באַן שוין דערגרייכט דעם בוי-פּלאַץ און אָוונט-צייט האָט שוין אויף דער שמאָלער ליניע געפייפט אַ קליין לאָקאָמאָטיוול און זיך געטראָגן צום אָרט, ווו די בוי-אַרבעט קומט פאָר. דער ערשטער לאָקאָמאָטיוו איז באַגריסט און באַגעגנט געוואָרן מיט הייסע באַגייסטערטע הורראַ-אויסגעשרייען דורך דער גאַנצער אַרבעטער-אַרמיי און אין פאַרלויף פון פינף טעג איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע שטאָט פון באַראַקן מיט אַ באַפעלקערונג פון צוואַנציק טויזנט מאַן, מיט בעקערייען, קיכן, באַזאַרן, מיט אַ פּאָסט, טעלעגראַף, רעסטאָראַנען, מיט אַ שפּיטאָל און אפילו — אַ בית-עלמין, מיט עדיסאָנס פּאַטענט הייזער, וועלכע ווערן אויפן אָרט, ווו מ'וויל זיי אַוועקשטעלן, געגאָסן און אין משך פון צוויי טאָג פאָלשטענדיק פאַרטיק, אַנ-

אַז מ׳קאָן זיך אין זיי אַריינזעצן און זיך באַזעצן ווי אין אַ באַקוועמסטן הויז. די גאַנצע שטאָט איז געווען דיק מיט שטויב באַדעקט אַזוי אַז פון דערווייטנס האָט זי אויסגעזען ווייס. מיט אַכט טאָג שפּעטער האָט אין מיטן פון דער באַראַקן-שטאָט זיך באַוויזן אַ ריזיקע אַמעריקאַנישע משא-צוג-מאַשין אויף הויכע רעדער, וועלכע האָט נאָכגעשלעפּט אַ אָן אַ סוף לאַנגן צוג פון וואַגאָנעס.

אויף מאָרגן איז די ריזיקע מאַשין שוין נישט געווען די איינציקע אין דער טונעל-שטאָט — צו אָוונט-צייט זענען שוין צוהער אָנגעקומען הונדערטער אַזעלכע מאַשינען און נאָך אין אַ וואָך אַרום זענען שוין דאָ אַזעלכע מאַשינען געווען אין די טויזנטער.

אָבער נישט בלויז אין דער טונעל-שטאָט אויפן אַמעריקאַנישן באָדן זענען גאַנצע אַרמייען אַרבעטער באַשעפטיקט געווען מיטן בויען דעם טונעל. אַזעלכע באַראַקן-שטעט זענען כמעט גלייכצייטיק אויסגעוואַקסן אויף די ברעגעס פון פראַנקרייך, שפּאַניען, אויף די אַזאָרען און ווערמודען, וואָס אונטער זייערע וואַסערן האָט מיט דער צייט געזאָלט דורכגיין דער ריזיקער טונעל. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן ביי די זעלבע באַדינגונגען ווי זייערע אַמעריקאַנער חברים, אין ביטערן שווייס געהאָרעוועט ביי פאַרשידענע בוי-אַרבעטן, דאָס רוב ביי גראָבן די ערד, לעגן שינעס פון שמאָלע באַן-ליניעס, ביים לאַדעווען און אויסלאַדעווען פאַרשידענע בוי-מאַטעריאַלן, ערד, זאַמד און ליים א. א. וו. די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פינף פונקטן אין אייראָפּאַ און אויף די אַזאָרען, זענען באַשטאַנען פון אַמעריקאַנער, פראַנצויזן, ענגלענדער, דייטשן, איטאַליענער און אַנדערע אייראָפּעישע פעלקער.

די באַטאַליאָנען אינזשעניערן, וואָס זענען געקומען אין די דאָזיקע פונקטן צו דער אַרבעט, זענען באַשטאַנען נאָר פון אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזן און דייטשן. שפּעטער אַ ביסל אָבער האָבן זיך אויף די בוי-פונקטן אַ לאָז געטון גאַנצע מאַסן פרייוויליקע אינזשעניערן און סטודענטן פון פאַרשידענע טעכנישע הויכשולן פון דער גאַנצער וועלט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען יאַפּאַנער, חינעזער, סקאַנדינאַוויער, רוסן, פּאָליאַקן, שפּאַניער

און איטאַליענער. אין פֿאַרשידענע ערטער האָבן זיך די מענגעס פֿרייוויליקע באַטייליקט אין אַלע בוי-אַרבעטן און, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן קיין שום געהאַלט נישט באַקומען, האָבן זיי דאָך געאַרבעט מיטן גרעסטן פֿלייס און איבערגעבנקייט. די הויפּט-אַרבעט פֿון אַלאַנס אינזשעניערן איז איצט קאָנצענטרירט געווען אויף די אייראָפּעישע געגנד צו שאַפֿן די ריזיקע „ביאַגאַראַ“, כּדי מיט איר גוואַלדיקער קראַפֿט צו טרייבן די צוגן דורכן טונעל פֿון אַמעריקאַ קיין אייראָפּאַ און צוריק, צו באַלויכטן די אונגעהויערע קאָרידאָרן און אַריינברענגען אין זיי די געעריקע ליכט.

די גרעסטע אייזן-הוטן און וואַלץ-ווארשטאַטן פֿון פּענסילוואַניען, אַקלאַהאָמאַ, קאָלאָראַדאָ, זידוואַלעס, און שוועדן, וועסטפֿאַלען, בעלגיען, פֿראַנקרייך א. א. האָבן איצט כּמעט טאָג און נאַכט אינגאַנצן פֿאַר אַלאַנס טונעל געאַרבעט, די קוילן-גרובן האָבן אויך איינגעפֿירט דאָפּלטע קאָמפּלעטן אַרבעטער, כּדי אימשטאַנד צו זיין צו צושטעלן די קאָלאָסאַלע באַשטעלונגען אויף קוילן אין אַלע פּונקטן, ווו די טונעל-אַרבעט קומט פֿאָר, ווי אויך צו באַפֿרידיקן דעם פּלוצלינג אויסגעוואַקסענעם שטאַרקן קוילן-באַדאַרף פֿאַר טראַנספּאָרט-צוועקן. קופּער, שטאָל, צעמענט האָבן דערגרייכֿט אונעהערטע פּרייזן. אַלע מאַשין-פֿאַבריקן פֿון אַמעריקאַ און אייראָפּאַ האָבן אָן אויפֿהער געאַרבעט ביי טאָג און ביינאַכֿט, כּדי צו דעקן די אונגעהויער גרויסע פֿאָדערונג אויף פֿאַרשידענע מאַשינען, וואָס די טונעל-אַרבעט האָט באַשאַפֿן, אַ גאַנצער פֿלאָט פֿון פֿראַכֿט-דאַמפּפֿער און זעגל-שיפֿן איז כּסדר געווען אין פֿאַרקער צווישן פֿראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פּאָרטוגאַל, איטאַליען און די אַזאָרען, צווישן אַמעריקאַ און די ווערמודען, כּדי צו צושטעלן מאַטעריאַלן און אַרבעטער-קראַפֿט צו די בוי-ערטער פֿון טונעל. פֿון די אַלע אַרבעטס-ערטער, סטאַציעס, דאַמפּפֿערס און אינדוסטריע-צענטערס זענען טאָג און נאַכֿט געפֿלויגן טעלעגראַמען צום טונעל-סינדיקאַט, אין בראָאַדוואַי, וואָל-סטריט און פֿון דאָרט גלייך אין אַלאַנס האַנט אַריין.

אין משך פֿון עטליכֿע וואָכֿן צייט, ווען די בוי-אַרבעט האָט זיך שוין געהאַט אַ שטאַרקן רוק געטון, האָט די גאַנצע וועלט

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און אויפֿמערקזאַמקייט אָנגעהויבן פֿאַרפֿאָלגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פֿון דער אַרבעט. אַלאַנס נאָמען, וועלכער איז ביז איצט לחלוטין אומבאַקאַנט געווען, האָט איצט, ווי אַ מעטעאָר אויפֿן הימל, אָנגעהויבן צו שײַנען פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. טויזנטער צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט זײַן פּערזאָן, ווי מיט איינעם פֿון די געניאַלסטע מענער, וואָס די וועלט האָט נאָר ווען עס איז אַרויסגעגעבן. נאָך מיט עטליכע וואָכן שפּעטער איז נישט געווען קיין צײַטונג און זשורנאַל אויף דער וועלט, וועלכע זאָל נישט האָבן אָפּגעדרוקט די גענויעסטע ביאָגראַפֿיע פֿון דעם גרויסן מאַן און פֿון צײַט צו צײַט נישט געבן קיין ערינערונגען פֿון פֿאַרשידענע פּערזאָנען וועגן מאַק אַלאַן, וועגן דעם זעלטענעם מאַן, וועגן דעם גרויסן ערפֿינדער און שעפֿער פֿון אַ נײַער היסטאָרישער תּקופֿה. ברענגענדיק זײַן אויספֿירליכע ביאָגראַפֿיע און די באַשרײַבונגען פֿון דער בוי־אַרבעט פֿון טונעל האָבן די צײַטונגען געדרוקט פֿיל אַרטיקלען מיט שילדערונגען, ווי אַזוי די וועלט וועט אויסזען, ווען די גראַנדיעזע בוי־אַרבעט פֿון טונעל וועט פֿאַרענדיקט ווערן און דער פֿאַרקער פֿון פּאַסאַזשירן אין מזרח וועט זיך דורך אים אָנהויבן.

אין די ערשטע חדשים פֿון די גראַנדיעזע בוי־אַרבעטן האָט מאַוד איר מאַן געזעען זער זעלטן. אים איז אויסגעקומען שטענדיק אַרומצופֿאָרן און ס'רוב צו פֿאַרברענגען אויף די ערטער, אַזוי אַז אַפֿילו נעכטיקן פֿלעגט ער זעלטן אין דערהיים. באַלד ווי די בוי־אַרבעט פֿון טונעל האָט זיך אָנגעהויבן האָט מאַוד באַלד אײַנגעזעען, אַז די יעצטיקע אַרבעט און טעטיקייט פֿון איר מאַן זענען גאָר פֿון אַ אַנדער מין און קאָנען בשום אופֿן נישט פֿאַרגליכן ווערן צו זײַן פֿריערדיקער טעטיקייט אַלס פֿאַבריקאַנט און אינזשעניער. זײַן איצטיקע טעטיקייט איז געווען פֿון גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב און אומפֿאַנג און נעמט מיט זיך אַרום די גאַנצע וועלט, בעת פֿריער איז זי געווען באַגרענעצט און קליין און קיין גרויסעס אין זיך נישט ענטהאַלטן. אַלאַן פֿלעגט אָנהויבן אַרבעטן זעקס אַ זייגער אין דער פֿרי און זײַן באַשעפֿטיקט ביז שפּעט

אין דער נאַכט. פֿאָלשטענדיק מיד און נישט קאָנענדיק רירן מיט
קיין אבר פֿון אַ נישט-איבערגעריסענער 17—16-שעהדיקער שווע-
רער אַרבעט, פֿלעגט אַלאַן צָפּטמאַל זיך מוזן ענטזאַגן פֿון דער
באַקוועמליכקייט צו שלאָפֿן ביינאַכט ביי זיך אין דער היים אין
בראָנקס און פֿלעגט זיך אין די קליידער אַנידערלעגן שלאָפֿן אויף
אַ קאַנאַפּע ערגיץ אין אַ צימער ביי איינעם פֿון די בוי-ערטער.
ווי לאַנגווייליק און אומאַנגענעם פֿאַר מאַודן איז נישט געווען
איר מאַנס אָבוועזנהייט און דאָס, וואָס ער איז אַזאַ זעלטענער
גאַסט אין דער היים האָט מאַוד דאָך שלום געמאַכט מיט דער
ביטערער נויטווענדיגקייט ווי באַלד די אַרבעט און דער ערפאָלג
פֿון דער גרויסער אונטערנעמונג האָט מאַוד ביי זיך געטראַכט —
פֿאָדערן אַזאַ אָנשטרענגונג פֿון מאַקן און ברענגען דערצו, אַז ער
איז אין דער היים אַזאַ זעלטענער גאַסט, האָב איך איצט קיין
רעכ נישט זיך צו רעכנען מיט מיינע געפֿיהלן און מיט דעם, ווי
ווייט איך לייד פֿון דעם. כּדי מאַקן צו פֿאַרלייכטערן און באַקווע-
מער מאַכן די צייט פֿון שלאָף אויף זיינע פּראָוויזאָרישע געלעגערס
האָט מאַוד אומעדום, ווו אים קומט אויס צו נעכטיגן, אָנגעגרייט
ווייכע סאָפֿעס אָדער בעטלעך מיט בעטגעוואַנד און וועש. אין
מיטעלסטן שטאָק פֿון סינדיקאַט, ווו מאַקן איז אָפֿט אויסגעקומען
צו נעכטיגן, האָט זי פֿאַר איר מאַן איינגעאָרדנט אַ שלאָפֿצימער
מיט אַ באַד און אַ שפּייז-צימער, — אַ באַקוועמע קליינע וווינונג ווו
ער האָט געקאָנט געפֿינען טאַבאַק און אַ פּייפֿע, קראַגן, וועש,
קורץ — אַלץ וואָס ער דאַרף נאָר. זי האָט אויך איבערגעלאָזט ביי
איר מאַן זייער טרייען לאָקיי ליאָנען, דעם אַלטן כינעזער, וויי-
קיינער האָט אַזוי גוט נישט געקאָנט באַהאַנדלען מאַקן און מי-
אים אַזוי אומגיין, ווי דער ליבלינג זייגער. ווי לאַנג נאָר דאָס
וועטער האָט ערלויבט, פֿלעגט מאַוד אין אָוונט איינאָרדנען מיטאָגן
פֿאַר מאַק'ן און זיינע קרויבים און נאָנסטע מיטאַרבייטער אויפֿן
דאַך פֿון אַ ריזיקן סינדיקאַט-בנין פֿון וואַנען ס'האָט זיך געעפֿנט
אַ זעלטן-שענע פּאַנאָראַמע פֿון דער ריזן-שטאָט מיט אירע לאַנגע
קרייזן וואָלקן-קראַצער, מיט די קאָכענדיקע גאַסן, פּרעכטיקע אַווע-
ניוס, אַלץ באַדעקט מיט אַ שלייער פֿון אַ ווייסען — נעבל.

אַרבעטנדיק שווער אַ גאַנצע וואָך, האָט מאַק אַלײן דערפאַר זונטיק אַ גאַנצן טאָג פאַולענצנדיק געהוט. אַ גאַנצן זונטיקדיקן טאָג האָט ער פארבראַכט אין בראָנקס ביי זיך אין וואוינונג אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי און קליין טעכטערל, און אַלײן האָט זונטיק נישט נור גאָר נישט געאַרבעט, נאָר זיך בעמיט אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ אַלע געשעפטן אַפילו פון זיין טונעל. זעענדיק ווי די בוי-אַרבייט האָט שוין געלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר מאַק׳ס גרויסן ווערק, אַז די אַרבעט ווערט בכלל אויסגעפירט אין דער בעסטער אָרדנונג, האָט מאַוד פשוט געשעפּט נחת פון איר מאַן. פון זיינע געניאַלע איינפאַלן און זעלטענער לייטונג פון אַלע אַנידעלעגנהייטן און געשעפטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער טונעל-אַרבעט. מאַוד איז געווען זער שטאָלץ צו זיין מאַק׳ס פרוי און האָט זיך געשעצט פאַר גליקליך, זעענדיק זיין כסדר וואַקסנדע פּאָפּולאַריטעט און גרויסקייט.

זי האָט נור מורא געהאַט און צייטנווייז זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס מאַק אַרבעט צו פיל, אַזוי אַז ער קאָן נאָך פון דעם קראַנק ווערן, און מ׳האָט געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ שטימער באַגייסטערונג זי האָט געקוקט אויף איר מאַן, וואָס פאַר אַ צערטליכע ליבעפולע בליקן זי האָט אויף אים געוואָרפן און מיט וואָס פאַר אַ געפיל פון שטאָלץ זי פלעגט לעזען די צייטונגס באַטיצן און אַרטיקלען וועגן איר מאַן, אין וועלכע מ׳פלעגט אים אָנרופן „דער עראָבערער פון די אונטערוואַסער-קאָנטינענטן“. מאַודן איז איבעריגעס שווער געווען זיך צו צוגעוויינען צו דער נייער שטעלונג, וואָס איר מאַן האָט איצט פלוצלונג פאַרנומען אין דער געזעלשאַפט, אַלס געניאַלער ערפינדער און מחבר פון טונעל-פּראָיעקט. זי האָט צייטנווייז אויף אים געקוקט מיט אַ יראַת הכבוד און באַוואונדערונג. איר איז פאָרגעקומען קשה ווי אַזוי קאָן מען מיט איין מאָל אַזוי גרויס ווערן און פון אַ געוועהנליכן פאַבריקאַנט און ערפינדער כמעט אין איין טאָג אַרויסוואַקסן ביז דער מדרגה פון אַ גאון אויפן געביט פון וויסנשאַפט, וועלכער איז מסוגל, גליקליך צו מאַכן די גאַנצע מענטשהייט.

אין דעצעמבער, ווען ס׳איז געקומען די צייט איינצוצאָלן די

געצייכנטע סומען אויפֿן טונעל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע פֿינאַנציעלע קאַמפּאַניע אויף די שפּאַלטן פֿון די אַמעריקאַנער צייטונגען. ווי דער „שטייגער איז" אין אַזעלכע פֿאַלן, האָט זיך די פּרעסע צעטיילט אויף צוויי לאַגערס, איינער איז געווען פֿאַרן פּראָיעקט, געגלויבט אים און באַוויזן, אַז דער טונעל וועט באַשאַפֿן גאָר אַ נייע וועלט. וועט באַגליקן די מענטשהייט און ס'איז דאַריבער אַ חוב פֿון יעדן אַמעריקאַנער, זיך באַטייליגן אין דער פֿינאַנסירונג פֿון דער גרויסער אונטערנעמונג. די געגנער אָבער האָבן געהאַלטן אין איין שרייען' ברענגענדיק דערצו אויך גאַנץ וויכטיגע ראיות, אַז דער פּראָיעקט פֿון טונעל איז נישט מער ווי אוטאָפּיע, אַ פֿאַנטאַזיע וואָס ווערט געבוירן אין די טויזטער אין די קעפּ פֿון פֿאַרשידענע פֿאַנטאַזיאָרן און נישט נאָרמאַלע מענטשן. און אַז מען טאָר זיך נישט אַריינלאָזן אין אַזאַ געפֿערליכע אַפֿער וועלכע איז מסוגל צו ברענגען דעם פֿאָלק גרויסע פֿאַרלוסטן.

צווייטער טייל

X

די גרויסע מאַשין איז געלאָפן מיט איר פולער געשווינטקייט און אלאַן האָט געזאָרגט און זיך באַמיט, אַז איר טעמפּאָ און די געשווינדיקייט זאלן נישט אָבגעשוואַכט ווערן. אַלאַנ'ס פּרינציפּ איז געיועןָ, אַז מען זאָל אַלץ קאָנען בעווייזן און אויפטון אין אַ העלפט צייט, ווי מען רעכנט פריער. און — מערקווירדיק — אַלע מענטשן, וועלכע זענען זענען מיט אים אין בערירונג געקומען, האָבן אומבעוווסטזיניג זיך אָנגעשלאָסן אָן זיין פּרינציפּ און אָנגענומען זיין טעמפּאָ. אין דעם איז באשטאַנען אַלאַנס מאַכט. דער צוויי אונדרייסיק־שטאָקיגער בנין פון טונעל־סינדיקאַט האָט פון די קעלער־רוימען אָן, ווו די אוצרות גאָלד ליגען באַהאַלטן, ביזן פלאַכן דאַך, ווו די מאַרקאָני סטאַציע געפינט זיך, געקאָכט ווי אַ קעסל. זיינע אַכט־הונדערט צימערן האָבן געווימלט פון באַאַמטע סטענאָטיפּיסטן און אַנדערע אָנגעשטעלטע. אָן אויפער האָבן אין בנין געאַרבעט די פּאָסט, טעלעגראַף, די צענטראַלע פאַר הויכבוי, פאַר טיפבוי א. אַ. וו. אין דער אַטמאָספערע פון אַזאַ הייסער טעטיקייט איז איצט אַלאַן געוועזן און דער בעסטער שטימונג. ער האָט איצט אויסגעזען קרעפטיגער און געזונטער נאָך ווי פריער.

מאַוד דאַגעגן האָט די לעצטע צייט פיל פאַרלוירן פון איר פרישקייט און יוגנדליכער שיינקייט. זי איז שוין איצט פון אַ מיידל אַ פרוי געוואָרן און פאַרלוירן כמעט דעם גלאַנץ פון איר מיידלשער

שיינקייט. אירע באַקן האָבן שוין ניש געהאַט די פֿריערדיגע פֿרישע רויטע פֿאַרב, וועלכע האָט איר אַזוי פֿיל חן צוגעגעבן — זיי זענען איצט ווי פֿאַרוועלקט און אַ ביסל שמעלער געוואָרן, און אויף איר גלאַטן שטערן האָבן זיך ערטערווייז קוים באַמערקטע קנייטשן באַוויזן, זי האָט געליטן און איז ווייט געווען פֿון גליק. אין פֿעברואַר און מערץ האָט זי איבערגעלעבט עטליכע גליקליכע און שיינע וואָכן, וועלכע האָבן זי געוויסערמאַסן באַפֿרידיגט פֿאַר די לאַנגווייליגע ווינטער חדשים. מאַק האָט זי מיטגענומען אויף די אַזאָרן, ווערמודן אויך אין אייראָפּאַ. דאָרט האָט זי אויסגעצייכנט פֿאַרבראַכט די צייט און דערצו נאָך שטענדיק אין איר מאַנס געזעלשאַפֿט — אַ זאַך, וואָס איז פֿאַר איר די לעצטע צייט געוואָרן אַ זעלטענער גאַסט אין דערהיים אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז שטענדיק געווען איינגאַנץ פֿאַרטיפֿט אין זיין אַרבעט, — האָט מאַוד פֿאַרשאַפֿט פֿיל שמייכלען און כמעט פֿאַרגעסן איר לעבן. זי וואָלט מוחל געווען איר מאַן זיין גרויסקייט און אונגעהויערע פּאָפּולאַריטעט זי וואָלט אים אויך מוחל געווען זיינע גרויסע פֿאַרדינסטן און וואָלט בהלל גרייט געווען זיך צו באַגיגענען מיט דעם באַשיידענעם לעבן וואָס זיי האָבן געפֿירט אין בופֿאַלאָ נאָך איידער מאַק איז אַזוי גרויס געוואָרן — אבי נאָר איר מאַן זאָל וויסן פֿון אַ פֿאַמיליען-לעבן זאָל זיך פֿירן, ווי אַלע מענער און פֿאַמיליען-פֿאָטערס פֿירן זיך: ער זאָל זיין פֿרייע צייט פֿאַרברענגען אין אינטימען קרייז פֿון זיין פֿאַמיליע און זי, די פֿאַמיליע זיינע, זאָל אים טייערער זיין פֿון אַלץ אויף דער וועלט. וואָס קומט איר, מאַודן, אַרויס פֿון דעם וואָס איר מאַן איז אַזוי גרויס געוואָרן, ווען ער איז צוזאַמען מיט זיין גרויסקייט צו איר, קאָן מען זאָגן, אַזוי פֿרעמד און אינגאַנצן אָפּגעקילט געוואָרן. מאַק איז אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט אין זיין „טונעל", און דעם געדאַנק וועגן טונעל אַזוי שטאַרק איבערגעגעבן, אַז ער פֿאַרגעסט גאָר זיינע עלעמענטאַרסטע חובות אַלס מאַן און פֿאָטער.

מאַוד האָט דערפֿון געליטן שוין זינד עטליכע חדשים. זי האָט שטאַרק געליטן און זיך געפֿילט באַליידיגט אין אירע בעסטע געפֿילן אַלס ליבנדע פֿרוי און הייסע מוטער, מאַוד האָט אָבער פֿאַרמאָגט גענוג טאַקט, כדי אירע באַליידיקטע געפֿילן צו האַלטן

פארבאָרגן פון זייטיגע מענטשן. זי האָט אויך נישט געוואָלט איר מאַן מצער זיין דורך איר אונצופרידענהייט. זי האָט דאַריבער שלום געמאַכט מיט איר שווערן גורל און אין לעזן ערנסטע ביכער ווי אויך אין טעאַטער און קונסט זיך באַמיט צו געפינען דאָס פאַרלוירענע זעלישע גלייכגעוויכט. די ווירקזאַמסטע רפואה פאַר מאָודס געדרוקטן גייסט איז געווען איר קליין טעכטערל עדיט. איר גאַנצע ליבע, איר גאַנץ האַרץ האָט מאָוד איצט אַוועקגעגעבן איר דריי יעריגן מיידעלע. האָט עס ליב באַקומען מיט אַ אויסער-געוויינלעכער ליבע פון אַ פרוי, וואָס איז באַליידיקט אין אירע בעסטע געפילן און אין דערציען איר קליין בת-יחידהלע האָט זי געפונען איר איינציק לעבענס ציל, איר טרייסט און נחמה. כדי צו פאַרטרייבן די מרה-שחורה. וואָס איר איינזאַמקייט און די נייע סיטואַציע האָבן אויף איר אָנגעוואָרפן, האָט מאָוד זיך פלייסיק גענומען צום קלאַוויר-שפיל. זי האָט איבערגעחזרט אַלץ, וואָס זי איז אַמאָל דורכגעגאַנגען און גענומען נייע לעקציעס פון מוזיק ביי די בעסטע מוזיק לערער. זי פלעגט אויך נישט אַדורכלאָזן קיין קאָנצערט, אָבער די ענטציקונג, וואָס די מוזיק פלעגט ביי איר אַרויסרופן, איז אָפגעשוואַכט געוואָרן דורך אַ קוועלן געפיל פון איינזאַמקייט און אַ מין איינפערזוכט. מאָוד פלעגט אויך באַזוכן ווי-סנשאַפטליכע פאָרטראַגן איבער היגיענע, עטיק א. א. זי פלעגט אויך באַשעפטיגן מיט פילאַנטראָפיע, אָבער דאָס אַלץ איז נישט אומשטאַנט געווען צו פאַרהיילן איר אינערליכע זעלישע וווּנד און אָנפילן דאָס לעדיגע אָרט אין איר נשמה, וואָס איז געשאַפן גע-וואָרן דורך מאַקס באַציונג צו איר.

אין אָוונט פלעגט מאַק געוויינליך אָנקלינגען צו מאָודן דורכן טעלעפאָן און זי פלעגט זיך שוין דעמאָלט אַ ביסל באַרויגן, דערהערנדיק זיין שטים.

— ווּעסט היינט קומען צו אָוונט ברויט, מאַק? — פלעגט אים ענדענדיק דאָס געשפרעך, מאָוד פרעגן און מיט דער גרעסטער שפאַנונג דערביי וואַרטן אויף זיין ענטפער.

— היינט? ניין, היינט איז פאַלשטענדיק אונמעגליך — פלעגט

מאַק ענטפֿערן — אָבער מאָרגן וועל איך זיך באַמיען צו קומען. וואָס מאַכט עדיט?

— אַ דאַנק גאָט, בעסער, יעדנפֿאַלס, פֿאַר אונז.

— קאָנסטו אפֿשר זי צוברענגען צום אַפּאַראַט?

און מאַוד, גליקלעך דעריבער, וואָס ער טראַכט האָטש וועגן זייער טעכטערל, פֿלעגט צוטראָגן עדיטן צום אַפּאַראַט, זי אויפֿהויבן צום רערל און עדיט פֿלעגט מוזן אַ ביסל פּלאַפּלען צו איר פֿאָטער דורכן טעלעפֿאָן.

— נו אַדיע, מאַק! פֿלעגט מאַוד ענדיקן דאָס געשפּרעך מיט איר מאַן. אַלזאָ מאָרגן קומסטו צו אָוונט-ברויט אונבאַדינגט, ניט אמת? געדענק: היינט בין איך דיר נאָך מוחל, אָבער מאָרגן ווען דו וועסט ניט קומען, וועל איך דיר בשום אופֿן ניט מוחל זיין, דו הערסט?

— יאָ, איך הער מאָרגן באַשטימט, אַ גוטע נאַכט מאַוד!

נאָר וואָס מער די גרויסע אַרבעט האט זיך אַנטוויקלט, אַלץ מער איז מאַק אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זיין פֿאַמיליע. נאָך אין עטליכע וואָכן אַרום איז ער שוין געווען אַזוי שטאַרק באַשעפֿטיקט, אַז ליאָנען, זייער געטרייען דינער, איז שוין אוממעגליך געווע־אָבצוזיכן מאַקן און אים טעלעפֿאָניש פֿאַרבינדן מיט זיין פֿרוי. מאַק האָט שוין אַפֿילו אויפֿגעהערט דורכן טעלעפֿאָן אָנצופֿרעגן, וואָס עדיט מאַכט. מאַודס ליידן זענען געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. איצט פֿלעגט מאַוד זעען איר מאַן ביי זיך אין דערהיים נור איין מאָל אַ וואָך — זונטיק, און אַפֿילו דעם איינציגן טאָג אין דער וואָך, וואָס מאַק פֿלעגט פֿאַרברענגען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרוי און קינד, איז ער שוין ניט געווען דער אַמאָליקער צערטליכער און הייס-ליבנדער מאַן און פֿאָטער — ער איז איצט גאָר אַנאַנדער מענטש געוואָרן. די שטענדיקע אַרבעט און געדאַנקען, אין וועלכע ער איז תמיד געווען פֿאַרזונקען, האָבן אין אים דערשטיקט זיינע פֿריערדיקע צערטליכע געפֿילן און אויסגעאַרבעט ביי אים אַ מין גלייכגילטיקייט צו זיין פֿאַמיליע. דער געדאַנק וועגן זיין גרויסער זאַך, וועלכער האָט אים אינגאַנצן באַהערשט, האָט אויף מאַקס פּסיכיק אַרויפֿגעלייגט אַ בעזונדער שטעמפּל. אַלץ, וואָס האָט ניט

געהאַט קיין דירעקט שייכות צום „טונעל" איז געוואָרן זיין מאַניע דער פּונקט, אויף וועלכן ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע זיינע האָפענונגען, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און ליידן.

איין מאָל, זונטיק, דעם איינציגן טאָג אין דער וואָך, וואָס אַלאַן פלעגט פאַרברענגען ביי זיך אין דער היים, פאַרגעסנדיק במעט אָן אַלע געשעפטן, האָט מען אים צוליב געשעפטליכע אָנגע-לעגנהייטן אַרויסגערופן קיין בופאַלאָ. פאַרגעסנדיק זיין פייערליכע הבטחה, זונטיק „נור זיין פרוי און קינד צו געהערן", איז אַלאַן מיטן שנעל-צוג אַוועקגעפאָרן קיין בופאַלאָ און דאָרט פאַרבליבן ביז מאָנטיק אָוונט. עובר געווען שוין איינמאָל אויך זיין דערמאָנטן צוזאָג, האָט אַלאַן דאָס צווייטע מאָל שוין אויך דאָס זעלבע געטון און אויך איבעראַכטאָגן זונטיק געבראַכט מיט זיך דעם ה' שלאָסער דעם שעף פון דער בוי-שטעלע אויף די ווערמודן און אָנשטאָט צו פאַרברענגען, ווי פריער, דעם זונטיקדיקן טאָג אין דערהיים, איז ער אַ גאַנצן טאָג מיט שלאָסערן געווען באַשעפטיקט, ערלעדנדיק פאַרשידענע טעכנישע אָנגעלעגנהייטן.

דאָס האָט מאָדן זער שטאַרק פאַרדראָסן און איר געדולד האָט ענדליך געפּלאַצט. זי איז נאָכמיטאָג אַוועק אין סינדיקאַט בנין און האָט דורך ליאָנען געהייסן מאַקן זאָגן, אַז זי וויל מיט אים תיכף וועגן עפּעס רעדן. אין צימער, ווו זי איז געזעסן און געוואַרט אויף איר מאַן, האָט זי דורך דער וואַנט דערהערט, ווי עמיצער רעדט מיט איר מאַן, אָנרופנדיק דערביי די בענק מאָרגאַן עט קאָמפּ, שערמאַן און אַנדערע. אין דער שטים, האָט זי דער-קענט דעם הויפּט-דירעקטאָר פון טונעל סינדיקאַט וואָלפן, וועמען זי האָט פיינט געהאַט, זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, ביז עקל. מאַק האָט זיין געשפּעך מיט וואָלפן איבערגעריסן, ווענדנדיק זיך צו ליאָנען מיט די ווערטער:

— גוט, זאָג, אַז איך קום באַלד צוגיין.

ליאָן איז אַריין אין צימער צו מאָדן און אים איבערגעגעבן וואָס מאַק האָט געענטפערט.

— איך קאָן אָבער קיין רגע מער נישט וואַרטן! — האָט מאָוד מיאָנען געענטפערט — כּמוז אים תיכף ומיד זען.

גלייך דאַרויף איז מאַק אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט

געטראָפן זיין פרוי שטאַרק ־יינענדיק, אין דער האַנט אַ ווייס
טיכל, באַנעצט דורך מיט טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, מאַוד? וואָס וויינסטו? צי איז עפּיס
געשען מיט עדיטן? — האָט ער זי געפרעגט. שטאַרק פאַרחידושט
און איבערראַשט דורך איר אויסזען און אירע טרערן.

מאַוד האָט אָנגעהויבן וויינען אויף אַ קול און שטאַרק חליפּען
עדיט! עדיט! — האָט מאַוד ביי זיך געטראַכט! וועגן איר זאָרגט
ער זיך יאָ. און וועגן מיר איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן צו
פרעגן, צו מיט מיר האָט עפּיס פּאַסירט. אַ שיינער מאַן, כלעבן
ב׳שטאָ וואָס צו זאָגן? און דער געדאַנק, אַז מאַק זעענדיק זי וויינען
האָט אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיק צו פרעגן וואָס מיט אי־
איז געשען, האָט מאַודן פאַרשאַפט די ביטערסטע שמערצן און אין
איר האַרץ דערוועקט אַ ביז איצט כמעט נאָך אומבאַקאַנט געפיל
פון אייפערזוכט. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער פונאַנדערגעוויינט און
איז געווען נאָנט צו היסטעריק, זי וויינט ווי אַ קליין קינד און
איר איז זער שווער געווען אָפּצושטעלן דעם קוואַל פון טרערן
און אויפהערן צו חליפּען.

— אָבער אום גאָטעס ווילן, מאַוד — האָט מאַק זיך אָנגעויבן
פאַרענטפערן פאַר זיין פרוי, אָנעמענדיק זי צערטליך ביי דער
האַנט — פאַרוואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין, אַז איך טו עס נישט
פון מאַנגל און ליבע צו דיר; פאַרוואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין,
אַז די געשעפטן צווינגען מיך איצט, אַפילו זונטיק, אויך צו אַר־
בעטן, כ׳שווער דיר ביי גאָט, אַז מיר טוט עס אפשר נאָך מער
לייד ווי דיר נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טון, ווען דער טייוול
האָט אָנגעטראָגן אַהער שלאָסערן ווי אויף צו להכעיס זונטיק או
ער האָט נעכטן געמוזט ערלעדיקן מיט מיר עטליכע טעכנישע אָנ
געלעגנהייטן? כוואָלט דאָך געווען לעבערליך, ווען איך וואָלט זיך
ענטזאַגט מיט אים צו אַרבעטן זונטיק נור צוליב דעם, וואָס כהאָב
איינמאָל פאַר אַלע מאָל בעשלאָסן דעם זונטיקדיקן טאָג צו פאַר־
ברענגען אין ענגן קרייז פון דער פאַמיליע. וואָס פאַר אַ אַמערי־
קאַנער וואָלט איך דעמאָלט געווען און מיט וואָס פאַר אַ אויגן
וואָלט די וועלט אויף מיר געקו־ץ, ווען איך וואָלט גרינג געשעצט

אַזעלכע וויכטיקע פּערזאָנען ווי שלאָסער און אַזעלכע וויכטיקע אַנגעלעגנהייטן, ווי די, וואָס מיר ביידע האָבן היינט דערלעדיקט, עס זענען פאַרהאַן — האָט מאַק צוגעגעבן מיט אַ בעלערנדן טאָן — אַזעלכע פּערזאָנען און פראַגן, פאַר וועלכע מיר מוזן האָבן אַ בעוונדערן דרך-ארץ און מאַכן פאַר זיי אַ געוויסן אויסנאַם.

ווייס איך, וואָס דו זאָגסט? — האָט מאַוד אַ ביסל זיך באַרוענדיק, געענטפערט, נישט קאָנענדיק פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן עס אַ מענטש אייביק נאָר פון געשעפטן טראַכטן — כ'האָב נעכטן אַזוי אונגעדולדיק געוואַרט, און — זיך נישט דערוואַרט אויף דיר. געוואַרט, איבריגענס האָב נישט נור איך, דיין אומגליקליכע מאַוד, נאָר געוואַרט האָט אויך מיט דער זעלבער אונגעדולד אונדזער עדיט, וועלכע האָט נעכטן געפייערט איר געבורטס-טאָג.

— נעכטן איז געוועזן עדיטס געבורטס-טאָג? — האָט אַלאַן אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט געפרעגט, מיינענדיק, אַז מאַוד נאַרט אים אָפּ.

— יאָ, און זעסטו, וואָס הייסט אַזוי פיל אַרבעטן: דו האָסט אַפילו וועגן דעם אינגאַנצן פאַרגעסן! אַ שיינער טאַטע, כ'לעבן.

די לעצטע ווערטער און פאַרוואָרפן האָט מאַוד אַרויסגעזאָגט מיט אַ שאַרפן טאָן, וואַרפנדיק אויף איר מאַן צאָרנדיקע בליקן.

מאַק איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, מיט אַ האַלב אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף מאַודס גערעכטע פאַרוואָרפן און ווערטער, און זיך געפילט שטאַרק שולדיק פאַר איר און גאָכמער, פאַר זיין קליינער עדיט.

— גאָט מיינער! — גאָט מיינער האָט ער אין גרעסטן פאַרדרוס געטראַכט — ווי האָט עס געקאָנט געשען, אַז איך זאָל אין דעם אין גאַנצן פאַרגעסן? ערשט נעכטן האָב איך וועגן דעם געטראַכט, וואָס פאַר אַ מתנה עדיטן צו ברענגען צו איר געבורטס טאָג, און דאָ האָסטו דיר — אינגאַנצן פון קאָפּ אַרויס, אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם, סאיז טאַקי באמת אַ גרויסע חרפה און אַ געמיינהייט פון מיין זייט.

— נו, וואָס זאָל איך טון ליבע מאַוד מיינע — האָט מאַק נאָך

אַ קורצער פּויזע זיך געװענדעם צו זיין פרוי — װאָס זאָל איך טו!
אַז די אַרבעט האָט מיך די לעצטע צייט אינגאַנצן איינגע-
שלונגען; נאָר כ'שווער דיר, מיין, טייערע, אַז דאָס האָט נאָר
עֶ קאָנט געשען ביים אָנהויב' ביים ערשטן סטאַדיום פון מיין אַרבעט
גאייך בין מער ווי זיכער און קאָן דיר שווערן, אַז מיט דער צייט
וועט זיך דאָס ענדערן. כ'וועל אַרבעטן נאָר אויף אַזוי פיל, וויפיל
מיין לאַגע, אַלס מאַן און פאָטער, פאָדערן פון מיר און נישט מער!

ביי מאַקס דאָזיגע ווערטער איז מאַוד אויפגעשפרינגען פון
אָרט האָט זיך נאָך מער צעוויינט און געזאָגט צו מאַקן:

— וויפיל מאָל הער איך שוין פון דיר אַזעלכע ווערטער?
וויפיל מאָל האָסטו מיר שוין צוגעזאָגט, פייערליך צוגעזאָגט, אַז
מ ר וועט שוין אַזעלכעס נישט פאָרקומען און נישט קוק:דיק אויף
דעם, ווערסטו מיט יעדן זונטיק אַלץ ווייניגער גאַסט אין דערהיים
און ווען ס'וועט גיין אַזוי ווייטער, וועט געוויס קומען דערצו, אַז
דו וועסט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז דו האָסט אַ פרוי און קינד.
אייגנטליך, — האָט מאַוד מיט אַ וואַקסנדן צאָרן ווייטער גערעט —
אייגנטליך האַלט עס שוין איצט זער נאָנט דערפון, אַז דו זאָלסט
פאַרגעסן אָן דיין פרוי און קינד. וואָס דאַרף מען אַ בעסערע ראיה
דערצו ווי דער טרויעריקר פאַקט וואָס איז מיט דיר פאָרגעקומען
נעכטן: אַ טאַטע זאָל פאַרגעסן אָן דעם געבורטס-טאָג פון זיין
בת-יחודה — דאָס איז נאָך, קאָן מען דרייסט זאָגן, נישט געהערט
געוואָרן צווישן אַנשטענדיגע מענטשן זינט די וועלט שטייט. אַלץ
אויף דער וועלט, מאַק, מוז האָבן אַ שיעור און אַ גרענעץ. אַרבעט,
ענערגיע שטרעבונגען רייך צו ווערן זענען אויך נישט אויסגעשלאָסן
פון דאָזיקן געבאָט און וואָס טויגן מיר דיינע גראַנדיעזע פלענער
מיט זייערע קונפטיקע אוצרות, ווען דו ביזט געוואָרן אויס מענטש
און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין אויטאָמאַט, וואָס האַלט מעכאַניש
אין איין אַרבעטן און וואָס געטליכעס און מענטשליכעס איז אים
אינגאַנצן פרעמט.

וואָס איז דאָס, האָט מאַוד אַלץ מער און מער געוויינט און
געכליפּעט, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? אָנצוזען דעם מאַן ביי
זיך אין דערהיים זעלטן אַמאָל און צווען, ווי זיינע בעסטע גע-

פילן אלס מענטש, מאן און פאטער ווערן אינגאנצן אטראפירט, האבנדיק אין זין נאר ביזנעס, נאר ארבעט און ארבעט.

מאק איז געשטאנען פאר זיין פרוי רויט פון בושה. ער האט ביז איצט נאך קיינמאל מאודן אזוי אויפגערעקט נישט געזען.

אויסהערנדיק איר שארפע רעדע, פול מיט פארדינטע פארווורפן, האט מאק זיך פארענטפערט טפאר זיין פרוי און, אנערקענענדיק זיין שולד בנוגע איר, געבעטן זי נעמען אין באטראכט דעם אומשטאנד, וואס ער האט אויף זיך גענומען ארבעט און פליכטן, מער ווי זיינע כחות האבן עס אים דערלויבט, אז ער האט עס לכתחילה נישט געקאנט פארויסזען, אז זיין גרויסע ארבעט וועט אים אפרייסן פון זיין הייס געליבטער פרוי און קינד און אז — די הויפט זאך — דאס וועט נישט לאנג דויערן, אינגיכן וועט זיין ארבעט פארלייכטערט ווערן דורך א ריי מיטארבעטער און ער מאק, וועט שוין ווידער אימשטאנד זיין צו פירן דאס פריערדיקע לעבן, צו איר, מאודס, פולער צופרידנהייט און גליק, צום סוף האט ער מאודן געבעטן, זי זאל זעען דערווייל זיך אמוזירן, באזוכן קאנצערטן און טעאטער.

— איך דאנק דיר פאר דיין עצה — האט מאוד מיט א איראניע געענטפערט — איך טו עס שוין זייט עטליכע וואכן, נאר דאס האט קיין שום ווירקונג נישט געהאט. די טעאטערס, קאנצערטן און מיינע מוזיק-לעקציעס זענען נישט אומשטאנד געווען צו פארטרייבן מיין מרה-שחורה און לאנגווייליקייט און אוך לייד, איך מאטער זיך צן א שיער.

מאק האט געשאקלט מיטן קאפ, אלס צייכן, אז ער פארשטייט זיין פרוי און האט מיט איר מיטלייד.

— נו וואס זאל איך טון, ליבע מאוד, וואס טוט מען מיט דיר? אפשר וועסטו אויף עטליכע וואכן ארויספארן אויף א זומער-וווינונג אין בארקיער?

מאוד האט שנעל אויפגעהויבן אויף מאקן איר קאפ און האט מיט נאסע אויגן באטראכט איר מאן.

— ווילסטו, הייסט עס, פון מיר אינגאנצן פטור ווערן? — האט זי אים געפרעגט.

— אום גאָטעס ווילען, מאַוד? — פאַרוואָס זאָלסטו אַלץ אָנגעמען פון דער שלעכטער זייט? פאַרוואָס שרייבסטו מיר צו אָן שום גרונד אַ זעלכע שלעכטע און בייזע כונות? זאָלסט וויסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מאַוד, אַז טויזענדיק עפּיס, מיין איך נור דיין טובה און זיך דיר וואָס מער גוטס צו פאַרשאַפען, כ׳האָב אויף דיר גאַנץ אויפריכטיק שטאַרק רחמנות.

— כ׳וויל ניט, מאַק, דו זאָלסט אויף מיר רחמנות האָבען — האָט מאַוד געענטפערט, ווידער שטארק זיך פונאַנדערוויינענדיק — כ׳וויל נאָר, דו זאָלסט מיך בעהאַנדלען, ווי יעדער אַנשטענדיגער מאַן בעהאַנדלט זיין פרוי, און פון מיר אַזוי זיך ניט דערווייטערן.

מאַק האָט זיין פרוי אַנידערגיזעצט צו זיך אויפ׳ן שויס, האָט זי אָנגעהויבן קושען און מיט צערטליכע ווערטער פון ליבע בערוהיגן און שווערן, אַז ער האָט זי ליב ווי פריער, אַז איר מורא, אַז ער, מאַק, זאָל האָבען געוואָרן אָבגעקילט צו איר, האָט קיין שום גרונד ניט און אַז אַלע אירע פאָרווורפען אין דעם דאָזיקן זין זענען ניט קיין פערדינטע...

— אַלזאָ, מאַוד—האָט מאַק זיינע פערטיידיגונגס-ווערטער געענדיגט — היינט אין אָוונט קום איך אַהיים און וועל זיך שוין פון היינט אָנאויפפירן ווי דו פאַרלאַנגסט.

מאַוד האָט אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן און צופרידן וואָס זי האָט געווירקט אויף מאַק׳ן, ער זאָל ווערן בנוגע איר ערזועלבער ווי פריער, האָט זי אים געזאָגט:

— גוט, אָבער ווען דו וועסט קומען שפעטער פון האַלב ניין, וועלן מיר זיך מוזן גט׳ן, דו הערסט, מאַק? — און ביי די דאָזיקע ווערטער איז מאַוד׳ס געזיכט שטאַרק רויט געוואָרן.

— דו לאַכסט, מאַק? נאָר כ׳שווער דיר ביי מיין לעבן, אַז איך האָב וועגן דעם ניט איינמאָל שוין גאַנץ ערנסט געטראַכט.. צוזאַ משוגעת איז מיר אַריינגעפאַלן אין קאָפּ אַריין.

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זי זיך צוגעטוליעט צו מאַק׳ן, האָט אים אַרומגענומען און צוגעפּרעסט אירע הייסע באַקען צו זיין ברוינעם געזיכט און שטילערהייט אים געזאָגט:

כ׳האָב דיר אָבער פאָרט ליב, מאַק, און ליב דיך אָן א שיעור — אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פרייד, וואָס זי האָט „שלום־געמאַכט״ מיט איר מאַן, הגם זי האָט וועניג געגלויבט אין זיינע הבטחות אַז ער וועט זען וואָס מער מיט איר צו פאַרברענגען און אָפטער און לענגער פאַרבלייבן אין דערהיים. נאָר אַראָבלאָזנדיק זיך מיט דער ווינדע, האָט מאַוד׳ן א ביסל אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס זי האָט א״ר מאַן אַזוי פיל עגמת־נפש פאַרשאַפט מיט אירע פאָרוווּרפן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי מאַק איז געוואָרן איבערראַשט, דערזעענדיק זי אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד, וואָס פאַר א זאָרג און מורא ס׳האָבן דעמאָלט אויסגעדריקט זיינע אויגן. יאָ, זי האָט אביסל אָנגעהויבן חרטה האָבן, וואָס זי האָט איר מאַן אַזאַ סצענע געמאַכט. וואָס, האָט זי זיך געטראַכט, קאָן מאַק איצט וועגן מיר טראַכטן און ווי אַזוי קאָן ער מיך ליב האָבן, נאָכדעם, ווי כ׳האָב זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ עגאָאיסטקע און פאַר א פרוי, וואָס איז נישט אימשטאַנד אָבצושאַצן די גרויסע וויכטיגקייט פון איר מאַנס אַרבעט און טעטיגקייט. און ווי נאַריש איז עס פון מיין זייט געווען — האָט מאַוד ווייטער געטראַכט — וואָס איך האָב גערעדט וועגן גט׳ן זיך מיט אים. דאָס גיז דאָך אַזוי נאַריש און אַזוי לעכערליך געווען צו דערמאַנען, אַז איך קאָן זיך עס בשום אופן נישט מוחל זיין, און ביים געדאַנק, אַז זי האָט דורך א דראָהונג מיט אַ גט געוואָלט ווירקן אויף איר מאַן, איז מאַוד שטאַרק רויט געוואָרן פון בושה.

נאָך דער סצענע, וואָס האָט זיך אָפגעשפּילט אין לאָקאַל פונ׳ם טונעל־סינדיקאַט צווישן מאַוד׳ן און איר מאַן, האָט אַלאַן באַפוילן זיין טרייען דינער ליאָן, ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל זען, אַז דריי פערטל אַכט אין אָוונט, זאָל ער, אַלאַן, אַוועקוואַרפן זיין אַרבעט, ליאָן האָט דעם דאָזיגן באַפעל פונקטליך אויסגעפירט און אַלאַן האָט אויף מאָרגן אַכט א זייגער אין אָוונט שוין געהאַט פאַרלאָזן די לאָקאַלן פון סינדיקאַט־בנין און איז שוין געשטאַנען אין איינעם פון די גרעסטע מאַגאַזינען, איינקויפנדיק דאָרט פאַרשידענע מתנות פאַר עדיט׳ן און פאַר מאַוד׳ן.

זי איז דאך אייגענטליך פאלשטענדיג גערעכט — האט אלאן געטראכט פארנדיק אויף זיין אויטא צו זיך אהיים — און אזוי זיך אויפפירן ווי ביז איצט טאר און קאן נישט געדולדעט ווערן אין אנ'ארנטליכער געזעלשאפט און אנשטענדיגער סביבה און דאס, וואס איך האב אויף זיך ארויפגעלעגט אזא שווערע לאסט פון ארבעט מוז אזוי שטארק אנשטרענגען אלע מיינע כוחות, סיי די פיזישע און סיי די גייסטיקע — קאן ווע...: פארטיידיקן און באַרעכטיקן מיין אויפירונג בנוגע מיין פאמיליע.

קומענדיק צו אזא באשלוס, האט אלאן געטראכט וועגן דעם ווי אזוי ער זאל פון איצט אן איינארדנען זיין לעבן און ארבעט, אז ער זאל אלס מענש, מאן און פאטער זיך אויף ווייטער אויפפירן קארעקט און מער נישט פארדינען פארווארפן פון זיין פרוי, נאר די אלע מחשבות וועגן דעם האבן אלאנ'ען צו קיין שום באשטימטן באשלוס נישט געבראכט. און ווי שטארק דער גוטער ווילן מאק'ס איז ניט געווען, זיין ארט לעבן צו ענדערן אין דעם דאזיגן זין, איז דאס אים שפעטער דאך נישט געלונגען. די פארשידענע התחייבות'ן און ארבעט, וואס דער טונעל האט אויף אים ארויפגעווארפן, האבן אים וואס שפעטער אלץ מער אריינגעצויגן אין דעם דאזיקן שווערן יאך און ביסלעכווייז איז מאק אלאן געווארן אנ'אמת'ער קנעכט פון זיין גרויסן פראיעקט, אזוי, אז ער האט דעם דאזיקן שווערן יאך שוין בשום אופן נישט געקאנט ארארבווארפן פון זיך. די אלע וואקסנדע דאגות, זארגען און ארבעט האבן אויף אנ'אכזריות'דיגן אופן פארשקלאפט זיין גייסט און אלאנ'ען געמאכט פאר א מין אויטאמאט, וועלכער האט שוין פאלשטענדיק אויפגעהערט צו טראכטן וועגן זיינע מענשליכע פליכטן, וועגן דעם וואס ער האט צוגעזאגט זיין פרוי, בעת דער סצענע אין סינדיקאט-בנין.

— נו, וואס זאל איך טון, — האט מאק צייטנווייז, ברעכנדיק די הענט פון פארצווייפלונג, געקלאגט אויף זיין גורל, — וואס זאל איך טון אז די ארבעט און די פארפליכטונגען דריקן מיך ווי א בארג און איך בין לחלוטין נישט בכח דעם דאזיקן שווערן בארג פון דאגות און פליכטן ארצבצווארפן פון מיינע פלייצעס.

XI.

מאַוד האָט פֿון איצט אָן אויפֿגעהערט צו האָבן פּרעטענזיעס צו איר מאַן, דערפֿאַר וואָס ער איז אַזאַ זעלטענער גאַסט אין דער היים. איבערצייגנדיק זיך, אַז ער טוט עס נישט בכיון, אַז ער איז נישט מער ווי אַ „קנעכט פֿון די אומשטענדן” און דער עיקר, אַז אַז זיין אַבגעשוואַכטער אינטערעס צום פֿאַמיליען לעבן איז נישט קיין רעזולטאַט פֿון אַנ'אָבגעקילטער באַציהונג צו זיין פֿאַמיליע, אָדער דערפֿון וואָס ער האָט צו טון מיט אַנדערע פֿרויען — האָט מאַוד איצט מאַקן גרויסאַרטיק אַלץ מוחל געווען. זי האָט זיך אויפֿגעהערט צו קלאָגן אויף איר שווערן גורל און האָט נישט אַרויסגעוויזן אַפֿילו דעם מינדעסטן צייכן פֿון אונצופֿרידנהייט, ווען מאַק פֿלעגט מיטנעמען מיט זיך אַהיים אַרבעט אויף אַ גאַנצן זונטיקדיגן טאָג. זי האָט געוויסט, אַז איר מאַן האָט איצט גענומען אויף זיך אַנ'איבערמענשליכע אַרבעט, און אַז די דאָזיקע פֿילפֿאַכיקע און שווערע אַרבעט פֿאָדערט אַנ'אונגעווענליכע אָנשטרענגונג פֿון אַלע זיינע כּוחות. מאַוד האָט זאָגאַר אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז די דאָזיקע שטענדיקע אָנשטרענגונגען זאָלן נישט ווירקן אויף זיין געזונט-צושטאַנט און פּסיכיק. און, מורא האָבנדיק פֿאַר דעם, האָט מאַוד איצט געפֿונען פֿאַר איר פֿליכט אים זיין שווערע לאַסט ווי מעגליך צו פֿאַרלייכטערן און די עטליכע שעה, וואָס ער פֿאַרברענגט זונטיק אין דערהיים, אים צו פֿערשאַפֿן פֿאַרגניגן און בכלל אַרומרינגלען מיט צערטליכקייט און איבערגעגעבנהייט צו אים.

מאַוד איז געווען זעהר פֿרעליך, האָט געזונגען און געשטיפֿט ווי אַ ייִנג מיידל און מיט קיין שום זאַך האָט זי נישט אַרויס-געוויזן די שווערע דאגות און געפֿילן, וואָס האָבן געדריקט איר האַרץ אַלס ליבענדע פֿרוי.

דער זומער איז אַריבער און ס'איז אָנגעקומען דער קאַלטער הערבסט. די בלעטער אין בראָנקס-פּאַרק זענען נאַס געוואָרן און אין געדיכטע מאַסן אַראָבגעפֿאַלען פֿון די צווייגן. אין דרויסן האָט זיך שוין געפֿילט דאָס קאַלטע אָטעמען פֿון בייזן ווינטער. מאַק

האָט געפּ־עגט זיין פרוי אויב זי האָט נישט קיין חשק זיך צו באַ־זעצן אין דער באַראַק שטאָט, ווו ס'קומט פאַר די הויפּט אַרבעט ון טונעל, און ווו מאַק'ס „שטאַב" געפינט זיך איצט. מאוד האָט פאַרבאָרגן פון איר מאַן איר ערשטוינונג, וואָס זיין פראַגע האָט אַרויסגערופן, און אים געענטפערט, אַז זי איז גרייט דאָרט זיך צו באַזעצן, ווען ער, מאַק, פאַרלאַנגט עס גור.

— בערעכן — האָט מאַק געענטפערט — אַז דאָס וואָלט געווע גאַנץ גלייך און באַקוועם פאַר אונז, מיר זאָלן פאַרלאָזן בראָנקס און זיך באַזעצן אין טונעל סוטי, ווו מיר קומט אויס צו פאַר. ברענגען דאָס רוב צייט. כ'האָב אָבער מורא, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז דו וועסט זיך דאָרט פילן איינזאַם און ס'וועט דיר דאָרט לאַנגווייליק זיין.

— האָסט אַ טעות מאַק. מיר וועט דאָרט נישט ערגער זיין ווי אין בראָנקס, — האָט מאַוד לאַכנדיק געענטפערט.

איבערציען זיך אין טונעל סוטי, דאָבן די אַלאַנס געזאָלט אָנהויב פריהלינג, אָבער מאַכענדיק די הכנות דאָרט זיך צו באַזעצן, האָט מאוד טרויריק געטראַכט.

— מיין גאָט! דאָס האָט מיר נאָך געפעלט — מגולגל צ ווערן אין דעם דאָזיקן צעמענט-מדבר נאָר — האָט זי מיט אַ רע־יגנאַציע־געפיל באַשלאָסן — לאָז שוין זיין, ווי ס'איז און איך וועל זטון, וואָס ער פאַרלאַנגט.

אָבער כדי זי זאָל אין דעם „צעמענט-מדבר" נישט אַראָב פון זין צוליב לאַנגווייליגקייט, האָט מאוד, נאָך מיט עטליכע חדשים פריהער איידער זיי זענען אַהין אַריבערגעפאָרן, באַשלאָסן זיך צו נעמען צו אַנ'אַרבעט, וואָס קאָן פאַריאָגן די שווערע גע־דאַנקען, וואָס נעמען זיך פון לעדיק גיין, לאַנגווייליגקייט און בענקשאַפט. איר איז שוין לאַנג איינגעפאַלן אין קאָפּ אַנ'אידעע יך צו נעמען צו וועלכער עס איז נוצליכער טעטיקייט. אין דעם האָט מאוד געזוכט דאָס איינציקע מיטל צו געבן איר לעבן עפּעס אַ געזונטן אינהאַלט. און נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט מאוד דעם דאָזיקן געדאַנק טאַקי שנעל פאַרווירקליכט. זי האָט באַשלאָסן צו

װערן אַ „באַרמהאַרציקע שװעסטער” און פֿעלדשערן. װאָס קאָן זײַן נוצליכער און ערהאַבענער פֿון אַזאַ טעטיקײט פֿאַר אַ פֿרױ פֿון דער געזעלשאַפֿט װי, מאָוד? כּדי צו זײַן אַ באַרמהאַרציקע שװעסטער, מוז מען באַזיצן פֿיל מענטשן-ליבע און רחמנות, דאָס איז נישט קײן פּוסט שפּיל אין פֿילאַנטראָפּיע, מיט װעלכער פֿיל רײַכע פֿרױען פֿאַרנעמען זיך אָן דער מינדסטער אינערליכער נײגונג דערצו, נאָר סתּם אַזױ, װײַל דאָס איז אַרײַן אין דער מאָדע, נײַן, איר פֿילאַנטראָפּיע האָט גאָר אַנ׳אַנדער יסוד׳

מאָוד האָט נאָך אין מיטן זומער אָנגעהױבן צו אַרבעטן אין קינדער-קליניק פֿונ׳ם באַרימטן דאָקטאָר װאַסערמאַן און אין משך פֿון דער קורצער צײַט זיך אױסגעלערנט צו זײַן אַ גוטע באַרמהאַרציקע שװעסטער, זי האָט ערװאָרבן די נױטיקע טעאָרעטישע ידיעות דערצו און האָט באַשלאָסן תּיכּף אָנצוהױבן אַרבעטן אַלס אַזעלכע אין שפּיטאָל פֿון דער באַראַקן-שטאָט.

מאַק איז שטאַרק איבעראַשט געװאָרן, דערװיסנדיק זיך פֿון זײַן פֿרױ׳ס „פֿאַנטאַזיע”. נאָר אַלס הײסער און איבערצײַגטער אָנהענגער פֿון אַרבעט און קאָכעדיקע טעטיקײט, איז מאָוד׳ס המצאה אים שטאַרק געפֿעלן געװאָרן. נאָר פֿערטיפֿט אין געדאַנקען װעגן דעם נײַעם לעבן װאָס זײ שטײט פֿאָר צו פֿירן אין טונעל-סוטי, האָט מאַק זיך פּלוצלינג שטאַרק פֿונאַנדערגעלאַכט. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס בילד װי זײַן פֿרױ װעט, אָנגעטון אין קלײדער פֿון אַ באַרמהאַרציקע שװעסטער, אַרבעטן אין שפּיטאָל פֿון טונעל-סוטי און װאָס פֿאַר אַנ׳איבעראַשונג דאָס װעט זײַן פֿאַר דער גרױסער געזעלשאַפֿט, צו װעלכער זײ געהערן.

— אַ קשיא אױף אַ מעשה — האָט מאַק זיך געטראַכט — ס׳קאָן זײַן, אַז מאָודס בײַשפּיל װעלן אַ סך נאָכטון און אײַניקן װעלן מיר אין פֿיל שפּיטאָלן טרעפֿן באַרמהאַרציקע שװעסטער פֿון דער הױכער געזעלשאַפֿט: פֿרױען, טעכטער און שװעסטער פֿון די מיליאַרדערן און געלד-פֿירשטן. און װער װײסט? אפשר װעט זיך עטיל

לאָיד נאָך אויך נעמען דערצו און אין טונעל-סוטי אין איינעם פון די שפּיטאָלן אָנהויבן צו „קאָנקורירן" מיט מאַודן?

— נישט האָבנדיק בכלל גאָרנישט געגן זיין פרוי'ס המצאה, האָט מאַק דאָך זיך סקעפּטיש בעצויגן צו דעם דאָזיקן שריט אירן, ער האָט געצווייפלט, צי מאַוד'ס פּלאַן וועט קאָנען מיט זיין גאַנצער ערנסט דורכגעפירט ווערן און צו איר נייע ראָליע וועט האָבן אַ קיום. מאַק האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ טעטיקייט וועט מאַוד'ן גיך נמאס ווערן, אַז זי טוט עס אייגנטליך פון לאַנגווייליקייט און דעי-ריבער קאָן מאַוד'ס שריט נישט גענומען ווערן ערנסט. נאָר אַזוי ווי שאָדן יעדנפאַלס קאָן עס נישט, האָט מאַק אויסגעדרוקט זיין פולע צופרידנהייט, וואָס מאַוד נעמט זיך צו עפּעס וויכטיגעס און רעאַלעס און איר געוווּנשן ערפאָלג אויפ'ן נייעם וועג פון איר פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. און מאַוד, וועלכע האָט די לעצטע צייט איבערגעלעבט אַזעלכע שטאַרקע מאָראַלישע יסורים, צוליב דעם, וואָס זי האָט פערלוירן די זיכערקייט אין איר גליק, האָט אָנגעהויבן צו פערשטיין, אַז דאָס אמת'ע גליק פון אַ פרוי בע-שטעט נישט בלויז אין ליבע. זי איז געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז כדי פאָלשטענדיק גליקליך צו זיין, איז פאַר אַ נאָך וועניק צו ליבן און געליבט צו זיין, אַז זי האָט נאָך פיל אַנדערע באַדערפנישן פון מאָראַלישן כאַראַקטער, וואָס מוזן אויך באַפרידיקט ווערן, פונקט ווי דאָס געפיל פון ליבע.

דריטער טייל

I

דערווײַל האָבן מאַקס בויער-מאַשינען שוין באַוויזן אויף די פֿינף אַרבעטס-צענטראַלע זיך טיף אַרײַנצוגראָבן אויף מײַלן ווײַט אין דער פֿינסטערניש פֿון דער ערד אונטערן ים. די טונעל אַרײַנפֿאַלן זענען געשטאַנען ווי צוויי שרעקליכע טויערן, וואָס פֿירן אין די אונטער-וועלט אַרײַן. טאָג און נאַכט, — אָן שום פּויזע און איבעררײַסונגען, האָב זיך צו די דאָזיגע שרעקליכע טויערן געצויגן לאַנגע צוגן מיט משאות.

טאָג און נאַכט אָן אויפֿהער האָט דאָס אומגעהויערס מויל פֿון דעם טונעל-אַרײַנפֿאַל אַרײַנגעשלונגען און זיך אַרבעטער און מאַטעריאַל-צוגען און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך לאַנגע צוגן מיט ערד-ליים און זאַמד. פֿון טאָג צו טאָג זענען די אַרבעטער-אַרמעען אונטער דער לײַטונג פֿון גאַנצע באַטאַליאָנען אינזשיניערן אַרײַנגעדרונגען טיפֿער און טיפֿער אין די אינעווייניגסטע שיכטן פֿון דער ערד.

מאַק אַליין האָט ווי געפֿירט אַ פֿאַרביטערטע מלחמה מיט דער צײַט. ער האָט געריסן, איז געלאָפֿן און זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו זײַן ציל דורך שטיינערנע ווענט, דורך דער טיפֿעניש פֿון דער ערד.

ווען מאַק אַליין וואָלט נישט געהאַט ערפֿונדן זײַן אויסערגעוויינליך שטאַרקן אַלאַן-שטאָל און וואָלט זיך נישט געקאָנט באַנוצן מיט די מאַשינען פֿון דער לעצטער קאָנסטרוקציע, מיט איין

וואָרט, ווען ער וואָלט נישט געקאָנט אויסנוצן „דאָס לעצטע וואָרט"
פון דער טעכניק פאַר זיין גרויסער און פילפאַכיגער טונעל-אַרבעט
וואָלט דער טונעל נישט געקאָנט פאַרענדיגט ווערן אין נײַנציג יאָר.
נאָר אַלאַן האָט אין גאַנצן זיך ענטזאָגט פון די אַרבעטס-מעטאָדן
ביי וועלכע די אינזשינערן האָבן זיך ביז איצט געהאַלטן. ער האָט
געאַרבעט ניט אַכט שעה אין מעת לעת, נאָר גאַנצע פיר און
צוואַנציק שעה. ער האָט געאַרבעט זונטיק און אפילו אין אַלע
יום-טובים און אויף אַזאַ אופן האָט ער דערגרייכט זעקספאַכיגע
רעזולטאַטן.

דאָס אָרט, ווו די בויער-מאַשין האָט געאַרבעט, האָט דאָס
פאָלק אַ נאָמען געגעבן דער גיהנם. דער ליאַרם און גערויש זענען
דאָ געווען אומגעהויער, אַז קיין מענשליך אויער און מענטשליכע
נערוון האָבן זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. כמעט אַלע אַרבעטער
זענען טויב געוואָרן פון אַזאַ אַרבעט אין „גיהנם" נישט קוקענדיק
אויף דעם וואָס זייערע אויערן זענען געווען פאַרשטאָפּט מיט
וואַטע.

די מאַשינען האָבן דורכגעלעכערט די בערג מיט אַזאַ פאַר-
טויבענדען גערויש אַז מ'האָט געמוזט האָבן אייזערנע נערוון עס
אַריבערצוטראָגן, דער געלעכערטער באַרג האָט ווי פון ווייטיק
אויף געשריגן נאָך מיט אַ מער קריצענדען און הילכיגען קול און
די אַלע קולות האָבן די מענטשליכע נערוון געריסן ווי מיט
צוואַנגען.

יאָ, די געפערליכסטע און שרעקליכסטע אַרבעט פלעגט
פאָרקומען אָט דאָ, פאַר די טירן פונ'ם דאָזיקן גיהנם און ס'פלעגט
נישט אַוועקגען קיין טאָג די אַרבעט זאָל געבן עטליכע פאַר-
וואונדעטע און טויטע.

די דאָזיקע אומגעשליכע ענערגיע און אַרבעט האָבן גע-
בראַכט דערצו, אַז צום סוף פונ'ם צווייטן יאָר איז דער טונעל פון
דער אַמעריקאַנישער זייט שוין געווען אויסגעגראָבן אויף אַ מרחק
פון 95 קילאָמעטער און אויף דער דאָזיקער לאַנגער שטרעקע און
טער דער ערד האָט טאָג און נאַכט אָן אויפהער געפלאַקערט און

גערוישט די אַרבעט און אַלאַן האָט דאָס דאָזיקע אָרט נישט פֿער־לאָזט אַפֿילו אויף קיין רגע. ער האָט צוגעגעבן חשק מוט און ענערגיע די אַרבעטער אינזשענערן און זיי אַלע געבראַכט צו דער גרעסטער אָנשטרענגונג פֿון זייערע כּחות. ביז צום סוף פֿונ׳ם צווייטן יאָר זענען די אינעווייניגסטע טיפֿנישן פֿון דער ערד, ווו דער טונעל גייט דורך, צעריסגעשלעפּט געוואָרן בלויז שטיינער, אַזוי פֿיל, אַז פֿון זיי וואָלט מען געקאָנט אויסבויען אַ ריזיקע וואַנד פֿון ניו־יאָרק ביז בופֿאַלאָ.

מיט דער צייט זענען די פּראָוויזאָרישע בנינים, די באַראַקן פֿון די טונעל־שטעט פֿערשוונדן געוואָרן און אויף זייער אָרט זע־נען אויסגעוואַקסן ריזיקע מאַשינען־געביידעס, קראַפֿט־סטאַציעס און פֿאַרשידענע פֿיל שטאָקיגע הייזער. באַלד איז אין צענטר פֿון אַזאַ שטאָט אויסגעוואַקסן אַ צוועלף־שטאָקיג וואַרענהויז, ווו מ׳האָט גע־קאָנט קויפֿען וואָס אַ מויל קאָן נאָר אויסרעדען. די ברייטע גאַסן פֿון די טונעל־שטעט האָבן זיך געצויגן גראָד ווי אַ שנור און ער־טערווייז זענען פֿון איין רײ הייזער ביז דער אַנדערער אַריבער־געוואָרפֿן געווען לאַנגע און ברייטע בריקן, איבער וועלכע ס׳פֿלעגן יעדע עטליכע מינוט זיך אַריבערטראָגן מיט אַ גערויש און זשו־מעריי לאַנגע צוגן מיט משׂאות און פּאַסאַזשירן. אין מיטן פֿעלד איז געשטאַנען, אײַנזאַם און ווי פֿאַרגעסן פֿון אַלע, אַ גע־בײַדע וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ סינאַגאָגע. דאָס איז געווען דאָס שטאָטישע קרעמאַטאָריום מיט לאַנגע און לעדיקע קרייץ־גענג. איין גאַנג איז שוין פֿול געווען מיט באַהאַלטענע קרוגן מיט אַש פֿון די פֿאַרברענטע טויטע קערפּערס. זיי אַלע זענען פֿערזען געווען מיט גלײַכע אויפֿשריפֿטן אויף ענגליש, דײַטש, רוסיש, איטאַליעניש, כינעזיש און אַנדער שפּראַכן. די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן האָבן ענטהאַלטן אין זיך די נעמען פֿון דעם, וועמ׳ס אַש עס ליגט דאָ באַהאַלטן, און דערבײַ איז געווען דערמאַנט, אַז דער פֿאַרשטאָרבענער איז אומגעקומען בײַם בוי פֿון אַטלאַנטיק־טונעל, בעת אַן אויפֿרײַס פֿון דינאַמיט, איבערגעפֿאָרן פֿון אַ צוג א. אַ. וו. די אַלע, וועמענס טויטע קערפּערס מ׳האָט פֿאַרברענט

אין שטאָטישן קרעמאַטאָריום. זענען געפֿאַלן בעת דער אונגעהויער־געפֿערליכער ארבעט ביים אַטלאַנטיק־טונעל און זעלטן ווער פֿון זיי איז מיט אַ נאַטירליכן טויט געשטאָרבן. ווייטער אַ ביסל שוין נאָנט צום ים, זענען געלעגן די ווייסע נייע שפּיטאָלן, געבויט לויט׳ן לעצטן וואָרט פֿון דער טעכניק און היגיעניע און נישט ווייט פֿון דאַנען, אַ ביסל אָן אַ זייט, איז אין אַ געדיכטן פֿרישן גאָרטן געשטאַנען אַ נייע ווילע, דאָס איז געווען מאַוד׳ס הויז.

II

אין דער דאָזיקער געמיטליכער ווילע האָט מאַוד זיך באַזעצט און איינגעאָרדנט מיט איר טעכטערל שוין זײַט עטליכע וואָכן. מאַוד האָט זיך איצט מיט דער גרעסטער התלהבות איבערגעגעבן דער גרויסער זאַך פֿון פֿאַרלײַכטערן די ליידן און שמערצן פֿון די אומגליקליכע ארבעטער. זי איז געווען די פֿאָרשטעהערן פֿון קאָמיטעט אויף צו זאָרגן פֿאַר די פֿרויען און קינדער, וואָס הויבן זיך אָן צו ערהאָלן פֿון זייער קראַנקהייט. חוץ דעם האָט מאַוד אויך אָנגעהערט צום קאָמיטעט פֿון דאָקטוירים, וואָס האָט ענערגיש און נוצליך געאַרבעט אויפ׳ן געביט פֿון היגיענע, דורכפֿירענדיק מיט ערפֿאָלג אין לעבן די היגיענע פֿון אַרבעטער־וווינונגען, דאָס פּפלעגן קימפּעטאָרנס און זויג־קינדער; מאַוד האָט אויך פֿון אייגענער איניציאַטיווע געגרינדעט אַנ׳אַרבעטער־הויז און אַ שולע פֿאַר יינגע מיידלאַך, אַ קונדער־גאָרטן און אַ קלוב פֿאַר פֿרויען און יינגע מיידלאַך, ווו עס פֿלעגן יעדן פֿרייטיק פֿאָרקומען קליינע פֿאָרלעזונגען און מוזיקאַלישע פֿאָרטראַגען. מאַוד האָט איצט שוין געהאַט צו טון באַטאָג און באַנאַכט. זי איז פּשוט געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט און כדי אַלץ צו באַווייזן צו דער צייט, האָט זי געהאַלטן ביי זיך אַ סעקרעטאַרן. איר ביישפּיל האָט, ווי מ׳האָט געקאָנט פֿאָרויסזען, געפֿונען אַ סאַך נאָכטוערינס אין דער בעסטער געזעלשאַפֿט פֿון ניו־יאָרק און אינגיכן האָט מען

שוין געקאָנט זען זיך אַרומדרעהן מאַוד'ן אַלס געהילפינס און מיטאַרבעטערנס, לערערנס און פּפלעגערנס, אַלע טעכטער פון די גרעסטע ניו-יאָרקער קאַפּיטאַליסטן און געלט-מאַגנאַטן. אין די איטאַליענישע, רוסישע און פּוילישע קוואַרטאַלן איז מאַוד'ן אויסגעקומען מיט אירע מיטאַרבעטערנס צו פירן אַ שטאַרקן קאַמפּף געגן שמוץ און פיל מיה האָט זיי געקאָסט דאָרט צו פאַרניכטן די נעסטן פון שמוץ און אַנשטעקנדע קראַנקהייטן. מאַוד האָט איינגעפירט אין יענע קוואַרטאַלן אַן'אָרדנונג, אַז אין יעדן הויז האָט געמוזט איין מאָל אַ וואָך געמאַכט ווערן אַ גרינדליכע דעזינפעקציע. מאַוד האָט אויך אין יענער געגנד געגרינדעט אַ ווירטשאַפט-שולע אין וועלכער ס'איז קיין פרייער פּלאַץ נישט געבליבן. ביי דער שולע איז איינגעפירט געוואָרן אַ רייכע ביבליאָטעק, וועלכע האָט די שילערנס געגעבן די מעגליכקייט צו לעזן די בעסטע ווערק פון ליטעראַטור און פּאָפּולערע וויסנשאַפט.

מאַודס פילזייטיגע געזעלשאַפטליכע און פילאַנטראָפּישע טעטיגקייט איז אין גיכן בעוווסט געוואָרן אין גאַנץ ניו-יאָרק און די צייטונגען האָבן, אַנערקענדיק איר אויפריכטיגקייט און די שנאה צו יעדער ביליגער רעקלאַמע, מאַודן שטאַרק געלויבט, אַרויסשטעלנדיק זי אַלס מוסטער פון אַן'אמת'ער ווילטעטערין אין איידלסטן זין פון דאָזיגן וואָרט. און מאַוד האָט זיך איצט געפילט גליקליך. פאַרגעסנדיק כמעט אין גאַנצן אין דער ווונד, וואָס איר מאַן האָט איר פאַרשאַפט דורך זיין נייעם אַרט לעבן. זי האָט איצט אַרבעט, נחת, פרייד, ערפאָלג. אירע איצטיגע באַציהונגען צו מענטשען און צום לעבן זענען פּרוכטבאַרער און רייכער געוואָרן. נאָר אַנאַליזירנדיק ערליך און אָביעקטיוו איר זעלישן צושטאַנד, איז מאַוד, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די סאַטיספאַקציע און צופרידנהייט, וואָס איר געזעלשאַפטליכע טעטיקייט האָבן איר געגעבן, האָבן דאָך נישט געקאָנט זי באַפרידיקן פאַרן גליק, וואָס זי האָט פאַרלוירן.

דריי יאָר האָט מאַוד געלעבט אין פיינסטן העכסטן גליק מיט איר מאַן — ביז דער טונעל איז געקומען און געמאַכט פון

איר גליק אַ תּל, אַוועקרויבנדיק ביי איר מאַק'ן. אמת טאַקע, אַז מאַק האָט זי נאָך איצט אויך ליב, איז צו איר אויפמערקזאַם, ליבענסווירדיג, אָבער דער פערשאָלטענער טונעל האָט בכלל אָפּ־געקילט זיינע געפילן און איצט איז ער נישט דערזעלבער מאַק, וואָס פריער, יאָ, מאַק האָט זיך אינגאַנצן געענדערט אַזוי, אַז ציײטנווייז דערקענט זי אים פּשוט ניט. ווו זענען אַהינגעקומען זיין נאַטירליכער, נישט־געמאַכטער, אַנשטעקנדער געלעכטער, זיין פרע־ליכקייט און שטענדיקע גוטע שטימונג? דאָס אַלץ האָט פער־שלונגען דער טונעל אין אים געמאַכט שטענדיק ערנסט, אָנגע־בלאָזן, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט און אויף זיך אַליין, זינט דער פאַרשאָלטענער טונעל האָט באַהערשט זיין גאַנצע נשמה און גייסט, האָט ער זיך אויך פיזיש שטאַרק פאַרענדערט. ער איז געוואָרן אָבגעצערט, דאַר און זיינע געזיכטס־שטריכן האָבן זיך אויסגעצויגן און זענען פאַרענדערט געוואָרן. שטענדיק אַנ'ערנ־סטער, קאָנצענטרירט אַרום זיין „גרויסער זאַך" האָט מאַק די לעצ־טע צייט פאַרלוירן יעדע פעיקקייט צו לאַכן, זיך צו ערלויבן אַ שטיף טון מיט זיין טעכטערל עדיט, זאָגן אַ גוט וואָרט מאַודן, מיט איין וואָרט, ער איז איצט גאָר, גאָר אַנ'אַנדער מענטש גע־וואָרן, פון וועלכע ס'טראָגט איצט אַזאַ אינערליכע קאַלטקייט...

און מאַוד האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו האַסן און שעלטן דעם טו־נעל, אויף וועלכן זי האָט תחלת אַזעלכע גרויסע האָפנונגען אַ־רויפגעלייגט, און וועלכער האָט אָבער ביי איר דאָס גרעסטע גליק אַוועקגערויבט. און מאַוד האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז נאָך מיט אַ יאָר צוריק געווען נאַאיוו און געשעפּט נחת פון איר מאַנ'ס גרויסער פּאָפּולאַריטעט, ווי איר האָט הנאה געטון, ווען זי האָט געהאַט געלעזן לויב־געזאַנגען פאַר איר מאַן און ווען מ'פלעגט אין די געשעפטן אויף איר, מאַודן טייטען מיט די פינגער און שטי־לערהייט איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז דאָס איז מאַק אַלאַנ'ס פרוי. יאָ, אַזעלכע „נאַרישקייטן" (איצט זענען אַזעלכע באַווייזן פון איר מאַנס פּאָפּולאַריטעט שוין אין אירע אויגן געוואָ־רן „נאַרישקייטן") הויבן שוין איצט מאַוד'ן נישט אָן צו אינטערע־

סירן. זי איז מוחל דעם כבוד, אנערקענונג און ערע, מיט וועלכע די געזעלשאַפט האָט איר מאַן און אינדירעקט אויך זי, מאָוד'ן באַשאָנקען — אַבי נאָר צו קענען פירן אַ לעבן פון אַנ'איינפאַכן פאָר-פאָלק, אַבי נאָר צו זיין אַרימגערינגלט מיט אַנ'אַטמאָספערע פון געגנזייטיקע ליבע און פאַמיליע-גליק. איצט איז מאָוד שוין פאָלשטענדיק גלייכגילטיק געוואָרן צו איר מאַנס גדולה און באַרימטקייט.

— וואָס קומט מיר אַרויס דערפון — האָט זי זיך געטראַכט — וואָס ער איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט און זיין נאָמען ווערט אומעטום מיט אַ מין יראת הכבוד אַרויסגערעדט ? וואָס קומט מיר דערפון אַרויס, ווען זיין גרויסקייט און באַרימטקייט האָבן מיין פערזענליך גליק פער'סמ'ט און פון מיין לעבן די גאַנצע פּאָעזיע צוגענומען.

און ווען מאָוד האָט זיך דערמאָנט, אַז דער „טונעל" שטעט ערשט אינ'ם אָנהויב פון דעם ערשטן סטאַדיום, אַז ס'שטייט נאָך פאָר אסאך יאָרן פון אַזאַ נודנער אַרבעט, ווי ביז איצט, ביז ער וועט פאַרענדיקט ווערן — ווען זי האָט זיך וועגן דעם דערמאָנט, איז איר ביטער געוואָרן אויפ'ן הארצן און דאָס לעבן האָט צייטנ-ווייז פאַרלוירן אין אירע אויגן יעדן גלאַנץ און ווערט. מאָוד האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ס'זענען נישט פאַרהאַן קיין אויסזיכטן, אַז איר לאַגע זאָל זיך מיט דער צייט פאַרבעסערן, אַז איר מאַן וועט אפשר אָבגעקילט ווערן צו זיין „גרויסער זאַך" און ווערן צו איר דערזעלבער, וואָס ער איז געווען פאַר'ן טונעל, און די דאָזיקע טרויריקע אויסזיכטן אויף די צוקונפט האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אירע ליידן און שמערצן. און מאָוד'ן איז פון איצט אָן שווער געווען זיך צו צוקוקן צו דער אַרבעט אַרום טונעל. זי האָט דעם טונעל אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַר איר בלוטיקסטן שונא און ס'האָט זי אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס זי האָט זיך באַזעצט אין דעם טונעל שטאָט און האָט אַ שייכות צו דעם דאָזיקן „גיהנם".

יעדן טאָג כמעט פֿלעגט מאַק מיט זיך מיטברענגען אַהיים צו מיטאָג געסט, דאָס זענען ס׳רוב געווען באַרימטע מענער, וועל־כע האָבן אין דער גאַנצער וועלט דערוועקט צו זיך דעם גרעסטן יראת־הכבוד, דאָס זענען געווען די איינציגע מענטשן וואָס האָבן געהאַט די זכיה, אַז מאַק זאָל זיי ערלויבן די ערשטע צענדליק קילאָמעטער פֿון טונעל צו באַטראַכטן און אויסצופֿאָרשן. די דאָזיקע באַרימטהייטן זענען ס׳רוב געווען אַלטע מענער און אַלע האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמע אייגנשאַפֿט. דאָס זענען געווען זער איינ־פֿאַכע, זער פשוט׳ע מענטשן, אַז צוקוקנדיק זיך צו זיי איז שווער געווען צו דערקענען אין זיי באַרימטהייטן אין גרויסע געלערנטע. די דאָזיקע געלערנטע פֿלעגן אָפֿט פֿאַרברענגען אין ניו־יאָרק וואָכן לאַנג כדי מיט מאַקן צו באַהאַנדלען וויכטיגע געאָלאָגישע, געאָגראַ־פֿישע און פֿיזיקאַלישע פֿראַגן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צום טונעל, מאַק האָט בנוגע די דאָזיקע באַרימטהייטן זיך געהאַלטן ווי צו אייגענע מענטשן, ווי, למשל, צו האַבין, אין ווען די גרויסע געלערנטע פֿלעגן אַוועקפֿאָהרנדיק פֿון ניו־יאָרק זיך געזעגנען מיטן שעפֿער פֿון טונעל. פֿלעגן זיי זיך פֿאַר אים פֿאַרבויגן און בכלל אַרויסווייזן כבוד ווי דעם גרעסטן געלערנטן און איינעם פֿון די גרעסטע מענער פֿון אונזער צייט.

III

אַמאָל איז צו די אַלאַנס געקומען אַ יינגע פֿרוי.

— איך הייס עטעל לאָיד, — האָט די דאָזיקע יינגע פֿרוי זיך פֿאָרגעשטעלט מאַודן, אויפֿהויבנדיק איר שלייער אויפֿן געזיכט.

יאָ, דאָס איז געווען די טאָכטער פֿונם גרעסטן געלד־מאַגנאַט׳ עטלע לאָיד אַליין, זי איז אַביסל רויט געוואָרן, פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר מאַודן אין זיך געפֿילט אין אַ פֿאַרלעגנהייט, ווייל זי האָט איינטליך נישט געהאַט קיין סיבה צו מאַכן אַ וויזיט ביי מאַודן.

אין מאָוד פֿון איר זייט איז אויך רויטליך געוואָרן זעענדיק עטעלס פֿאַרלעגנהייט.

— כ׳האָב אַזוי פֿיל געהערט — האָט עטעל לאָיד, קומנדיק צו זיך פֿון פֿאַרלעגנהייט אָנגעהויבן — פֿון די שולן, וואָס איר מאַדאַם אַלאַן, האָט איינגעפֿיהרט, מ׳האָט מיר פֿון זיי אַזוי פֿיל גוטס דערציילט, אַז מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט באַקענען מיט זייער איינריכטונג. איך שטיי אויך נאָנט צו שול-פֿראַגן און שול-אַנגעלעגנהייטן, און דער דאָזיגער ענין דערוועקט ביי מיר דעם גרעסטן אינטערעס און די לעבהאַפֿטעסטע אויפֿמערקזאַמקייט.

עטעל לאָיד האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ נאַטירליכער אָפֿנקייט און הערצליכקייט, וועלכע האָט געקאָנט יעדן ענטציקן, צייטנווייז פֿלעגט זי אָבער די דאָזיגע מעלות קונציק קאָנען פֿאַרבויגן און דאַן פֿלעגט איר מאָראַלישע פיזאָנאָמיע זער פיל פֿאַרלירן. זי האָט פֿאַרמאָגט פֿיל פשטות און קינדישעס, וואָס מאַק האָט באַמערקט ביי זיער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט איר אין איר פֿאָטערס לאָזשע פֿון מעדיזאַן קאָנצערט-זאַל. פֿון יענעם אָוונט אָן האָט עטעל אָבער אַ ביסל זיך שוין געענדערט, איר פֿריערדיגע, עטוואָס זיסליכע און צאַרטע שיינהייט איז איצט רייפֿער געוואָרן און אויך איר נעזיכט איז שוין נישט געווען צו באַמערקן דעם מינדעסטן שפור פֿון פודער. מאָוד האָט גענומען אויף זיך די טרחה צו ווייזן עטלען די שולן, דעם שפיטאָל, דעם קינדער-גאָרטן און די לאָקאַלן פֿון פֿרויען קלוב. עטעל האָט אַלץ, וואָס מאָוד האָט איר געוויזן, געפֿונען אין בעסטן צושטאַנד, איינגעאָרדנט אזוי גוט, אַז ס׳האָט געקאָנט דינען אַלס מוסטער, צום סוף האָט עטעל מאָרן געפֿרעגט אויב זי קאָן איר אין איר טעטיקייט מיט עפּיס נישט זיין נוצליך און מיט וואָס ס׳איז מיטהעלפֿן. מאָוד האָט איינגעלאַדן עטלען צו בלייבן ביי איר אויף מיטאָג. עטעל האָט טעלעפֿאָנירט צו איר „פּאַפּאַ“ אַז זי וועט צו מיטאָג נישט קומען און האָט גערן אָנגענומען מאָאודס איינלאַדונג. צו מיטאָג איז אויך האַבי געקומען, דאָס געשפּרעך בעת׳ן מיטאָג איז געווען זער אַ לעבהאַפֿטעס און פֿרייליכעס. די קאַלטקייט פֿון עטיקעט און העפֿליכקייט, וואָס האָט תחלת געהערשט

אין עס צימער, איז אונטערן איינפלוס פון האָביס ווערטלעך אַ אַנעקדאָטן איינגיכן פאַרשוווּנדן, און דאָס געשפּרעך האָט אָנגענומען אַ נאַטירליכן כאַראַקטער. יעדער פון די צוזויזנדע האָט זיך אויפגעהערט צו זשעניִרן. מ'האָט געלאַכט, זיך געוויצלט און געפּלוידערט אָן אויפהער.

— מיר דוכט זיך,— האָט זיך עטעל געווענדעט צו מאָודן,— אַז די ביבליאָטעק און פרויען-קלוב נויטיקט זיך אין ביכער.

— יאָ,— האָט מאָוד געענטפערט,— ס'וואָלט גאָרנישט געשאַדט, ווען זי וואָלט נאָך עטליכע הונדערט ביכער פאַרמאָגט, נאָר מיט דער צייט, האָפן מיר, וועלן דאָרט צוקומען גענוג ביכער, אַלץ וועט מיט דער צייט. פאַרפאָלקאָמט און דערגענצט ווערען.

— אויב אַזוי,— האָט עטעל געזאָגט,— וואָלט מיר זער הנאה געטון, ווען איר וואָלט מיר דערלויבט עטליכע נויטיגע ביכער צו שענקען פאַר אייער ביבליאָטעק, פרוי אַלאַן.

— מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן, מיסיס לאָיד — האָט זיך מאָוד אָנגערופן — ווען איר האָט איבריקע ביכער, וואָס זענען נויטיק פאַר אונזער ביבליאָטעק, וועלן מיר אייך זער דאַנקבאַר זיין, ווען איר וועט זיי שענקען.

און אין עטליכע טעג אַרום האָט עטעל צוגעשיקט דער ביבליאָטעק גאַנצע באַלן טייערע ביכער, אַנ'ערך 5000 בענדער. מאָוד האָט איר הערצליך געדאַנקט פאַר אַזאַ טייערע מתנה, ביי זיך אָבער האָט זי באַדויערט, וואָס זי האָט ערלויבט עטלען זיך צו באַטייליקן אין איר טעטיגקייט. פון איצט אָן, זייט עטעל האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַזוי פיל געלט אויף די 5000 טייערע ביכער, האָט זי אַזוי אַרום, אַוועקגענומען ביי איר, ביי מאָוד'ן די „בכורה" אויף וווילטעטיגקייט, און איצט קומט אויס, אַז עטעל לאָיד האָט דורך איר מילדער נדבה פאַר דער ביבליאָטעק, אַריבערגעשטיגן אַלע געזעלשאַפטליכע טועריִנס פון דער טובעל-שטאָט אפילו זי מאָוד'ן, וואָס שטייט דאָרט אָן דער שפּיץ פון וווילטעטיגקייט — אויך. פון דעם וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז מיט געלד קאָן מען אפילו אויפ'ן געביט פון פילאַנטראָפּיע אויפטון פיל מער, ווי

מיט אמת'ער גוטהערציקקייט און מענטשן־ליבע, און ווי באַלט אַזוי איז מען טאַקע דעם געלט־זאַק דעם גרעסטן כּבֿוד אָפּגעבן.

זייט עטעל לאַיד האָט אָנגעהויבן צו זיין אַנאָפּטער גאַסט ביי די אַלאַנס אין שטוב, פלעגט זי עדיט'ן ברענגען פיל טייערע מתּנות און דערמיט שטאַרק צוגעבונדן צו זיך דאָס קינד: אַמאָל בעת'ן מיטאָג, האָט עטעל אַ פרעג געטון מאַק'ן אויב זי וואָלט נישט געקאָנט ביי אַ געלעגנהייט אַריינפאָרן אין טונעל אַריין און זיך צוקוקן, ווי ס'זעט דאָרט אויס. מאַק האָט זי אָנגעקוקט אַ פער'חידוש'טער, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ פרוי זאָל אויסדריקן אַזאַ דרייסטן ווונש.

— דאָס איז אוממעגליך — האָט מאַק קורץ און אַ ביסל שאַרף געענטפערט.

הגם עטעל איז קיינמאָל נישט געוואוינט געווען אַז אירע אַ פאַרלאַנג — ווי קאָמיש און אויסטערליש ער זאָל נישט זיין, זאָל נישט ערפילט ווערן, האָט זי מאַק'ס שאַרפן ענטפער זיך דאָך נישט גענומען צום האַרצן און איז נישט געוואָרן איבעראַשט פון זיינע ווערטער.

— אָבער, הערר אַלאַן, האָט זי צו אים געזאָגט: איך זעה אַז איר זענט אויף מיר בייז פאַר מיין פראַגע, וואָס האָב איך דען אַזעלכעס געזאָגט און געבעטן, אַז אייך זאָל עס פאַרדריסן?

פון דאַמאָלס אָן האָט עטעל אָנגעהויבן זעלטענער צו קומען צו די אַלאַנס. מאַוד'ן האָט דאָס נישט געאַרט. זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, — נאָר זי האָט אין האַרצן געהאַט עפּעס נישט קיין גוט געפיל געגן דער דאָזיקער יונגער רייכער יורש'טע, אַ געפיל וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדע מעגליכקייט אַז מאַוד זאָל מיט איר באַפריינדעט ווערן, און מאַוד האָט אָנגעהערט צו יענע פרויען וועלכע קאָנען שטיין אין פאַרבינדונג נאָר מיט מענטשן, צו וועלכע זיי זענען אויפריכטיק גענייגט און צוגעבונדן, צו וועלכע זיי פילן אַ געוויסע סימפּאַטיע.

דאַרפאַר איז איר טאַקע האָבי'ס געזעלשאַפט געווען אַזוי אָנגענעם. ער איז ביי זיי געווען פון לאַנג אָן אַ גאַנצער בן־בית.

פלעגט זיך פילן בײַ די אַלאַנ׳ס װי בײַ זיך אין דער הײם און, זײַענדיק פאַרבונדן מיט מאַק׳ן דורך אַ געגנזײַטיקער אױפריכטיקער פרײַנדשאַפט, פלעגט האַבי קומען זער אָפט צו זײ צו מיטאָק און אָװנט ברױט, מיט אײן װאָרט זיך האַלטן בײַ זײ אין שטוב װי אַנ׳אײגענער.

IV

— װאָס זאָגסטו אױף דעם האַבי׳ן — האָט מאַוד אַמאָל נאָך מיטאָק געזאָגט צו איר מאַן — װאָס ער אַ פרעליכער און לעבעדיגער ייִנג ער איז. אין זײַן געזעלשאַפט איז פשוט אומעגליך צו זײַן און צו לאַנגװײַליגן זיך.

— יאָ, האָט מאַק מסכּים געװען, האַבי איז שױן אײן מאָל אַ װױלער ייִנג, װאָס ס׳זאָל מיט אים נישט פּאַסירן, פאַרלירט ער קײנמאָל נישט זײַן מוט און איז שטענדיק פרעליך און אין אַ גוטן הומאָר. מאַק האָט, כאַראַקטעריזירנדיק אַזױ זײַן חבר, אַ ביסל זיך פונאַנדער געלאַכט און זיך נישט געמאַכט װיסנדיג, װאָס פאַר אַ רמז מאַוד האָט געמאַכט מיט איר באַמערקונג װעגן האַבי׳ס הומאָר. האָט געמאַכט אַנ׳אָנשטעל, אַז ער פערשטײט נישט, װאָס פאַר אַ פאָרװורף מאַוד האָט אים דערמיט געמאַכט, דערפאַר, װאָס ער גײט אַרום שטענדיג אָנגעבלאָזן און װי ברוגז אױף דער גאַנצער װעלט, און מאַק אַלאַן איז טאַקע באמת געװען אַ היפּך פון דעם פרײליכן רירעװדיקן און אײביק מונטערן האַבי׳ן, מאַק אַלאַן האָט נישט געהאַט האַבי׳ס טבע — שטענדיג לוסטיק און לעבעדיק צו זײַן ער האָט נישט געקאָנט, װי האַבי נאָך אַ 12־שעה׳דיקער אַרבעט זינגען און טאַנצן און דערצײלן אױנקדאָטן, פון װעלכע די צוהערער מוזן זיך בײַ די זײַטן האַלטן פון געלעכטער.

„יאָ, האָט מאַק אַלאַן בײַ זיך געטראַכט: װי קום איך צו האַבי׳ן? װאָס אַנבעלאַנגט לוסטיקקײט און פרײליכקײט ביז איך װער װײַט פון אים“.

דער געדאַנק וועגן זיין שטענדיק ערנסטן כאַראַקטער האָט מאַק'ן ארויפגעבראַכט אויף אַנ'אַנדער געדאַנק — וועגן דעם, ווי ווייט ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר דער בעזעלשאַפט אין געוועגליכן זין פון וואָרט. די אַלע געדאַנקען וועגן זיך האָבן מאַקן געבראַכט צום באַשלוס, אַז אַזעלכע מענער, ווי ער, דאַרפן אייגנטליך נישט חתונה האָבן, ווייל זיי זענען נישט אימשטאַנד גליקליך צו מאַכן זייער פרוי און קינדער.

נאָך אַנ'אונטערשיד צווישן אים און האַב'ן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס האַבי, נאָכדעם ווי ער טיט-אָב זיין באַשטימטע אַרבעט, איז ער אַ פרייער מענש, בעת ער מאַק, ווערט קיינמאָל פון זיין אַרבעט נישט פריי און איז אַנ'אייגענער שקלאַף פון זיין לייידנשאַפט צו אַרבעט. דער טונעל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געוואַקסן מאַק'ס אַרבעט, דער טונעל האָט אים דערצו נאָך די לעצטע צייט געבראַכט אַזעלכע ביטער דאגות, וואָס מאַכן אים פאַר אויס מענטש, דאגות, וועלכע ער האָט נאָך עד היום קיינעם נישט אַנפערטרויט. שוין איצט האָט מאַק אָנגעהויבן צווייפלען, צי דער טונעל וועט קאָנען פאַרענדיגט ווערן אין משך פון פופצן יאָר. לויט ווי ער האָט איצט געגוי אויסגערעכנט, קאָן עס נאָר ביי באַזונדערס גינסטיקע אומשטענדן געשען, אַז דער טונעל זאָל אין אַזאַ טערמין פאַרענדיקט ווערן. איז דאָך די קשיא: ווי קומט עס, אַז ער האָט באַשטימט אויף דעם אַ פופצניעריגן טערמין? יאָ, ער האָט בכיון קאַלטבלוטיק דעם דאָזיקן טערמין באַשטימט, נישט זייענדיק פאָל-שטענדיג זיכער, אַז ער וועט ווירקליך אין משך פון אַזאַ צייט קאָנען זיין פראָיעקט אין זיין גאַנצן אומפאַנג פאַרווירקליכן. ער האָט עס געטון באַוווסטזיניג, כדי צו געווינען די עפנטליכע מיינונג און צוציען די ברייטע פאָלקס-שיכטן צום אַנטייל אין דער טונעל אונטערנעמונג. ווען ער וואָלט לכתחלה באַשטימט אויף דעם אַ טערמין אויף צוואַנציק אָדער אויף פונפאונצוואַנציק יאָר, וואָלט קיינער זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין אַזאַ אונטערנעמונג און פון זיין גרויסן פראָיעקט וואָלט גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ווי באַלד אַזוי, האָט מאַק, מאַכנדיק זיך אינערליך אַ פֿאָרוואורף געטראַכט, קומט אויס, אַז איך בין באַגאַנגען אַ קליינעם שווינדל נאָר ווו האָט מען דען היינטיקע צייטן געזען געשעפֿטן, בפֿרט נאָך אַזעלכע ריזיקע, ווי אַ טונעל, בײַ וועלכע מ׳זאָל זיך קאָנען באַגיין אָן אַ שטיקל שווינדל.

יאָ, איצט איז שוין כמעט קלאָר ווי דער טאָג, אַז מאַק אַליין וועט אַ ביסל מוזן בלייבן אינטערשטעליק. צום סוף פֿון פֿופֿצענטן יאָר וועט ערשט פֿאַרענדיקט ווערן די אַרבעט בײַ די ווערמודען און מ׳וועט נאָך דאַרפֿן אַ שענע פּאָר יאָר, אינגאַנצן צו פֿאַרענדיקן דעם טונעל.

צום סוף פֿון פֿירטן פֿרילינג איז דער טונעל פֿון אַמעריקאַנער ברעג אויסגעבויט געוואָרן אויף אַ מרחק פֿון 240 קילאָמעטער און 60 קילאָמעטער פֿון די ווערמודן. דער דעמאָלסדיגער עקפּונקט פֿון קאַנאַל איז געלעגן אונטער׳ן ים-דעק אויף 70 קילאָמעטער אין דער לענג פֿון פֿוניסטערא. בכלל איז נאָך ביז דער דאָזיקער צייט פֿאַרהעלטניסמעסיק ווייניק אויפֿגעטון געווען, יעדנפֿאַלס פֿיל ווייניקער, ווי מ׳האָט תחילת געהאַט אויסגערעכנט. די סיבות דערפֿון זענען, חוץ טעכנישע שוועריגקייטן, געווען פֿינאַנציעלע מניעות. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די בוי-אַרבעט אויף די ווערמודן האָט פֿאַרשלונגען פֿיל מער געלט, ווי מ׳האָט געהאַט פֿאָרויסגעזען. די קאַלקולאַציע, ווי מ׳האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געמאַכט, האָט זיך אַזוי-אַרום אַרויסגעוויזן פֿאַר נישט קיין ריכטיקע, אַ דאַנק די דאָזיקע נישט פֿאָרויסגעזעענע שוועריקייטן, איז אונמעגליך געווען צו טראַכטן וועגן אַ נייער דריי-מיליאַרדן-הלוואה פֿאַר׳ן זיבעטן פֿרילינג, דאָס אַלץ האָט מאַק׳ן די ערשטע גרויסע ענטטוישונג געבראַכט און זיך שטאַרק אָפּגערופֿן אויף זיין פּסיכיק און גייסטיקן צושטאַנד. ער איז די לעצטע צייט נאָך מער אויפֿגערעגט געוואָרן און דער „טונעל" האָט נאָך שטאַרקער באַהערשט זיין גאַנץ וועזן. מאַק האָט איצט אָנגעהויבן פֿאַרברענגען גאַנצע חדשים, טאָג און נאַכט, אין טונעל, באַמיהענדיק זיך אויסצופֿינען שנעלערע אַרבעטס מעטאָדן און מיטלען, כדי כאָטש נישט א

פֿיל יאָר צו פֿאַרשפּעטיקן מיט'ן פֿאַרענדיקן דעם טונעל.

אויפֿ'ן גאַנצן שטח, ווו דער טונעל האָט זיך געצויגן, האָט מען אויסגעפּרוּווט און רעווידירט יעדע מאַשין, יעדע נייע ערפֿינדונג און פֿאַרבעסערונג, איידער מ'האָט זיי אָנגעהויבן פֿאַרווענדן און אויסנוצן. צוליב דעמזעלבן צוועק האָט מאַק איינגעטיילט די אַרבעטער אין פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס. אַלץ איז געווען אויסגערעכנט אַזוי, אַז קיין איבעריקע סעקונדע זאָל נישט גיין לאיבוד, ווען איין אַרבעטער וועט אין אַ מינוט פֿאַרלירן נור איין סעקונדע, וועט אויסקומען, אַז ביי דער אַלגעמיינער מחנה פֿון 180,000 אַרבעטער, פֿון וועלכע ס'האָבן אָן אויפֿהער כסדר געאַרבעט באַטאָג און ביינאַכט 60,000 מאַן, וואָלטן אין איין אַרבעטס-טאָג פֿאַרלוירן געגאַנגען גאַנצע 24,000 אַרבעט-שעה'ן. אַזאַ גרויסע פֿאַרלוירענע אַרבעטס-צייט אַליין, וואָס מאַכט אויס 1000 מעת-לעת, צווינגט שוין אַלאַנ'ען אָנצווענדן אויסערגעוועגליכע מיטלען, כדי אויסצומיידן אַזעלכע גרויסע פֿאַרלוסטן אין צייט. נאָר נישט קוקענדיק אויף די אַלע אויסערגעוועגליכע מיטלען, וואָס מאַק אַלאַן האָט אָנגעווענדעט צוליב דעם דאָזיקן צוועק, איז דאָך די אַרבעט געגאַנגען לאַנגזאַם, ס'איז פּשוט אוממעגליך געווען אין די לעצטע 500 מעטער צו פֿאַרווענדן מער מענטשן מחמת די אַרבעט אויפֿ'ן דאָזיקן שטח איז געווען אַנ'אויסערגעוועגליך שווערע און פֿאַרבונדן מיט פֿאַרשידענע סכּנות פֿאַר'ן געזונט און זאָגאַר פֿאַר'ן לעבן פֿון די אַרבעטער. אַלאַן האָט צוזאַמענגערופֿן אויף אַ באַראַטונג אַלע אינזשינערן און האָט זיי ערקלערט, אַז זייער אַרבעט מוז ווערן אונבאַדינגט אויף 25 פּראָצענט פּראָדוקטיווער, מיט אַנדערע ווערטער אַז יעדער פֿון זיי מוז אויף 25 פּראָצענט צייט שנעלער זיין אַרבעט פֿאַרענדיקן. אָבער זיי מוזן עס טון, ווייל ער, אַלאַן, איז מחויב צו פֿאַרענדיקן דעם טונעל צו דער צוגעזאָגטער צייט, זיינע מיטאַרבעטער מוזן זען זיך אַנ'עצה געבן און אים מיטהעלפֿן, ער זאָל קאָנען פֿאַר דער וועלט האַלטן וואָרט, ד. ה. פֿאַרענדיקן דעם טונעל צו דער צייט.

אונערוואַרטעט האָט אַלאַן זיך באַוויזן אויף די אָזאָרען. ס'איז אים געלונגען פאַר דער דאָזיקער בוי-שטעלע „צו פאַקן” א דייטש, אַ געוויסן מיכאַעל מילער, אַ רויסן ספּעציאַליסט אין דער טונעלן-בראַנזשע. מילער האָט געווויגן לערך 5 פוד און איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער פעטער מילער”. די אַרבעטער האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין מגושמ'דיקן קערפּער און אויסטערליש אויסזען. און מאַק האָט זיך אין מילערן נישט אָפּגענאַרט, ער האָט אין זיין בראַנזשע אינגיכן אָנגעהויבן אַרויסוויזן אמת'ע וואונדער און געשלאָגן אַ רעקאָרד פון שנעלקייט ביי גאָר אַ קליינער פאַרוועגדונג פון צייט. און ווייל אויף דער פראַנצויזישער בוי-שטעלע איז די אַרבעט געגאַנגען צו לאַנגזאַם, האָט מאַק ענטזאָגט דעם שעף פון די אינזשינערן אויף דער דאָזיקער שטעלע דעם עלעגאַנטן ווייס-האָריקן מאָסיע געלאַר, און אויף זיין אָרט באַשטימט דעם אַמעריקאַנער סטעפאַן אַלען ווילענבערג, נישט מוֹרא-האָבנדיק פאַר'ן געפּילדער וואָס די פראַנצויזישע פרעסע האָט אויפגעהויבן צוליב אַלאַנ'ס דאָזיקן שריט, ווי פון אונטער דער ערד פלעגט אַלאַן זיך אונערוואַרטעט באַווייזן אין פאַרשידענע פונקטן פון די בוי-שטעלעס, פלעגט אַרויסגעבן נייע פאַראָרדנונגען און צעיילן די שווערע און אינטערשטעליגע. די אינזשינערן פלעגן פרייער אָפּעטעמען און פילן ווי אַ באַרג פאַלט זיי אַראָפּ פון די פּלייצעס, ווען מאַק אַלאַן פלעגט פון זיי אַוועקפאָרן

אַלאַן האָט זיך באַוויזן אין פּאַריז און די דאָרטיגע צייטונגען האָבן געבראַכט שפּאַלטן לאַנגע אַרטיקלען וועגן אים מיט זיין פּאָרטרעט און לאַנגע, ס'רוב אויסגעטראַכטע געשפּרעכן מיט אים. אין אַכט טאָג אַרום איז געוואָרן באַקאַנט, אַז אַ פראַנצויזישע געזעלשאַפט האָט באַקומען די קאָנצעסיע אויסצובויען אַ שנעל-באַן פּאַריז—ביסקאַיא, אַזוי אַז די טונעל-צוגן וועלן קאָנען פליען גלייך ביז פּאַריז. גלייכצייטיג זענען אַלע גרויסע אייראָפּעאישע שטעט פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּלאַקאַטן, אויף וועלכע ס'איז אויסגעמאָלט געווען איינע פון הצבי'ס צייגען-שטעט: די טונעל-סטאַציע „אַזאָראַ”. דאָס בילד פון דער טונעל-סטאַציע אַזאָראַ, האָט אין אַלע פאָלקס.

שיכטן אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג אין באַוואונדערונג. יעדער האָט אין דעם, וואָס דאָס בילד שטעלט מיט זיך פאָר, געזען אַ בולט׳ן באַווייז, אַז מאַק אַלאַנ׳ס געניאַלער פּראָיעקט ווערט פאַרווירקליכט אויפ׳ן בעסטן אופן. צוזאַמען מיט׳ן דעמאָנסטרירן דאָס בילד פון דער טונעל־סטאַציע אַזאָראַ האָט דער הויפט דירעקטאָר פונ׳ם טונעל־סינדיקאַט וואָלף פאַרעפענטליכט ד פרייזן אויף גרונד־שטיק און פּלעצער אַרום דער סטאַציע. די דאָזיקע פּרייזן זענען, פונ׳ם מאָמענט, וואָס דער סינדיקאַט האָט זיי אַליין אויפגעקויפט, געשטיגן אַזש אויף טויזענט פּראָצענט און ס׳איז קיין ספק נישט געווען, אַז זיי וועלן ווייטער מער און שנעלער שטייגן. דאָס אייראָפּעאישע קאַפּיטאַל האָט אָנגעהויבן אין אַ מעכטיקן שטראָם צו פליסן אין קאַסע פון טונעל־סינדיקאַט. אין פיל ערטער האָבן זיך געבילדעט געזעלשאַפטן אויף איינצוקויפן פּלעצער אין דער סביבה פון די קינפטיגע טונעל־סטאַציעס. אַלע זענען געווען זיכער, אַז פאַר יעדען דאָלאַר, וואָס מ׳לייגט אַריין אין אַזעלכע פּלעצער, וועט מען מיט דער צייט אַרויסנעמען הונדערטער דאָלאַר.

—— ——

ט

די עדיסאָן־קינאָמאַטאָגראַפן האָבן נאָך אַלץ געמאַכט גלענצענדע געשעפטן, געבענדיק יעדע וואָך נייע פילמס פונם ווייטערדיקן גאַנג פון די בוי־אַרבייטן אין טונעל.

דער פילם האָט געוויזן די שטענדיקע געדיכטע רויך־וואָלקענס, וואָס פלעגן זיך טראָגן איבער די טונעל־שטעט, די לאַנגע אונענדליכע רייען פון וואַגאָנעס, וואָס פלעגן זיך ציען פון אַלע עקן אַמעריקאַ צום אַריינפאַל פון טונעל. זי האָט געוויזן דעם „גיהנום", וואָס האָט געהערשט אינערווייניק אין טונעל אויף זיין גאַנצן מרחק. און די צושויער, וועלכע פלעגן זיך אַמוזירן, געענדיק אויפ׳ן עקראַן אַ פריילעכע סצענע פונ׳ם טונעל־לעבן, האָבן פּלוצלינג געפילט, אַז זיי זעען אייגנטליך אַ שווערע דראַמע און

דער העלד פֿון דער דאָזיקער דראַמע איז די צייט, וואָס זיי לעבן איבער. עדיסאָנ'ס קינאָמאַטאָגראַף האָט אויף זיינע פֿילמס געשאַפֿן אַ פּאָעמאַ און גלייכצייטיק נ'אָרע לכּבֿוד דעם אייזן און שטאָל, און די דאָזיקע פּאָעמאַ איז געווען פֿיל אינהאַלטסרייכער און מעכטיגער פֿון אַלע פּאָעמעס, וואָס זענען ווען ס'איז געשאַפֿן געוואָרן.

די אַלע 50 טויזענט עדיסאָן-קינאָמאַטאָגראַפֿן האָבן טעגליך פֿאָרגעשטעלט די דאָזיקע פּאָעמעס און ליבּ-לידער לכּבֿוד דעם אייזן, שטאָל און מענטשליכע ענערגיע. אין אַלע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלאַך פֿונ'ם גאַנצן ערד-קוגעל האָט מען פֿאָרגעשטעלט די דאָזיקע סצענעס — אַפֿילו אין די פֿאַרוואָרפֿענע דערפֿער פֿון מזרח סיביר און פּערו. און דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז די מענער, וואָס זענען געשטאַנען אָן דעם שפּיץ פֿון דער טונעל-אונטערנעמונג, זענען אין דער גאַנצער וועלט געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. קינד און קייט האָבן געוווסט, ווער מאַק אַלאַן, מ. וואָלף, לאָיד און אַנדערע באַרימטהייטן זענען, וואָס זיי האָבן אויפֿגעטון און וואָס זיי וועלן אויפֿטון פֿאַר דער מענטשהייט.

VI

מאַוד און האַבּי זענען אָוונט-צייט ביידע געזעסן אויף דער ווערענדע אויפֿ'ן ערשטן שטאָק פֿון זייער ווילליע, וועלכע איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון ברעג ים. די בוימער פֿונ'ם גאָרטן אַרום דער ווילליע האָבן זיך לייכט געשאָקלט און צווישן זיך עפּיס געסוד'עט אונטער דעם פֿרישן ווינטל, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אָקעאַן. צו מאַוד'ס און האַבּי'ס אויערן האָט יך דייטליך דערטראָגן דאָס גערויש פֿון די מיט שוים בעזוימטע כוואַלעס, וועלכע האָבן, שלאָגענדיק זיך אָן ברעג, ערטערווייז אָבגעוואָרפֿן פֿון זיך געדיכטע און קאַלטע וואַסער-טראָפּנס. די גאַנצע ווילליע מיט איר גרויסן געדיכטן גאָרטן איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטער דונקלהייט אָנאָרבעטנדיק זיך שווער אַ גאַנצן טאָג און אָפּשפּילנדיק

נאָכ'ן אָוונט-ברויט מיט מאַוד'ן עטליכע פּאַרטיעס טעניס, איז האַבּי געזעסן אויף אַ וויג-שטיל אַ טויט-מידער און פֿון צייט צו צייט געגעניצט, געבּנדיק זיך נאָך יעדן שטאַרקן געניץ אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער האַנט איבער'ן מויל. מאָק איז, ווי זיין שטייגער איז די לעצטע צייט, צו אָוונט-ברויט נישט געקומען און איז געוועזן פֿאַרטון אין זיין שווערער אַרבּעט ערגיץ אין דער טיפֿעניש פֿון טונעל.

מאַוד איז אויך געזעסן אויף אַ וויג-שטיל אַקעגן האַבּי'ן און, צושאָקלענדיק מיט וואַכע, נישט מידע אויגן געקוקט אויף האַבּי'ן. אין זיין העלן אַנצוג, מיט זיינע העל-בלאָנדע האָר, האָט האַבּי אין דער טונקלקייט אויסגעזען כמעט ווייס און נור זיין געזיכט און זיין קראַוואַט זענען געווען טונקל. מאַוד האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. זי האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע, וואָס האַבּי האָט איר היינט בעת'ן מיטאָג דערציילט וועגן דעם גרויסן באַנקיר וואָלף — ווי ער האָט היינט איינע פֿון זיינע מאַטרעסן אַרויסגעוואָרפֿן אויף די גאַס, אָבּזאָגנדיק זיך קאַטעגאָריש, איר צו געבּן וועלכע עס איז שטיצע, און ווי די דאָזיקע פֿרוי האָט וואָלפֿ'ן אָנגעקלאָגט אין געריכט. די דאָזיקע געשיכטע האָט ביי מאַוד'ן אַרויסגערופֿן געדאַנקען וועגן האַבּי'ן און זי האָט, זי ווייסט אַליין נישט פֿאַרוואָס, אָנגעהויבּן צו אַנאַליזירן זייערע קעגנזייטיגע באַציהונגען, באַמיהענדיק זיך פֿעסטצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער זיי האָבּן. האַבּי איז, ווי מיר האָבּן שוין אַמאָל באַמערקט, בכלל מאַוד'ן שטאַרק געפֿעלן געווען, אפילו זיינע קליינע משוגעת'ן און לייכטזיניגקייטן זענען איר געפֿעלן. זיי ביידע זענען געווען גוטע פֿריינד און האָבּן איינער פֿאַר'ן אַנדערן קיין שום סודות נישט געהאַט.

צייטנווייז פֿלעגט האַבּי אָנהויבּן מאַוד'ן דערציילן און אויבּערגעגעבּן זאַכן, פֿון וועלכע זי האָט נישט געוואָלט וויסן, און זעענדיק, ווי ער קלויבּט זיך איר דערציילן אַזעלכע אונאַנגענעמע זאַכן, פֿלעגט זי, מיט דער שטיפֿעריי פֿון אַ יינגער שוועסטער, אים מיט איר האַנט אַ קלאַפּ טון איבּער זיין מויל. האַבּי און

עדיט זענען אויך איינער צום אַנדערן געווען שטאַרק צוגעבונדן ווי אַ פֿאָטער צו אַ קינד און פֿאַרקערט. און אָפֿט האָט עס אויסגעזען אין מאַוד'ס ווילע און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער בעל־הבית איז דאָ — האַבי און נישט מאַק אַלאַן.

— האַבי האָט דאָך געקאָנט זיין מיין אמת'ער זוג — האָט מאַוד ביי זיך געקלערט, באַטראַכטנדיק פֿון איר וויג־שטול דעם דאָזיקן פֿרישן ייִנגן און אייביק מונטערן מאַן — ווען כ'וואָלט מיט אים חתונה געהאַט, וואָלט איך אפשר גאָר אַנ'אַנדער מין לעבן געפֿירט און — ווער ווייסט? — אפשר גאָר אַנדערש אויסגעזען...

ביי די דאָזיקע געדאַנקען איז מאַוד שטאַרק רויט געוואָרן און פֿאַרשעמענדיק זיך האָט זי אינסטינקטיוו פֿאַרבויגן איר שיין קעפּל אָן אַ זייט.

אין דער זעלבער רגע, ווען מאַוד'ן איז דער דאָזיקער געדאַנק געקומען אין קאָפּ וועגן האַבי'ן, האָט ער זיך לייכט פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו האַבי? האָט אים מאַוד געפֿרעגט.

האַבי האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין וויג־שטול אַזוי, אַז דער שטול האָט אָנגעהויבן אונטער צו קרעכצן.

— כ'האָב זיך איצט אַ ביסל פֿאַרטראַכט, — האָט האַבי געענטפֿערט, — ווי אַזוי כ'וועל די נאָנסטע זיבן וואָכן אויסקומען און וואָס פֿאַר אַ שוועריגקייטן מיר שטייט פֿאָר די עטליכע וואָכן דורכצולעבן.

— וואָס, דו האָסט ווידער פֿאַרשפּילט געלט?

— יאָ, כ'האָב פֿאַרשפּילט אויף דער בערזע זעקס טויזנט דאָלאַר. וואַנדערשטיפּט — אַ גליק די מיליאַרדערן האָבן עס? — האָט אַ מאַסע געלט געוווּנען און איך, שלימזל האָב זיך ביי דעם זעלבן שפּיל אַזוי אָבגעבריט.

מאַוד האָט זיך צולאַכט.

— דו דאַרפֿסט נור איין וואָרט זאָגן מאַק'ן — און ער וועט דיר תיכף קומען צו הילף.

— יאָ, יאָ, — האָט האַבי געענטפערט — כ'וועל עס מוזן טון און אָנקומען צו דיין מאַק'ס הילף, אַ ברירה האָב איך ?

און ביידע זענען ווידער אויף עטליכע מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, יעדער פון זיי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

האַבי האָט געהאַלטן האַלב צוגעמאַכט די אויגן און מאָוד האָט אים פּלוצלינג אַזאַ פראַגע געשטעלט :

— פראַנק, וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט מיט דיר חתונה געהאַט ?

האַבי האָט געעפנט די אויגן און פאָלשטענדיק אויפגעוואַכט פון זיין האַלבן דרעמעל, אין וועלכן פאַרשידענע געדאַנקען האָבן אים געהאַט אַריינגעבראַכט. מאָוד'ס פראַגע האָט אים שטאַרק איבערראַשט, נאָך מער האָט אים איבעראַשט, וואָס מאָוד האָט אים אָנגערופן מיט זיין פאָרנאָמען, ווייל ער געדענקט שוין נישט די צייט, ווען מאָוד זאָל אים רופן מיט זיין פאָרנאָמען : פראַנק. האַבי האָט זיך אַ ביסל איבערגעשראָקן דערזעענדיק, צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג, ווי מאָוד האָט זיך זער נאָנט צוגערוקט צו אים און אירע ווייכע קליינע הענט זענען געלעגען אויפ'ן רוקן פון זיין וויג- שטול.

— ווי קאָן איך וויסן, וואָס עס וואָלט געווען — האָט האַבי אונזיכער געענטפערט, לייכט צולאַכענדיק זיך דערביי.

מאָוד'ס אויגן זענען געווענדעט געווען אויף זיין געזיכט, אַ גאָלדענער גלאַנץ האָט ווארים און בעטענד אַרויסגעשיינט פון זייער טיפעניש, איר געזיכט האָט עדות געזאָגט, אַז מאָוד ליידט און קוועלט זיך איצט זער שטאַרק.

— פאַרוואָס האָב איך מיט דיר נישט חתונה געהאַט, פראַנק ?

האַבי האָט אויף דעם מאָוד'ן נאָך אַ קורצן שווייגן געענטפערט:

— ווייל מאַק איז דיר בעסער געפעלן געווען.

מאָוד האָט אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז דאָס איז אמת.

— אָבער זאָג דעם אמת, פראַנק, האָט מאָוד האַבי'ן ווידער געפרעגט : וואָלטן מיר ביידע גליקליך געווען אַלס מאַן און ווייב.

— ווער ווייסט? — האָט האַבי לאַכנדיק געענטפערט — מעגליך אַז יאָ, און מעגליך אויך — אַז נישט.

— צו האָסטו מיך פריערווירקליך געליבט, פראַנק, אָדער דו האָסט נאָר געמאַכט אַנ'אָנשטעל, אַז דו האָסט מיך ליב?

— כ'האָב דיך ווירקליך געליבט, מאַוד.

— וואָלסטו מיט מיר גליקליך געווען, פראַנק, ווי מיינסטו?

— כ'מיין אַז יאָ.

מאַוד האָט אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ.

— יאָ,—האָט מאַוד אין דער שטיל צוגעגעבן.

האַבי האָט זיך געפּילט בעת דעם דאָזיקן געשפּרעך אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. אים איז פאָרגעקומען שטאַרק קשה — ווי איז דאָס מאַוד'ן איינגעפאַלן צו באַרירן אַזעלכע דעליקאַטע פראַגן און אַזוי גלייכגילטיק מיט אים רעדן וועגן זיי. ער האָט געוואָלט מאַוד'ן זאָגן, אַז ס'איז זער באַריש צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, וועגן זאַכן, וואָס געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט און קאָנען שוין בשום אופן נישט געענדערט ווערן. האַבי האָט געוואָלט איבערשלאָגן מאַוד'ן די רייד און אַריבערגיין אויף אַנ'אַנדער טעמאַ, נאָר דאָס איז אים נישט געלונגען. מאַוד'ס ווייטערדיקע ווערטער האָבן אים אַלץ געהאַלטן אין די ראַמען פון די פראַגן, וואָס זי האָט באַרירט מיט אַזאַ קינדערשער אָפנהערציקייט.

— צום טייוועל, האָט האַבי ביי זיך מיט פאַרדרוס געטראַכט: כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר נאָך עד היום הער איך נישט אויף מאַוד'ן צו געפעלן. כ'האָב צוליב דעם שוין אַ סאַך געליטן.

— און — זעסט דאָך — האָט האַבי געענטפערט — מיר זענען געוואָרן און געבליבן גוטע פריינד. נישט אמת, מאַוד?

די דאָזיקע ווערטער האָט האַבי אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ פּשוט'ן טאָן, פונקט, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן גאָר אַ געוועגליכע זאַך, און נישט וועגן אַ פראַגע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ דעצידירענדע באַדייטונג פאַר צוויי לעבנס.

מאַוד האָט ווידער אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז זי איז מסכים מיט האַבי'ס ווערטער.

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף האַבי'ן. זיי זענען אַזוי אָפּגעזעסען נאָך עטליכע סעקונדן, קוקענדיק זיך איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. פּלוצלינג איז עס געשען! האַבי האָט געמאַכט אַ קליינע באַוועגונג, ווייל ער האָט ווייטער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די לאַגע, וואָס איז דורך מאָוד'ס פראַגן און זיינע ווערטער געשאַפן געוואָרן. — יאָ, האַבי ווייסט אַליין נישט, ווי דאָס איז געשען: אירע ליפּן האָבן זיך באַרירט ווי פון זיך זעלבסט, און זי האָט אים אַ קוש געטון אין זיינע ליפּן. מאָוד האָט זיך אַ ריק געטון פון אים אויף עטליכע שריט צוריק. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קליין דערשטיקט געשריי און איז אויפגעשטאַנען פון'ם אָרט. זי איז אַ רגע געבליבן שטיין אָן יעדע באַוועגונג און איז ענדליך פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טונקלהייט, אַריינגייענדיק דורך דער אָפענער טיר אין איינס פון די געבען-צימערן.

האַבי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון זיין וויג-שטול און האָט מיט אַ צומישטן, האַלב-גלייכגילטיקן שמייכעל נאָכגעקוקט מאָוד'ן, ווי זי איז אַריין אין נעבען-צימער בעת ער האָט נאָך אויף זיינע ליפּן געפילט מאָוד'ס ווייכן און וואַרמען אָטעם. אין אַזאַ צושטאַנד פון צומישונג איז האַבי געבליבן עטליכע מינוט. ענדליך איז ער איינגאַנצן געקומען צו זיך. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש זיין זייגער און, אַ קוקענדיק אויף אים, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טונקלהייט אין גאָרטן אַריין.

— „אָ, האָט האַבי ביי זיך באַשלאָסן: דאָס טאָר מער נישט פּאַרקומען, מ'מוז זיך אַליין נעמען אין די הענט אַריין און נישט דערלאָזן, אַז דאָס זאָל ווען ס'איז זיך איבערחזרן, מאָוד וועט מיר אַזוי גיך נאָך אַ מאָל נישט זען".

האַבי האָט אַראָפּגענומען זיין הוט פון'ם הענגער, האָט מיט ציטערדיגע הענט פאַרויכערט אַ ציגאַר און פאַרלאָזט דאָס הויז, נאָך שטאַרק אויפגערעגט און צוטראָגן.

— אָבער, צום טייוועל! — האָט האַבי אַלץ מיט פאַרדרוס געטראַכט: — ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פּאַרקומען?

אין דערזעלבער צייט איז מאַוד געזעסן אין אַ שווערער, געדריקטער שטימונג אין איר טונקעלן צימער, האַלטנדיק די הענט אין שויס. זי האָט מיט דאַרשראָקענע אויגן געקוקט פאַר זיך אויף דער פּאָדלאָגע און שטילערהייד געזאָגט:

— אָ, אַ חרפה! אָ, אַ שאַנדע! ווי טראָגט מען עס אַריבער־גאָט מיינער?

מאַוד האָט, אַרויסריידנדיק פאַר זיך די דאָזיקע ווערטער, שטיל אָנגעהויבן צו וויינען און שלוכצן. קיינמאָל נאָך דעם, האָט זי זיך געטראַסט, וועט זי מאַק'ן שוין נישט קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, קיינמאָל. זי מוז עס אים דערציילן, זי מוז זיך נאָכדעם מיט אים גט'ן. יאָ, זי איז דאָס איצט מחויב צו טון! און עדיט? זי וועט נאָכדעםווירקליך קאָנען שטאָלצירן מיט איר מוטער!...

פּאַרטיפּט אין אַזעלכע געדאַנקען, האָט מאַוד זיך אַ ביסל דאַרשראָקן, דאַרהערנדיק, ווי עמיצער שפּרייזט אַרום אין גאָרטן. דאָס איז געווען האַבי. ער איז דאָרט אונגערן איינדרוק פון דעם וואָס איז מיט עטליכע מינוט פריער צווישן אים און מאַוד'ן פּאַרגעקומען, ארומגעגאַנגען איבער'ן גאָרטן ווי אַ משוגע'נער. מאַוד האָט געפילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט אין איר ברוסט ווי אַ האַמער און אַט נאָך אַ רגע איז עס גרייט אַרויסצושפּרינגען. וואָס זאָל זי איצט טון? איר געזיכט האָט געפלאַמט ווי פון פייער. אָ, גאָט האָט זי בר/כנדיק מיט די הענט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג געטראַכט — וואָס הייבט מען איצט אָן צו טון? ווי גיט מען זיך אַנ'עצה? ווי קאָן מען עס אַזאַ שאַנדע אַריבערטראָגן.

דעם גאַנצן טאָג צומאָרגנס איז זי אַרומגעגאַנגען ווי צומישט, מיט פאַרשידענע נאַרישע מחשבות אין קאָפּ. אָוונט צייט, ווען מאַק איז געזעסן בײַ איר אין צימער, האָט זי, נישט אַראָבלאָזנדיק פון אים די אויגן, געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם לייכטזיניקן פאַרברעכערישן שריט, וואָס זי האָט זיך געכטן ערלויבט צו מאַכן און וועגן דעם, ווי אַזוי זי זאָל קאָנען דעם דאָזיקן מאָראַלישן חטא פון איר געוויסן אָבוואַשן.

לייגנדיק זיך שפעט באַנאַכט שלאָפֿן, האָט מאַוד אין בעט שטיל מיט הייסע טרערן געוויינט פֿון זאָרג און חרטה... ערשט צומאָרגנס אין דערפֿרי האָט זי זיך אַ ביסל באַרוהיגט און באַהערשט.

— „כ'וועל עס אַלץ דערציילן מאַק'ן באַלד,— האָט זי געהאַט באַשלאָסן,— ווי נור ער וועט קומען אַהיים, און אים בעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין. כ'וועל אים שווערן, אַז נאָך אַ מאָל וועט עס שוין קיינמאָל נישט פֿאָרקומען...

און דאָ איז מאַוד'ן פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ נאָך אַ געדאַנק, אַז שולדיג אין דעם א״ז, אייגנטליך ער, מאַק, וואָס לאָזט זי שטענדיק אַליין און האָט אינגאַנצן אָן איר פֿאַרגעסן. נאָכדעם האָט זי ווייטער ביי זיך געטראַכט, — נאָכדעם, ווי איך וועל זיך פֿאַר מאַק'ן מתודה זיין און אים באַווייזן, אַז ער איז כמעט אינגאַנצן אין דעם שולדיק, וועט מיר שוין נישט זיין אַזוי שווער די דאָזיקע לאַסט פֿונ'ם געשעהענעם פֿאַקט צו טראָגן... כ'וועל זיך נאָכדעם מיט דער צייט באַרוהיגן און דאָס פֿאַרלוירענע גלייכגעוויכט וועט זיך צו מיר דאַן צוריקקערן.

מאַוד'ן האָט זיך דערביי געדאַכט, אַז נאָך קיינמאָל האָט זי אַזוי שטאַרק מאַק'ן נישט געליבט, ווי איצט. אָבער, אום גאָטעס ווילן, ער זאָל, חלילה, ווייטער זי אַזוי באַהאַנדלען, ווי ביז איצט זייענדיק בּאַ איר אַזאַ זעלטענער גאַסט. אָבער, איז איר איינגעפֿאַלן אין קאָפּ, וואָס וואָלט געווען, ווען עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איךהאָב פֿאָרט האַבּי'ן מער ליב ווי מאַק'ן. וואָס וואָלט מיט מיר דאַן געווען און וואָס וואָלט איך דעמאָלט געדאַרפֿט טון?...

האַבּי איז דריי טעג כסדר נישט געקומען צו מאַוד'ן, באַטאָג האָט ער געאַרבעט ווי א טייוול און אָוונט-צייט האָט ער פֿאַרבראַכט אין ניו-יאָרק. ער האָט ערגיץ באַקומען אַ הלואה פֿון אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר און ווידער דאָס גאַנצע פֿאַרשפּילט ביז איין פּרוטה, אויפֿן פֿערטען טאָג האָט מאַוד אים געשיקט אַ צעטעלע אַז זי וואַרט אויף אים אונבאַדינגט אין אָוונט, אַז זי האָט מיט אים עפּעס צו רעדן. האַבּי האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג

יאָרסן און איז געקומען צו מאַוד'ן צו דער באַשטימטער צייט. דערזעענדיק האבי'ן איז מאוד שטאַרק רויט געוואָרן. זי האָט אים אָבער אויפגענומען פרעליך און לאַכנדיק, פונקט ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

— מיר וועלן — האָט מאוד צו האבי'ן געזאָגט, נישט קאָנענ-דיק אים קוקן גלייך אין די אויגן אַריין — מיר וועלן מער שוין קיינמאָל אַזעלכע נאַרישקייטן נישט בעגיין, הערסט! אָ, כ'האָב מיר נאָכדעם אַזעלכע פאָרוואורפן געמאַכט! כ'האָב אַזוי שטאַרק חרטה און אַזוי פיל שמערצן געהאַט — אַז ס'איז שווער זיך פאָר-צושטעלן. כ'האָב גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט פון חרטה. ניין! — האָט זי פעסט צוגעגעבן — קיינמאָל טאָר עס מער נישט פאָרקומען! קיינמאָל! איך אַליין בין אין דעם אין גאַנצן שולדיק, דו האָסט אין דעם קיין שום שולד נישט. תחילת האָב איך געהאַט באַשלאָסן, פאַר מאַק'ן זיך מתודה צו זיין. אים אַלץ דערציילן און פייערליך פאַרזיכערן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע און גלייכצייטיק דאָס לעצטע מאָל געווען, וואָס איך האָב געגן אים געזינדיקט, נאָר איבערלעגנדיק זיך האָב איך באַשלאָסן אים וועגן דעם גאָרנישט צו דערצעלן. אָדער אפשר האלסטו, אַז כ'זאָל אים יאָ דערצעלען, האַ?

— דו קאָנסט עס ביי אַ געלעגנהייט טון, מאַוד. אָבער איך. —

— ניין, דו זאָלסט מיט אים בשום אופן וועגן דעם נישט רעדן, דו הערסט האבי? יאָ, ביי אַ געלעגנהייט. דו ביסט גע-רעכט, וועל איך מאַק'ן וועגן דעם דערצעלן און מיר וועלן אויך ווייטער די זעלבע גוטע פריינד בלייבן ווי פריער, נישט אמת האבי?

— אָ, יאָ — האָט האבי געענטפערט און אָנגעמעגדיק מאַוד'ן פאַר דער האַנט, האָט ער ביי זיך געטראַכט: ווי שען איר'ע האָר גלאַנצן און ווי שען איר פאַסט די דאָזיקע לייכטע רויטע פאַרב, וואָס האָט איר געזיכט באַגאָסן, און די פאַרלעגנהייט, אין וועלכער זי געפינט זיך, און אַז מאַודס קוש האָט אים נעכטן

אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר געקאָסט, וועלכע ער האָט פֿאַרשפּילט, זייענדיק ווי פֿאַר'שיכור'ט אונטער'ן איינפֿלוס פֿון דעם, וואָס צווישן אים און מאָוד'ן איז געשען...

און פֿון דעם מאָמענט אָן איז האַבּי געוואָרן דערזעלבּער גוטער פֿריינד פֿון אַלאַנ'ס הויז און איז געוועזן בּיי זיי דערזעלבּער אָפטער און געווינשטער גאַסט, ווי פֿריהער.

פערטער טייל

II

די גאַנצע וועלט האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג פֿאַרפֿאָלגט די קאָכעדיקע שטענדיקע אַרבעט אונטערן באָדן פֿון ים ווי דער טונעל איז דורכגעפֿירט געוואָרן. די צייטונגען האָבן איינגעפֿירט בײַ זיך אַ שטענדיקע רובריק, אין וועלכער ס'פֿלעגן טאָג־טעגליך געגעבן ווערן אויספֿירליכע באַריכטן און באַשרייבונגען וועגן גאַנג פֿון דער אַרבעט „אונטער דער ערד". אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג האָבן מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט געלעזן די דאָזיקע באַריכטן, ווי מ'לעזט אין קריגס־צייט באַריכטן פֿון פֿראָנט. אין די ערשטע וואָכן פֿונעם זיבעטן בוי־יאָר האָט אָבער דאָס מזל זיך אָבגעקערט פֿון מאַק אַלאַנ'ן. אין די אַמעריקאַנישע בוי־ערטער אונטערן ים־באָדן האָט פּאַסירט די גרויסע אָקטאָבער־קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע האָט געבראַכט זיין גאַנצן ווערק, דעם טונעל, אין דער גרעסטער סכּנה. קליינע אומגליקס־פֿאַלן און שטערונגען זענען די לעצטע צייט אין טונעל געוואָרן אָפֿטע ערשיינונגען. ס'פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַ צענדליגער אַרבעטער זענען פֿאַרשאָטן אָדער צוריסן געוואָרן אויף שטיקלאַך ביים אויפֿרייסן די שטיינערנע ווענד, אָדער זיי זענען צוריבן געוואָרן אויף שטיקלאַך דורך די דורכלויפֿענדע צוגן. דער טויט איז אין טונעל געוואָרן שטאַרק היימיש, און האָט פֿון דער אַרבעטער סביבה טעגליך אַרויסגערופֿן פֿיל קרבנות. אין פֿיל ערטער

האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצורייסן גרויסע וואַסערן און פאַרפלייצן די קאָרידאָרן פון טונעל. מיט דער גרעסטער צגוועגדונג פון די פּומפּ-מאַשינען און מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע כחות איז מעגליך געווען צו ראַטעווען טויזנטער מענטשן פון דער סכנה דערטרונקען צו ווערן אין די וואַסערן. די אַריינרייסנדע וואַסערן זענען אָפט געווען שטאַרק הייס מיט אַ טעמפּעראַטור פון אַ זודיגער פליסיקייט.

און טויזנטער אַרבעטער זענען אין טויט-שרעק געלאָפן אין דער גרעסטער מהומה פון טונעל-קאָרידאָר, ראַטעווענדיק זיך פון די דאָזיקע הייסע וואַסערן, צום גליק אָבער איז מיט דער צייט מעגליך געוואָרן, פריער פאָרויסצוזען, ווען אַזעלכע וואַסערן וועלן אָנקומען און אויף אַזאַ אופן איז מעגליך געווען שנעל אַרויסצופירן די אַרבעטער פון די באַדראָטע ערטער. שפּעטער אַביסל האָט מען אויך געגן די דאָזיקע פאַרפלייצונגען אָנגעהויבן צו פאַרווענדן עלעקטרישע כוואַליעס פון דאָקטאָר לעווי און דער-מיט געוויסערמאַסן אָפּצושוואַכן די פאַרניכטענדע ווירקונג פון אַזעלכע פאַרפלייצונגען. צו די אַלע צרות און אָנשיקענישן איז אין טונעל צוגעקומען נאָך אַ צרה: ס'האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ נייע, אין דער מעדיצין נאָך ווייניק באַקאַנטע קראַנקהייט, וועלכע האָט פון דער אַרבעטער סביבה געפאָדערט אַ טך קרבנות. ביז איצט איז די שטערבליכקייט צווישן די טונעל-אַרבעטער געווען פאַרהעלטנישמעסיג אַ שוואַכע. פאַר די גאַנצע זיבן יאָר, וואָס דער טונעל האָט זיך געבויט, זענען אומגעקומען נור 1713 מענטשן-לעבנס, אַזאַ סומע מענטשליכע קרבנות האָבן געפאָדערט פיל קלענערע טעכנישע אונטערנעמונגען. דערפאַר איז אַזאַ צאָל קרבנות פאַרן טונעל זער נישט קיין גרויסע.

דער צענטער אָקטאָבער פונם זיבעטן בוי-יאָר איז פאַר מאַק אַלאַג'ן געווען אַ אומגליקליכער דאַטום... פון דעמאָלט אָן האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן גרויסע צרות און שרעקן, וועלכע האָבן געהאַט אַ ענטשיידענטע באַדייטונג אויף זיין ווייטערדיקן גורל און אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער טונעל-אַרבעט.

אַלאַן פלעגט יעדעס יאָר אין אָקטאָבער מאַכן אַ גענעראַל־רעוויזיע אין אַלע אַמעריקאַנער בּיושטעלעס, כּדי זיך איבּערצוצייגן, ווי די אַרבּעט גייט דאָרט צו און וועלכע ענדערונגען מ'דאַרף ווו ס'איז איינפירן. אויף די דאָזיגע רעוויזיעס פלעגט בּיי אים יעדעס מאָל אַוועקגיין עטליכע טעג. בּעת אַזעלכע רעוויזיעס און קאָנטראָלן פלעגן די אינזשינערן אַרומגיין ווי אָן קעפּ. פון מורא טאָמער וועט אַלאַן געפינען זייער אַרבּעט נישט אין אָרדנונג. זיי פלעגן מיט עטליכע טעג פאַר דער רעוויזיע אָנווענדן אַלע זייערע כּחות, די אַרבּעט צו בּרענגען אין בּעסטן צושטאַנד, כּדי צו פאַרדינען אַלאַנס אָנערקענונג. מאַק פלעגט אויך בּיי אַזעלכע רעוויזיעס בּאַזוכן די אַרבּעטער הייזער, שלאַכט הייזער, בּעדער און שפּיטאָלן. ער פלעגט אויך זיין אין מאָודס פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און אים פלעגט שטאַרק הנאה טון, זעענדיק, ווי אַלץ איז דאָרט אין דער בּעסטער אָרדנונג און וויפיל פּאָזיטיווע און גוטעס ס'ווערט אויפגעטון אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

מאָוד איז אַ גאַנצן טאָג געווען אויפגערעגט צוליב די קאָמפּלימענטן, וואָס מאַק האָט איר געמאַכט פאַר איר מייסטער־האַפטער אַרבּעט און דעם גלענצנדן צושטאַנד, אין וועלכן אַלע אירע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס האָבּן זיך געפונען. די טונעל־אינספּעקציע האָט געדויערט עטלעכע טעג, ווייל אַלאַן האָט שטרענג קאָנטראָלירט יעדע סטאַציע, יעדן בּוי פּונקט, יעדע מאַשין א. ז. וו. אין קילעלדיקן גרויסן קאָרידאָר, ווו דער טונעל האָט זיך געצויגן איז געווען טונקל, ווי אין אַ קעלער. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט אין דער טיפעניש אַ בּליץ טון אַ שיין פון צוויי פייערדיקע אויגן: דאָס זענען געווען משא צוגן, וואָס פלעגן זיך טראָגן פון די עקסטע בּוי פּונקטן, פול מיט שטיינער, ליים און זאַמד צום אַרייַנפאַל פון טונעל. קנאַקענדיק און קאָכנדיק, פלעגן זיך אַ זעלכע צוגן פאַרבּייטראָגן פאַרן צוג, אויף וועלכן מאַק מיט זיינע מיטאַרבּעטער זענען געפאָרן אין די עקסטאַציעס פון טונעל אויף אַ רעוויזיע. די ידיעה, אַז אַלאַן איז געקומען רעווידירן דעם טונעל, האָט זיך בּליץ שנעל פאַרשפּרייט איבּער אַלע פּראָוויזאָרישע טונעל שטעט און אין די

פינסטערע קאָרידאָרן, וווּ די שווערסטע אַרבעט קומט פאָר. די אינזשינערן האָבן זיך באַמיט, אַז אַלץ זאָל זיין אין דער בעסטער אָרדנונג און, אַז מאַק אַלאַן זאָל מיט זיי צופרידן בלייבן.

מאַק איז געווען זער פּאָפּולער צווישן די גרויסע מחנות אַרבעטער פון טונעל און – אויף וויפיל די פאַנאַטישע שנאה צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל דערלאָזט עס – באַליבט ביי זיי אַלע; שטאַרק באַליבט איז מאַק אַלאַן באַזונדערס געוואָרן צווישן די אַרבעטער פון דעמאָלט אָן, זינט ער האָט איינגעפירט די „זונטאָג־אוידיענצן".

די זונטאָג־אוידיענצן זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס מאַק פלעגט יעדן זונטאָג פאַר און נאָכמיטאָג אויפנעמען ביי זיך אין ביוראָ אַלע אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט וועלכע ס'איז פּרעטענזיעס צו דער אַדמיניסטראַציע פון דער בוי־אַרבעט, און ס'איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז אַן אַרבעטער, וואָס איז געקומען מיט אַן אָנקלאַגע צו מאַק'ן, זאָל אַוועקגיין אומצופרידן פון זיין רעזאָלוציע. ער פלעגט שטיין שטאַל און אייזן פאַר די אַרבעטער און בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז איינער פון זיי זאָל חאָטש אויף אַ האָר געקריוודעט ווערן. דער, וואָס איז געגן אַן אַרבעטער ביי דער טונעל־אַרבעט באַגאַנגען די קלענסטע עולה, האָט פון מאַק אַלאַנ'ן באַקומען אַ שטרענגן פאָרוואורף און איז שטאַרק דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן. אַזאַ אַרט בעציונג פון מאַק'ן צו די אַרבעטער האָט אָפּגעשלאָגן יעדן חשק ביי די אינזשינערן און אַנדערע בעאַמטע צו באַהאַנדלען שלעכט די אַרבעטער. די אינזשינערן און העכערע בעאַמטע האָבן זיך אַ ביסל געבלאָזן אויף מאַק אַלאַנ'ען און זענען אויף אים ברוגז געווען, וואָס ער שטייט שטענדיק אויפ'ן אַרבעטערס צד און ווייזט אים שטענדיק אַרויס אַזאַ סימפּאַטיע און צוטרוי, מער ווי צו זיי, די אָנפירער פון דער גאַנצער אַרבעט. און וואָס ווייטער און מענטשליכער מאַק איז זיך בעגאַנגען מיט די אַרבעטער, אַלץ מער זענען זיי געווען איבערגעגעבן דער אַרבעט און אַלץ מיט מער חשק האָבן זיי זייערע פליכטן איסגעפירט זיי האָבן זיך ווי בעמיט צו פאַרדינען אַזאַ מענטשליכע

און אונפאַרטייאישע בעהאַנדלונג.

די לעצטע דרייסיג קילאָמעטער פונ'ם טונעל-קאָרידאָר איז מאַק'ן מיט די איבריקע מיטגלידער פון דער אינספעקציע אויסגע קומען צו גיין כמעט איינגאַנצן צופוס, אַזוי געדיכט איז די דאָזיקע גאַנצע שטרעקע אָנגעוואָרפן געווען מיט פאַרשידענע בוי-מאַטער-יאַלן, צובראָכענע שטיקער שטיינער און אַנדערע זאַכן. חוץ דעם האָט דאָרט תמיד געהערשט אַ געדיכטע טונקלהייט, אַזוי אַז דאָס פאָרן מיט אַ צוג איז פאַרבונדן געווען מיט דער גרעסטער סכנה. זיך אָנצושטויסן אויף אַנ'אַנדערן אָדער אויף לעבעדיקע מענטשן.

צו דעם אַלעם האָט אויף דער דאָזיקער שטרעקע טאָג און נאַכט געהערשט אַ טעמפּעראַטור פון 48 גראַד היץ, אַזוי אַז די נאַקעטע ווענט, פאָדלאָגע און סופיט האָט מען אָפט געמוזט בע-שפּריצן מיט קאַלט וואַסער, כדי כאָטש אַ ביסל אָפּשוואַכן די שרעקליכע שטיקנדע היץ. די לופט איז דאָ געווען זער אַ שלעכטע אַ פאַרגיפטעטע, אַנ'אמת'ער גרובן-לופט... אָט ליגט דאָ אין אַ ווינקעלע אַ מיט אייל באַשמוצטער טויטער קערפּער, דאָס איז געווען אַ מאָנטער, וועלכער איז דאָ היינט געשטאָרבן ביי דער אַרבעט פון אַ האַרץ-שלאַג. די שטאַרק באַשעפטיקטע אַרבעטער האָבן אים דערווייל ביז ס'וועט אָנקומען אַ צוג, אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט און דער טויטער קערפּער ליגט שוין אַזוי אַ האַלבן טאָג, נישט צוגעדעקט אַפילו און טויזנטער מענטשן, צווישן זיי אַ סאַך חברים פונ'ם פאַרשטאָרבענעם, שפּרייזן אַריבער איבער דעם טויטן קערפּער פון זייער חבר, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ קלאָץ אָדער אַ סלופּ, וואָס ליגט זיי אין מיטן וועג...

II

צומאָרגנס, עטליכע מינוט פֿאַר פֿיר אַ זייגער אין דערפֿרי, איז פֿאָרגעקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע, דאָס אָרט, אויף וועלכן די באָר־מאַשין האָט דעם דאָזיקן טאָג צומאָלט אַ גרויסן באַרג, האָט זיך געפֿונען אויף אַ מרחק פֿון 420 קילאָמעטר פֿון טונעל אַרייַנפֿאַל נאָר וואָס האָט מען צושאָסן דעם באַרג. אין דער זעלבער רגע האָט זיך אַ שאָט געטון אַ ריזיקע מאַסע פֿון שוט און שטיין שפּליטערס, איינשלינגדיק אין זיך גאַנצע לעבעדיקע קערפּער און צוריסענע קערפּער טיילן: פֿיס, הענט, קעפּ א. א. וו. פֿון די צובלוטיקטע טיילן צוריסענע מענטשליכע קערפּער איז ערטערווייז די שוט מאַסע געווען רויט. דאָס איז געשען אין איין רגע, דעם אויפֿרייס האָט מען געהערט אויף אַ מרחק פֿון 25 קילאָמעטר פֿונם אָרט, ווו די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען. נאָך אין אַ רגע אַרום איז דער טונעל אויף אַ שטרעקע פֿון עטליכע צענדליק קילאָמעטער פֿול געווען מיט געדיכטן רויך און האָט אָנגעהויבן ברענען. פֿון דער טיפֿניש פֿון טונעל האָבן אָנגעהויבן פֿליען צענדליקער צונגען, אַלע פֿול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן אין פּאַנישער שרעק זיך געראַטעוועט פֿונ׳ם טויט. ביי דער דאָזיקער שרעקליכער קאַטאַסטראָפֿע זענען אומגעקומען 2240 מענטשן — אַ העלפֿט פֿון דער מחנה אַרבעטער, וואָס איז באַשעפֿטיקט געווען ביים אויפֿרייסן דעם באַרג.

דער טונעל קאָרידאָר איז אויף אַ שטרעקע פֿון דריי מייל פֿאָלשטענדיק צושטערט געוואָרן. די פּאַניק, וואָס די קאַטאַסטראָפֿע האָט אַרויסגערופֿן לכתחילה אויף די עקסטע דרייסיק קילאָמעטר, האָט זיך בליץ שנעל פֿאַרשפּרייט אלץ ווייטער און ווייטער און אין אַ פערטל שעה אַרום האָט זי באַהערשט אַלע ביי שטעלן, ביז דעם ערשטן אַלאַן סיטי, דעם פּונקט, פֿון וואַנען מ׳האָט אָנגעהויבן דעם טונעל. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן צוליב מורא, ס׳זאָל אויך נישט עפּעס שרעקליכעס געשען, אַוועקגעוואָרפֿן די אַרבעט און אין טויט שרעק זיך געלאָזט לויפֿן, וווהין די אויגן

— דער ים האָט דורכגעריסן די ווענד פון טונעל: — האָבן זיך אומעטום דערהערט פאַרצווייפעלטע געשרייען — לאָמיר אַנטלויפן וואָס שנעלער, ווען ניט — וועלען מיר דאָ דערטרונקען ווערען!

די אינזשינערן אָבער האָבן, האַלטנדיק געגען די אַנטלויפנדע אַרבעטער אנגעלאָדענע רעוואָלווערן, זיי נישט געלאָזט לויפן און, ווי מעגליך ביי אַזאַ פּאַניק, זיי באַרויקט, פאַרזיכערנדיק, אַז עס דראָט נישט קיין שום סכנה. נאָר די דראָהונגען פון די אינזשינערן אַז זיי וועלן שיסן אויף די אַנטלויפנדע, האָבן אויך גאָרנישט געהאָלפן און צענדליקער טויזנטער מענטשן, זעענדיק פאַר די אויגן דאָס געשפענסט פון טויט, זענען געלאָפן שנעל, ווי די פיס האָבן זיי נור געקאָנט טראָגן אין דער ריכטונג, וו דער אריינפאַל פון טונעל געפינט זיך.

III

שוין עטליכע מינוטן פאַר פיר האָט זיך אין טונעל-סיטי פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז אין טונעל האָט פּאַסירט אַן'אומגליק. אַ פערטל פינף האָט מען אויפגעוועקט האַרימאַן'ען, וועלכער איז תּיכּף געקומען אַ שטאַרק פאַרשלאָפענער און אַ טויט מידער, אין צענטראַל-ביוראָ. האַרימאַן איז געווען אַן'ענערגישער און ענטשלאָסענער מאַן, וועלכער איז האַרט און פאַרשטיינערט געוואָרן אויפ'ן שלאַכט פעלד פון שטענדיקער אַרבעט, היינט גראָד האָט זיך האַרימאַן געפונען אין אַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד, ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, ווי אַ קליין קינד, ווייל אָוונט-צייט האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זיין זון, זיין בן-יחיד, זיין איינציקע טרייסט און נחמה, איז אין כינאַ געשטאָרבן פון אַ פיבער. זיין זונ'ס טויט איז פאַר אים געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ. האַרימאַן האָט פונ'ם שרעקליכן צער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן, ער האָט צומאָרגנס איינגענומען אַ דאָפּלטע דאָזע שלאָף פולווער און איז אויף אַ שעה צייט איינגעשלאָפן, ווען האַרימאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לייכטן שלאָף, האָט ער דערהערט

ווי אין דרויסן לויפן אונרויק צרום מענטשן מיט פארצווייפלטע געשרייען. הארימאן האט דורכ׳ן פענסטער א קוק געטון אויף די גאס און זערזען, ווי פון אלע עקן שטאט און פון די ארומיקע קאלאניעס לויפן מענער און פרויען, שטארק צעטראגענע און דער שראקענע, און פיל פון זיי ברעכן מיט די הענט אין דער גרעסטער פארצווייפלונג. א גרויסער המון פון די דאזיקע דערשראקענע מענטשן האט זיך צונויפגעזאמלט פאר׳ן צענטראל-ביורא, ווו הארימאן האט זיך איצט געפונען, און הונדערטער קולות האבן אנגעהויבן שרייען:

— הארימאן — מיר ווילן וויסן, וואס אין טונעל איז געשען?

אויפן באלקאן פון ביורא האט זיך באוויזן א באאמטער, מיט אנ׳אויפרייצנד גלייכגילטיקער מינע, כדי מיטצוטיילן די פאר-זאמלטע, וואס אין טונעל האט פאסירט.

דער אויפגערעגטער עולם האט אנגעהויבן שרייען: לאז ער זיך פון דאנען תיכף אפטראגן! מיר ווילן זען הארימאנ׳ען, הארימאנ׳ען ווילן מיר זען!

דער המון אויפגערעגטע מענטשן האט זיך פארגרעסערט פון מינוט צו מינוט. אין א האלבע שעה ארום איז פאר׳ן בנין פון צענטראל-ביורא שוין געשטאנען א פיל טויזנט-קעפיקער עולם און, שרייענדיק און זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, געפאדערט, אז הארימאן אליין זאל צו זיי ארויסגיין און זיי איבערגעבן דעם אמת, וואס אין טונעל איז פארגעקומען.

ענדליך האט זיך הארימאן באוויזן אויפ׳ן באלקאן, הונדער-טער קולות האבן זיך צו אים געווענדעט מיט דער פראגע:

— וואס האט פאסירט?

הארימאן האט געגעבן א צייכן, אז ער וויל רעדן און דער גאנצער עולם איז געבליבן שטיל.

— אינ׳ם דרום-טייל פון טונעל-קארידאר איז ביי דער באר מאשין פארגעקומען אנ׳עקספלאזיע. אט דאס איז אלץ, וואס מיר ווייסן און קאנען אייך איבערגעבן. מער ווייסן מיר גארנישט. הא-רימאן האט קוים געקאנט רעדן פון שוואכקייט און מידקייט.

א ווילדער געפילדער און געשריי האט אים געענטפערט:

— ליגנער! שווינדלער! דו ווילסט אונז נישט זאגן דעם אמת! דו נארסט אונז אב. געדענק-זשע, אז דאס וועט דיר גלאט נישט דורכגיין, און דו וועסט חרטה האבן, וואס דו מאכסט פון אונז חוזק.

הארימאנ׳ען האט דאס בלוט פון כעס און אויפרעגונג א זעץ געטון אין פנים אריין, און זיינע אויגן זענען פון צארן ארויסגעטרעטן פון די לעכער. ער האט זיך אבער באלד באהערשט, איז געקומען צו זיך און ווייטער געוואלט רעדן צו די פארזאמלטע. יין מוח אבער האט זיך ענטזאגט צו ארבעטן און זיין צונג עפיס צו רעדן, ער איז צוריק אריינגעגאנגען אין ביורא אריין, א שטארקן קלאפ טוענדיק דערביי מיט דער טיר.

אין דערזעלבער רגע האט א פלי געטון אין דער לופט א שווערער שטיין און אויסגעשלאגן א שויב אין פענסטער.

— הארימאן! הארימאן! — האט דער עולם, אויסער זיך פון כעס און אויפרעגונג געשריגן, פאדערנדיק, ער זאל ווידער ארויס צו די פארזאמלטע אויפ׳ן באלקאן און זיי געבן גענויערע ידיעות וועגן דער קאטאסטראפע.

הארימאן האט זיך נאכאמאל באוויזן אויפ׳ן באלקאן. ער האט זיך נאר וואס אבגעוואשן מיט קאלט וואסער און איז א ביסל פרישער און מונטערער געווארן. רויט, ווי א קרעבס האט אויסגעזען זיין געזיכט אונטער זיינע גרא-ווייסע האר.

— וואס איז דאס פאר א משוגעת, צו ווארפן שטיינער אין די פענצטער! — האט הארימאן א געשריי געטון אויף די פארזאמלטע — מער וואס איך האב אייך דערציילט, ווייסן מיר גארנישט, כ׳זאג עס אייך נאכאמאל, מאכט זיך נישט נאריש און פירט זיך אויף רויק.

דער אויפגערעגטער עולם האט אבער אלץ זיך געהאלטן דראענד און געשריגן:

— מיר ווילן וויסן, וויפיל מענטשן זענען אומגעקומען בעת דעם אויפרייס, ווער איז אומגעקומען, די נעמען פון אלע דער׳הרג׳עטע!

איר זענט ווילדע נאַראָנים און דערצו נאָך גרויסע פּחדנים!

— האָט האַרימאַן זיי געענטפערט — ווי קאָן איך דאָס אַלץ איצט שוין וויסן? און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט האַרימאַן לאַנגזאַם זיך אומגעדרייט און איז צוריק אריינגעגאַנגען אין שטוב, שעלטענדיק און זידלענדיק די אויפגערעגטע מענטשן, וואָס זענען צו אים אַזוי האַרטנעקיק צוגעשטאַנען מיט זייערע נאַרישע פראַגן.

— האַרימאַן! האַרימאַן! האָבן זיך דערהערט ווילדע קולות פון אונטן, אין די פענצטער און טירן האָבן אָנגעהויבן פליען שטיינער. די אויפרעגונג פון המון אַרבעטער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה און אָנגענומען זער אַ דראָענדן כאַראַקטער.

האַרימאַן איז ווידער אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן, אויסער זיך פון כעס אויפ׳ן המון. ער האָט אָבער קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

ווייזט אונז די דעפּעשע! — האָבן זיך פונ׳ם עולם דערהערט געשרייען און פאָדערונגען.

האַרימאַן איז געשטאַנען אויפ׳ן באַלקאָן, בוכשטעבליך ברענענדיק פון כעס.

— אַ דעפּעשע! האָט ער ענדליך די פאַרזאַמלטע געענטפערט — כ׳האָב דאָך אָבער קיין שום דעפּעשע פון דאָרט נישט באַקומען, כ׳האָב נאָר באַקומען אַ ידיעה דורכ׳ן טעלעפאָן.

— וואָס-זשע האָט מען אייך מיטגעטיילט? דאַרציילט אונדז תיכף ומיד.

— גוט, כ׳וועל אייך באַלד ברענגען די טעלעפאָנישע ידיעה.

און אַריינגייענדיק אין צימער אַריין, איז האַרימאַן אין דריי מינוט אַרום אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן צוריק מיט אַ צעטל אין דער האַנט. אויפ׳ן צעטל איז געווען קורץ געשריבן, וואָס אין טונעל האָט פּאַסירט. האַרימאַן האָט אין דער הויך פאָרגעלעזן פאַר די פאַרזאַמלטע, וואָס אין צעטל איז געווען געשריבן:

„באָר-מאַשין, אין דרום טייל. עקספּלאָזיע. 20 ביז 80 טויטע און פאַרוווּנדעטע” האָבי.

איבערגעלעזן, האָט האַרימאַן איבערגעגעבן דעם צעטל אײַנעם פון די פאַרזאַמלטע און איז אַריין צוריק אין צימער.

דאָס צעטל איז איבערגעגאַנגען פֿון איין האַנט אין די אַנדערע אַלע האָבן זיך זשענדע אַרויפֿגעוואָרפֿן לעזען. וואָס דאָרט ווערט מיטגעטיילט. אויף אַ רגע האָט זיך דער המון באַרויקט. 20 — 30 טויטע — דאָס איז געוויס שרעקליך, אָבער דאָס באַווייזט דאָך, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז נישט געווען אַזאַ שרעקליכע, ווי מ'האָט זיך תחילת פֿאָרגעשטעלט. און דאָך איז דער עולם שוואַך זיך פֿונאַנדער געגאַנגען, באַזונדערס די פֿרויען, זיי זענען אַלע געבליבן אויפֿן אָרט, וועלנדיק זיך דערוויסן גענויע פּרטים וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע. און מערקווירדיק! — מיט יעדע רגע איז ביי זיי געוואַקסן די אומרויקייט און מורא, אַז אין טונעל איז, נישט קוקנדיק אויף די באַרויקטע טעלעפֿאָנישע ידיעה, פֿאָרגעקומען עטוואָס שרעקליכעס, זייערע אויגן האָבן זעברענט מיט אַ פֿייערל פֿון שרעק און אַנגסט און די הערצער האָבן אַזוי אומרויק געקלאַפּט...

אַ פֿייגליכער געדאַנק האָט זיך אַריינגעגנבֿעט אין זייערע פֿאַרקלעמטע הערצער, האַרימאַן האָט זיי געזאָגט אַ ליגן, אַז די קאַטאַסטראָפֿע איז ווירקליך געווען אַ גרויסע און אַ שרעקליכע און אַז ס'איז פֿאַרהאַן פֿיל מער מענטשליכע קרבנות ווי האַרימאַן האָט אויפֿגעגעבן. געטריבן דורך די דאָזיקע געפֿיהלן פֿון שרעק, האָבן זיך די פֿרויען אַ לאָז געטון צו דער נאָענטער סטאַציע אין אין דער האָפֿנונג זיך צו דערוויסן ביי די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס קומען אָן מיט די צוגן פֿון טונעל, דעם ריינעם אמת וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע. די אַדמיניסטראַציע פֿון דער סטאַציע האָט געהאַט באַפֿוילן, אַז די פֿרויען זאָלן פֿאַרלאָזן די סטאַציע און נישט שטערן די אַרבעט. נאָר די העכסט אויפֿגערעגטע און באַאומרויקטע פֿרויען האָבן דעם באַפֿעל נישט געפֿאָלגט און זענען דאָרט געבליבן ווייטער, וואַרטנדיק אויף די נייע משא-צוגן וואָס דאַרפֿן אָנקומען פֿונ'ם אָרט, ווו די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען. דער גאַנצער המון פֿרויען איז דאָ זעבליבן אַ גאַנצענאַכט נאָר אָן שום ערפֿאָלג. זיי האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט דערוויסן וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע, ווייל די מאַשיניסטן, קאָנדוקטאָרן און בכלל אַלע האָבן באַקומען אַ שטרענגן באַפֿעל, מיט קיין איינציק

וואָרט זיך נישט אַרויסצוכאַפּן וועגן דעם אמת מכּח דער קאַטאַסטראָפע. חוץ דעם האָט זיך נישט געפונען קיין איין פּערזאָן צווישן די אָנגעקומענע פון טונעל, וועלכע זאָלן האָבן דעם מינדסטן חשק אַזאַ טרויריקע ידיעה איבערצוגעבן די פרויען פון די גערגעטע און פאַרוווּנדערטע.

צו האַלטן די פרויען ביי אַזאַ מיינונג און האָפנונג האָט מיטגעהאָלפן דאָס מונטערע, מ'קאָן זאָגן, פרייליכע אויסזען פון די מענער, וואָס זענען אָנגעקומען פון טונעל. די דאָזיקע לייט האָבן, דערשטיקנדיק אין זיך די שרעק-געפילן, וועלכע זיי האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט אונטער'ן איינפלוס פון דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע, — בכּיון געמאַכט אַ פרעליכע מינע און דער פועל-יוצא דערפון איז טאַקע געווען, אַז די פאַניק, וועלכע האָט געהאַט שטאַרק באַהערשט אַלע פרויען, איז זער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, יעדנפאַלס אויף אַ קורצע צייט.

דאָס פאַנישע אַנטלויפן פון'ם אָרט, וווּ די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע האָט פּאַסירט, האָט זיך דערווייל פאַרשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. יעדער האָט, זעענדיק פאַר זיך דאָס שרעקליכע געשפּענסט פון'ם טויט, זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג צום טונעל-אויסגאַנג. אַלע, וועמען די פאַלנדע שטיינער, דאָס פייער און רויך האָבן געלאָזט לעבן, האָבן זיך איצט אין דער גרעסטער פאַניק און טויט-שרעק געלאָזט לויפן אין די פרייע וועלט אַריין, ד.ה. פון יענער זייט טונעל אויסגאַנג, יעדער צוג' וואָס איז אָבגעגאַנגען „אַהין” צום טונעל אויסגאַנג, איז בוכשטעבליך באַלאַגערט געוואָרן פון טויזנטער פאַרצווייפלטע מענטשן, וואָס האָבן ליידנשאַפטליך באַמיט זיך צו ראַטעווען פון טויט, נאָר צו דערשלאָגן זיך אַ פּלאַץ אין באַלאַגערטן צוג איז געלונגען נור יענע גליקלעכע מענטשן וועלכע האָבן פאַרמאָגט געזונטע פויסטן און גענוג כּח, כּדי זיך דורכצושלאָגן צום וואַגאָן דורך די געדיכטע רייען פאַרצווייפלטע מענטשן, דורך דעם מעכטיקן מענטשן שטראָם, וואָס האָט זי פון די ערטער, וואָס ליגן נישט ווייט פון קאַטאַסטראָפע אָרט, געטראָגן צום וואָקזאַל, ביי פיל פון אַזעלכע פאַרצווייפלטע מענער האָבן די

צײַען זיך געטרייסלט, ווי אין גרעסטן פיבער פון טויט שרעק, און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. זיי האָבן אַלע געציטערט מיט'ן גאַנצן קערפּער און פיל פון זיי האָבן אין דער טיפסטער פאַרצווייפלונג געבראָכן מיט די הענט און געוויינט ווי קליינע קינדער. מאַנכע מענער זענען געלעהמט געוואָרן פון טויט שרעק און נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר. יעדע פינף מינוט איז אָפּגעגאַנגען אַ רעטונגס צוג און בעת יעדן אָפּגאַנג פון אַזאַ צוג האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקליכע סצענעס, בעת די לעצטע צוויי רעטונגס צוגן זענען אַרויסגעפאָרן איז די גאַנצע שטרעקע פון טונעל, פונ'ם אָרט, ווו די צוגן זענען אָפּגעגאַנגען, ביז'ן טונעל אויסגאַנג, — שוין פול געווען מיט אַ געדיכטן רויך, אַזוי אַז ס'איז אומעגליך געווען צו אָטעמען, און הגם ס'זענען פון יענער זייט סטאַציע נאָך געבליבן זער פיל מענטשן אויף צו ראַטעווען, איז שוין איצט לחלוטין אונמעגליך געווען כאָטש נאָך איין רעטונגס צוג אַרויסצושיקן.

IV

נאָר ערשט אויף מאָרגן אין דערפרי איז דער סוד וועגן דער גרויסער קאַטאַסטראָפע ענדליך ענטדעקט געוואָרן. אַלע צייטונגען האָבן געבראַכט שוידערהאַפטע פּרטים וועגן דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן מיטגעטיילט, אַז דער אָקעאַן האָט זיך דורכגעבראָכן אין טונעל אַריין און אַז ס'זענען פאַרהאַן 10,000 מענטשליכע קרבנות. די שרעק און פּאַניק האָבן צווישן די פרויען דערגרייכט די העכסטע מדרגה. זיי אַליין האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ יאָמערליכן געוויין און פיל פון זיי זענען געפאַלן חלשות. די פּאַניק האָט זיך נאָך פיל מער פאַרשטאַרקט נאָכדעם, ווי איינער אַנ'אַרבעטער, וואָס איז אָנגעקומען אויף אַ געדיכט מיט מענטשן אָנגעפּאַקטן צוג, האָט זיך אַרויסגעבלאַפט אַ פאַר ווערטער, אַז דער טונעל ברענט. נאָר דאָ איז פּלוצלינג אויף אַ וואַגאָן אָנגעקומען האַרימאַן, ער האָט אויפגעהויבן זיין הוט אין דער הויך און מיט.

אַ הויכער שטיס זיך געווונדעט צום המון.

— איך שווער אייך בײַ גאָט, אַז אַלץ, וואָס איך דערצייל אייך איז אמת און איך זאָג אייך נישט קיין איינציק וואָרט ליגן. ס'איז אַ ליגן, אַז דער טונעל ברענט! בעטאָן און אייזן קאָנען נישט ברענען! בײַ דער באָר־מאַשין האָט ווירקליך אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה, אָבער אונדזערע אינזשינערן זענען שוין בײַ דער אַרבעט און די רעטונגס־אַקציע גייט אויסגעצייכנט. איר מעגט פֿאָלשטענדיק רויק זײַן און זיך פֿונאַנדערגיין יעדער אַהיים.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַ ביסל באַרויִקט אַ טייל פֿון די פֿרויען. די מורהייט האָט אָבער אין זײַנע ווערטער נישט געגלויבט און איז געווען זיכער, אַז נישט קוקנדיק אויף זײַן פֿייערליכע פֿאַרזיכערונג, אַז ער זאָגט כּלומרשט אמת — דערציילט ער זיי ווייטער ליגן און בבא־מעשׂות.

מ'האָט האַרימאַנ'ען איבערגעריסן און אים נישט געלאָזט ווייטער רעדן און ווען ער האָט נאָכאַמאָל געפּרווט רעדן, האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע פּייפֿעריי און געשרײַ, וואָס האָבן אינגאַנצן פֿאַרטויבט זײַנע ווערטער. עטליכע פֿרויען האָבן זאָגאַר געכאַפּט שטיינער, כּדי זיי צו וואַרפֿן אויף האַרימאַנ'ען. נאָר דער לעצטער, זעענדיק אַזאַ דראָענדע האַלטונג, איז געשווינד אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן און אַרויפֿגעלאָפֿן אין זאַל פֿון וואָקזאַל. האַרימאַן האָט געפֿילט, אַז אַלץ איז פֿאַרלוירן, אַז איצט איז שוין אונמעגליך צו באַזייטיקן די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע, אַז די אמת'ע קאַטאַסטראָפֿע שטייט ערשט איצט פֿאַר אים די, וואָס איז נעכטן געשען, איז גאָר געווען אַ הקדמה. יאָ — האָט האַרימאַן אין דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג געטראַכט — אַלץ איז שוין איצט פֿאַרפֿאַלן און נאָר אַלאַן אַליין וואָלט נאָך געקענט די קאַטאַסטראָפֿע באַזייטיקן און זי נישט דערלאָזן, אָבער ווו נעמט מען איצט אַלאַנען? ווי אויף צו להכעיס געפֿינט זיך איצט אַלאַן, דער דאָזיקער אמת'ער מכשף אויפֿ'ן געביט פֿון טונעל, זער ווייט פֿון דאַנען: ער איז איצט אויף דער רייזע, אין וואַגאָן צווישן ניו־יאָרק און ביפֿאַלאָ.

דער גרויסער קאַלטער סטאַציע-זאַל איז געווען פול מיט אינזשינערן, דאָקטוירים און באַאַמטע, וועלכע זענען אַהער געקומען, כדי דאָ אויפ'ן אָרט צו געבן מעדעצינישע הילף די פערוואונדעטע אַרבעטער, וואָס מ'וועט ברענגען אַהער פונ'ם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. האַרימאַן האָט אויסגעטרינקען אַ גלאָז שוואַרצע קאַפע, וואָס האָט אים שטאַרק אָבגעפרישט און פאָלשטענדיק פערניכטעט די ווירקונג פונ'ם שלאָף-פולווער וועלכען ער האָט פאַרטאָג געהאַט איינגענומען. האַרימאַן האָט האַלב פינף אַ זייגער טעלעגראַפירט צו אַלאַנ'ען. די טעלעגראַמע האָט מען אַלאַנ'ען איבערגעגעבן אין שלאָף-וואַגאָן, אויפ'ן וועג צווישן ניו-יאָרק און בופאַלאָ. אַלאַן האָט טעלעגראַפיש געענטפערט, אז ער וועט וואָס גיכער קומען צוריק מיט אַנ'עקסטראַ'-צוג. אַ גרויסע עקספּלאָזיע איז, לויט אַלאַנ'ס מיינונג, אויסגעשלאָסן, מחמת דער אויפרייס-שטאָף קאָן נאָר אין פייער פאַרברענט ווערן. אַלאַן האָט פאַראָרדנט אין זיין דעפּעשע צוצוגרייטן וואָס מער רעטונגס-צוגן. מ'זאָל אַלע סטאַציעס מיט אינזשינערן באַזעצן און די ברענענדע קאָרידאָרן מיט וואַסער פאַרפלייצן, כדי אָבצושטעלן די ווייטערדיקע שנעלע פאַרשפּרייטונג פונ'ם צובושעוועטן פייער-עלעמענט.

יאָ, ס'איז לייכט צו זאָגן: פאַרפלייצן דעם טונעל, נור ווי קומט מען איצט צום אָרט, ווו מ'דאַרף דאָס וואַסער אַריינלאָזן אין טונעל ווען די צוגען קאָנען שוין איצט נישט אַריינפאָרן צוליב דער שרעקליכער היץ, וואָס הערשט דאָרט אינווייניק. די פרויען האָבן דערווייל געהאַלטן אין איין יאָמערן, קלאָגן און שעלטן די פאַר-וואַלטונג פון דער טונעל אַרבעט און הויפּטזעכליך די אינזשינערן. די שטימונג צווישן די פאַרזאַמלטע פרויען איז מיט יעדער רגע געוואָרן מער אויפגערעגט און בייז, ערשט אַרום צען אַ זייגער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צוגן מיט אַרבעטער פון ערטער וואָס ליגן אין דירעקטער שכנות מיטן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, און איצט איז שוין קלאָר געווען ווי דער טאָג, אַז די קאַטאַסטראָפע איז געווען פיל שרעקליכער, ווי מ'האָט זיך גאָר פאָרגעשטעלט, די אַרבעטער וואָס זענען שפּעטער מיט אַ האַלבע שעה אָנגעקומען פון יענע

שרעקליכן אָרט, האָבן מיטגעטיילט, אַז אויף דער שטרעקע פון די לעצטע דרייסיק קילאָמעטער זענען אַלע מענטשן אומגעקומען.

די מענער מיט די באַשמוצטע געלבע פנים׳ער, וואָס זענען אָנגעקומען פון טונעל, זענען געשטורמט און אַרומגערינגלט געוואָר פון טויזנטער פרויען, וועלכע האָבן זיי נישט געלאָזט אויף קיין רגע צורו, אויספרעגנדיק זיי וועגען אַלע פּרטים פונ׳ם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אין טונעל פּאַסירט. הויפּטזעכליך האָט זיך יעדע פרוי באַמיט צו דערוויסן, אויב איר מאַן, ברודער אָדער זון, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, זענען לעבן געבליבן. נאָר קיין איינע פון די פרויען האָט פון די אַרבעטער נישט באַקומען קיין קלאָרן ענטפער וועגן דעם: ווען דער אַרבעטער האָט אַפילו יאָ געוווסט, אַז דער אָדער יענערס מאַן, ברודער אָדער זון איז דערהרג׳עט געוואָרן, האָט ער אויך נישט דערציילט דעם אמת, נישט וועלנדיק איבערגעבן אַ זעלכע שלעכטע בשורות. די פרויען, וועלכע האָבן צווישן די אָנגעקומענע אַרבעטער דערזען זייער מאַן, האָבן זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן פון שמחה און גליק, וואָס זייער איינציקער שפּייזער איז געבליבן לעבן, בעת פיל אַנדערע פרויען האָבן געשוועבט אין דער שרעקליכער אומזיכערקייט מכח דעם גורל פון זייערע מענער, זענען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק, ברעכנדיק מיט די הענד און וואַרפנדיק אומרויקע בליקן אין דער זייט, פון וואַנען די צוגן קומען און אפשר וועט אָנקומען פון דאָרט אַ נייער צוג און ברענגען מיט זיך זייערע מענער. די אָרימע פרויען האָבן נאָך אַלץ נעהאָפט צו דערזען זייערע מענער, נישט קוקנדיק אויף דער ידיעה, אַז אויף אַ מרחק פון די לעצטע דרייסיק קילאָמעטער איז קיין איינציקער מענטש נישט לעבן געבליבן. האָבן דאָך פיל פרויען אַלץ נאָך געהאָפט, אַז „דער טייוול איז נישט אַזוי אַזוי שרעקליך, ווי מ׳האָט אים געשילדערט”. ד. ה. אַז אויב ס׳איז טאַקע יאָ פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע, איז זי נישט אַזאַ גרויסע און ס׳זענען דערביי ווייניק מענטשן אומגעקומען.

V

מאַוד איז דעם דאָזיקן אומגליקלעכן טאָג געשלאָפן זער לאַנג און געשמאַק. זי האָט נעכטן בײַנאַכט אין שפּיטאָל פאַרטרעטן אַ פּערדרייזטע נלעגערן און איז געגאַנגען שלאָפן ערשט נאָך צוויי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט. ווען מאַוד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר שטאַרקן און זיסן שלאָף, איז שוין איר טעכטערל עדיט געווען וואַך. זי איז געזעסן אין בעטל און נישט וועלנדיק אויפוועקן איר מוטער, האָט זי זיך פאַרנומען מיט פלעכטן אירע גערדיכטע שענע האָר און בלאָנדע צעפּ. ווי נאָר זיי ביידע האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן, איז אין שלאָף-צימער אַרייַנגעקומען די דינסט און דערלאַנגט מאַוד׳ן אַ טעלעגראַמע.

— אין טונעל איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע, — האָט די דינסט מיטגעטיילט מאַוד׳ן מיט אַנ׳אויסדרוק פון שרעק און צער אויפ׳ן געזיכט.

— פאַרוואָס האָט איר מיר ערשט איצט די טעלעגראַמע געבראַכט — האָט מאַוד זי געפרעגט ! איר האָט דאָך מיר געקאָנט אַרייַנברענגען מיט עטלעכע שעה פריער און מיך אויפוועקן פון מיין שלאָף.

— דער הער — האָט די דינסט געענטפערט — האָט מיר טעלעגראַפירט, איך זאָל אייך לאָזן זיך אויסשלאָפן און אייך בשום אופן נישט וועקן.

די דעפּעשע איז פון אַלאַנ׳ען, ער האָט זי אַרויסגעשיקט אין מיט׳ן וועג פון בופאַלאָ פאָרענדיק צוריק. אין דער טעלעגראַמע איז געווען געזאָגט: קאַטאַסטראָפע אין טונעל, דאָס הויז נישט פאַרלאָזן. איך קום געגן זעקס אַ זייגער אָוונט.

מאַוד איז בלייך געוואָרן פון שרעק און אויפרעגונג. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז איר געקומען און קאָפּ, איבערלעזנדיק די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה, איז געווען — האָבי... ער איז נעכטן אָוונט געפאָרן צו דער לעצטער טונעל-סטאַציע, ס׳קען זיין

נישט ווייט פונ׳ם אָרט, ווו די קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען — און גאָט ווייסט, וואָס מיט אים איז דאָרט געשען.

— וואָס איז מאַמאַ? — האָט עדיט געפרעגט איר מוטער, באַמערקענדיק, ווי זי איז פלוצלינג בלאַס געוואָרן.

— אין טונעל איז פאָרגעקומען אַנ׳אומגליק, עדיט.

זענען פיל מענטשן דערהרגעט געוואָרן? — האָט די קליינע געפרעגט אַביסל אונרויק און נאָך אַלץ פלעכטנדיק אירע צעפלעך.

מאַוד האָט עדיטן גאָרנישט געענטפערט.

זי האָט געקוקט ווי פאַרשטיינערט פון איבעררעשונג פאַר זיך, איר מוח האָט געגעבערט אַ פיינלעכער געדאַנק: צי איז ער בעת דער קאַטאַסטראָפע נישט נישט געווען אויפן אָרט, ווו, דאָס אומגליק האָט פאַסירט!

דאָ האָט עדיט צערטליך אַרומגענומען איר מוטער און טרייסטנדיק זי געזאָגט.

— דו האָסט זיך, מאַמאַ, נישט וואָס צו זאָרגן און באַאונרויקן פאַפאַ איז דאָך בעת דער קאַטאַסטראָפע געווען אויפן וועג צווישן ניו-יאָרק און בופאַלאָ.

און עדיט האָט דערביי זיך צולאַכט, כדי די מאַמע צו איבערצייגן, אַז איר פאַפאַ געפינט זיך אין זיכערהייט און האָט פון דער קאַטאַסטראָפע גאָר נישט געליטן. מאַוד האָט אָנגעטון דעם שלאָפראָק און איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט צו טעלעפאָנירן אין צענטרעל-ביוראָ מכח דער קאַטאַסטראָפע. די הויפט כונה אירע איז דערביי געווען, זיך צו דערוויסן וואָס ס׳הערט זיך מיט האַבין-מאַודן איז אויסגעקומען צו וואַרטן אַ מינוט צען ביז זי האָט באַקומען אַ פאַרבינדונג מיטן צענטראַל-ביוראָ, נאָר ערשט דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין צענטראַל-בוראָ ווייסט מען נאָך זייער ווייניק די פרטים פון דער גרויסער און שרעקליכער קאַטאַסטראָפע און ווען זי האָט אָנגעפרעגט, צי ווייסן זיי דאָרט עפּיס וועגן האַבין: ווו ער האָט זיך געפונען בעת די קאַטאַסטראָפע איז אויסגעבראָכן, — האָט זי באַקומען אַנ׳ענטפער, אַז זיי האָבן וועגן

האָבן קיין שום ידיעות נישט און ווייסן נישט ווו ער האָט זיך בעת דער קאַטאַסטראָפֿע געפֿונען.

אין מאָודס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, הייסע טרערן, וועלכע קיין זייטיקער מענטש טאָר נישט אָנזען. העכסט באַונרויקט און אויפֿגערעגט, האָט זי מיט עדיטן גענומען אַ וואַנע. דאָס פֿאַרגניגן האָט מאָוד זיך דערלויבט יעדן פֿרימאָרגן, וואָס פֿאַר אַ וועטער ס'זאָל נישט זיין און אין וואָס פֿאַר אַ שטימונג זי זאָל זיך נישט געפֿינען. נאָכן פֿרישטיק איז עדיט אַוועקגעגאַנגען אין שולע און איצט ערשט, געפֿינענדיק זיך איינע אַליין און פֿון קיינעם נישט געשטערט, האָט מאָוד זיך פֿריי איבערגעגעבן דעם פֿיינלעכן געפֿיל, וועלכעס האָט זי היינט אַזוי שטאַרק באַהערשט.

מאָוד האָט ווידער אַמאָל טעלעפֿאָנירט אין צענטראַל ביוראָ. ענדלעך איז איר געלונגען צו פֿאַרבינדן אַ טעלעפֿאָניש געשפּרעך מיט האַרימאַנען און האָט איר איבערגעגעבן, אַז דאָס אומגליק איז גרעסער, גרעסער און שרעקלעכער, ווי מ'האָט זיך לכתחילה פֿאָרגעשטעלט. מאָוד איז נאָך מער אויפֿגערעגט און אונרויק געוואָרן. איצט האָט זי אָנגעהויבן צו טראַכטן וואָס מאַק האָט געמיינט מיט זיינע ווערטער אין זיין טעלעגראַמע, אַז זי זאָל דאָס הויז בשום אופֿן נישט פֿאַרלאָזן. פֿאַרוואָס זאָל זי עפּעס נישט פֿאַרלאָזן דאָס הויז? זי הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין מאַקן, ווייסט גאָט, וואָס פֿאַר אַ כּוונה ער האָט דערביי געהאַט. מאָוד האָט זיך געלאָזט גען דורך די גערטנער אין שפּיטאָל און, באַגעגנדיק אויפֿן וועג פֿלעגערין, האָט זי מיט איר אין דער שטיל וועגן עפּיס זיך געסוד'עט. אַריינגעקומען אין שפּיטאָל אַריין, האָט מאָוד באַמערקט, אַז אויך דאָ זענען אַלע זייער באַונרויקט און אויפֿגערעגט. און ס'איז קיין חידוש נישט: יעדער פֿון די קראַנקע האָבן געהאַט קרובים, וואָס האָבן זיך בעת דער קאַטאַסטראָפֿע געפֿונען נישט ווייט פֿון יענעם שרעקלעכן אָרט ביי דער אַרבעט. מאָוד האָט אַ ביסל זיך אונטערגעהאַלטן מיט די קראַנקע, זי איז אָבער געווען שטאַרק צומישט און צוטראָגן און ציטנווייז אַליין נישט געוווסט, וואָס זי דער

צום סוף איז זי, נאָך אומרויקער און אויפגערעקטער ווי פריער, אַריין צו זיך אין צימער.

— פאַרוואָס זאָל איך אייגענטליך דאָס צימער נישט פאַרלאָזן ?

— האָט זי זיך געטראַכט — דאָס איז נישט גוט פון מאַקס זייט, מיר צו פאַרווערן אַרויסגיין פון הויז.

זי האָט ווידער געפרוווט טעלעפאָניש זיך דורכרעדן מיט עטלעכע אירע באַקאַנטע, נאָר דאָס איז איר, ווי אויך להכעיס, נישט געלונגען: אָדער אירע באַקאַנטע האָבן זיך דאַן נישט געפונען אין דער טונעל שטאָט, אָדער די טעלעפאָן ליניע איז פאַרנומען געווען מיט אַ דרינגענדער געשעפטליכער אַרבעט און מאַוד האָט זי נישט געקאָנט באַנוצן.

— כ'וויל זען, וואָס אויף דער גאַס טוט זיך — האָט מאַוד האַלב אין דער הויך צו זיך געזאָגט — מאַק קאָן זאָגן וואָס ער וויל, איך וועל אָבער טון, וואָס מיין פאַרשטאַנט דיקטירט מיר. וואָס הייסט עפּיס, ער וועט מיר באַפעלן אין דערהיים צו פאַרבלייבן — אַ מין הויז אַרעסט אויף מיר אַרויפלעגן ? און דערצו נאָך ווען ? גראָד איצט, ווען כ'קען די אומגליקליכע פרויען מיט מיין טרייסט וואָרט אַזוי נוצליך זיין, ווען כ'בין אַזוי נאָנט צו זיי. מיט אַ גוט וואַרם וואָרט קאָן מען דאָך זיי איצט מחיה זיין.

זי האָט אָבער דאָס טוך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן אָרט און עס נישט אָנגעטון. זי האָט אַרויסגענומען פון רידיקול מאַקס טעלעגראַמע און שוין אפשר צום הונדערטן מאָל זי אָנגעהויבן לייענען.

— נישט אַרויסגיין פון שטוב! האָט זי אין גרעסטן כעס געטראַכט — אָבער אינטערעסאַנט, יעדנפאַלס, צו וויסן זיינע מאָטיוון דערצו: פאַרוואָס זאָל איך היינט מיט עדיטן בלייבן אין דערהיים ? צי איז די קאַטאַסטראָפע ווירקליך געווען אַזאַ שרעקליכע, ווי הארימאַן גיט איבער ? און ווען האַרימאַן האָט געזאָגט דעם אמת און די קאַטאַסטראָפע איז טאַקי אַ גרויסע, איז דאָך דאַמאָלט נויטיק, זי זאָל זיך געפונען צווישן די אומגליקליכע אַלמנות, זיי טרייסטן און מיט ראַט און טאַט זיי צו הילף קומען. יאָ, איר פליכט

איז איצט זיך צו געפונען צווישן די אונגליקליכע אלמנות, צווישן יענע פרויען, וועמענס מענער ס'זענען דער'הרג'עט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן בעת דער קאַטאַסטראָפע.

ביי די דאָזיקע געדאַנקען איז מאַוד שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף מאַק'ן און האָט באַשלאָסן, אים נישט צו פאָלגן און צו גיין אויפ'ן אָרט, וווּ די פרויען האָבן זיך פאַרזאַמלט. זי האָט איבערהויפּט שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס אייגנטליך אין טונעל איז געשען, וויפיל מענטשן ס'זענען אומגעקומען, וויפיל פאַרוואונדעט, בכלל — אַלע פּרטים פון דער קאַטאַסטראָפע. זי האָט בשום אופן ווייטער נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין אונוויסנהייט מכח די אַלע אייַנצעלהייטן פונ'ם גרויסן אומגליק, וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָבגעשיקט אויפ'ן טונעל. און פון מאַק'ן ווי פון האַרימאַנ'ען האָט זי בשום אופן ביז איצט נישט געקאָנט זיך דערוויסן עפּיס וועגן דעם, זיי ביידע האָבן זיך באַניגענט דערמיט, וואָס זיי האָבן איר איבערגעגעבן אין אַלגעמיינע שטריכן די שרעקליכע ידיעה. גאָר מאַוד האָט זיך דאָך נישט געאיילט עובר צו זיין אויף מאַק'ס פאַרבאָט אַרויסצוגיין פון שטוב. זי האָט זיך ווי געשלאָגן מיט דער דעה: פאָלגן איר מאַן, אָדער נישט? מאַוד'ן האָט הויפּטזעכליך געפייניקט אַ געהיימע מורא פאַר עפּיס, זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... ענדליך האָט זי זיך אָנגעטון דאָס טוך אויפן קאָפּ און אייַנהילנדיק זיך אין זעלבן גומי-מאַנטל, האָט זי זיך געלאָזט גיין צום אָרט, וווּ דער אַרבעטער קוואַרטאַל געפונט זיך.

אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון איר טיר, איז מאַוד'ן באַפאַלן עפּיס אַ געהיימניספול געפיל פון שרעק, אַז זי טאָר הייַנט גראָד הייַנט, די קליינע עדיט אין דערהיים אַליין נישט לאָזן פאַרבייַגייענדיק די געביידע פון דער פרעבל שולע, וווּ עדיט האָט זיך דעמאָלט געפונען, איז מאַוד אַהין און מיטגענומען מיט עדיט'ן.

— כ'וועל אין אַ שעה אַרום צוריק קומען מיט עדיטן — האָט מאַוד געזאָגט צו דער עלטערער לערערן — און זי מיט עדיט האָבן זיך געלאָזט גיין אַהין „וווּ איר פליכט רופט זי איצט“ צו

יענע טויזנטער אומגליקלעכע פרויען וועלכע האָבן היינט פאַרלוירן זייער איינציקן און צוזאַמען דערמיט זייער האָפנונג און טרייסט.

איבער דער סטעזשקע אין גאָרטן וועלכע זיי האָבן איבער געשניטן, האָט פלוצלינג אַ שפּרונג געטון אַ פראָש, אויף וועלכן מאַוד האָט שיער נישט אַרויפגעטרעטן. עדיט איז פון שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף אַ טריט צוריק. דער טאָג איז געווען אַ טריבער, אַ נאַסער... פון הימל האָט זיך לאַנגזאַם געגאָסן אַ דראָבנע, קאַלט רעגענדל, וואָס האָט דורכגענומען מיט זיין אומ אַנגענעמער פייכטקייט און קעלט דורכן און דורך מענטשן און חיות, דער גרויער בלייערנער הימל האָט געוויינט ווי מיט ביטערע טרערן, און אַ שטאַרקער דורכדרינגענדער ווינט האָט געוואָיעט און געקלאָגט אין דער הויך און געבויגן די ביימער ביז צו דער ערד.

— „און ערשט נעכטן — האָט מאַוד געטראַכט — ערשט נעכטן איז נאָך געווען אין דרויסן אַזוי היים און שיין. די ליבע זון האָט פון לויטערן הימל אַזוי מחיה'דיק געגלאַנצט און געשיינט... יאָ — איז מאַוד'ן געקומען אַ פערגלייך אין קאָפּ: מיט'ן מענטש איז אויך דאָסזעלבע: אויפ'ן אָרט פון נעכטיקן גליק לויפן פלוצלינג אָן שוואַרצע און געדיכטע שאָטענס און ברענגען אים צער, אומגליק און פיין".

געענדיק איבער די לאָנקעס און פעלדער, האָבן זיך מאַוד און עדיט דערנענטערט צו דער טונעל שטאָט און אין פינף מינוט אַרום איז פאַר זייערע אויגן, איינגעהילט אין אַ געדיכטן הערבסט נעפּל, שוין געלעגן אויסגעשפּרייט די גאַנצע טונעל שטאָט מיט אירע לאַנגע גלייכע רייען אַרבעטער הייזער און בירא געביידעס.

— „עס וואָלט גאָר קיין חידוש נישט געווען — האָט מאַוד אַלץ וועגען האַבי'ן געטראַכט — ווען מיט אים זאָל האָבן אַן אומגליק פּאַסירט, וואָרום ער האָט שוין צוזאַ טבע — צו קריכן אין די געפערליכסטע ערטער און וואַרשיינליך איז ער בשעת דער קאַטאַס־טראָפע אויך געטריי געבליבן זיין אַלטער געוווינהייט און געגאַנגען אין פייער אַריין.

נאָר פלוצלינג איז עדיט שטיין געבליבן.

— האָרך! האָט זי צו מאַוד׳ן געזאָגט, מאָוד האָט זיך צוגעהערט אַ ווײַלע, צו אירע אוירן האָט זיך דערטראָגן אַ מיש-מאַש פון פאַרשידענע קולות און זי האָט פון דערווײַטן דערזען אַ טויזנט-קעפּיקן המון, וועלכער האָט זיך געצויגן פאָראויס, ווי אַ פּראָצעסיע. אין געדיכטן נעבל איז אָבער שווער געווען צו זען, אין וועלכע ריכטונג די געדיכטע מאַסע גייט.

— פאַרוואָס שרײַען זיי? האָט עדיט געפרעגט איר מוטער.

— ווײַל זיי זענען בעאונרויקט צוליב דער קאַטאַסטראָפע אין טונעל, האָט מאַוד געענטפערט — ווען די פאָטער׳ס פון די אַלע אָרימע קינדער זענען אין אַ סכנה, זענען זייערע מוטער׳ס, כ׳מיין די פרויען פון יענע מענער, אין דער גרעסטער פערצווייפלונג און זאָרג.

עדיט האָט אַ שאָקל געטון מיט׳ן קעפּל אַלס צייכן, אַז זי פאַרשטייט גוט איר מוטערס ערקלערונג, און אין אַ רגע אַרום האָט זי געפרעגט:

— ווי מיינסטו, מאַמאַ, די קאַטאַסטראָפע איז טאַקע אַ גרויסע אָדער דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקליך, ווי מ׳האָט זיך אים פאַרגעשטעלט?

— כ׳האַלט, אַז די קאַטאַסטראָפע איז ווי קלי אַ גרויסע און אַ שרעקלכע — האָט מאַוד געענטפערט, אַ ;יטע טוענדיק דערבײַ מיט׳ן גאַנצן קערפּער — לאָמיר אַביסל שנע ר יין, עדיט

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט מאָוד אָנגעהויבן צו מאַכן שנעלערע און ברייטערע טריט און די קליינע עדיט איז נישט אָבגעשטאַנען פון איר מוטער אויף איין טריט אַפילו. פּליצלינג האָט מאַוד, נישט וועניק ערשטוינט דערזעענדיק ווי דער המון דערנענטערט זיך צו זיי און גייט זיי אַנטקעגן, דאָס געשריי איז געוואָרן עכער ; זי האָט אויך באַמערקט, ווי די מאַסע זייענדיק שטאַרק אויפגערעגט האָבן אופן וועג אומגעוואָרפן אַ טעלעגראַפן סלופּ. מאַוד האָט מער זיך נישט צוגעהערט צו עדיט׳ס פראַגן און האָט אָנגעהויבן מאַכן שנעלע טריט פאָראויס. דאָס טוען זיי דאָרט, וואָס איז דאָרט אַזוי.

געשען! איר איז פּלוצלונג שטאַרק הייס געוואָרן און זי האָט דערשפּירט עפּיס אַ שטעכעדיקן ווייטאָג אין קאָפּ. אויף אַ רגע איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צוריקצוגיין מיט עדיטן אַהיים און זיך פאַרשליסן אין שטוב, אַזוי ווי מאַק האָט איר באַפוילן. דאָס האָט זיך מאַודן אָבער אויסגעוויזן פאַר אַ פּחדנות פון איר זייט צו אַנטלויפן פון ומגליקליכע מענטשן צוליב מורא צו זען יענעמס אומגליק. הנם זי קאָן איצט די פרויען קיין סך נוצן נישט ברענגען, קאָן זי דאָך יעדנפאַלס פאַר זיי עפּיס אויפטון, אַזוי אַז גיין צוריק — וואָלט פון איר זייט אין אַזאַ מאָמענט געווען זער נישט אַנשטענדיק ווי אַלע פרויען קענען זי דאָך אַזוי גוט, זיי באַגריסן זי דאָך שטענדיק אַזוי פריינדליך און ביי יעדער געלעגנהייט ווייזן זיי איר אַרויס קליינע טובות לויט זייער פאַרשטאַנד, און האַלטן זיך בנוגע איר בכלל אַזוי פריינדליך און היימיש, און מאַק? וואָס וואָלט ער געטון, ווען ער וואָלט איצט דאָ געווען?

דער המון האָט זיך דערווייל וואָס אַמאָל שנעלער דערנענטערט צום אָרט, וווּ מאַוד מיט עדיטן זענען איצט געשטאַנען.

— אָבער פאַרוואָס שרייען זיי און פילדערן אַזוי? האָט מאַוד זיך געטראַכט, דערערנדיק אַ שטאַרקן געשריי און ווילדע קולות צווישן די פרויען.

— וואַרט נאָר, האָט זי זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט — מיר דאַכט זיך, אַז זיי זינגען? נישט אמת עדיט? יאָ, כ'האָב קיין טעות נישט: זיי זינגען טאַקע.

— פאַרוואָס זינגען זיי עפּיס? — האָט די קליינע עדיט איר מוטער געפרעגט.

אין אַ רגע אַרום האָט זיך בולט דערערט אַ ווילד געזאַנג, צונויפגעמישט מיט געשרייען און דראָענדע אויסרופן. איצט ווען די גרויסע מאַסע איז שוין געווען זער נאָענט פון זיי, איז דייטליך געווען צו זען, אַז דער המון איז אַ סך גרעסער, ווי מ'האָט זיך פאָרגעשטעלט. פאַר זיירע אויגן האָט זיך באַוועגט אַ גאַנצע אַרמעע פרויען, אַ געדיכטע, אַ שוואַרצע, און צו איר גרויסער ערשטוינונג האָט מאַוד דערזען, ווי אַן אָפּטיילונג פון דער דאָזיקער אַרמעע

אַנ'ערך פון 200 פרויען, האָט באַוואָרפן אַ פעלד-לאַקאָמאָטיוו מיט שטיינער און אים חרוב געמאַכט.

— מאַמאַ! — האָט די קליינע עדיט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון שרעק און ערשטוינונג.

— אָבער, וואָס זע איך? — האָט מאָוד לייכט אויסגעשריגן — ווי באַלד אַזוי, וואָלט איך טאַקע נישט געדאַרפט אַרויסגיין פון שטוב און דאָרט בלייבן פאַרשלאָסן, אַ שאָד, וואָס איצט איז שוין שפעט זיך אומצוקערן...

דער המון האָט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, דערקענט מאָוד'ן, מאָוד האָט דערזען, ווי עטליכע פרויען פון די פאָדערשטע רייען הויבן-אויף דראָהענד געגן איר די הענד, אין אַ רגע אַרום האָבן יענע פרויען פאַרלאָזט די רייען פון דער געדיכטער מאַסע און זיך אַ לאָז געטון גלייך צו איר, מאָוד איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק... זי האָט זיך אָבער באַהערשט און, קומענדיק אַ ביסל צו זיך, געמאַכט עטליכע שריט צו די פרויען, וואָס זענען, בייזע און צאָרנדיקע, געלאָפן צו איר, אָבער דערזעענדיק זייערע פון כעס און צאָרן ברענענדיקע געזיכטער האָט מאָוד ערשט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָ שמעקט און אין וואָס פאַר אַ סכנה זי און עדיט געפונען זיך איצט. אַ פאָר צענדליק פרויען זענען צוגעלאָפן האָרט צו מאָוד'ן און, קריצנדיק מיט די ציין פון כעס, זי געשאָלטן און געזידלט אָן אויפהער.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט מאָוד גאַנץ אויפריכטיק געפרעגט די פרויען, זעענדיק זייער אויסערגעוועגליכן כעס און צאָרן — וואָס האָט פּאַסירט, וואָס איר זענט אַזוי אויפגערעגט?

מאָוד איז אָבער געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, ווען זי האָט דערזען פון נאָענט די געזיכטער פון די פאָדערשטע רייען פרויען, זיי האָבן אַלע אויסגעזען ווי משוגע, באַהערשט פון אַ ווילדן צאָרן און אויפרעגונג... די פרויען זענען, ס'רוב געגאַנגען האַלב נאַקעט, מיט צעריסענע קליידער און דאָ איז אין דרויסן געשטאַנען אַ קאַלט דורכדרינגענד הערבסט-וועטער, וואָס האָט נאָך פיל פאַרשטאַרקט זייערע בייזע געמיטער.

די פרויען האָבן מאָוד'ס ווערטער נישט געהערט, מ'האָט איר גאָר נישט געענטפערט. זיירע אויסגעצויגענע און פערקרימטע מיילער האָבן אַרויסגעלאָזט ווילדע טריאומפירענדע געשרייען און קללות געגען די שולדיקע אין זייער אומגליק.

— אַלע זענען דער'הרג'עט געוואָרן און אומגעקומען אין פאַרשאָלטענעם טו־על! — האָבן הונדערטער קולות געשריען אויף פאַרשידענע אופנים אין אַלע שפּראַכן.

און פלוצלינג האָט אַ פרויען שטימע אויסגעשריגן:

— דאָס איז דאָך מאַק'ס פרוי, שלאָגט זי און הרג'עט אויף'ן אָרט.

און מאָוד האָט באַלד נאָכדעם דערזען, ווי אַן אָרימע פרוי, אין שמאַטעס אָנגעטון, האָט מיט ווילדן כעס אויפגעהויבן אַ שטיין, דער שטיין האָט אין אַ רגע אַרום אַ פייף געטון אין דער לופט און האָט געטראָפן מאָודן אין דער רעכטער האַנט, העכער אַ ביסל פונ'ם עלנבויגן. מאָוד האָט אינסטינקטיוו אַ ציה געטון צו זיך עדית'ן, כדי זי צו ראַטעווען פונ'ם צווייטן שטיין, וועלכן די זעלבע פרוי האָט זיך שוין געקליבן אויף מאָוד'ן אַ וואָרף צו טון. די קליינע עדית איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מאָוד'ס שרעק און פאַרצווייפלונג.

— וואָס האָט אייך דען מאַק געטון שלעכטס, וואָס איר זענט אויף אים אַזוי אין כעס? האָט מאָוד זיך געווענדעט צו די צובושע־ווועטע פרויען און אירע אויגן האָבן אַרומגעבלאָנזשעט אַרום און אַרום פול פחד און פאַרצווייפלונג.

די דעמאָנסטראַנטקעס האָבן מאָודן דערקענט די גאַנצע מחנה צעווילדעוועטע פרויען האָט זיך דערוווסט, אַז זי איז מאַק אַלאַנס פרוי זיי האָבן אַלע אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געשריי, וואָס האָט די גאַנצע לופט פאַרהילכט. פלוצלינג האָבן אָנגעהויבן פון אַלע זייטן פליען שטיינער אין דער לופט אויף מאָודן. מאָוד האָט געציטערט פון שרעק און באַליידיגונג. ערשט איצט האָט זי דערזען, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, זיך צו געפינען ווען ס'איז אין אַזאַ טראַגישע לאַגע איז איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. מאָוד האָט

זיך אומגעקערט — אָבער אומעטום איז איר פאַרצווייפלטער בליק געפאַלן אויף גרופּעס צובושעוועטע פרויען, וועלכע האָבן זיך אַלע געצויגן צום אָרט ווו זי שטייט, נאָך אין צוויי מינוט אַרום איז מאָוד שוין אין גאַנצן געווען אַרומגערינגלט דורך די דאָזיקע ווילדע און בייזע פרויען און אין אַלע אויגן פון די צעווילדעוועטע פרויען האָט געברענט אַ פייער פון האַס און נקמה. מאָוד האָט אָנגעהויבן ביי די פרויען בעטן, זיי זאָלן זיך באַטראַכטן וואָס זיי טוען, זי האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן, ווי איר מאַן און זי זענען איבערגעגעבן דעם אַרבעטער-קלאַס און וויפיל גוטס זיי ביידע האָבן שוין פאַר די אַרבעטער, פאַר זייערע פרויען און קינדער אויפגעטון. נאָר אַלע אירע ווערטער האָבן די מינדעסטע ווירקונג נישט געהאַט, דערזעענדיק זייער „פיינט" אין אַזאַ קריטישער לאַגע, האָבן די ווילדע פרויען דערלעבט די אמת'ע נקמה איבער מאָוד. איר הילפלאָזיקייט האָט נאָך מער צוהיצט אין זיי דאָס פייער פון נקמה. אַ קאַלטער שווייס האָט אַ שלאָג געטון מאָוד'ן אויפ'ן שטערן. מיין גאָט! מיין גאָט! האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע גאָט צו בעטן: בעשיץ מיין איין-און-איינציק קינד און שענק איר דאָס לעבן.

די ווילדע מאַסע האָט אָבער אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען: דער'הרג'עט זיי ביידע, זיי זאָלן פון דאַנען קיין לעבעדיקע נישט אוועקגיין. און אין אַ רגע אַרום האָט אַ שטיין געטראָפן די קליינע עדיט'ן אין ברוסט, אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך אַ שאָקל געטון מיט'ן גאַנצן קערפּער, עדיט האָט אַפילו קיין געשריי נישט געטון, נאָר איר קליין הענטל האָט אינסטינקטיוו אויסגעצויגן צו דער מוטער'ס האַנט און זי האָט אין טויט שרעק אַ קוק געטון איר מוטער גלייך אין די אויגן אַריין.

— אָ גאָט! וואָס טוט איר? — האָט מאַוד אַ שרעקליכן געשריי אַרויסגעלאָזט, וואָס האָט איר צו מיין אומשולדיק קינד? און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך מאָוד איינגעבויגן און אַרומגענומען איר שווער פאַרווונדעטע עדיט. טרערן פון פאַרצווייפלונג און ביטערסטן צער האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— איצט וועט שוין מאַך געדענקען — האָט די נאָך ברויזנדע און צובושעוועטע מאַסע פון פרויען געשריגן — איצט וועט ער שוין וויסן, וואָס הייסט מענטשן אומזיסט און אומנישט אין פייער אַריינצוואַרפן.

און מיט נאָך אַ גרעסערער היץ פון משוגעת און צאָרן האָט די מאַסע זיך גענומען באַוואַרפן מיט שטיינער די שוצלאָזע מוטער און קינד. ס'האָט זיך אויף זיי פון אַלע זייטן אַ שאָט געטון אַ געדיכטער האָגל פון שטיינער און שטיקער ציגל.

ווען מאַוד וואָלט געווען אַ פחדנ'טע און מורא געהאַט פאַרן טויט, וואָלט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני און זיי מיט טרערן אין די אויגן געבעטן רחמים. זיי זאָלן איר דאָס לעבן שענקען. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן געווען די מעגליכקייט, אַז זי וואָלט נאָך אפשר אומשטאַנד געווען צו דערוועקן ביי די צו-בושעוועטע פרויען אַ געפיל פון רחמנות צו זיך. אָבער מאַוד, די קליינע סענטימענטאַלע מאַוד, איז אין אַזאַ רגע פון דער גרעסטער סכנה פלוצלינג מוטיק און שטאָלץ געוואָרן. זי האָט געזען, אַז פון עדיטס מיילכל האָט גערינען בלוט, אַז זי איז טויט-בלאַס געוואָרן און דער האָגל פון שטיינער שיט זיך נאָך אַלץ, און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָט מאַוד נישט געקאָנט בעטן ביי זיי רחמים, זיי זאָלן זיך איבער איר דערבאַרימען. מאַוד האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן פון אָרט און, אַרויפנעמענדיק עדיטן אויף דער האַנד, האָט זי מיט פינקלדיקע אויגן אָנגעהויבן שרייען אויפן המון:

— איר זענט ווילדע חיות און געמיינע באַשעפעניש, ווען כ'וואָלט ביי זיך געהאַט אַ רעוואָלווער, וואָלט איך אויף אייך גע-שאָסן, ווי מ'שיסט אויף הינט. אָ, איר ווילדע חיות! אָ, איר געמיינע באַשעפענישן און אויסוווּרפן!

אין דערזעלבער רגע, ווען מאַוד האָט די דאָזיקע ווערטער פון פאַראַכטונג אויסגערעט, האָט זי געטראָפן אַ גרויסער שטיין אין שלייף און זי איז אומגעפאַלן, מיט אַן'אויסגעצויגענער האַנט נישט אַרויסלאָזנדיק דערביי דעם מינדסטן געשריי. דערזעענדי-

מאָוד׳ן אומפאַלן אַ פאַרווונדעטע, האָט די ווילדע מחנה פרויען אַרויסגעלאָזט ווילדע קולות פון נצחון, ס׳האָבן זיך צווישן המון דערהערט געשרייען, געלעכטער און אויסרופן.

— זאָל מאַק וויסן, ווי פון אונז חוזק צו מאַכן, רעכט אויף איר זאָל מאַק באַצאָלן פאַר זיין גרויסן פאַרברעכן מיטן לעבן פון זיינע אייגענע מענטשן.

פון דער רגע, ווען מאָוד איז אַ פאַרווונדעטע אומגעפאַלן האָט די מאַסע אויפגעהערט צו וואַרפן שטיינער אויף איר און עדיט׳ן, דאָס גליענדע נקמה-געפיל, וואָס האָט געברענט אין הונדערטער הערצער, איז מיט אַמאָל אָבגעקילט געוואָרן. די מחנה פרויען האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער, נאָר איינע פון זיי, עפּיס אַ פאַנאַטישע איטאַליענערין, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון פערניגען חוזק צו מאַכן פונ׳ם געפאַלענעם שונא. איידער זי איז אַוועק געגאַנגען מיט די איבעריקע פרויען, האָט זי זיך איינגעבויגן צו דער אין חלשות ליגענדער מאָוד מיט עדיט׳ן און אַ שפּיי געגעבן. פונדאַנען איז די מאַסע אַוועק צו אַ ווילע פון אַ בעוווסטן אינזשינער, נאָר דערוויסענדיק זיך, אַז דער אינזשינער איז פאַררייזט האָבן די פרויען זיך באַנוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעשלאָגן די פענצטער פון זיין ווילע.

מאָוד און עדיט זענען אָבגעלעגן אונטער׳ן רעגן אין מיטן פעלד אַ פּאָר שעה צייט און קיינער פון מאָוד׳ס גוטע פריינד און באַקאַנטע האָט די מינדסטע אַנונג נישט געהאַט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט... און אַ פּאָר שעה אַרום, נאָכדעם ווי די פרויען זענען פון דעם אָרט אַוועקגעגאַנגען, איז צום אָרט, וווּ מאָוד און עדיט זענען געלעגן, צוגעגאַנגען עפּיס אַ קליין 12-יאָריק אָרים געקליידעט מיידאַלע. זי האָט פון דערווייטן געזען, ווי אַכזריותדיק די פרויען האָבן מאָוד׳ן און עדיט׳ן באַוואָרפן מיט שטיינער און ווי זיי ביידע זענען פאַרווונדעט געוואָרן. דאָס מיידאַלע האָט געקענט מאָוד׳ן, ווייל זי איז עטליכע וואָכן אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל וווּ מאָוד האָט געאַרבעט אַלס עלטערע באַרמהערציקע שוועסטער און געהיילפן פון דאָקטאָר. מאָוד האָט דעמאָלט דאָס מיידעלע

באַהאַנדלט, ווי איר שטייגער איז, זייער גוט און אָרטליך.

ביים מיידאַלע אין האַרצן איז אויף שטענדיק געבליבן אַ וואַרים געפיל פון דאַנקבאַרקייט און אַ באַזונדערע נייגונג צו דער דאָזיקער יינגער דאַמע. געטריבן דורך עפּיס אַ מאָדנעם געפיל פון מענטשליכקייט און ליבע צו מאַוד׳ן, איז דאָס מיידאַלע צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו מאַוד מיט עדיטן זענען געלעגן נאָר אויף אַ מרחק פון עטלכע שריט. האָט זיך דאָס מיידאַלע אָפּגעשטעלט, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. אויף אַ מרחק פון 20—30 שריט פון דאַנען זענען געשטאַנען עטליכע פרויען און מענער און ווי זיך דורכגערעט צווישן זיך, וואָס זיי זאָלן טון מיט די שוצלאָזע פרויען, דער פאַרוווּנדעטער מאַוד און עדיט. ענדליך איז דאָס מיידאַלע צוגעגאַנגען האַרט צו מאַוד׳ן, בלייך ווי קאַלך פון צער און מיטלייד, און דאָ ערשט איז איר דאָס האַרץ שטאַרק פאַר־קלעמט געוואָרן פון אַן׳אומבאַשרייבליכן רחמנות־געפיל צו דער אומגליקליכער פרוי מיט איר קליין קינד. זי האָט דערהערט ווי זיי ביידע קרעכצן פון שטאַרקע פיזישע און מאָראַלישע שמערצן: דאָס מיידל איז פלוצלינג אָפּגעשפּרינגען אָן אַ זייט, פונקט ווי אַ שלאַנג זאָל זי האָבן אַ ביס געטון און זיך געלאָזט אַנטלויפן. זי איז צוגעלאָפן צום שפּיטאָל און ווי אַ משוגע׳נע, אָנגעהויבן קלינגען און ווען אויף דער שוועל פון דער טיר האָט זיך באַוויזן אַן׳אי־בערגעשראָקענער דינער, האָט זי ציטערנדיק מיט אַלע גלידער, אים איבערגעגעבן וואָס מיט מאַוד און עדיט׳ן איז געשען און ווי זיי ליגן. ס׳איז שווער צו באַשרייבן דעם איינדרוק, וואָס די דאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט אין שפּיטאָל: אַלע קראַנקע, דאָס גאַנצע פערסאָנאַל און די אָנגעשטעלטע, האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ ביטערן געוויין און מ׳האָט תיקף אַוועקגעשיקט מענטשן די פאַראומגליקליכטע צו ראַטעווען און זיי אין שפּיטאָל אַריינצו־ברענגען.

VI

אַלאַן האָט זיך נאָך אין ניו־יאָרק פון האַרימאַנ'ס אַ דעפּעשע דערוווסט, וועגן אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט מיט מאַוד'ן און עדיט'ן. אייגנטליך האָט האַרימאַן אַלאַנ'ען דעפּעשירט נאָר אַ האַלבן אמת, אַז דער המון איז באַפאַלן זיין פרוי און קינד און באַגאַנגען אַ גוואַלד־טהאַט. אים איבערצוגעבן דעם גאַנצן אמת וועגן אָנפאַל, אַז מאַוד לעבט שוין נישט און עדיט האַלט ביים שטאַרבן, איז האַרימאַן נישט געווען בכח — ער האָט דערצו נישט געהאַט קיין מוט. ווען דער אָוונט פונ'ם דאָזיקן שרעקליכן טאָג האָט אָנגעהויבן צו דעמערן, איז אַלאַן געקומען צופאָרן קיין ניו־יאָרק. זיין אויטאָ איז געפלויגן פון דער באַן־סטאַציע צו זיך אַהיים אין דער טונעל־סיטי מיט אַ אויסערגעוועגליכער שנעלקייט, ווי אַ טייוול... דערנענטערנדיק זיך צו דער שטאָט, האָט אַלאַן דערהערט ווילדע קולות און געשרייען און דערזען אַ געדיכטן המון מענטשן, וואָס ציט זיך אין איין ריכטונג. אַלאַן איז צוגעפאָרן צום אָרט, ווו דער המון האָט זיך געצויגן, און, אָנפאָרנדיק האַרט אויף אים האָט ער דורך די רייען מענטשן אָנגעהויבן פיל לאַנגזאַמער צו פאָרן. דער המון האָט באַלד דערקענט אַלאַנ'ס אויטאָ און אין אַ רגע אַרום אים אַרומגעריגלט, נישט לאָזנדיק פאָרן ווייטער.

— דאָס איז ער! — האָט דער אויפגערעגטער המון ווילד געשריען — דאָס איז אַלאַן גופא — יאָ, דאָס איז טאַקע ער, אונזער מלאך המות, אונזער מערדער!

אָבער, מערקווירדיק, ווי באַלד נור אַלאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אין מיטן אויטאָמאָביל, זענען אַלע שרייערס תיכף אַנטשוויגן געוואָרן און אַרום און אַרום איז געוואָרן פאָלשטענדיק שטיל.

דער גלאַנץ פון גרויסקייט, זשעני, פון מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן כח, וואָס האָט שטענדיק אַרומגערינגלט מאַק'ס פּערזאָן, דער דאָזיקער גלאַנץ איז אַפילו איצט אויך ניטבלאַס געוואָרן אין

די אויגן פון המון און אים, ווי געוועגליך, אריינגעגעבן גרויס רעס־פעקט פאר מאַק אַלאַנ'ען.

— מאַכט פלאַץ! לאָזט מיך דורכפאָרן! — האָט מאַק מיט אַ הויכער שטים אַ געשריי געטון: ס'איז געשען אַנ'אומגליק. דאָס בעדויערן מיר אַלע. מיר וועלן ראַטעווען אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

נאָר דאָ איז די לופט פערהילכט געוואָרן פון טויזנטער קולות, ס'האָבן זיך דערהערט דראָענדע אויסרופן און געשרייען:

— דו ביזט און דעם שולדיק, דו לומפ איינער! — טויזנטער מענטשן זענען דער'הרג'עט געוואָרן... טויזנטער פאַרוווּנדעטע... דו האָסט זיי אַלע אַריינגעגאַרט אין אַ לאָך געגן אַ זיכרן טויט וואַרט נאָר, דו שווינדלער, מיר וועלן זיך פאַר די טויזנטער אונ־שולדיקע קרבנות מיט דיר שוין אָברעכנען!

אַלאַן איז נישט אַראָבגעפאַלן ביי זיך און נישט דערשראָקן דערהערנדיק אַזעלכע קולות און דערשפירענדיק אַזאַ אַטמאָספערע פון האַס און נקמה. ער האָט זיך פאָלשטענדיק באַהערשט און־שטעלענדיק זיך אויף די טרעפ פון זיין אויטאָמאָביל, האָט ער מיט קאַלטע, נישט קיין אויפגערעגטע בליקן באַגעגנט די נייע־געשאַפענע שטימונג פון האַס און שנאָה צו אים. פלוצלינג אָבער — אין דער רגע, ווען ער האָט געהאַט געעפנט דאָס מויל כדי דעם המון עפּיס צו ענטפערן, — איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שרעק און אַ ציטער איז אַריבער איבער זיין גאַנצן קערפּער. וואָס־זשע האָט דאָ אַזוינס פּאַסירט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אונגעוועגליכע ווירקונג אויף אַלאַנ'ען און אויף אים אַזאַ אימה אָנגעוואָרפן? ער האָט דייטליך דערהערט צווישן דעם ווירוואַר פון פאַרשידענע קולות און אויסרופן אַ שפּאָטיש געשריי פון עפּיס אַ צעווילדעוועטער פרוי, און דאָס דאָזיקע געשריי האָט ווי מיט אַ מעסער אים אַ שטאָך געטון אין האַרץ. די פרוי האָט, ווילד און טריאומפירנד לאַכנדיק, עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט איר געשריי:

— זיי האָבן דאָך אָבער דיין פרוי און קינד דער'הרג'עט...

יאָ זיי האָבן זיך מיט זיי ביידע גוט אָפגערעכנט, כאַ! כאַ! כאַ!...

צלאַן האָט דערפילט, ווי דאָס האַ״ץ קלעמט אים פון די דאָזיקע ווערטער. ער האָט זיך געפּרוּווט אויסציען אין דער הויך און בלייבן שטיין אויף די טרעפּ פון אויטאָמאָביל, כּדי דעם המון עפּיס צו ענטפערן, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט ער דערשפּירט ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים און, אויב ער וועט זיך נישט געבן קיין מי, נישט צו פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין — פאַלט ער באַלד חלשות. און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, האָבן הונדערטער קולות פון אַנדערע פרויען, וואָס האָבן זיך אַרום זיין אויטאָ פאַרזאַמלט, געהאַלטן אין איין שרייען: „אָבער טאַקע דער׳הרג׳עט דיין פרוי מיט דיין טעכטערל, זיי ביידע מיט שטיינער דער׳הרג׳עט״

דאָ, קאָן מען זאָגן, האָט מאַק דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן, פאַרלוירן די הערשאַפט איבער זיך און האָט זיך ווי אַנגעצונדן פון כּעס און נקמה. אַנידערזעצנדיק זיך פלוצלינג אויפ׳ן שאָפער׳ס אָרט, האָט ער העכסט אויפגערעגט אַ דריי געטון דאָס רעדל פון מעכאַניזם און דער אויטאָ האָט זיך שנעל אַריינגעשניטן צווישן דעם המון פרויען און מענער, וואָס זענען געקומען זהער מיט אַזאַ בייזער כּוונה, און אין אַ רגע אַרום האָט זיך זיין אויטאָ שנעל ווי אַ ווינד, שוין געטראָגן איבערן נאַסן שאָסע, איבער לאָזנדיק אינטער זיך דעם צעווילדעוועטן המון, וועלכען ס׳איז אַווי צרום נישט געלונגען צו פאַרווירקליכן זיין נקמה אַקציע געגן צלאַנ׳ען.

און מערקווירדיק: איצט ווען מאַק צלאַן איז שוין געווען ווייט פון זיי, האָבן פיל פון די דאָזיקע דעמאָנסטראַנטן און דעמאָנסטראַנטקעס זיך ערשט באַטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסע עולה איבער מאַק צלאַנ׳ען אַ נקמה אַקט צו באַגיין, וואָרום וואָס מ׳זאָל נישט זאָגן, איז קיין שום צווייפל נישט, אַז ער איז שטענדיק געווען איבערגעגעבן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פלעגט זיי באַהאַנדלען ווי ס׳קאָן גאָר בעסער נישט זיין, אַריינגיי אין זייער לאַגע און אַרויסגעוויזן זיי בכלל אַ ברידערליכע בעציונג צווישן המון האָבן זיך זאָגאַר דערהערט עטליכע ווערטער פון חרטה דערויף וואָס זיי האָבן דער׳הרג׳עט זיין פרוי און קליין קינד.

אַז דאָס איז זער אונריכטיק און ווילד געווען

נאָר די ווילדע מרשעת, די איטאַליענערין, וואָס האָט דעם ערשטן שטיין געוואָרפן אויף מאוד'ן, האָט נאָך איצט געהאַלטן אין איין שעלטן און זידלען און האָט זיך באַזונדערס שטאַרק איבערן געוועמען דערמיט, וואָס זי האָט דעם ערשטן שטיין געוואָרפן אויף דער דאָזיקער „פּריצה" און שפּעטער מיט נאָך אַ שטיין זי געטראָפן אין שטערן.

— נאָר דאָ האָט זיך אַ פרוי עפּיס אָפּגערופן:

— וואָס אייגנטליך איז שילדיק געווען מאַק'ס פרוי און זיין קליין קינד, וואָס איר האָט זיי אַזוי אַכזריות'דיק דער'הרג'עט, אויב עמיצער איז יאָ שולדיק אין אונזער אונגליק — איז דאָס איר מאַן מאַק און אויף אים טאַקע האָט זיך געדאַרפט אויסגיסן אייער צאָרן און נקמה אָבער מאוד און עדיט זיי זענען דאָךביידע זועלכע כשר'ע נשמות געווען, אַז ס'איז פּשוט דער גרעסטער חטא און אַ הימלשרייענד פאַרברעכן, זיי צו דער'הרג'ענען.

מיר האַלטן פאַר איבריק צו צוגעבן אַז מאַק איז שנעל אַנטלאָפן פונ'ם אָרט, ווו דער המון האָט זיך פאַרזאַמלט נישט צוליב פחד פאַרן אויפגערעגטן המון,— מאַק אַלאַן איז יעדנפאַלס קיין פחדן נישט געווען. . . ער האָט זיך שנעל אויף זיין אויטאָ אַוועקגעטראָגן פון דאַנען צו זיך אַ היים' כדי זיך איבערצוצייגן, אויב די שוידערהאַפטע בשורה וואָס מ'האָט אים דאָ איבערגעגעבן, איז אמת, אָדער נישט. זיין הויז האָט דעמאָלט, אין דער רגע, ווען ער איז צוגעפאָרן צום פאַראַד איינגאַנג, אויסגעזען ווי פאַרלאָזט און עלנד אין דער דעמערונג פונ'ם קאַלטן הערבסט אָוונט. אַריינגעענדיק אין פאָרצימער, האָט אַלאַן דערשפּירט אַ ריח פון קאַרבאָל און עטער, ווען ער האָט דערזען אויף דער וואַנט הענגען עדיטס קליינעם ווייסן פעלץ מאַנטל. איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער איז שיר נישט געפאַלן חלשות, דאַן אָן האָט ער דערהערט' ווי איינע פון די דינסטן וויינט אויפ'ן קויל . . .

— אָ, האָט די דאָזיקע דינסט דערזעענדיק מאַק'ן אויסגעשריגען

— דער הערר איז דאָך געקומען! און ביי די דאָזיקע ווערטער

האָט זי אוי געבראָכן נאָך מיט אַ גרעסערן יאָמערליכן געוויי.

מאַק איז אריין אין האַלב פֿינסטרן נעבן-צימער ווו ער האָט באַגעגנט אַ דאָקטאָר.

— הערר אַלאַן, — האָט יענער זיך צו אים געווענד — דאָס ווענט איר?

— איך בין גרייט אַלץ אויסצוהערן — האָט אים מאַק אין דע שטיל געזאָגט די דאָזיקע ווערטער האָט אָבער מאַק ווי געזעד מיט אַזאַ רויקער געוועלנכער שטים, אַז דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעקוקט מיט דער גרעסטער באַוווּנדערונג...

— און דאָס קינד אויך דאָקטאָר? — האָט אים אַלאַן געפֿרעגט

כ'האָב מורה, האָט דער דאָקטאָר געענטפֿערט, אַז ס'איז קיין האָפֿנונג נישטאָ צו ראַטן. די לונג איז פֿאַרוווּנדערט אַלאַן האָט ניט אַרויסגערעדנדיק קיין וואָרט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער.

און אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך אים בולט פֿאַרגעשטעלט, ווי די קליינע עדיט שטיפֿט אַזוי גראַציעז און לאַכט דערביי מיט אַזאַ זיס, קינדערישן זילבערנעם געלעכטערל אין זיינע אויערן האָבן בולט אָבגעקלונגען די טענער פֿון איר זיסן געלעכטערל.

אַלאַן האָט זיך געלאָזט גיין אין מאַוד'ס שלאָף-צימער. אויפֿהויבנדיק זיך אַהין אויף די טרעפּ האָט ער באַמערקט ביי דער טיר שטיין אַ באַרמהערציקע שוועסטער וועלכע האָט אים מיט דער האַנד געמאַכט עפּעס אַ צייכן.

מאַק איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף-צימער אריין. אין צימער האָט געברענט נור איין ליכט. מאַוד איז געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן בעט. דאַר און געל, ווי וואַקס, איר געזיכט איז געווען שיין און אויף איר איז געווען אויסגעגאָסן אַ אויסדרוק פֿון רויקייט און רעזיגנאַציע ס'האָט זיך אָבער געדאַכט אַז אויף אירע געזיכטסציגן איז געווען אויסגעדריקט אַ הכנעה'דיקע און באַשיידענע פֿראַגע און אויף אירע האַלב-בלאַסע ליפּן — ערשטוינונג און באַוווּנדערונג דער שפּאַלט פֿון אירע פֿאַרמאַכטע אויגן האָט געגלאַנצט פֿייכט, ווי פֿון אַ טרער, וואָס האָט זיך איבער אים צוגאַ-

סן, מאַק האָט זיך נישט פונאַנדערגעוויינט. ער האָט קיין געשריי
פון פּ רצווייפלונג נישט אַרויסגעלאָזט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט
נעבן מאוד'ס ג לעגער און מיט אַנאָפענעם מויל בעקוקט די אומ־
גליקליכע מאוד. עפּיס אונפערשטענדליכעס האָט ווי געפּרעסט זיין
נשמה. ער האָט פון גאָרנישט געקלערט. אָבער די געדאַנקען האָבן
געקאָכט אין זיין קאָפּ, און דאָרט געבילדעט אַ גרויסן מיש־מאַש
גאָט מיינער האָט ער זיך געטראַכט אין אַנ'אָנפאַל פון פערצוויי־
לונג — אָט דאָס הייסט עס, איז טאַקע זי גופא, זיין קליינע מאַדאַ־
נע מאוד! איז עס דען מעגליך, אָדער דאָס, וואָס ער זעט איצט'
איז גאָר אַ חלום? ער האָט דאָך זי אַזוי שטאַרק געליבט, ער
האָט דאָך מיט איר חתונה געהאַט אויס ליבע, אויס ריינער און
אמת,ער ליבע: ער איז גרייט געווען פאַר איר יעדע רגע זיך
מקריב צו זיין, צו לויפן פאַר איר אין פייער און אין וואַסער.
ער האָט איר דאָך אַזוי פיל גליק פאַרשאַפט און, זעענדיק זי
גליקליך. — האָט ער אַליין זיך אַזוי גליקליך געפילט, און דאָ איז
אים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז די לעצטע עטליכע יאָר זינד
ער האָט דעם טונעל (אָ, דער טונעל!) אָנגעהויבן צו בויען, האָט
ער זי אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקען. ער איז — ער מוז עס מודה
זיין — צו איר ווי אָפּגעקילט געוואָרן. ער האָט שטאַרק חרטה
דערויף, נאָר איין גאָט ווייסט, אַז ער איז אין דעם נישט שולדיק
געווען. ער האָט זיין פרוי נישט אויפגעהערט צו ליבן אויף קיין
איין רגע און נור די פערשאָלטענע אַרבעט זיין אויסערגעוועהנליכע
איבערגעבענהייט צו זיין „גרויסער זאַך", צום טונעל, — האָבן אים
געמאַכט פאַר אַ מין קנעכט פון ליידנשאַפט און אַרבעטס־דורשט...
טיף ערשיטערט פונ'ם גרויסן צער און דעם שיקזאַל קלאַפּ. וואָס
איר האָט פּאַסירט מיט'ן טויט פון זיין הייס געליבטער פרוי און
קינד, איז מאַק געשטאַנען ווי פאַרגליווערט פון פאַרצווייפלונג פאַר
מאוד'ס טויטן קערפּער און לאַנג פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ־
געלאָזט.

— פאַרוואָס זשע, גאָט מיינער פאַרוואָס זשע — האָט זיך מאַק
נעטראַכט — האָט זי נישט געפאָלגט מין עצה און איז נישט געבליב

אַ גאַנצן טאָג אין דער היים? ווען זי וואָלט מיך געפֿאָלגט, וואָלט אפשר צו דעם נישט געקומען...

און אָננעמענדיק מאַוד׳ן פֿאַר איר טויטער האַנט, האָט מאַק אין פֿערביטערונג שטיל קריצענדיק מיט די ציין געזאָגט:

— פֿאַרשאָלטן זאָלן ווערן די דאָזיקע ווילדע מענטשן, פֿאַרשאָלטן זאָל איך אַליין ווערן, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טונעל, וועלכער האָט ביי מיר דאָס גרעסטע גליק אוועקגענומען!...

— אָבער׳ האָט ער ווידעראַין אַ גליענדען פֿערדרוס געטראַכט — פֿאַרוואָס בין איך דאַן אין דערהיים נישט געווען פֿאַרוואָס בין איך גראָד דאַמאָלט געווען פֿערריייזט?

און אין די דאָזיקע ביטערע מינוטן פֿון פֿערצווייפֿלונג האָט אַלאַן געמיינט און איז כמעט געווען זיכער, ווען ער וואָלט דעמאָלט געווען אין טונעל שטאָט, וואָלט צו אַזאַ אומגליק געוויס נישט געקומען ער וואָלט דאַכט זיך אומשטאַנד געווען זיך שטעלן אַנטקעגן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פֿון צובושעוועטע שרויִען און מענער און פֿאַרטיידיקן זיין מאַוד׳ן און עדיט׳ן פֿון זייער ווילדן צרויסטריט. פֿערשידענע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזעט אין זיין קאָפּ. קללות האָבן זיך דאָרט דורכגעמישט מיט צערטליכע ווערטער פֿון ליבע און אידעאַלע איבערגעגעבנהייט צו זיין פֿרוי און טעכטעריל. די דאָזיקע שטורמישע געדאַנקען האָבן אים פּלוצלינג אַ טרייב געטון צו דער טיר פֿון צימער, וואו עדיט איז געלעגן און זיך געראַנגעלט מיט׳ן טויט. מאַק האָט אַ שוואַכן קלאַפּ געגעבן אין טיר און פֿון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ פֿראַגע:

— הערר אַלאַן?

— יאָ, דאָס בין איך.

— הערר אַלאַן, האָט זיך צו אים געווענדעט די באַרמהערציקע שוועסטער עפֿנדיק די טיר — עדיט...

און מער האָט די באַרמהערציקע שוועסטער קיין וואָרטע נישט געקאָנט אַרויסריידן נאָר מאַק האָט שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיין טעכטעריל גוסס׳ט.

מאַק איז פֿון דינען ווידער אַריין אין צימער, וווּ מאָוד איז געלעגן, אין האַרצן האָט ביי אים געבושעוועט אַ ווולקאַן פֿון פֿער־שידענע געפֿילן. נאָר אַנשטאָט אויסצוברעכן מיט אַ יאָמערלעכן גע־וויין, מיט יללות און פֿערביטערע קולות פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, איז מאַק געשטאַנען פֿאַר מאָוד'ס טויטן קערפּער, ווי פֿאַרגליווערט און פֿאַרשטיינערט פֿון גרויסען צער און יאוש... דער ווולקאַן פֿון פֿאַר־ביטערונג און פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט געקאָכט אין זיין האַרץ, האָט קיין אויסגאַנג נישט געפֿונען און מאַק איז געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון צער, פֿאַרצווייפֿלונג און קללה...אין עטליכע מינוט אַרום איז מאַק ווידער אַריין אין צימער' וווּ עדיט איז בעלעגן אין שוין געגויסטע'ט. דאָקטוירים, פֿלעגערינס און בּאַרמהערציקע שוועסטערן זענען געשטאַנען אַרום בעט. די פֿרויען האָבן געוויינט און אַפֿילו ביי די דאָקטוירים האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. מאַק איז דאָ אויך געשטאַנען שטום ווי די וואַנט און פֿאַרגליווערט פֿון ווייטיק. אין עטליכע מינוט אַרום איז ער ווי אויטאָמאַטיש צוגעגאַנגען צו עדיט'ס בעט און אָנגעהויבן גלעטן אירע האָר אויפֿ'ן קעפּל. ווען זייטיקע מענטשן וואָלטן דאָ נישט געשטאַנען, וואָלט ער אפשר אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און, פֿאַלענדיק אויף די קני, געבעטן מחילה פֿאַר זיין טייער קינד. נאָר די אָנוועזענהייט פֿון זייטיקע מענטשן האָבן ווי פּאַראַליזירט זיינע בעוועגונגען און ער האָט קיין וואָרט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג נישט אַרויסגעלאָזט...

מאַק איז ווידער אַרויס פֿון עדיט'ס צימער און ווען ער האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויף די טרעפּ אין פּאַרטער אַריין, האָט ער פֿון דאָרט דערהערט הויכע קולות און אַ געשריי. ער האָט באַגעגנט אויף די טרעפּ אַ באַרמהערציקע שוועסטער, וועלכע איז געבליבן שטיין, באַמערקנדיק, אַז מאַק וויל איר עפּיס זאָגן.

— פֿריילין — האָט ענדליך אַלאַן אַרויסגערעדט, מאַכנדיק דערביי אַ גרויסע אָנשטרענגונג — ווער זענט איר?

— איך בין פֿריילין עוועלין.

— פריילין עוועלין — האט צו איר אלאן ווייטער געזאגט אין דער שטיל מיט א ווייכער כמעט בעטנדער שטים — כ'האב צו אייך א בקשה. כ'בעט אייך, איר זאלט מיר א טובה טון: כ'וואלט זייער געוואלט האבן אויף אנ'אנדענקען פון מיין פרוי און קינד צו קליינע בינטלעך האר פון זייערע קעפ. קאנט איר עס מיר באזארגן? אבער קיינער דארף דערפון נישט וויסן, איר הערט? ווילט איר מיר די דאזיקע טובה טון? זאגט איר מיר צו מיין פארלאנג צו דערפילן?

— יא, הערר אלאן.

זי האט אויף אים א קוק געטון אין געזיכט און באמערקט אז זיינע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן.

— כ'וועל אייך דארפאר מיין גאנץ לעבן דאנקבאר זיין, פריילין עוועלין — האט אלאן איר געענטפערט מיט אנאסוידרוק פון טיפער דאנקבארקייט אויפ'ן געזיכט.

אין דער טונקעלער ווינונג פון די אלאנ'ס איז דאמאלט געזעסן אויף די שטול א שלאנקע פרוי, וועלכע האט שטיל געווייני. ווען מאק איז פארבייגעגאנגען פאר דער פרוי, איז זי אויפגעשטאנען פון ארט און, אויסשטרעקענדיק אים ענטקעגן אירע בלאסע הענט האט זי שטילערהייד געזאגט:

— אלאן!

מאק איז אבער א טיף פארטראכטער און צוטראגענער פארבייגעגאנגען און איר גארנישט געענטפערט. ער איז דעמאלט געווען אזוי צוטראגן, אז אים איז אפילו נישט איינגעפאלן זיך צו פארטראכטן, ווער די פרוי איז, ערשט אין א וואך ארום, ווען ער האט זיך וועגן דעם עפיזאד דערמאנט, איז אים איינגעפאלן, אז דאס האט געמוזט זיין עטיל לאיד.

אלאן האט זיך צראבגעלאזט אין גארטן. עס האט אין אים געטרייסלט יעדעס אבר און ס'איז אים שטארק קאלט געווען, ער האט זיך ארומגעוויקלט מיט זיין מאנטל און שטארק אנגעצויגן אויף זיך זיין היטל אויפן קאפ. א ווילע האט ער פארבראכט אויפן טעניס-פלאץ. דערנאך האט ער זיך צווישן די נאסע קוסט עס געלאזט גיין צום ברעג פונ'ם ים. דער ים האט מיט זיינ

הויכֿע פֿערשוימטע כוואַליעס געלעקט די ברעגעס און זיי דערציילט עפּיס ווילטיקע סודות. פֿון דאַנען האָט מאַק אַ קוק געטון אויף זיין הויז און ביים געדאַנק, אַז זיי ביידע ליגן דאָרט איצט טויטע, איז אַ שוידער אַריבער איבער זיין לייב...

יאָ האָט ער זיך געטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ: דאָרט ליגן זיי מיינע בעסטע צוויי אוצרות, מיינע טייערע כּשר'ע נשמה'לעך — און דאָרט — דאָ האָט אַלאַן אַ וואָרף געטון אַ בליק אין דער ריכֿטונג פֿון טונעל — און דאָרט אונטערן דעק פֿונ'ם ים ליגן זיי, אויך שוין נישט קיין לעבעדיקע. אויך אַזוי טראַגיש אומגעקומענע. דאָרט ליגט אפשר אויך האַבּי מיט פֿערקראַמפּטע פֿינגער און אויסגעגלאָצטע אויגן... אַלאַנ'ען איז וואָס אַמאָל קעלטער געוואָרן אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שטאַרקער פֿראָסט וועט באַלד פֿאַר וואַנדלען אין אַ גרינדיכֿטן שיכֿט פֿון אייז די דאָזיקע ברויזנדע כוואַליעס און דעם גאַנצן אָקעאַן... נישט קוקנדיק אָבער אויף דער שטאַרקער קעלט, וואָס אַלאַן האָט געפֿילט אין זיינע אַלע ביינער, האָט ער אַזוי, איינזאַם און פֿון קיינעם נישט געשטערט, אַ רומגע שפּרייזט אַהין און צוריק איבער'ן זאַמד ביים ברעג ים אַ שעה צייט. אין דרויסן איז ווירקליך געווען אַ קליין פֿרעסטל און אַלאַן איז צוריקגעגאַנגען אַהיים דורך די פֿאַרפֿרוירענע סטעזשקעס, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גענוג פֿינסטער און דער אָוונט האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּטרעטן זיין אָרט דער לאַנגער הערבסט־נאַכֿט.

אַלאַן האָט געהייסן זיין שאָפֿער, ער זאָל אים צופֿירן צו דער סטאַציע און ער זאָל פֿאָרן לאַנגזאַם, דער שאָפֿער אַנדריי האָט זיך אָפּגעווישט די נאָז מיט'ן אַרבל פֿון זיין לעדערנעם מאַנטל און זיין געזיכֿט איז געווען נאַס פֿון טרערן.

אַלאַן האָט זיך, ציטערדיק פֿון קעלט, שטאַרק איינגעהילט אין זיין מאַנטל און אָנגעצויגן טיף זיין היטל אויפֿ'ן קאָפּ.

— „ס'איז מערקווירדיק, אַ חידוש כּ'לעבן, האָט אַלאַן זיך געטראַכֿט: די ערשטע רגע, ווען איך האָב זיך דערוווסט וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע, האָב איך געטראַכֿט וועגן טונעל, וואָס מיט אים

וועט ווערן, און שפּעטער ערשט האָב איך אַ טראַכט געטון וועגן דער מאַסע אומגעקומענע מענטשן ? . . . ״ ער האָט אָנגעהויבן אַ שטאַרק פֿאַרמאַטערט׳ער געניצן. ער איז געווען אַזוי מיד און מאָראַליש, און פֿיזיש אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט נישטעקאָנט רירן מיט קיין אבר.

אַ גרויסער עולם איז נאָך געשטאַנען אַרום דער סטאַציע, וואַרטנדיק מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויפֿ׳ן אָנקומען פֿון די רעטונגס-צוגן. איצט אָבער האָט זיך דער עולם שוין באַרויקט. מ׳האָט שוין מער נישט געהערט קיין געשרייען און דראָהענדע אויסרופֿן, קיין קללות און קיין געוויין. דער ערשטער שאַרפֿער ווייטאָק פֿונ׳ם געשעענעם אומגליק איז שוין אַריבער און דער שמערץ איז שוין אַ ביסל כמעט ביי אַלעמען פֿאַרטעמפּט געוואָרן. מאַק אַלאַן איז איצט געווען אין דערזעלבער לאַגע, וואָס טויזנטער פֿון די פֿאַרזאַמעלטע פֿרויען און מענער, ער האָט אויך פֿאַרלוירן דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט און וואָס מ׳קאָן פֿאַר קיין שום געלט נישט קויפֿן. איצט האָט דער עולם אַלאַנ׳ען אַפֿילו מיט קיין ביין בליק נישט באַליידיקט, אַלע האָבן שוין געוווסט. אַז ער האָט טייער, שוין אפשר צו-טייער באַצאָלט פֿאַר זיין חטא בנוגע די אַרבעטער. פֿיל פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָבן זאָגאַר אויף אים רחמנות געהאַט און דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט זיך בולט אויסגעדריקט אויף זייערע געזיכטער און באַזונדערס, אין זייערע אויגן. די פֿרויען און מענער האָבן איצט, ווען אַלאַן אין צוגעפֿאָרן צו דער סטאַציע אויף זיין אויטאָ, אַליין פּלאַץ געמאַכט פֿאַרן אויטאָמאָביל, פֿונאַנדעררוקנדיק זיך אין ביידע זייטן און נאָך קיינמאָל האָבן די פֿאַרזאַמלטע נישט געזען, אַז אַ מענטש זאָל אַזוי בלייך זיין, ווי מאַק אַלאַן איז איצט געווען.

VII

אַלאַן איז אַריינגעגאַנגען אין קאַלטן באַראַטונג־צימער פֿון דער סטאַציע, וואָס האָט געוויינלעך געדינט אַלס וואַרטע־זאַל דאָ, אויף די בוישטעלעס איז כּמעט קיין שום דיסציפּלין נישט אָבגעהיט געוואָרן. די קאָכעדיקע אַרבעט, וואָס פֿלעגט דאָ שטענדיק פֿאָרקומען, האָט געפֿאָדערט, אַז מ'זאָל יעדעס דיסציפּלין און צערעמאָניע אָפּשאַפֿן, און דעריבער איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן זיך אויפֿצוהייבן פֿון אָרט און אַראָפּצונעמען דעם הוט פֿאַר אַלאַנ'ען דערזען אַלאַנ'ען איז האַרימאַן אַרויסגעגאַנגען אים אַנטקעגן.

— אַלאַן? — האָט ער צו אים געזאָגט, שטאַמלדיק זיך ווי אַ שכּור.

אַלאַן האָט אים אָבער איבערגעריסן מיט אַ האַנט־באַוועגונג וועלכע מ'האָט געקאָנט אויסטייטשן: „שפּעטער, שפּעטער אַ ביסל וועגן דעם, האַרימאַן".

האַרימאַן האָט פֿאַרשטאַנען אַלאַנ'ס כּוונה און אויפֿגעהערט צו רעדן. אַלאַן האָט זיך געהייסן ברענגען פֿון בופֿעט אַ גלאָז קאַווע און, זופּענדיק דאָס אָבפֿרישענדע געטראַנק, האָט ער אויסגעהערט אַ ראַפּאָרט פֿון אינזשינערן מכּח דער קאַטאַסטראָפֿע. ער איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַנאַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ בייזער, אַנ'אָנגעבלאָזענער, נישט קוקנדיק קיינעם אין געזיכט אַריין און קוים אויסהערנדיק, וואָס מ'דערציילט אים. זיין געזיכט איז געווען בלוי פֿון קעלט די ליפּן ווייס, און זיינע אויגן האָבן באַקומען גאָר אַנ'אַנדער, אַ משונה'דיקן, נישט קיין מענטשלעכן גלאַנץ זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי גלעזערנע שאַרבנס, וואָס האָבן אַזוי ביי געפֿינקלט און געבליצט... פֿון צייט צו צייט האָבן זיינע נישט ראַזירטע באַקן אַ ציטער געטון און די ליפּן זיינע האָבן זיך באַוועגן, פּונקט ווי ער וואָלט מיט די ציין קערנער געקנאַקט.

— איז דאָס, הייסט עס, זיכער, — האָט ער די אינזשינערן געפֿרעגט, — אַז מהאָט בערמאַ'ען דערשאָסן?

— יאָ.

— און פֿון האַבּי׳ן האָט מען גאָרנישט געהערט?

— ניין, מ׳האָט אָבער געזען, ווי ער איז געפֿאָרן צו דער אַרבעט אין טונעל אַריין.

דער טונעל איז אויף אַ מרחק פֿון 340 קילאָמעטער שוין געווען פֿאַרענדיקט און האָט זיך געפֿונען אין דער בעסטער אָרדנונג. דאָרט איז שוין פֿאָרגעקומען אַ רעגעלמעסיקער פֿאַרקער.

פֿון די ווייטערדיקע באַריכטן, וואָס די אינזשינערן האָבן אָבגעגעבן אַלאַנען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אינזשינער ראָבינזאָן, וועלכער האָט געפֿירט די רעטונגס צוגן, האָט טעלעפֿאָנירט, אַז דער רויך שלאָגט אַזוי שטאַרק פֿון אָרט ווו די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען, אַז ס׳איז לגמרי אונמעגליך אַהין צו צופֿאָרן און אונטערצונעמען ווייטערדיקע רעטונגס-אַקציעס. ווייטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַרימאַן האָט בעת דער קאַטאַסטראָפֿע געשפּילט זער נישט קיין שענע ראָלע, אַז ער האָט נישט אָנגעוועגט די נויטיקע שריט און מיטלען, וועלכע וואָלטן דעם אומפֿאַנג פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע געקאָנט פֿאַרקלענערן, מיט איין וואָרט — אַז ער האָט נישט געטון, וואָס דער מאָמענט און די געשאַפֿענע סיטואַציע האָבן געפֿאָדערט. אַלאַנ׳ען האָט באַזונדערס אויפֿגעבראַכט האַרימאַנס האַלטונג בנוגע דעם פֿאַרזאַמלטן המון, מיט אַזאַ מין האַלטונג האָט ער געבראַכט שאָדן דעם גאַנצן ענין און אָבגעשוואַכט אין די אויגן פֿונ׳ם המון דעם אויטאָריטעט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג.

אין דער העכסטער מדרגה אויפֿגערעגט און אין כּעס אויף האַרימאַנ׳ען, האָט אַלאַן אים צוגערופֿן צו זיך און דאָ טאַקע, אין געגנוואַרט פֿון צענדליקער אינזשינערן, זיינע קאָלעגען, אים געמאַכט דעם שאַרפֿסטן פֿאָרוורף פֿאַר זיין נאַכלעסיגקייט. אַלאַן האָט אים שאַרף אויסגעמוסר׳ט און פֿאַרענדיקט זיין פֿאָרוורף דערמיט, וואָס ער האָט אים ענטזאָגט פֿון זיין פּאָסטן.

— איר ווערט שוין אַלט, האַרימאַן, האָט אים אַלאַן געזאָגט, איר טויגט שוין נישט צו דער אַרבעט כ׳ברויך אייך שוין נישט מער!

האַרימאַן האָט אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן און געבראַכט פיל ראיות, אַז ער איז נישט שולדיק, און ווען אַלאַן האָט די דאָזיקע ראיות נישט אין אַכט גענומען, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש, באַהויפּטענדיק, אַז אַלאַן באַגייט געגן אים אַ גרויסע עולה, ענטזאַגענדיק אים פון זיין שטעלע. נאָר אַלאַן האָט אים אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן און, אָנצינדענדיק זיך ווי אַ פייער פון כעס, האָט ער אַ געשריי געטון:

— כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז איר טויגט שוין מער נישט צו דער אַרבעט און פון היינט אָן וויל איך אייער פּנים מער נישט אָנקוקן.

און ווען האַרימאַן האָט, בלייך ווי די וואַנט אָנגעהויבן בעטן אַלאַנ'ען, ער זאָל צו אים נישט זיין אַזוי שטרענג און זאָל אַריינגיין אין זיין לאַגע, און דער לאַגע פון אַ פאַרצווייפעלטן פאָטער, וואָס האָט פאַרלוירן די טעג זיין הייס געליבטן בן-יחיד, — איז אויך דאַן אַלאַן געבליבן האַרט ווי שטאָל און זיין באַשלוס נישט געענדערט.

— אייער חטא, האַרימאַן, איז צו-גרויס, איר זאָלט קאָנען אויף ווייטער פאַרבלייבן אויף אייער פּאָסטן. איך ערקלער אייך קאַטעגאָריש, אַז פון היינט אָן האָט איר פאַרלוירן אייער פּאָסטן און — פאַרלאַנגט נישט, האַרימאַן, איצט קיין העפלעכקייט פון מיר — איר האָט פאַרלוירן אייער שטעלע אַלס אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערהויבן צו דער הויך פון זיין בערוף. גייט געזונטערהייד און לאָזט מיך צורו. און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט אַלאַן אים אָנגעוויזן אויף די טיר.

האַרימאַן איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון צימער, שאָקלענדיק זיך פון פאַרדרוס און אויפרעגונג ווי אַ שיכּור
זיין געזיכט איז נאָך בלאַסער געוואָרן נאָך לאַנ'ס לעצטע ווערטער. צובראָכן פיזיש און מאָראַליש, האָט האַרימאַן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, האַלטנדיק זיין הוט אין האַנט און די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד...

— האַרימאַן האָט געהאַט אַ מאוסע מפּלה! — האָבן אין דער־זעלבער צייט טריאומפֿירט זיינע קאָלעגן איבער אים — ער האָט זיין גאַנצע קאַריערע איצט פֿאַרשפּילט, אַ מצוה אויף דעם דאָזיקן כּלב!

נאָכדעם ווי האַרימאַן האָט פֿאַרלאָזט דאָס צימער, איז אַלאַן מיט פֿינף אינזשינערן אַוועק אין געריכט אַריין, וואָס האָט בעת דער מהומה אויפֿגעהערט צו פֿונקציאָנירן און אָפּגעלאָזט דעם פּערסאָנאַל. אַלאַן האָט אויפֿ׳ן אָרט זיי אַלע אָן טענות און מענות אָפּגעזאָגט פֿון זייער פּאָסטן דערויף האָט אַלאַן פֿאַרלאַנגט, מ׳זאָל אים טעלעפֿאָניש פֿאַרבינדן מיט׳ן אינזשינער ראָבינזאָן, כּדי מיט אים זיך דורכצורעדן וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע. ראָבינזאָן איז צו יענער צייט געווען אויף איינער פֿון די סטאַציעס, וואָס ליגן נישט ווייט פֿונ׳ם אָרט, ווו די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען אין פֿינף מינוט אַרום איז ראָבינזאָן שוין געשטאַנען פֿאַר׳ן אַפּאַראַט און גערעדט מיט אַלאַנ׳ען. די ערשטע פֿראַגע, וואָס אַלאַן האָט געשטעלט ראָבינזאָנ׳ען, איז געווען, אויב ער האַלט, אַז אויפֿ׳ן אָרט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע געפֿינען זיך נאָך לעבעדיקע מענטשן? ראָבינזאָן האָט געענטפֿערט, אַז לויט זיין מיינונג, איז דאָס נישט אויסגעשלאָסן און מעגליך.

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן דאָזיקן ענטפֿער האָט אַלאַן באַלד אַרויסגעגעבן עטליכע דרינגענדע באַפֿעלן. און דריי מינוט אַרום איז שוין אַ צוג פֿון דריי וואַגאָנען מיט אינזשינערן און דאָקטוירים געפֿלויגן, ווי אַ פֿייל פֿון בויגן, צום אָרט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, אין די טיפֿעניש פֿון טונעל. אַלאַן האָט אַליין געפֿירט דעם לאָקאָמאָטיוו און דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט אַ טייוולאָנישער געשווינדקייט, דערנענטערנדיק זיך מיט יעדער רגע צום שרעקליכן אָרט... אַפֿילו די באַגלייטער אַלאַנס, וואָס זענען שוין געוויינט פֿון לאַנג זיך צו טראָגן אויף לאָקאָמאָטיוון מיט אַנ׳אויסערגעוועגליכער שנעלקייט, זענען איצט אויך אַ ביסל אומרוהיק געווען צוליב דער דאָזיקער טייוולאָנישער שנעלקייט און מורא געהאַט פֿאַר אַ נייע קאַטאַסטראָפֿע. אין אַ שעה אַרום זענען זיי צוגעפֿאָרן צו דער סטאַציע, ווו ראָבינזאָן האָט זיך געפֿונען. אַלאַן איז פֿון

דאַנען געפֿאָרן ווייטער, נאָר געמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער וועג ווייטער איז נישט אין דער בעסטער אָרדנונג, האָט ער אַ ביסל אָבגעשוואַכט דעם אויסערגעווענליכן שנעלן טעמפּאָ און איז געפֿאָרן לאַנגזאַמער, נישט קוקנדיק אויף דעם שרעקליכן רויך וואָס האָט באַדעקט די קאָרידאָרן פֿון טונעל. אויף דעם מרחק, ווי אַלאַן איז איצט אַדורכגעפֿאָרן, האָבן אומעטום געאַרבעט אינזשינערן באַמיענדיק זיך הויפּטזעכלעך אָבצושוואַכן די שרעקליכע ווירקונג פֿונם שטיקנדן רויך, וועלכער איז אַריינגעדרונגען אין אַלע געביידעס אין אַלע קעלערס און אויף אַלע בוידעמער, אַזוי אַז הונדערטער מענטשן זענען פֿון אים דערשטיקט געוואָרן. די אינזשינערן האָבן אָנגעווענט זייער גאַנצע ענערגיע אַריינצוברענגען אין די קאָרידאָר שטראָמען פֿרישע לופֿט און דאָס איז זיי געוויסערמאַסן געלונגען. וועענדיק די, מסירות־נפש און דעם אויסערגעוויינליכן מוט, מיט וועלכען די אינזשינערן האָבן דאָ ביי אַזעלכע געפֿערליכע אומשטענדן געאַרבעט, קעמפּנדיק מיטן רויך, האָט אַלאַן פֿאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר ער אַליין איז אַזאַ פֿאַנאַטישער קנעכט פֿון זיין גרויסן געדאַנק, אַז ס׳זענען פֿאַראַן נאָך פֿיל אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען פֿעהיק זייער לעבן מקריב צו זיין צוליב אַן׳אידעע, וואָס איז זיי אַזוי טייער. אין באַוווסטזיין פֿונ׳ם דאָזיקן פֿאַקט האָט אַלאַן געפֿונען אַ שטיקל טרייסט און אַ געוויסע סאַטיספֿאַקציע.

אויף דער סטאַציע, וואָס ליגט 350 קילאָמעטער פֿון טונעל־אַריינפֿאַל, האָט אַלאַן געטראָפֿן דעם אינזשינער סמיט. ער האָט זיך מיט סמיטן געלאָזט פֿאָרן אויף אַ לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי וואַגאָנעס אויפֿן סאַמע געפֿערליכסטן אָרט, ווו דער רויך איז געווען געווען געדיכט, אַז מ׳האָט אים געקאָנט אָנטאַפּן אין דער פֿינצטערניש מיט די הענט, דער צוג איז אָבער פֿון דעם אָרט אָן געגאַנגען זער לאַנגזאַם, ווייל דער וועג איז אויף יעדן טריט כמעט געווען פֿאַרוואָרפֿן און פֿאַרשפּאַרט מיט שטיינער, וועלכע זענען פֿונאַנדערגעפֿליגן פֿון דעם באַרג, בעת דער אויפֿרייס איז פֿאָרגעקומען, פֿאָרנדיק אַזוי אַרום ווייטער, האָט אַלאַן אין אַ האַלבע שעה אַרום דערגרייכט אַ שטרעקע, אויף וועלכער ס׳איז אין פֿאַרשידענע זייטן געלעגן אַ מאַסע טויטע קערפּער. אַלאַן איז אַראָפּגעגאַנגען

פֿון לאָקאָמאָטיוו און [illegible] אויפֿן געזיכט אַ רויך־מאַסקע האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער טיפֿניש פֿון געדיכטן רויך אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. דאָס באַוווסטזיין, אַז ער קאָן גאָרנישט אויפֿטון אום צו פֿאַרקלענערן דאָס אומגליק, אָדער צו ראַטעווען די הונדערטער פֿאַרוווּנדעטע, וואָס געפֿינען זיך, ווערשיינליך, דאָרט, עטלעכע קילאָמעטער טיפֿער פֿון דאַנען, — דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט שרעקליך געווירקט אויף אַ לאַנגען.

ס'איז אים אַזוי ביטער, אַזוי טרויעריק געוואָרן אויפֿן האַרצן אַז ער איז נאָענט געווען צו דער ביטערסטער פֿאַרצווייפֿלונג. מינוטענווייז האָט אַלאַן געפֿילט, אַז ער איז ווייטער נישט בכּח איבערצוטראָגן די שווערע לאַסט עגמת־נפֿש און זאָרג, וואָס האָבן איצט באַהערשט זיין גאַנץ וועזן. . .

גייענדיק מיט סמיטן צו פֿוס איבער די רעלסן און אַ ביסל אָן אַ זייט, האָבן זיי ביידע אויף יעדן שריט כּמעט אָנגעטראָפֿן אויף אַ טויטן קערפּער. אויף יעדן טויטן האָט אַלאַן אָנגעשטעלט זיין עלעקטרישן לאָמפּ, מיינענדיק, אַז צווישן די דערהרג'עטע וועט ער אפֿשר אויך האַבין געפֿינען. נאָר האַבי איז צווישן די טויטע נישט געווען. פּלוצלינג איז אַלאַן העכסט איבערראַשט געוואָרן אין דער טויטער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אַרום און אַרום, האט זיך דערהערט אַ קול פֿון אַ שוואַך זיפֿצנדן מענטש אין דער זעלבער רגע האָט עמיצער אין דער פֿינסטערניש פֿונ'ם רויך איהם אנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט און שטילערהייט אויסגערעד:

— ראַטעוועט!

און אויסרעדנדיק דאָס דאָזיקע וואָרט, איז דער מענטש, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט, אומגעפֿאַלן און זיך אויסגעצויגן פֿאַר אים אויף דער ערד.

אַלאַן האָט אויפֿגעהויבן דעם אומגעפֿאַלענעם (ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען אַ יינגל) און אים אויף די הענט צוגעטראָגן צום צוג, ווו די דאָקטוירים האָבן אים דערמינטערט בעגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף. דאָס יינגל איז געווען פֿון

קאנאו'ע און ער האט, קומע..יק א ביסל צו זיך, איבערגעגעבן אלאנ'ען עטליכע וויכטיקע פאקטן, וואס א באלאנגט דער לאגע פונ'ם אמת'ן גיהנום, פון וואנען אים איז על פי נס געלונגען ניצול צו ווערן. אויף אלאנס פראגע, אויב ס'איז נאך דארט, ביים ארט פון דער קאטאסטראפע, צו באמערקן צייכנס פון לעבן, ד. ה. אויב עס זענען נאך דאדט פאראן לעבעדיקע מענטשן — האט דער געראטעוועטער קאנאדער געגעבן א פאזיטיוון ענטפער, א שאקל טוענדיק פון אויבן־אראפ מיטן קאפ. אין א מינוט ארום האט ער געזאגט.

— יא, ס'זענען דארט פאראן לעבעדיקע, כ'האב דארט דא נישט לאנג געהערט עמיצן — לאכן.

— לאכן האט איר געזאגט? — האבן אלאן און סמיט אויף אים אויסגעגלאצט א פאר שטארק־פאר'חידוש'טע אויגן.

— יא לאכן, כהאב געהערט גאנץ דייטלעך לאכן.

אלאן איז תיכף ארויף אויפ'ן לאקאמאטיוו און מיט די גרעסטע שוועריקייטן געלאזט דעם צוג ווייטער. ארום מיטאג־צייט איז אים געלונגען דערגרייכן דאס ארט, וואס ליגט אויף דעם 380־טן קילאמעטער, און דא האבן זיי ווירקליך דערהערט פון דערווייטן א משונה'דיק געלעכטער. אלאן און זיינע באגלייטער זענען ממש נבהל ונשתומם געווארן, זיי האבן זיך געלאזט פארן ווייטער צום ארט פון וואנען דאס געלעכטער האט זיך געהערט. דאס לאכן איז מיט יעדער רגע געווארן דייטלעכטער. עס האט געקלינגען ווילד און משוגע. צום סוף האבן זיי דערגרייכט א קליינע סטאציע. דא האבן זיי דורכ'ן נעדיכטן רויך און דאמף דערזען ווי דריי, פיר מענטשן האבן זיך געוואלגערט אויף דער ערד און פון צייט צו צייט, אויפהויבנדיק זיך פון דער ערד, האבן זיי ווילד געטאנצט און משונהדיק געלאכט. זיי האבן געלאכט און דאס געלעכטער זייערס האט זיך יעדע רגע דורכגעמישט מיט געשרייען פון די שווערסטע ליידן...

ווען די אומגליקלעכע האבן דערזען אלאנ'ען און זיינע באגלייטער, האבן זיי נאך שטארקער אנגעהויבן שרייען־ בעטענדיק רחמים מ'זאל זיי ראטעווען. די אומגליקלעכע זענען געווען איטאליענער

— איז דא אפשר פאַרהאַן אַ פּערזאָן, וואָס פערשטייט אי־טאַליעניש? האָט אַלאַן געפרעגט זייגע בעגלייטער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָקטאָר, וואָס האָט באַגלייט אַלאַנ׳ען, האָט פאַרשטאַנען איטאַליעניש.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען די רויך־מאַסקע פון זיין געזיכט און, שטאַרק הוסטענדיק פונ׳ם געדיכטן שטיקענדן רויך איז ער צוגעגאַנגען צו די אומגליקליכע און זיי עטליכע קורצע פראַגן געשטעלט.

— וואָס זענען זיי? האָט אַלאַן דעם דאָקטאָר געפרעגט.

דער דאָקטאָר איז קוים אימשטאַנד געווען פון שרעק צו רעדן.

— אויב כהאָב זיי גוט פאַרשטאַנען – האָט ער געזאָגט — האַלטן זיי, אַז זיי געפינען זיך אין גיהנום.

— טאָ, זאָגט זיי, אַז אום גאָטס ווילן אַז מיר זענען אַהער צו נעקומען זיי אין גן־עדן אַריינצופירן, — האָט אַלאַן דעם דאָקטאָר געבעטן.

דער דאָקטאָר האָט גערעדט און גערעדט צו די אומגליקליכע ביז זיי האָבן אים ענדליך פאַרשטאַנען.

זיי האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער, זיי זענען געפאַלן אויף די קני פאַרן דאָקטאָר און אים געבעטן רחמים, אויסשטרעקנדיק פאַר אים די צוזאַמענגעלעגטע הענט, ער זאָל זיי ראַטעווען.

ווען מאיז צו די אומגליקלעכע צוגעגאַנגען גאַנץ נאָנט, האָבן זיי אָנגעהויבן שרעקלעך שרייען און וויינען, מיינענדיק, וואַרשיינלעך אַז מוויל זיי הרג׳ענען, מהאָט געמוזט יעדן מיט גוואַלט בינדן, כדי אַ סוף צו מאַכן זייער ווילדן טאַנצן און אַרומשפּרינגען. איינער פון זיי איז אויפן וועג געשטאָרבן און צוויי האָט מען אַריינגעגעבן אין אַנ׳אַנשטאַלט, דער פירטער איז אינגיכן אינגאַנצן געזונד געוואָרן, אַלאַן איז פון דער דאָזיקער עקספּעדיציע צוריקגעקומען אַ האַלב־פאַר,חלש,טער פון די שרעקן, וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעזען דערצו איז שוין 36 שעה, ווי ער האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און אפילו קיין דרעמעל נישט געטון.

VII

דער [illegible] האָט דערווייל געקראַכן אַלץ [illegible] און [illegible] אַריינדרינגענדיק און אָנפֿילנדיק יעדן ווינקעלע יעדעס לאָך און קעלער און בוידעם די גרובן-ווענטילאַציע האָט טאַקע אַריינגעצויגן אין די קאָרידאָרן פֿון טונעל פֿיל לופֿט, אָבער אין אַלגעמיין האָט די אַריינגעצויגענע לופֿט קנאַפּ געווירקט און ווייניג אָבגעשוואַכט די געדיכטע וואָלקנס פֿונ'ם שטינקדן רויך און זיין העכסט שעדלעכע ווירקונג אויף די מענטשן.

ערשט צומאָרגנס איז דער רויך אַ ביסל דינער און שיטערער געוואָרן, און וועגן אַזאַ וויכטיקע ענדערונג אין די קאָריראָרן, האָט זיך אַלאַן אַביסל באַרויִגט און האָט אַ ביסל איינגעדרעמלט. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין לייכטן שלאָף און דערזען פֿאַר זיך דעם אינזשיניער.

ווו איז דער אינזשינער סמיט? — איז געווען אַלאַנס ערשט פֿראַגע.

כ'האָב סמיטן אָבגעלאָזט — האָט ראָבינזאָן געענטפֿערט: — ער האָט זיך גענוג אָנגעאַרבעט און אינגאַנצן זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כחות.

— איך בין לאַנג געשלאָפֿן?

— ניין, אין גאַנצן איין שעה.

— ווו זענען די איבעריגע אינזשינערן?

ראָבינזאָן האָט אַלאַנ'ן געענטפֿערט, אַז ד' איבעריקע אינזשינערן האָבן זיך געלאָזט נאָך אויף אַ סטאַציע טיפֿער אין טונעל אַריין, כדי אָפּצוריינִיקן דעם פֿאַרשאָטענעם וועג, אים פֿריי צו מאַכן און אַז אויף דער נענטער סטאַציע (380 קילאָמעטר) געפֿינען זיך נאָך לעבעדיקע מענטשן.

— לעבעדיקע מענטשן, זאָגט איר? איז דען מעגליך, אַז אין דעם דאָזיקן גיהנם זאָלן זיך נאָך קענען געפֿינען לעבעדיקע מענטשן?

ראָבינזאָן האָט ווייטער מיטגעטיילט אַלאַנ'ן אַז אויף דער 19-טער סטאַציע געפֿינט זיך איצט דער אינזשינער שטראָרק, וועלכער

איז מיט דער גרעסטער ריזיקע און סכנה פאַר זיין לעבן, מיט נאָך
זעקס מענער אַהינגעפאָרן אויף אַ לאָקאָמאָטיוו און אַלע פילן
זיך דאָרט גאַנץ גוט, ד. ה. זיי טראָגן לייכט אַריבער דעם רויך.

— איז האַבי אויך צווישן זיי?

— ניין.

אַלאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער אינזשינער
שטראָם בעת דער קאַטאַסטראָפע געווען אויפן געפערליכסטן פונקט
— אויף אַ האַלבן קילאָמעטער פונם אָרט, וווּ דער אויפרייס איז
געשען. אין געגנזאַץ צו אַלע איבריקע אינזשינערן, וועלכע האָבן
זיך אין פּאַנישן שרעק דאַן געלאָזט אַנטלויפן פון טונעל, — איז
שטראָם געבליבן אויף זיין פּאָסטן און מיט אַ זעלטענער מסירת
הנפש געאַרבעט 48 שעה כסדר אַלס געוויינליכער אַרבעטער, פלי־
סנדיק זיך וואָס מער מענטשן צו ראַטעווען, וואָס מער אַרויסצו־
עקספּעדירן פונ'ם געפערליכן אָרט.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט אַלאַן דערלאַנגט שטראָמען
זיין האַנט און אים געזאָגט:

— כ'וויל, אַז מיר זאָלן ווערן גוטע פריינד. כ'קען אייך
נישט איבערגעבן, ווי ווייט איך באַוווּנדער אייער איידעלע האַל־
טונג, אייער העלדישע טאַט און אייער אַרט אויפפירונג, וועלכע
קענען דינען אַלס ביישפּיל פאַר די בעסטע אַפילו.

שטראָם האָט זיך העפליך פאַרנייגט פאַר אַלאַנ'ען און אים
דערלאַנגט זיין האַנד.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער רויך אָבגע־
שוואַכט געוואָרן אַ דאַנק שטראָמס רעטונגס־אַקציע. אים איז, איינ־
שטעלנדיק זיין לעבן, געלונגען צו פאַרשטאָפּן עטליכע לעכער אין
באַרג און אַריינצופּאָמפּן אין די קאָרידאָרן לופט מיט וואַסער. ווען
נישט שטראָמס רעטונג'ס־אַקציע, וואָלט דער רויך זיך פאַרשפּרייט
אַלץ ווייטער און ווייטער און די פאָלגן פון דער קאַטאַסטראָפע
געווען נאָך פיל שרעקליכער...

אויף מאָרגן האָט אַלאַן מיט סמיטן געמאַכט אַ רייזע אויף אַ לאָקאָמאָטיוו טיפֿער אין טונעל אַריין אין צו זיין העכסטער איבערראַשונג, דאָרט געטראָפֿן האַבּ׳ן

האַבּי איז שוין געווען פֿולשטענדיק אויסגעשעפּט און פֿאַרמאַטערט און געשוועבט צווישן טויט און לעבן. זיי האָבן אים תיכף אַרויסגעפֿירט אין דער טונעל-שטאָט אין אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל אַריין. אין אַ לאַנגן פֿאַרביטערטן קאַמף מיטן טויט איז האַבּיס אָרגאַניזם ענדליך געלונגען דעם טויט צו באַקעמפֿן ער איז געבליבן לעבן, אָבער זיין געזונט צושטאַנד איז בכלל שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרן. האַבּי איז פּשוט געוואָרן גאָר אַנ׳אַנדער מענטש

די מחנות אַרבעטער זענען נישט געבליבן אָן אַרבעט, אָדער, ריכטיקער נעזאָנט, האָבן אוועקגעוואָרפֿן די אַרבעט. זיי זענען אין די טויזנטער נעשטאַנען אין לאַנגע רייען און זיך צוגעקוקט וואָס אַלאַן און זיינע אינזשינערן טוען איצט אויף. די אַרבעטער האָבן זיך לעת-עתּה פֿאַרהאַלטן רויק און נישט געמאַכט קיין שום אַרויסטרעטונגען געגן די פֿאַרוואַלטונג פֿון די טונעל-אַרבעט, נאָר אין דער לופֿט האָט זיך געשפּירט אַז עס גרייט זיך עפּעס וויכטיקעס.

איצט, ווען דער רויך איז געוואָרן שוואַכער און האָט שוין נישט געשטיקט די מענטשן ווי פֿריער, האָט זיך אָנגעהויבן די קאָכֿעדיקע אַרבעט אַרויסצושלעפּן פֿון אַלע ווינקלען די טויטע קערפּער פֿון די דער׳הרג׳עטע און אָבצורוימען דעם וועג, כּדי די קאָמוניקאַציע זאָל קענען פֿאָרקומען רעגלמעסיק און אונגעשטערט. אין דער מתים-שטוב און די זאַלן פֿון די שפּיטאָלן האָבן זיך אָבגעשפּילט האַרצרייסנדע סצענעס, די פֿרויען, וואָס האָבן צווישן די טויטע דערקענט זייערע מענער, זענען ס׳רוב געפֿאַלן חלשות און ווען מ׳האָט זיי דערמינטערט׳ האָבן זיי ביטער געיאָמערט און געוויינט זיי האָבן זיך נישט געקעגט באַרויקן און אין דער נרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג אַרומגעלאָפֿן אַהין און אַהער ווי משוגעים. דאָס קליינע קרעמאַטאהום פֿון טונעל-סיטי האָט איצט כּסדר, שטאַרק געאַרבעט ביי טאָג און ביינאַכט. אינגאַנצן זענען פֿאַרברענט געוואָרן כּמעט אַלע דער׳הרג׳עטע — 2900 מאַן.

IX

אלאן האט פארעפענטליכט א באקאנטמאכונג צו די שטריי־קענדע ארבייטער. ער האט זיי געגעבן דריי טאג צייט זיך איבער־צולעגן און זיי געווארנט, אז אויב זיי וועלן אויפ׳ן פירטן טאג זיך נישט נעמען צו דער ארבייט, וועלן זיי אלע אנטזאגט ווערן.

נאך דעם זעלבן טאג, ווען אלאן האט זיין באקאנטמאכונג ארויסגעגעבן, זענען אויף די פעלדער פון די טונעל־שטעט פאר־געקומען אונגעהויערע גרויסע מיטינגען. דער גרעסטער מיטינג איז פארגעקומען אין מאק סיטי 60000 מענטשן זענען אונטערן פרייען הימל געשטאנען קאפ אויף קאפ און פון צען טריבונעס האבן די בעסטע רעדנער גערעט צו די פארזאמלטע. די רעדנער האבן געשיל־דערט דאס שרעקלעכע גיהנום, וואס די טיפניש פון טונעל שטעלט מיט זיך פויר מיט וואס פאר א שרעקלעכער סכנה די ארבעט אין דער טיפניש פון טונעל איז פארבונדן און אז נור על פי נס זע־נען בעת דער קאטאסטראפע אומגעקומען בלויז 2000 מאן, ווייל ביי די געפערלעכע באדינגונגען ביי וועלכע די ארבעט פון טונעל ווערט געפירט, וואלטן לייכט געקאנט דער׳הרג׳עט ווערן פינף און אפשר צען מאל אזוי פיל מענטשן. דער סינדיקאט האט אונטער־געקויפט עטלעכע ארבעטער, גוטע רעדנער, און זיי זענען ארויס־געטרעטן צו פארטיידיקן די פארוואלטונג פון דער טונעל־ארבעט און אפצושוואכן דעם איינדרוק פון דער שרעקלעכער קאטאסטראפע.

די דאזיקע רעדנער האבן מיט אותות ומופתים באוויזן אז דער סינדיקאט און די פארוואלטונג פון טונעל־ארבעט איז גאט די נשמה שולדיק, אז זיי שטעלן אויף דער הויך פון מענטשלעכקייט און ארנטלעכקייט, זארגן זיך, ווי ס׳קאן גאר בעסער נישט זיין, וועגן דעם ארבעטער. די קאטאסטראפע איז נור א רעזולטאט פון אן׳אומגליקליכן צופאל. די פארוואלטונג וועט איצט אנווענדן אלע פארזיכטיקייטס־מיטלען און איז מעהר ווי זיכער, אז קיין קאטאס־טראפע וועט שוין נאכאמאל נישט פארקומען. די דאזיקע ראיות און פארזיכערונגען האבן זיך געענדיקט מיט א הייסן אויפרוף צו די ארבעטער, זיי זאלן זיך תיכף שטעלן צו דער ארבעט.

— פֿאַרגעסט נישט — האָט איינער פֿון אַזעלכע אונטער געקויפֿטע רעדנער צו די אַרבעטער גע׳טענה׳ט — אַז מיר זענען, רעכענדיק די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפֿטיקט ביי די איבעריקע סטאַציעס און פּונקטן, אַן׳אונגעהויערע מחנה פֿון 180000 מאַן. מיר דאַרפֿן אַלע עסן און דער בייזער ווינטער קלאַפּט שוין איצט אין דער טיר! ווו וועלן מיר זיך אַהינטון מיט אינזערע ווייבער און קינדער, ווער וועט אונז געבן עסן, מיר וועלן דאָך אויסגיין פֿון הונגער און קעלט און דערצו נאָך, זוכנדיק אַרבעט מיטהעלפֿן דערצו, אַז עס זאָל פֿאַלן דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־לוין אַזוי אַז דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס פֿון אַמעריקאַ וועט אונז פֿאַרשילטן.

ברענגענדיק אַזעלכע אַרגומענטן, האָבן די רעדנער גענומען ווייטער באַווייזן די אַרבעטער, אַז די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער טונעל־אַרבעט מיט אַלאַנ׳ען אָן דער שפּיץ זאָרגט זיך אַזוי פֿאַר די אַרבעטער, האָבן פֿאַר זיי אַזוי פֿיל אויפֿגעטון, אום זייער אַלגעמיינע לאַגע צו פֿערבעסרן, אַז די טעטיגקייט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג אין דער דאָזיקער ריכטונג וואָלט געקאָנט דינען פֿאַר אַ ביישפּיל פֿאַר פֿיל אַנדערע גרויסע אונטערנעמער און אַז מיט איין וואָרט, ס׳וואָלט מצד די אַרבעטער געווען אַ גרויסע עולה און אונדאַנקבאַרקייט, נישט אָבצושאַצן די פֿאַרדינסטן פֿאַר זיי מצד דער טונעל־פֿאַרוואַלטונג מיט אַלאַנ׳ן אין דער שפּיץ.

די דאָזיקע רעדנער אָבער האָבן ביי די אַרבעטער גאָרנישט געפּועלט. די גאַנצע מחנה דעמאָנסטראַנטן האָט פֿון די ערשטע ווערטער אָן זייערע דערקענט אין זיי ווער און וואָס זיי זענען, אַז זיי זענען נישט אויסן דעם אַרבעטערס טובה, און רעדן פֿאַר געלט. די רעדנער האָבן געהאַט אַ מיסע מפּלה. די אַרבעטער האָבן זיי אויסגעפּייפֿט און עטליכע זאָגאַר האָבן אויף זיי אָנגעהויבן שטיינער צו וואַרפֿן, מיט די ווערטער: „נידער מיט די פֿאַררעטער פֿון אַרבעטער־קלאַס” און פֿאַרלאַנגט, זיי זאָלן תיכף ומיד אַראָפּ פֿון דער טריבונע. זיי האָבן עס געמוזט טון און אונטער אַ שרעקליכער פּייפֿעריי, קללות און זידלעריי האָבן זיי זיך אָבגעטראָגן פֿונ׳ם אָרט, ווו דער מיטינג איז פֿאָרגעקומען. אויף דע־

טריבונע איז אַרויף אַ רעדנער, אַ ליבלינג פֿון די אַרבעטער, און האָט אויסגעשריגן:

— קיינער זאָל מיט דער האַנד קיין ריר נישט טון פֿאַרן פֿערשאָלטענעם טונעל! קיינער זאָל זיך נישט נעמען צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט! און אַ שטורמישער בייפֿאַל, וואָס מ'האָט געהערט אויף מײַלן ווייט, האָט אויסגעדריקט דעם אַלגעמיינעם הסכּם מיט דעם רעדנערס ווערטער.

דער דאָזיקער רעדנער האָט ווייטער קונציק און מאַלעריש זיך גענומען שילדערן די טויזנטער סכּנות מיט וועלכע די אַרבעט אין טונעל איז פֿאַרבונדן פֿאַר די אַרבעטער, אַז יעדע רגע שטעלן זיי איין זייער לעבן און געזונט. דער רעדנער האָט באַוויזן די אַרבעטער, אַז נאָך ביז דער קאַטאַסטראָפֿע האָט דער טונעל איינגעשלונגען אין זיך פֿיל קרבנות פֿון דער אַרבעטער סביבה, און אַז די דורכשניטליכע צאָל פֿון אַזעלכע קרבנות דערגרייכט יעדעס יאָר 1800.

— ס'איז גאָר אַ קלייניקייט צו זאָגן — האָט דער רעדנער באַמערקט — 1800 קרבנות יעדעס יאָר! די דאָזיקע 1800 מענער קומען אום ביי דער בוי אַרבאַט און שטאַרבן מיט פֿאַרשידענע מיתות. אייניקע ווערן איבערגעשניטן דורך די אָנלויפֿנדע לאָקאָמאָטיוון, אַנדערע ביי אויפֿרייסן פֿון פּולווער, פֿיל שטאַרבן פֿון פֿיבער און אַנדערע קראַנקהייטן, מיט איין וואָרט — 1800 אונפֿערמיידלעכע קרבנות יעדעס יאָר — ביים נאָרמאַלן גאַנג פֿון דער אַרבייט, ווען אַלע פֿאָרזיכטיקייטס-מיטלען זענען אונגעווענדעט און שטרענג אָבגעהיט, און ווו האָט איר די גאַראַנטיע אַז אַזעלכע קאַטאַסטראָפֿעס אין גרויסן מאַסשטאַב, וואָס האָט מיט איינמאָל געבראַכט 3000 קרבנות, וועלן זיך ניט איבער,חזר'ן! שקר וכזב — האָט דער רעדנער ווייטער געדונערט מיט זיין גראָבן באַס — אַז מאַק אַלאַן איז כּלומר'שט אייערער אַ גוטער פֿריינד און איז געווען איבערגעגעבן די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער, ס'הויבט זיך נישט אָן! ע־ איז ווייט געווען דערפֿון, ווייט פֿון יעדן גוטן געפֿיל צו די אַרבעטער. מאַק אַלאַן איז דער תּלין פֿון קאַפּיטאַל! דער

גרעסטער תלין, וועלכן די ערד האָט נאָר ווען ס'איז געזען
איז אַ וואָלף, אָנגעטאָן אין שאָפּענפעלץ! 18000 טאָן האָבן ביי
אים געאַרבעט עבודת פרך און 20,000 וועמען זיין טייוולאָנישער
אַרבעט האָט געמאַכט פאַר דער צייט פאַר קאַליקעס, האָט ער יע-
דע יאָר אַריינגעוואָרפן אין די שפּיטאָלן, נאָר די דאָזיקע מחנות
אומגליקליכע אַרבעטער פלעגן פון די שפּיטאָלן אַרויסגיין—אייביקע
קאַליקעס, וועלכע זענען להלוּמין שוין נישט פעיִק געווען אַפילו
צו דער לייכטסטער אַרבעט. און ווו איז מאַק'ס איבערגעגעבנקייט,
צום אַרבעטער-קלאַס? ווו איז זיין אַרבעט לטובת די דאָזיקע אומגליק-
ליכע קרבנות פון זיין פ.רפלוכטן טונעל? צו האָט ער אַפילו אַ
פינגער אין קאַלט וואַסער אַרייַנגעלייגט האָטש אויף וויפל עס איז
צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן גורל פון יענע צענדליקער טויזנטער
פאַראונגליקליכטע אינוואַלידן און קאַליקעס, וועלכע האָבן פאַרלוירן
זייער אַרבעטס-פעיקייט אין טונעל און מוזן איצט אויסגיי פון
הונגער און קעלט, נישט האָבנדיק מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן?
מאַק אַלאַן האָט אין משך פון די דאָזיקע זעקס יאָר אומגעבראַכט
אַנ'אומגעהוירן מענטשן-מאַטעריאַל! טאָ זאָל שוין נעמען אַ סוף צו
זיין פאַרניכטענדער טייוולאָנישער אַרבעט אַ סוף! אַנ'עק! גענוג
שוין געבראַכט קרבנות אויפן מזבח פונ'ם פאַרפלוכטן קאַפּיטאַליזם,
גענוג לעבענס אים שוין אָוועקגעגעבן! זאָל ער איצט זוכן מענטשן
מאַטעריאַל צווישן די נעגערס אין אַפריקאַ! זאָל ער דאָרט איינ-
קויפן קנעכט פאַר זיין טונעל אָדער זאָל ער אָוועקויפן ביי די
רעגירונגען די אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשניקעס און זיי פאַרווענדן
צו דער אַרבעט אין יענעם גהנום. דער גיהנום זיינער האָט זיך
שוין מיט אונדזער בלוט גענוג אָנגעזעטיקט, גענוג קרבנות האָט
פאַרשלונגען זיין פאַרפלוכטער טונעל, גענוג! גענוג! גענוג!
קללות און זידלערייען זענען געווען דער ענטפער פון די פאַרזאַ-
מעלטע אויף דעם רעדנער'ס ווערטער. ביי טויזנטער אַרבעטער
האָבן זיך די הענט און פויסטן געבײַלט און הונדערטער פון זיי
האָבן אַ מבול פון קללות אויסגעגאָסן אויף מאַק אַלאַנ'ס קאָפּ.

אויפ'ן דריטן טאָג האָט צו די אַרבעטער גערעט מאַק אַלאַן אַליין. ער האָט דעמזעלבן טאָג פאַרמיטאָג מאָוד, און עדיט'ס טויטע קערפּער אין קרעמאַטאָריום פאַרברענט. דער צער און ווייטאָג זענען נאָך געלעגן אויף זיין האַרץ ווי אַ שווערע ביטערע לאַסט, און דאָך האָט מאַק זיין שמערץ אַ ביסל דערשטיק אין זיך און אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע צו די אַרבעטער. וואָס מער ער האָט גערעט און וואָס העכער ער האָט געשריען, אַלץ מער האָט ער געפילט ווי צו אים קערן זיך אום צוריק זיין אַלטע קראַפט און אַלטער גלויבן אין זיין „גרויסער זאַך".

זיין רעדע, וועגן וועלכער מ'האָט נאָך מיט עטליכע טעג פריער דורך מעטער - לאַנגע פּלאַקאַטן געגעבן צו וויסן די אַרבעטער איז גלייכצייטיק אין די פעלדער אַרום דער שטאָט, ווו די אַרבעטער פלעגן זיך פאַרזאַמלען, אויסגעשריבן געוואָרן אין דער דייטשער, פראַנצויזישער, איטאַליענישער, רוסישער און פּוילישער שפּראַך. מ'האָט זי אָבגעדרוקט אין הונדערטער טויזענדטער עקזעמפּלאַרן און פונאַנדערגעוואָרפן אין אַלע עקן וועלט, מ'האָט זי גלייכצייטיק איבערגעגעבן טעלעגראַפיש אויף זיבן שפּראַכן אויף די אַזאָרן, ווערמודן פיניסטערע און ביסקאַהא און צענדליקער אַרבעטער האָבן מאַקס רעדע געלעזן דעמזעלבן טאָג, וואָס ער איז אַרויסגעטראָטן אין טונעל סיטי אויף דעם מיטינג.

אַלאַן איז באַגעגענט געוואָרן מיט אַ שטילשווייגן. ווען ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך דער גרויסע מאַסע אַ וועג צו דער טריבונע, האָבן אים פיל אַרבעטער געמאַכט פּלאַץ, פונאַנדעררוקענדיק פון ביידע זייטן. מאַנכע אַרבעטער האָבן זאָגאַר, דערזעענדיק אַלאַנ'ען, זיך אַ חאַפּ געטון פאַר די היטלען, אים צו באַגריסן. אַלאַן איז אַרויף אויף דער טריבונע און האָט אָנגעהויבן רעדן צו דער גרויסע מאַסע פאַרזאַמעלטע דורכ'ן מעגאַפאָן זיין רעדע האָט ער אַזוי אָנגעהויבן:

— כ'שטיי דאָ פאַר אייך, טונעל-מענער, כדי מיט אייך זיך דורכצורעדן. כ'בין מאַק אַלאַן און איר קענט מיך גוט! איר שרייט אַז איך האָב כלומר'שט דריי טויזנט מענטשן אומגעבראַכט! דאָס

איז שקר וכזב! דער גורל פונם מענטשן איז שטאַרקער פאַרן מענטש גופא. די אַרבעט האָט אומגעבראַכט די דאָזיקע דריי טויזנט מענטשן! די אַרבעט האר׳געט טאָג-טעגליך אויף דער ערד הונדערטער מענטשען! די אַרבעט איז אַ שלאַכט און אין יעדער שלאַכט פאלן טויטע! די אַרבעט ברענגט אום ווי באַוווסט אין ניו-יאָרק אַליין טאָג-טעגליך 25 מענטשן! אָבער, גישט קוקנדיק דערויף, קלערט קיינער נישט אַוועקצוּוואַרפן די אַרבעט אין ניו-יאָרק נאָר צוליב דעם? דער ים פאָדערט יעדעס יאָר 20,000 מענטשליכע קרבנות, אָבער קיינער, וואָס לעבט פונ׳ם ים, דענקט קיימאָל נישט אַוועקצוּוואַרפן זיין אַרבעט ביים ים. איר האָט, טונעל מענער, בעת דער קאַטאַסטראָפע פאַרלוירן פריינד און נאָנטע מענטשן, כ׳ווייס עס גאַנץ גוט! אויך איך האָב פאַרלוירן נאָנטע מענטשן און פריינד — פונקט אַזוי ווי איר! מיר זענען אַזוי אַרום קויט אַזוי ווי אין דער אַרבעט, זענען מיר אינ׳ם אומגליק, וואָס אונד האָט געטראָפן —חברים! טונעל-מענער!...

אַלאַן האָט ווידער געפּרוּווט אָנצינדן אַ באַגייסטערונג איז די הערצער פון די פאַרזאַמלטע. ער האָט זיי ערקלערט, אַז ער בויט דעם טונעל נישט צוליב פאַרגניגן, אַז דער טונעל זאָל פאַר-בינדן אַמעריקאַ מיט אייראָפּאַ — צוויי וועלטן, צוויי קולטורן, אַז דער טונעל וועט געבן חיונה טויזנטער מענטשן, אַז דער טונעל וועט באַשאַפן ווערן נישט כדי רייך צו מאַכן איינצעלנע קאַפּי-טאַליסטן, נאָר אַז ער וועט געהערן דעם גאַנצן פאָלק. גראָד דאָס איז זיין, אַלאַנ׳ס פאַרלאַנג און אויסזיכט געווען. אייך אַליין טונעל-מענער, געהערט דער דאָרט אונטן. איר אַליין זענטדי אמת׳ע אַקציאָ-נערן פונ׳ם טונעל-סינדיקאַט.

פון צווישן דעם המון צוהערער האָבן זיך דערהערט אויס-רופן, געשרייען, מ׳האָט דערזען אַ באַוועגונג צווישן דער גרויסער מאַסע.

— „איך אַליין, טונעל מענער, בין אויך אַנ׳אַרבעטער — האָט אַלאַן ווייטער געדעט צום ים פון קעפּ — אַנ׳אַרבעטער פונקט ווי איר. איך האָב פיינט פחדנים! כ׳קען זיי נישט ליידן און

איבערטראָגן! נידער מיט די פּחדנים! די אַרבעט איז נישט בלויז אַ מיטל, זאַט צו ווערן, די אַרבעט איז אַנ׳אידעאַל, די אַרבעט איז די רעליגיע פון אונדזער צייט!„

אַ געשריי, אַ לעבהאַפטער מיינונג-אויסטויש צווישן פאַרשידענע גרופּן אַרבעטער.

אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן צו אַלאַנ׳ס טובה. מ׳האָט אונ-טער׳ן איינדרוק פון זיינע ווערטער און אַרגומענטן אים שוין כמעט מוחל געווען זיין גרויסן חטא פון דער קאַטאַסטראָפע. ס׳האָבן זיך יעדנפאַלס, קיין שום דראָענדע קולות און ווערטער אויף זיין אַדרעס שוין אינגאַנצן נישט געהערט, נאָר אַזאַ מין שטימונג האָט זיך געוויזן כל זמן אַלאַן האָט גערעדט וועגן דער גרויסער באַדיי-טונג פון אַרבעט בכלל, פון דער רגע אָבער, וואָס ער האָט אויפ-געפאָדערט די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך ווידער שטעלן צו דער אַר-בעט, האָט אַלאַן ווידער פאַרלוירן דעם געוווינעם חן און פאַר-לוירן דעם צוטרוי פון דער גאַנצער גרויסער מחנה פאַרזאַמלטע... אַלע זענען זיך תיכף שטיל פונאַנדערגעגאַנגען נישט וועלנדיק הערן, ווייטער זיינע ראיות און חקירות...

צען אַזייגער אין אָוונט האָבן די פירער פון די אַרבעטער אָבגעהאַלטן נאָך אַ מיטינג, וועלכער האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט און זיך פאַרענדיקט ערשט צו פרימאָרגן. אין עטליכע שעה אַרום האָבן זיי דעלעגאַטן פון די אַרבעטער ערקלערט דער טונעל-פאַר-וואַלטונג, אַז זיי ווילן צו דער אַרבעט ווייטער זיך נישט שטעלן.

די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען אויף די אייראָפּעאישע סטאַציעס אויף די אַזאָרן, ווערמודן און אַנדערע ערטער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן זייערע חברים און זיך אויך צו דער אַרבעט נישט געשטעלט. דעמזעלבן טאָג האָט אַלאַן אָבגעזאָגט 180,000 אַרבעטער זיי האָבן געזאָלט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אין משך פון צוויי מעת לעת צייט. דער טונעל האָט גערוט. די טונעל-סיטי האָט אויסגעזען ווי אַנ׳אויסגעשטאַרבענע שטאָט. נאָר דאָ און דאָרט האָט מען געזען מיליץ-סאָלדאַטן מיט געווער אין די הענט...

• פינפטעם •

I

עדיסאָן-ביא האָט די וואָך, וואָס די אַרבעט איז אין טונעל אָבגעשטעלט געוואָרן, ממש געשעפּט גאָלד און געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן פאַרמעגן. זי האָט זאָגאַר געוויזן די קאַטאַסטראָפע מיט אַלע פּרטים: דאָס פּאַנישע לויפן פון די אַרבעטער, צוריסענע טיילן פון מענטשליכע קערפּער... דער געדיכטער שטיקנדער רויך אין די קאָרידאָרן, די רעטונגס-אַקציע א. א. וו. ווייטער האָט מען געוויזן די גרויסע מיטינגען פון די אַרבעטער מיט אַלע רעדנער. מ'האָט אויך אויף דער טריבונע געוויזן מאַק אַלאַנ'ען, ווי ער רעד צו די אַרבעטער, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס איז אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער צייט פאָרגעקומען — אַלע איינצעלהייטן... גאַנץ גוטע געשעפטן האָבן די דאָזיקע וואָך אויך די צייטונגען געמאַכט, די גרויסגעבער האָבן פּשוט געשעפּט גאָלד פון די צוויי און דריי-פאַכיגע טיראַזשן. די צייטונגען פון אַלע ריכטונגען האָבן אָבגעגעבן גאַנצע שפּאַלטן די שילדערונגען פון דער קאַטאַסטראָפע און אַלע אירע פאָלגן. דערנאָך איז געגאַנגען די גענויע באַשרייבונג פונ'ם סטרייק, דאָס אויסזען פון טונעל סיטי בעת'ן שטרייק, דערנאָך זענען געגאַנגען סתם קלאַנגען און „קאַטשקעס" און דער עולם-גולם, וואָס איז אין אַמעריקאַ אַזוי זשעדנע צו נייעס און סענסאַציעס, האָט די צייטונגען געריסן ביי די פאַרקויפער פון די הענט.

די אַרבעטער - פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט האָט אָנגע־רופן און געשילדערט מאַק אַלאַנ'ען דעם „בייזן געניוס פונ'ם אַרבעטער־קלאַס", דאָס בלוטיקע געשפּענסט פון אונדזער צייט מיט מענטשן - קעפּ אין מויל און געפּאַנצערטע געלט - שענק אין די הענט... די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבן טאָג - טעגליך געדרוקט שאַרפע אַרטיקלען, אין וועלכע זיי זענען אויפן שאַרפסטן אויפן אָנגעפאַלן אויף מאַק אַלאַנ'ען מיט קללות און זלזולים, אַרויס־שטעלענדיק אים אַלס אַ פאַרברעכער - נאַטור, אַלס דעם שענדליכסטן מענטש פון היינטיקן יאָר־הונדערט, זיי האָבן געזידלט אַלאַנ'ען. דעם טונעל - סינדיקאַט האָבן די צייטונגען זעלבסטפאַרשטענדליך אויך נישט געשאַנעוועט, זיי האָבן דעם סינדיקאַט באַשמוצט אויפן שאַרפסטן אופן, אים קריטיקירט און באַוויזן מיט טויזנטער ראיות, אַז ער האָט דורך זיין שעדליכער טעטיקייט אַנטוויקלט די ערגסטע שקלאַפעריי, וועלכע האָט ווען ס'איז אויף דער וועלט עקזיסטירט, און אַז אין תוך גענומען קאָן דער דאָזיקער סינדיקאַט באַטראַכט ווערן אַלס די שרעקליכסטע טיראַניע פונ'ם קאַפּיטאַליזם.

פון וואַנען האָט זיך צו אָט דעם אַלאַנ'ען גענומען פולעמיאָטן? — האָבן די אַרבעטער איינער דעם אַנדערן געפרעגט. ס'קומט אַזוי אַרום אויס, אַז מיט די דאָזיקע פולעמיאָטן האָט זיך מאַק באַצייטנס, נאָך מיט עטליכע יאָר צוריק, באַוואָרנט — פאַר אַלע מעגליכקייטן און צופאַלן.

פונקט אַכט און פערציק שעה נאָכדעם, ווי מ'האָט די אַר־בעטער ענטזאַגט. איז אין די אַרבעטער־קאָלאָניעס שוין נישט געווען צו קריגן קיין טראָפּן וואַסער און נישט צו זען קיין פונקליכט. דאָס וואַסער און דאָס ליכט האָט מען ביי זיי צוגענומען און זיי געלאָזט אָן וואַסער און אָן באַלייכטונג, ס'איז איבריק צו צוגעבן, אַז דאָס דאָזיקע מיטל האָט אַרויסגערופן אַ שרעקליכע פאַרביטערונג צווישן די אַרבעטער.

אויף מאָרגן זענען 50,000 טונעל-אַ בעטער אַוועק קיין ניו-יאָרק. זיי זענען אָפּגעפאָרן אויף 50 צוגן און צוועלף אַ זייגער איז די דאָזיקע מחנה אָנגעקומען אין דער ריזן-שטאָט אַריין, די פּאָליצי־

האָט נישט געהאַט קיין געזעצליכע סבה, די דאָזיקע מחנה אַרבעטער נישט אַריינצולאָזן אין ניו־יאָרק. זי האָט זיי אַריינגעלאָזט אין שטאָט אַריין. די גאַנצע פּאָליציי איז אָבער כמעט געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס, כדי די באַוועגונג פֿון דער דאָזיקער מחנה איבערצוּוואַכן און נישט צו דערלאָזן צו קיין אונרוען.

אין הורזאָן־טונעל איז צוליב דעם אין משך פֿון צוויי שעה דער פֿאַרקער אינגאַנצן אָבגעשטעלט געוואָרן. די גאַנצע מחנה טונעל־אַרבעטער איז דורכגעגאַנגען דעם הורזאָן־טונעל מיט געזאַנגען און מיט צוהיצטע פּנים׳ער און דערווייל זיך געהאַלטן רויק אַרויסגייענדיק פֿון טונעל, האָט זיך די גאַנצע מחנה איינגעאָרדענט ווי צו אַ פּאַראַד און אַריין אין ברוסשאָווער סטרעעט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דעמאָנסטראַציע. פֿאַר דער מחנה אַרבעטער איז געגאַנגען אַ מוזיק קאַפּעלע, נאָך דער קאַפּעלע זענען געגאַנגען די פֿאָנען־טרעגער, מיט אַ פֿאָן, אויף וועלכער ס׳איז מיט רויטע אותיות געווען אַ אויפֿשריפֿט „טונעל־מענער“, דערויף האָבן זיך געצויגן עטלעכע רייען פֿאָנען־טרעגער מיט פֿענער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ליגע, נאָך זיי הונדערטער פֿלאַגן פֿון אַלע נאַציאָנען אויף דער וועלט. הינטער דעם בונטן וואַלד פֿון פֿלאַגן זענען געגאַנגען גאַנצע מחנות נעגערס, דערנאָך אַ גרופּע, וועלכע האָט געשלעפּט מיט זיך אַ תּליה.

אויף דער תּליה האָט זיך געבאָמבלט אַהין און אַהער עפּעס אַ ליאַלקע — דאָס איז געווען אַלאַן! אויף זיין רונדן קאָפּ איז געווען אויסגעמאָלט אַ רויטער פּערוק. ווייטער האָט מען פֿון אַן אַלטער קאָלדרע געמאַכט אַ מאַנטל און אים אָנגעטון דעם הענגענדן אַלאַנ׳ען. דער מאַנטל איז געמאַפּט געוואָרן ענליך צו אַלאַנ׳ס אולסטער. פֿאַר דער תּליה מיט דעם הענגעדיקן אַלאַנ׳ען האָט געטראָגן אַ ריזן־פּלאַקאַט, אויף וועלכע ס׳איז מיט אַרשינענע אותיות געווען אַן אויפֿשריפֿט: „מאַק אַלאַן, מערדער פֿון 5000“. הינטער אַלאַנ׳ס האָט מען געטראָגן נאָך אַ תּליה אויף וועלכער ס׳איז געהאָנגען נאָך אַ מין ליאַלקע — לאָיד דער קאָפּ פֿון דער דאָזיקער ליאַלקע איז געווען אויסגעפֿאַרבט נוס־ברוין. די אויגן אונדז דאָס

טיל האָט זאויסגעזען זשעדנע, ווי זיי וואָלטן געהאָלט די גאַנ־צע וועלט איינשלינגען. אויפן פלאַקאַט, וועלכן מ׳האָט געטראָגן באַלד נאָך לאַיד, סתליה, איז געווען אַן אויפשריפט:

„לאַיד דער גנב פון מיליאַרדן,
פרעסט מענטשנפלייש."

ווייטער איז געהאָנגען אַ תליה מיט אַ ליאַלקע פון האַבי־אויף זיין פלאַקאַט איז געשטאַנען,

„האַבי אויף דער תליה!"

נאָך האַבי׳ס תליה האָט מען געטראָגן ס. וואָלף׳ן ער האָט געטראָגן אַ רויט היטל אויפן קאָפּ, איז געווען אויסגעמאָלט מיט רויטע גראָבע ליפּן און גרויסע שוואַרצע אויגן, אַרום זיין האַלדז זענען געהאָנגען פיל קינדער ליאַלקעס אויף דינע שטריקלעך.

דער פלאַקאַט זיינער האָט געהאַט אַזאַ אויפשריפט: „ס. וואָלף מיט זיינן האַרעם, טשאַמפּיאָן פון די שווינדלער". ווייטער האָבן זיך געצויגן תליות פון באַקאַנטע באַנקירן און גרויס־אינ־דוסטריעלער, פון די אינזשינירן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין טונעל, צווישן די הויפּט־אינזשינירן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער גראָבער מילער פון די אַזאָרן. ער איז געווען רונד ווי אַ באַלאָן, אַלס קאָפּ האָט ער געטראָגן נור אַן אַלטן שטיי־פן הוט.

אויף זיין פלאַקאַט איז געווען אַ קורצע אויפשריפט: „אַ פעטער ביסן פאַרן גהינם".

די אַרבעטער־מחנות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָ־זיקער ריון־דעמאָנסטראַציע, האָבן אויף טויזנטער קולות געשריגן געפייפט, געליאַרמט, געלאַכט און די לופט איז פאַרהילכט געווען פון אונגעהויערן גערויש און געפילדער, איינצעלנע באַטאַליאָנען, אַרבעטער האָבן געזונגען סתם לידער און דאָס טופן און, און טריט פון צענדליקער טויזנטער פיס אויף דעם האַרטן אַספאַלט האָט זיך געהערט אויף אַ ווייטן מרחק, אויף די אַרומיקע גאַסן. אין אַלגע־מיין האָט מען באַקומען אַן איינדרוק, אַז דער אליין איז געקומען קיין ניו־יאָרק, כדי דאָ צו מאַכן אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע. אַ גרופּע אַרבעטער זענען אין מיטן פון דער גרויסער פּראָצעסיע

דערוועקט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט און איז העכסט אויפפאלענט געווען. פאר דער דאזיקער גרופע זענען געגאנגען עטליכע רייען מיט פאנען פון אלע נאציאנען און מיט א ריזן־פלאקאט אויפ'ן ריזן־פלאקאט איז געווען אנ'אויפשריפט מיט מעטער־לאנגע אותיות: „מאק'ס קאליקעס"!

די דאזיקע גרופע איז באשטאנען פון עטליכע הונדערט מענער, מיט וועלכע ס'האט ביי דער ארבעט אין טונעל געטראפן אנ'אומגליק און זיי האבן פארלוירן — דער א האנט, דער א פוס, אדער אנדערע אברים. צווישן זיי האבן זיך געפונען קאליקעס, וואס זענען געשטאנען שטארק הינקענדיק אויף קוליעס, — און די דאזיקע קרבנות פון טונעל האבן זיך אלעמען געווארפן אין די אויגן אריין. נאך דער דאזיקער גרופע זענען געגאנגען רייען מענער מיט געלבע קראנקע פנים'ער, דאס זענען געווען יענע טונעל־ארבעטער וואס האבן געליטן אויף א באזונדערער קרענק — א מין פיבער, וואס האט זיך באוויזן אין דער טיפעניש פון טונעל און האט פיל קרבנות געפאדערט. די טונעל־ארבעטער האבן מארשירט אין רייען צו צען מאן אין יעדער ריי. און די פראצעסיע האט זיך געצויגן אויף פינף קילאמעטער אין דער לענג די ריזיקע לאנגע פראצעסיע האט זיך געצויגן אין דער בעסטער ארדנונג דורך דעם בראדוויי, זער פיל טראמוויי־צוגן, אויטאמאבילן און א מאסע פארשידענע וועגן האבן זיך אפגעשטעלט אויף די ווינקלען גאסן, ווו די פראצעסיע האט זיך געצויגן. און געווארט ביז זי וועט דורכגיין, אלע פענצטער און טירן זענען געווען באזעצט מיט נייגיריקע מענטשן. כמעט אויף יעדן שריט האט מען געזען פאטאגראפן, וועלכע האבן ארויפגענומען די ריזן־דעמאנסטראציע און די טיילן שטאט, ווו די פראצעסיע האט זיך געצויגן. די נייגעריקייט פונ'ם פובליקום איז געווען אזוי גרויס, אז פיל מענער וואס האבן זיך געהאלטן בעת די פראצעסיע איז דורכגעגאנגען אין מיטן ראזירן זענען ארויס מיט אנגעזייפטע באקן אויף דער שוועל פון פריזיר־אנשטאלט, כדי מיט די „אייגענע אויגן," צו זען די זעלטענע דעמאנסטראציע. אין א פריוואטן אויטאמאביל וואס

האָט זיך צווישן הונדערטער אַנדערע אויטאָמאָבילן אָפּגעשטעלט איז געזעסן לאָיד און זײַן טאָכטער עטעל עטעל האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג און נײַגעריקייט. זי האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט איר געגעבן די מעגלעכקייטן צו זען אַזאַ זעלטענע דעמאָנסטראַציע.

— פֿאָטער — האָט עטעל פּלוצלינג אויסגעשריִען — וואָס זע איך — זיי טראָגן אַלאַנ'ען! זע נור דאָס איז מאַק אַלאַן אויף דער תּליה!

און דער אַלטער לאָיד, וועלכער איז געזעסן טיף אין אויטאָ און זיך נישט איבעריק געפֿרייט, זעענדיק די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע, האָט זײַן טאָכטער גלייכגילטיק געענטפֿערט:

— איך זע עטעל, איך זע אַלץ.

דער אַלטער האָט ווירקלעך קוקנדיק דורך אַ שפּאַקטיוו דורכן פֿענצטער פֿונ'ם אויטאָ, אַלץ געזען וואָס אויף דער גאַס איז איצט פֿאָרגעקומען און אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען די אמת'ע באַדייטונג פֿון דעם, וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען ווען מ'האָט לאָיד'ן גופֿא אַדורכגעטראָגן אויף דער תּליה, האָט זיך עטעל שטאַרק פֿונאַנדער־געלאַכט.

— דאָס ביזטו דאָך פּאַפּאַ! — האָט זי לאַכנדיק צו איר פֿאָטער געזאָגט.

זי האָט פֿאַרלאָזט איר אָרט בײַם פֿענצטער און אַרומגענומען איר פֿאָטער זאָגנדיק איבעריק אַמאָל.

— דו ביזט עס טאַקי, פּאַפּאַ, דו זעסט אַלץ!

— איך זיי אַלץ עטעל!

עטעל האָט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער פֿון אויטאָ, ווען די „טייוועל מענער" (די אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין די געפֿערלעכסטע ערטער פֿון טונעל זענען דורכגעגאַנגען.

די בעגערס, וואָס זענען געגאַנגען מיט דער פּראָצעסיע, האָבן, עפּנדיק זייערע גראָבע מײַלער מיט די ווייסע ציין, געלאַכט צו עטלען און אויף זייער שפּראַך איר עפּיס לעכערלעכעס געזאָגט...

דאָס איז געווען צו דריגגען דערפֿון, וואָס אַלע בעגערס האָבן זיך

שטאַרק פֿונאַנדער־געלאַכט, ווען עטליכע חברים זייערע האָבן עפּיס געזאָגט צו דער ווייסער יונגער פֿרוי אין אויטאָמאָביל.

— אום גאָטעס ווילן עפֿן נור ניט דאָס פֿענצטער, עטעל דו הערסט! — האָט לאָיד, אַ ביסל זויפֿנערעגט, צו עטלען געזאָגט, מורא האָבנדיק, די דעמאָנסטראַנטן זאָלן אים נישט דערקענען און מיט אים זיך נישט אָפּרעכענען דאָ, אויפֿן אָרט.

— פֿאָטער! האָט עטעל שוין • גאָר אַן אַנדער טאָן געזאָגט — דו זעסט זיי?

— כ'זע, כ'זע זיי, מיין קינד.

אויף מאָרגן האָט עטעל לאָיד געהייסן איר פֿאַרוואַלטער פֿערטיילן 10,000 דאָלאַר צווישן מאַק'ס קאַליקעס — אַזאַ שווערן איינדרוק האָבן זיי אויף איר געמאַכט און אַזאַ רחמנות דערוועקט.

אונטער'ן איינפֿלוס פֿון דער מחנה קאַליקעס, וואָס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר זייער אויטאָ, איז ביי עטלען אַ רגע פֿערשוונדן געוואָרן די קינדערישע פֿריילעכע שטימונג, אין וועלכער זי האָט זיך היינט אַ גאַנצן טאָג געפֿונען... אויפֿ'ן האַרצן איז איר געוואָרן אַזוי טרויריק און ביטער... ס'האָט זי שוין אָנגעהויבן פֿאַרדריסן, וואָס זי האָט זיך אָבגעשטעלט אויפֿ'ן אָרט ווו די פּראָצעסיע איז דורכגעגאַנגען און אַזוי אַרום געזען אַזעלכע שרעקליכע בילדער.

זי האָט געעפֿענט דאָס פֿענצטערל פֿונ'ם אָרט, ווו דער שאָפֿער זיצט, און אים באַפֿוילן, צי פֿאָרען ווייטער. דער שאָפֿער האָט אָבער געענטפֿערט, אַז ער קאָן זיך נאָך דערווייל נישט רירן פֿון אָרט ווייל אַלע אַרימיקע גאַסן זענען נאָך אָבגעשפּאַרט און ס'מוז נאָך דויערן אַ פֿערטל שעה ביז מען וועט קאָנען ווייטער פֿאָרן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז די מרה־שחורה, וואָס איז עטלען באַפֿאַלן, פֿאַרשוווּנדן געוואָרן „פֿון זיך אַליין” און איר איז ווידער ווי שטענדיק, פֿריילעך געוואָרן אויפֿן האַרץ. ווען פֿאַר איר עקיפּאַזש זענען צווישן די דעמאָנסטראַנטן דורכגעגאַנגען באַטאַליאָנען פֿון יאַפּאַנער מיט האַסטיקע שריט, ענליך אויף געלבע מאַלפּעס

האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך פֿאַרנאַנדערגע־לאַכט ווי אַ קליין קינד...

— זע נאַר, זע נאַר, פּאַפּאַ, — האָט זי קלאַפּנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט און פֿול מיט שמחה, געזאָגט צו איר פֿאָטער — וואָסערע קאָמישע יאַפּאַנערלעך.

— כ׳זע, עטעל, כ׳זע, — האָט לאָיד אַביסל אָנגעבלאָזן געענטפֿערט.

לאָיד האָט גוט געוווּסט, אַז ער מיט זיין טאָכטער שוועבן איצט אין אַ גרויסער סכנה, אַז ווען די דעמאָנסטראַנטן וואָלטן זיך דערוווּסט, ווער ס׳זיצן דאָ אין אויטאָ, וואָלטן זיי געוויס מיט אים און עטלען זיך אָפּגערעכנט אויף אַן אַכזריות׳דיקן אופֿן, נאָר לאָיד האָט מיט קיין וואָרט אין מיט קיין שום מינע נישט אַרויס־געגעבן זיין אינערליכע אומרויקייט און מורא. דער אַלטער לאָיד האָט אין די געפֿערליכסטע מינוטן באַוווּנדערט זיין טאָכ־טער, וועלכע באַזיצט אַ באַזונדערע פֿעיקייט, שטענדיק פֿריילעך צו זיין און פֿאַרלירט קיינמאָל נישט דעם מוטה אַפֿילו ווען עס שטייט איר פֿאָר די גרעסטע סכנה. אין דער הינזיכט איז זי גע־ראָטן אין איר פֿאַרשטאָרבענער מוטער. לאָיד האָט זיך דערמאָנט אָן אַ קליינער סצענע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אויסטראַ־ליען, ווען ער, לאָיד, און זיין פֿרוי זיינען געווען נאָך גאָר קליינע מענטשעלעך — אַ שרעקליך בייזער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין פֿרוי און איז גרייט געווען זי צו צוררייסן אויף שטיקלעך? וואָס אָבער האָט עטעלס מוטער אין אַזאַ רגע פֿון נעפֿאַר געטון? זי האָט אָנגעהויבן צו... פּאַטשן דעם הונט, שרייענדיק אויף אים: דו געמיינער הונט! אַוועק פֿון דאַנען, נידערטרעכטיק באַשעפֿעניש ווען נישט מאַך איך פֿון דיר דאָ אַ באַרג אַש!... און קאָמיש איז געווען צו זען, ווי דער בייזער ווילדער הונט האָט זיך ווי דערשראָקן פֿאַר אירע ווערטער און, באַקומענדיק עטליכע פֿייער־דיקע פּעטש פֿון איר, האָט ער טאַקי תיכף אויפֿגעהערט אָנפֿאַלן אויף איר און איז אַנטלאָפֿן צו זיך אין זיין נאָרע אַריין.

לאָיד האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם עפּיזאָד און אויף זיין קאַלטן געזיכט האָט זיך אויף אַ רגע באַוויזן אַ קליין שמייכעלע... אין דערזעלבער רגע האָט דער אויטאָ זיינער זיך אַ ריר געטון פון אָרט און אַזוי ווי דער אָבגעשטעלטער פאַרקער האָט זיך אויף די נעבן גאַסן ווידער אָנגעהויבן, האָט ער זיך פראַנק און פריי שוין געטראָגן צום אָרט, ווו זיי האָבן לכתחילה געדאַרפט צופאָרן. ערשט, איצט ווען די סכנה דערקענט צו ווערן פונ׳ם המון איז שוין אַריבער, האָט לאָיד איבערגעגעבן עטלען אין וואָס פאַר אַ געפאַר זיי האָבן אין די עטליכע מינוט געשוועבט, און אויף זיינע ליפן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון צופרידנהייט, וואָס זיי איז געלונגען די דאָזיקע סכנה אויסצומיידן.

— איך האָב נישט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר זיי — האָט עטעל איר פאָטער געענטפערט,— און כ׳פאַרשטיי איבערהויפּט נ שט ווי קאָן מען עס מורא האָבן פאַר מענטשן.

— גאַנץ גוט, מיין טאָכטער — האָט לאָיד, העכסט צופרידן, מכּכים געווען מיט זיין טאָכטערס ווערטער — דו ביזט אייגנטליך גאַנץ גערעכט און וויל איז דיר, וואָס דו האָסט נישט קיין מורא פאַר מענטשן, מחמת אַ מענטש, וואָס האָט בכלל פאַר עפּיס מורא, לעבט נאָר העלפט יאָרן — די צווייטע העלפט פון זיין לעב ווערט איינגאַנצן דורך מורא פאַרגיפטעט.

עטעל איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר און איז געווען איינגאַנצן זעלבסטשטענדיק, זי האָט אויף איר פאָטער גע־ האָט אַ געוואַלדיקן איינפלוס און מאַכט, דער אַלטער האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן און אין איר געזען דעם אידעאַל פון אַן׳אַמע־ ריקאַנער פרוי, אַ פרוי פון דער צוקונפט.

דער אַלמעכטיגער אַלטער האָט פון זיין בת־יחידה פיל נחת געהאַט און ס׳איז נישט געווען דער פאַל, אַז עטעל זאָל ביי׳ם פערעקשנ׳טן און אַביסל דעספּאָטישן זקן עפּיס נישט אויספירן און נישט פועל׳ן ביי אים, וואָס זי האָט נור פאַרלאַנגט.

ווען די דעמאָנסטראַנטן מיט׳ן וואַלד פון די רויטע פאָנען האָבן דערגרייכט די געביידע פון סינדיקאַט, האָבן זיי ד־

גראָבע טירן זיינע געפינען געשלאָסן און די ביידע שטאָקן מיט אייזערנע לאַדנס פאַרקלאַפּט. קיין איינציק געזיכט האָט זיך נישט באַוויזן אין די פיר הונדערט פראָנט-פענצטער פונ׳ם סינדיקאַט-בנין. אויף די גראַניט-טרעפּ, פאַר דער שווערער טיר איז געשטאַנען נור איין איינציקער שוץ-מאַן, אַ ריזיקער פעטער אירלענדער אין אַ גרויסער אוניפאָרם. ער האָט געהאַט אַ געזונט רויט פּנים׳ רונד ווי אַ פולע לבנה, און אַ רויטליך בערדל, ער האָט מיט זיינע בלויע לוסטיקע אויגן באַטראַכט די אָנקומענדע מחנה אַרבעטער און, באַגעגנדיק זיך מיט זיי פּנים, אל פּנים, האָט ער אויף אַ מיליטערישן אויפגעהויבן זיין האַנט אין דער ווייסער הענטשקע צום שטערן און באַגריסט די דעמאָנסטראַנטן וויטנדיק גוט, צו וועלכן צוועק די דעמאָנסטראַנטן זענען געקומען אַהער האָט דער שוץ-מאַן פונדעסטוועגן זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק וועגן דעם און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן באַגעגנט די אונערוואַרטעטע געסט.

ווי צופעליק זענען אין דערזעלבער צייט צוגעפאָרן דריי בלאַנקע דאַמף-שפּריצער (מיט אַן אויפשריפט: „אַ היים-פאָרענדע" און אַזוי ווי זיי זענען כלומר׳שט צוליב דער מחנה דעמאָנסטראַנטן פאַרהאַלטן געוואָרן און נישט געקאָנט פאָרן ווייטער. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נאָר דער סינדיקאַט-געביידע, אַרויסלאָזנדיק פון זייערע קוימנס אַ דיכטן ווייסן רויך מ׳דאַרף אויך באַמערקן, אַז דער גוטמוטיק לאַכענדער אירלענדער מיט די שניי-ווייסע הענטש. קעס אויף די ברייטע העיט, האָט ביי זיך אין טאַש, אויסער אַ רעוואָלווער, אויך געהאַט אַ פייפל און ווען ער וואָלט נור איין פייף געטון מיט׳ן דאָזיקן פייפל, וואָלטן די כלומר׳שט-אונשולדיקע און אָבוואַרטענדע דריי דאַמף שפּריצער געקאָנט אויסשיסן פון זיך אין אַ מינוט 9000 ליטער וואַסער אויפ׳ן המון דעמאָנסטראַנטן, אין דערזעלבער רגע וואָלט די פיר מעטער ברייטע ראָלקע, וואָס הענגט אויף די פענצטער פון ערשטן שטאָק, פלוצלינג זיך אויפגע-וויקלט און מיט גרויסע ריזיקע אותיות און ווערטער דעם עולם מיטגעטיילט, אַז זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק, ווייל אין די לאָקאַלן

פון סינדיקאַט־בנין געפינען זיך 200 פּאָליציסטן. דער געזונטער אירלענדער האָט אָבער קיין שום סבה נישט געהאַט זיך צו באַנוצן מיט זיין פּייפעל, ווייל די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך געהאַלטן נישט אַזוי ווי מ'האָט געמיינט. זיי האָבן קיין צושטערונגס־אַקציע דערווייל נישט אָנגעווענדעט געגן זייערע געגנער. זיי האָבן נור, אָבשטעלנדיק זיך פאַרן סינדיקאַט־בנין, אויסגעבראָכן מיט אַ שרעקליכן געשריי, אין וועלכן ס'האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן קללות און זידלערייען אויפן אַדרעס פון די דירעקטאָרן, באַנקירן, אינזשינערן און בכלל אַלע אָנפירער פון סינדיקאַט אין טונעל. הייזעריק ווערנדיק פון די דאָזיקע ווילדע געשרייען און קללות, האָבן די דעמאָנסטראַנטן זיך גענומען סימבאָליש אויסצודרוקן זייערע געפילן צו די פירענדע מענער פון טונעל. אַט האָט זיך צווישן המון ווידער באַוויזן אַ תליה און אויף איר האָט געהאָנגען — די פיגור פון מאַק אַלאַן... אונטער אַ פאַרטויבנדן ליאַרם און ווילדן געשריי האָט מען אים עטליכע מאָל אויף אַ שטריק אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט, אַראָפּגעלאָזט און אויפגעהויבן... דערביי האָט זיך דער שטריק איבערגעריסן און מאַק איז אַראָפּגעפאַלן מיט העויה און מינע פון אַ הילפלאָזן אויף די קעפּ פונ'ם המון... אַ נייער אויסרייס פון ווילדע געשרייען און געלעכטער...

מ'האָט די צעריסענע טיילן שטריק צוזאַמענגעבונדן און ווידער איבערגע'חזר'ט די עקזעקוציע איבער'ן ערשטן פירער פון טונעל דער אונגעהויער גרויסער המון האָט ווידער אויסגעבראָכן מיט ווילדע געשרייען, מיט אַ פייפעריי אין אַ הילכיקן געלעכטער... דערויף האָט אַנ'אָנפירער פון די אַרבעטער, שטייענדיק אויף צוויי פּלייצעס פון זייגע חברים, געהאַלטן אַ קליינע רעדע צום עולם, מ'האָט אָבער אינ'ם שרעקליכן געפילדער קיין איינציק וואָרט פון זיין רעדע נישט געהערט.

דער מאַן האָט אָבער גערעדט מיט זיין מאָגערן און אויסגעדאַרטן געזיכט מיט די הענט און מיט די פייערדיקע אויגן מיט שוים אויף די ליפּן, האָט ער מיט די צונויפגעבאַלטע פויסטן און פאַרקראַמפּטע פינגער געדראָט געגן בנין פון סינדיקאַט און

נישט קוקידיק, אויף דעם וואָס מ׳האָט לחלוטין גאָרנישט געהערט וואָס ער האָט גערעדט. האָט יעדער אים דאָך גוט פאַרשטאַנען, מ׳האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען זיינע זשעסטן, און וואָס ער מיינט דראָענדיק מיט די פויסטן צו דער סינדיקאַט-געביידע. . . ווען דער דאָזיקער מאַן האָט געענדיקט זיין קורצע רעדע, האָבן צווישן דעם פּופציק-טויזנדיקן המון אויסגעבראָכן אַזעלכע הויכע אויסגעשרייען פונסאָלידאַריטעט מיט׳ן רעדנערס ווערטער אַז מ׳האָט די דאָזיקע געשרייען געהערט כמעט אין אַלע עקן שטאָט.

די אויפרעגונג פון די דעמאָנסטראַנטן האָט נאָך דער דאָזיקער רעדע דערגרייכט איר העכסטן פּונקט און ס׳איז נור געווען צו באַוואונדערן, וואָס עס זענען נישט אויסגעבראָכן קיין עקסצעסן זענען נישט פאָרגעקומען ווייל די גאַנצע ריזיקע מחנה דעמאָנסטראַנטן איז געווען צופיל דיסציפּלינירט, אום איבערצוגיין פון כעס צו מעשים. די דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט צווישן דעמאָנסטראַנטן איז געווען צו באַוואונדערן אַזאַ דיסציפּלין וואָלט פאַרשאַפט כבוד דער בעסטער רעגולערער אַרמעע. די פּראָצעסיע האָט זיך ווייטער געצויגן צום קאָלומבּ-סקווער און פון דאָרט צוריק צו מעדיזאָן-סקווער. דאָ האָבן די דעמאָנסטראַנטן פאַרברענט די פיגורן פון מאַק אַלאַן, לאָיד און די איבריגע. אונטער אַ ווילדן פאַנאַטישן געשריי פון אַלע 50'000 דעמאָנסטראַנטן, און דערמיט האָט זיך געענדיקט די ריזן-דעמאָנסטראַציע, וועלכע ניו-יאָרק האָט ווען ס׳איז געזען.

ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז 10 אַ זייגער זאָל מען זיך צוזאַמענקומען פאַר דער טונעל-סטאַציע האָבאָקען. דאָ אָבער האָבן זיך די טונעל-מענער אָנגעשטויסן אויף אַן איבעראַשונג. די סטאַציע איז פאַרשאַנצט געווען פון אַלע זייטן מיט ברייטע קינסטליכע בערגלעך — אַ מין קליינע פעסטונג. פלאַק טן, וואָס זענען דאָ און דאָרט געווען אויסגעהאָנגען, האָבן מודיע געווען, אַז אונפאַר־הייראַטע אַרבעטער האָבן נישט וואָס מער צו זוכן אין מאַק-סיטי ד. ה. אַז זיי זענען אינגאַנצן ענטזאָגט פון דער אַרבעט און אַז די פאַרהייראַטע וועלן יאָ אפשר צוריקגענומען ווערן צו דער

ארבעט. צענדליקער אגענטן האבן אנגעהויבן קאנטראלירן די ארבעטער, ווער ס'איז פערהייראט און ווער נישט, און אין א האלבע שעה ארום האבן אנגעהויבן קורסירן די צונגן, וועלכע האבן פון דאנען אוועקגעפירט יענע קאטעגאריעס ארבעטער, וואס קאן נען מער צו דער ארבעט, לויט דער מיטטיילונג פון פלאקאט, נישט אנגענומען ווערן.

ח

בעת די טונעל-מענער האבן געמאכט אזא גרויסע און שטורמישע דעמאנסטראציע ארום דער סינדיקאט-געביידע, האט מאק אלאן אבגעהאלטן א בעראטונג מיט ס. וואלפ'ן און דעם צווייטן דירעקטאר פון סינדיקאט, ראסמוסען. ס'האט זיך ארויסגעוויזן אז די פינאנציעלע לאגע פון סינדיקאט איז נישט געווען קיין געפערליכע, זי איז אבער אויך נישט געווען ווייט קיין גוטע.

פאר דער קאטאסטראפע זענען געמאכט געווארן די נויטיקע הכנות און ס'איז צוגעגרייט געווען א באדן אויף די צווייטע מיליארדן-הלואה, וועלכע האט געזאלט געשלאסן ווערן אין יאנואר די צווייטע מיליארדן-הלואה איז שוין כמעט געווען געזיכערט און מ'האט זיך מיט איר שוין געקאנט רעכענען ווי מיט א געשעענעם פאקט.

די גרויסע קאטאסטראפע און אירע נאכווייענישן, ווי די ריזיקע דעמאנסטראציע א. אז. וו. האט אבער צונישט געמאכט אלע אויסזיכטן און האפנונגען, אז די צווייטע גרויסע הלואה זאל דורכגיין. די פאפירן פון טונעל-סינדיקאט זענען אין משך פון עטלעכע טעג געפאלן אויף 25 פראצענט, און יעדער, וואס האט געהאט

אַזעלכע פּאַפּירן, האָט זיך באַמת וואָס גיכער פון ז פּטור צו ווערן. ביי אַזאַ לאַגע איז שווער געווען דעם עולם איינצורעדן, ער זאָל צייכנען די נייע גרויסע הלוואה און ס'איז דערום קיין חידוש ישט, וואָס אין די פינאַנציעלע קרייזן איז מען געווען זיכער, אַז נאָך אין אַכט טאָג אַרום וועט געשען אַ גרויסע פינאַנציעלע קאַטאַסטראָפע. אַז דער טונעל סינדיקאַט וועט פּלאַצן... דאָ האָט זיך אָבער אויף דער סצענע באַוויזן דער געניאַלער פינאַנסיסט ס. וואָלף און דורך אַ רייע געשיקטע קאָמבינאַציעס און פאַרשידענע מיטלען האָט ער זיך מיט דער גאַנצער היץ פון זיין ענערגיע און טעמפּעראַמענט גענומען ראַטעווען די קריטישע לאַגע פון סינדיקאַט קודם-כל האָט וואָלף צוזאַמענגעשטעלט אַ מין צוויבער-בילאַנס און דעם דאָזיקן בילאַנס פאַרעפנטליכט אין אַלע צייטונגען. לויט'ן ביי־לאַנס איז, זעלבסטפאַרשטענדליך, אויסגעקומען, אַז די פינאַנציעלע לאַגע פון סינדיקאַט איז אַ פולשטענדיק באַפרידיקטע און ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום סבה זיך צו באַאונרויקן וועגן דער צוקונפט פון סינדיקאַט. ווייטער האָט וואָלף אונטערגעקויפט אַ גאַנצע מחנה בערזען-באַריכט-אָפּגעבער, זיי זאָלן שילדערן די לאַגע פון סינדיקאַט אַלס אַ גינסטיקע, און האָט באַשאָטן די צייטונגען פון דער אַלטער און נייער וועלט, מיט באַרויקענדע קאָמוניקאַטן, דער פועל יוצא פון די דאָזיקע אַלע מיטלען איז געווען, אַז די פּאַפּירן פון טונעל-סינדיקאַט האָבן אויפגעהערט צו פאַלן און ס'זענען זאָגאַר געווען טעג, אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן הייבן. און פון איצט אָן האָט וואָלף אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די שווערע אומשטענדן, באַמיענדיק זיך מיט אַלע מעגליכקייטן די פּאַפּירן פון סינדיקאַט צו הויבן אין דער הויך. אין זיין קאַבינעט, אויפן צענטן שטאָק פון'ם טונעל-בנין איז וואָלף גאַנצע טעג און נעכט געזעסן איבער הונדערטער פּראָיעקטן און צייטונגס-אויסצוגן, ברעכנדיק זיין געניאַלן קאָפּ, ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם טונעל-סינדיקאַט.

וואָלפ'ס געזונט-צושטאַנד איז לעצטנס שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ער איז געוואָרן פעטער ווי פריער און די אַסטמע האָט, ווי ס'ווייזט אויס, אויף שטענדיק אים שוין באַהערשט. די באַמיונג

פֿון די גרעסטע דאָקטוירים האָט נישט געקאָנט אָפּשוואַכן איר שעדליכע ווירקונג און וואָלף האָט שוין שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק, אַז ער וועט דעם אַסטמאַ שוין קיינמאָל נישט קאָנען פּטור ווערן. זיין געזיכט האָט זיך אויך פֿיל געענדערט און אין אַלגעמיין איז קענטיק געווען, אַז צוויי יאָר גייסטיקע אָנשטרענגונגען ביי דער אַרבעט אין טונעל-סינדיקאַט האָבן אַ שטאַרקן שטופּ געטון צו דער עלטער און גלייכצייטיק צום קבר וואָלף האָט אָנגעהויבן אַלט ווערן און קיין שום קאָסמעטיק, קיין שום מאַסאַזש האָבן נישט געקאָנט פֿאַרבאָרגן די שפּורן פֿון דער עלטער, וואָס האָט זיך מיט יעדן טאָג צו אים דערנענטערט.

נאָך דער באַראַטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן וואָלפֿי און אַלאַנ'ען' איז מאַק ווידער געבליבן אין צימער אַליין, זיין פּנים איז געווען שטאַרק אָפּגעמאָגערט. ווען מאַק פֿלעגט נור בלייבן ערגיץ איינער אַליין, פֿלעגט אים באַלד באַפֿאַלן אַ מרה-שחורה און אַ מין אומרויקייט, אַז ער האָט נישט געקאָנט איין שטיין אויפֿ'ן אָרט און געמוזט אַרומגיין הין און צוריק איבערן צימער. ס'האָט אים ווי געטראָגן אין דער לופֿט און אין קאָפּ האָבן האַסטיק געאַרבעט טויזנטער געדאַנקען, פֿון צייט צו צייטן פֿלעגט ער, אַרומשפּרייזנדיק איבער'ן צימער, בלייבן שטיין און שטאַרק וועגן עפּיס מינוטן-לאַנג זיך פֿאַרטראַכטן, אַרומשפּרייזנדיק אַזוי אין טיפֿע געדאַנקען איבער'ן צימער אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד. האָט אַלאַן טעלעפֿאָנירט אין שפּיטאָל פֿון מאַק-סיטי און זיך נאָכגעפֿרעגט, וואָס האַבי מאַכט, האַבי איז געלעגן אין אַ שטאַרקן פֿיבער און מ'האָט צו אים קיינעם נישט צוגעלאָזט. ענדליך האָט זיך מאַק אַ ביסל באַרויקט און שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגעפֿרישט דורך אַ האַלב-שעה'דיקן שפּאַציר, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט איצט געאַרבעט איבער פֿאַרשידענע גרויסע פּראָעקטן און איז געווען פֿאַרנומען מיט'ן פֿאַרווירקליכן אַ נייעם פּלאַן, וועגן אויפֿבויען אונטער'ן דעק פֿון ים אַ מין שמאָלן קאָרידאָר. שפּעט ביינאַכט איז מאַק איינגעשלאָפֿן — אויך מיט'ן געדאַנק וועגן דעם דאָזיקן

גייעם פּראָיעקט.

אויף מאָרגן האָט ער (דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צייט) געגעסן מיטאָג ביי לאַידן עטעל האָט מיט אים ביים טיש געפֿירט אַ לעבהאַפֿטע געשפּרעך, זי האָט אַרויסגעוויזן אַן אויפֿריכטיקן שמערץ איבער מאַודס און עדיטס טויט און מאַקן אויסגעדריקט איר׳ע געפֿילן פֿון טיפֿן מיטלייד. פֿון לאַידן איז מאַק אַוועגעפֿאָרן אין טונעל אַריין און דאָרט פֿאַרבראַכט עטליכע וואָכן, איצט איז מאַקן פֿאַרגעשטאַנען אַ נאָך מער שווערע אַרבעט און אויפֿגאַבע ווי אין מיטן ברען פֿון דער טונעל אַרבעט — צו ברענגן אין אָרדנונג דאָס אָרט, ווו די קאַטאַסטראָפֿע איז פֿאָרגעקומען, און הויפּטזעכליך צו באַזייטיקן יעדע מעגליכקייט, אַז אַזאַ קאַטאַסטראָפֿע זאָל זיך איבער׳חזר׳ן, מאַק האָט אויסגערעכנט, אַז איצט, כּדי די אַרבעט זאָל צו דער צייט פֿאַרענדיקט ווערן, מוז ער האָבן אַ גאַנצע מחנה פֿון 8000 אינזשינערן און פֿרייוויליקע טעכניקער, אין עטליכע טעג אַרום איז די צאָל פֿון מאַק׳ס מיטאַרבעטער שוין באַשטאַנען פֿון אַזוי פֿיל אינזשינערן און טעכניקער און זיי אַלע האָבן מיט העלדישער אָנשרענגונג פֿון אַלע זייערע כּחות זיך גענומען פֿאַרווירקליכן מאַק׳ס גרויסן פּראָיעקט. די אַרבעט אין טונעל האָט ווידער אָנגעהויבן קאָכן און האָט זיך יעדן טאָג גערוקט פֿאָרויס, נאָר אין אַלגעמיין איז די איצטיקע אַרבעט שוין נישט געווען אַזאַ היציקע און קאָכעדיקע ווי פֿריער די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע און אירע פֿאָלגן האָבן אָפּגעשוואַכט דעם אונטערנעמונגס־גייסט ביי פֿיל גרויסע טונעל־מענער און דער טונעל דאָט שוין פֿאַרלוירן זיין צויבער קראַפֿט. די גרויסע האָפֿנונג, וואָס טויזנטער מענטשן האָבן אויף אים אַרויפֿגעלייגט, זענען צוריגען ווי רויך. דעם אָפּגעשוואַכטן אינטערעס צום טונעל איז קלאָר געווען צו באַמערקן אין טונעל־שטאָט! וואַנאַמייקער האָט שוין זיין וואַרנהויז דאָרט איינגאַנצן פֿאַרמאַכט. מ׳האָט אויך צוגעמאַכט דעם טונעל האָטעל אין די אַרבעטער־קאָלאָניעס האָבן געוווינט נור ווייבער און קינדער די אַלמנות און יתומים פֿון די טונעל־מענער, וואָס זענען אומגעקומען בעת דער קאַטאַסטראָפֿע.

III

די געריכטליכע אויספֿאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן וועג דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע אין טונעל, איז אין עטליכע וואָכן אַרום אָפּגעשטעלט געוואָרן אינגאַנצן, ווייל די פּראָקוראַטור האָט איינגעזען אַז סאיז נישטאָ וועמען צו צוציען צו געריכטליכער פֿאַראַנטוואָרט. לײַכקייט און אַז אין דעם פֿאַל האָט מען צו טון מיט אַנגעלעגנ הייטן, וואָס איז פֿון קיין מענטשן ניט אָפּהענגיק און אַז שולדיק אין די נאַטור אַליין, ד. ה. איינע פֿון אירע סטיכיִשע כּחות.

דעם נאָנטסטן ווינטער האָט אַלאַן פֿאַרבראַכט אויף ווער־מודן און אַ זאָרן און עטליכע וואָכן אין ביסקאַיאַ. ענדע ווינטער האָט ער זיך באַזעצט אויף דער קראַפֿט־סטאַציע איל־קעזאַן און דערנאָך איז ער אויף עטליכע וואָכן ווי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו ער געפֿינט זיך דעם גאַנצן פֿרילינג האָט אַלאַן פֿאַרבראַכט אין פּאַריז, ווו ער האָט אונטערן נאָמען ע. קאַנאַר (סוחר פֿון דענווער) געוווינט אין אַן׳אַלטן האָטעל אויף דער רי־רישעליע. קיינער האָט אים אין פּאַריז נישט דערקענט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יעדער האָט געזען זיין פּאָרטרעט אפשר הונדערט מאָל. אַלאַן האָט מיט אַ כּיוון זיך באַזעצט אין׳ם דאָזיקן האָטעל, כּדי אויסצומיידן יענעם קלאַס מענטשן, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק פֿיינט געהאַט: די רייכע לײַדיקגייער און פֿלאַ־לער, מיט וועלכע די גרויסאַרטיקע האָטעלן זענען אין פּאַריז אַזוי איבערפֿולט. אַלאַן האָט אין האָטעל געלעבט גאַנץ אַליין, טאָג־טעגלין פֿלעגט ער נאָכמיטאָג טרינקען קאַווע אין באַרימטן בולוואַר־קאַפֿע, ווו ער פֿלעגט זיך אויף דער ווערענדע אַנידערזעצן ביי אַ מאַרמאָר טישל און גלייכגילטיק קוקן אויף די שטראָמען מענטשן וואָס פֿלעגן כּסדר זיך טראָגן אַרויף און אַראָפּ. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער אַ וואָרף טון זיין בליק צו אַ באַלקאָן אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון האָטעל, וואָס איז געשטאַנען געגנאיבער דעם קאַפֿע: אין דעם דאָזיקן האָטעל האָט ער מיט אַ יאָר צוריק געלעבט מיט מאָוד׳ן.

שוין זייט עטליכע טעג, ווי אויף דעם דאָזיקן באַלקאָן באַוויזט זיך עפּיס אַ העל-געקליידעטע פרוי. קוקן אויף דעם באַלקאָן איז אַ געוויסע צייט פאַר אַלאַנ'ען געוואָרן אַ שטאַרק באַדערפניש און ער פלעגט צוליב דעם עטליכע מאָל אַ טאָג גיין אין בולוואַר-קאַפע. טעגליך פלעגט אַלאַן אויך גיין שפּאַצירן אין זשאַרדען-דע-לוקסעמבורג, אין יענעם-טייל גאָרטן, ווו די קינדער שפּילן און שטיפן אין די טויזנטער. דאָרט איז געשטאַנען אַ באַנק, אויף וועלכער ער איז אַמאָל מיט מאַוד'ן און עדיט'ן געזעסן, אויף דער דאָזיקער באַנק פלעגט אַלאַן יעדן טאָג אָפּזיצן אַ שעה צייט און זיך צוקוקן און צוהערן. ווי די זאָרגלאָזע קינדער שפּילן זיך און טומלען. איצט, ווען ס'איז שוין אַריבער אַ האַלב יאָר ווי ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און טאָכטער האָט דער שווערער פאַרלוסט ערשט אָנגעהויבן שטאַרק זיין האַרץ צו נאָגן. ערשט איצט האָט אַלאַן פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק מאַוד און עדיט פעלן אים און ווי גרויס זיין אומגליק איז... אַלאַנ'ס ווייטאָק צוליב דעם פאַרלוסט פון זיין פרוי און קינד איז מיט דער צייט אַלץ שטאַרקער געוואָרן און צייטנווייז זיין לעבן ממש פאַרסמ'ט... אין פאַרלויף פון די לעצטע פרילינגס-טעג און דעם גאַנצן זומער האָט אַלאַן געמאַכט דיזעלבע רייזע, וועלכע האָט פאַראַיאָרן מיט מאַוד'ן און עדיטן געמאַכט, ער איז געווען און לאָנדאָן, ליווערפול, בערלין, ווין, פראַנקפורט — אומעטום באַגלייט פון טרויעריקע און שמערצליך-זיסע ערינערונגען. אין אַלע שטעט, וואָס אַלאַן האָט איצט באַזוכט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דיזעלבע האָטעלן און זאָגאַר אין דיזעלבע נומערן, אין וועלכע ער האָט פאַראַיאָרן מיט זיין פרוי און קינד זיך אָפּגעשטעלט.

די דאָזיקע שמערצליך-זיסע זכרונות וועגן זיין פרוי און קינד האָבן די לעצטע צייט ביי אַלאַנ'ען אינגאַנצן אַוועקגערויבט דעם שלאָף און ט'פלעגן אַוועק נעכט וואָס ער פלעגט אַפילו קיין אויג נישט צומאַכן ביז אין דערפרי, און דורכזיצן גאַנצע נעכט אויף אַ שטול, פאַרטיפט אין פאַרשידענע מחשבות, מאַוד איז אים אויך קיין איין רגע פון קאָפּ נישט אַרויס, ער האָט זיך דערמאָנט-

ווי ווינענדיק אין דעמזעלבן האָטעל פֿאַראַיאָרן, פֿלעגט ער זיצן איבער דער אַרבעט שפּעט אין דער נאַכט און ווי מאָוד פֿלעגט, אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון שלאָף, אים בעטן, ער זאָל שוין אויפֿהערן צו אַרבעטן און גיין שלאָפֿן און — מערקווירדיק! — איר שטים און דער טאָן פֿון איר שטים האָבן אים זיך איצט געהערט מיט אַזאַ וווּנדערבאַרער רעאַליטעט, פּונקט, ווי מאָוד וואָלט נאָך איצט מיט דיזעלבע ווערטער זיך צו אים געווענד. דײַטליך האָט ער איצט געהערט, ווי זי פֿלעגט אים מיט אַ בעטענדער שטים זאָגן:

— „געגוג שוין', מאַק, צו שוויצן איבער דער אַרבעט — דו ווערסט דאָך דיר קאַליע מאַכן די אויגן. . די גאַנצע וועלט שלאָפֿט איצט און כ'ווייס נישט, אויב מ'ווערט אין גאַנץ פּאַריז געפֿונען אַן אַמענטש, וועלכער זאָל אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַרבעטן. בישטקשה, די געשעפֿטן דײַנע וועלן פֿון דיר נישט אַוועקפֿליען און ס'איז איבריק אַזוי שטאַרק זיך אָנצושטרענגען".

פֿול מיט פּײַן און שמערץ, פֿלעגט זיך מאַק אין אַזעלכע שעה'ן פֿון איינזאַמקייט דערמאָנען ווי מאָוד פֿלעגט אים מאַכן פֿאָרווורפֿן, וואָס ער דערווייטערט זיך פֿון איר, וואָס דער טונעל האָט אײַנגאַנצן אָפּגעקילט זײַנע געפֿילן פֿון אַ מאַן און פֿאָטער א. אַז. וו. און ס'איז שווער איבערצוגעבן אויף פּאַפּיר, ווי מאָוד איז אים איצט טײַער און ליב געוואָרן. אים איז אײַנגעפֿאַלן, אײַנצוקויפֿן זאַכן דאָ אין האָטעל, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיט זכרונות וועגן מאָודן. ער האָט אָוועקגעקויפֿט אין האָטעל אַ לײַכטער, אַ זייגער, אַ שרײַבגעצײַג און נאָך אַנדערע חפֿצים, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין צימער, ווו ער האָט מיט מאָוד'ן געוווינט. האַלטנדיק אַלאַנגעפֿאַר אַ'אַמעריקאַנער מיליאַרדער האָט דער האָטעל-באַזיצער זיך געהייסן באַצאָלן אומגעהויער גרויסע פּרײַזן פֿאַר די דאָזיקע חפֿצים. נאָר מאַק האָט זיך אויף קיין רגע אפֿילו פֿאַר דעם נישט אָבגעשטעלט און באַצאָלט פֿאַר די דאָזיקע, פֿאַר אים אַזוי ווערטפֿולע זאַכן צענפֿאַכיקע פּרײַזן.

אין אויגוסט האָט זיך מאַק צוריקגעקערט פֿון זײַן רונד-רײַזע קיין פּאַריז און ווידער זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „רישעליע".

דאָ האָט ער פאַרבראַכט עטליכע וואָכן, טראָגנדיק שטענדיק אַ לאַסט פון ביטערע געדאַנקען און זכרונות וועגן מאַודן און עדיטן. זיין פאַרשטאָרבענע פרוי און טעכטערל האָבן אים איצט ווי אַ שאָטן פאַרפאָלגט און יעדער געדאַנק זיינער איז באַגלייט געוואָרן דורך דער פיינליכער ערינערונג פון זיין ביטערן פאַרלוסט.

אַמאָל אין אָוונט איז מאַק אַ פאַרטראַכטער און אַ טרויעריקער דורכגעגאַנגען דורך אַ שמאָל קרום געסל פלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי עמיצער האָט זיין נאָמען אויסגערעד. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, נאָר צווישן המון דורכגייער האָט ער קיין שום באַקאַנטן נישט באַמערקט. נאָר באַלד האָט ער דערזען זיין נאָמען, זיין אמת׳ען נאָמען אין ריזיקע אותיות אויף אַ ריזיקן פלאַקאַט, דאָס איז געווען אַ פלאַקאַט פון דער עדיסאָן-ביאָ, אויפן פלאַקאַט איז געווען געשריבן דאָס פראָגראַם פון היינטיקן אָוונט אין ביאָ: „מאַק אַלאַן, דער בויער פון טונעל און מיסטער האָבי שעף-אינזשינער פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבעטער אין מאַק-סיטי”, אַלאַן האָט נישט פאַרשטאַנען קיין פראַנצויזיש, אָבער דער זאַץ פון דעם אַפיש האָט ער גוט פאַרשטאַנען.

געטראָגן פון אַ מערקווירדיקער נייגיריקייט, איז מאַק אַלאַן צוגעגאַנגען צום ביאָ, ער איז אַריינגעגאַנגען אין טונקעלן זאַל גראָד דעמאָלט, ווען מ׳האָט דאָרט פאָרגעשטעלט אַ שטיק, וואָס האָט אים געלאַנגווייליקט. אין דער דאָזיקער פיעסע איז אָבער אַרויסגעטרעטן אַ קליין מיידעלע, וואָס איז געווען שטאַרק ענליך פון דערווייטן צו עדיט׳ן איר ארט האַלטן-זיך און רעדן האָט נאָך פאַרשטאַרקט די דאָזיקע ענליכקייט, פלוצלינג האָט ער דערהערט אויסרופן זיין נאָמען: ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טייל פראָגראַם, ווו ער פיגורירט צווישן די אַרבעטער. אויפ׳ן עקראַן איז ווירקליך פאָרגעשטעלט געווען אַ סצענע, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אָפּגעשפּילט אין מאַק-סיטי. ווי ער, מאַק, האָט די ערשטע ראָלע געשפּילט. אין פינף מינוט אַרום האָט מאַק דערהערט נאָך אַנאַויסגעשריי:

— דער גענישאַלער קאָנסטרוקטאָר מאַק אַלאַן גיט אַרויס באַפעלן זיינע מיטאַרבעטער", אין תּיכף נאָכדעם האָט מען דערזען אַ בילד פון אַזאַ אינהאַלט.

און אַלאַנ'ען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן, וואָס שרייט אויס דאָס פּראָגראַם פון די נומערן, קוקט אויף אים און האָט אים דערקענט...

און דאָ איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן אין קאָפּ, תּיכף צו פאַרלאָזן פּאַריז. אַלאַן איז אויף אַן'אויטאָ צוגעפאָרן צום האָטעל, דאָ האָט ער געפרעגט ביים עלסטן שווייצער, ווען דער ערשטער צוג גייט אָפּ, און ווען עס גייט אָפּ דער נאָנסטער דאַמפער קיין ליווערפּול. פונ'ם שווייצער'ס ווערטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָוונט שנעל-צוג איז שוין אָפּגעגאַנגען.

— אויב אַזוי — האָט אַלאַן געזאָגט צום באַאַמטן — באַזאָרגט תּיכף ומיד אַן'עקסטראַ-צוג.

דער האָטעל-באַאַמטער האָט מיט פאַר'חידוש'טע אויגן באַטראַכט אַלאַנ'ען פון קאָפּ ביז די פיס: וואָס הייסט עפּיס אַן'עקסטראַ-צוג? וואָס האָט אַזוינס מיט דעם דאָזיקן אַמעריקאַנער געקאָנט פאָרקומען, אַז ער מוז אַזוי דרינגענד פאַרלאָזן פּאַריז און נעמען צוליב דעם אַן'עקסטראַ-צוג?

— גוט — האָט דער האָטעל-באַאַמטער געענטפערט, — כ'וועל באַשטעלן אַן'עקסטראַ-צוג, כ'מוז אָבער ביי אייך אַ באַשטימטע גאַראַנטיע בעטן...

— וואָס עפּיס אַ גאַראַנטיע? — האָט אַלאַן געפרעגט — זאָגט אַז מאַק אַלאַן פון ניו-יאָרק באַשטעלט אַן'עקסטראַ-צוג — אין גענוג

דאָ ערשט האָט דער קאָנטראָל באַאַמטער דערקענט אַלאַנ'ען און איז ווי דערשטוינט געבליבן פון דער דאָזיקער ענדערונג. ער האָט זיך נישט געקאָנש מוחל זיין, זעענדיק הונדערטער מאָל זיין פּאָרטרעט, האָט ער אים אַזוי לאַנג נישט דערקענט.

אין אַ שעה אַרום האָט אַלאַן זיך שוין געטראָגן אייף אַ עקסטראַ-צוג, וועלכער איז געפלויגן שנעל ווי דער ווינט, אויף צפון אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט מאַק' גוט זיך אויסשלאָפנדיק, גע-

פילט פריש און מונטער און פול מיט ענטשלאָסנקייט. פון צוג האָט ער טעלעפאָניש גערעד מיט דער שיף־געזעלשאַפט און מיטן קאַפּיטאַן פון דאַמפּער, אויף וועלכן אים איז פאַרגעשטאַנען צו פאָרן קיין ענגלאַנד.

אויף דעם שיף האָבן זיך אין אַ שעה אַרום אַלע פּאַסאַזשירן דערוווּסט ווער עס איז דער אַמעריקאַנער, וואָס איז אָנגעקומען פון פּאַריז און ס׳איז קיין חידוש נישט, וואָס ער איז דאָ געוואָרן אַ געגענשטאַנד פון אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט. אַלע קליין און גרויס האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ ביין וווּנדער. פונ׳ם שיף האָט אַלאַן פיבערהאַפט אָנגעהויבן צו דעפּעשירן אין אַלע בוי־פּונקטן פון טונעל. אַרויסגעבנדיק די שעף אינזשינערן פאַרשידענע פאַראָרדנונגען.

דורך די פינצטערע קאָרידאָרן פון טונעל אונטערן ים האָט זיך דורכגעטראָגן אַ באַלעבענדער שטראָם און אַ פרייליכע ידיעה: אַלאַן האָט זיך ווידער גענימען צו זיין גרויסער זאַך און די ליטונג פון דער גאַנצער אונטערנעמונג ווידער איבערגענומען אין זיינע הענט.

די דאָזיקע ידיעה איז געווען גענוג, אום אַריינצווועצן אַ נייע נשמה אין יעדן פון די צענדליגער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות, אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע צום טונעל. די מיינונג אַז די קאַטאַסטראָפע וועט ברענגען צו דער פאָלשטענדיקער ליקווידאַציע פון טונעל און אַז זיינע שעפער וועלן אויפן טונעל שוין אַ מאַך טון מיט דער האַנט ווי אויף אַ געפערליכע אוטאָפּיע — די דאָזיקע מיינונג, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהערשט צווישן די טונעל־מענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשע און ס׳איז שווער צו באַשרייבן די שמחה און צופרידנהייט, וואָס האָט באַהערשט טויזנטער הערצער פון די טונעל מענער פונ׳ם מאָמענט, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אַלאַן נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט און אַז עס זענען פאַרהאַן פיל פעסטע האָפנונגען און אויסזיכטן, אַז ריזיקע אונטערנעמונג זאָל מיט דער צייט געקרוינט ווערן מיטן געווינשטן ערפאָלג, ד. ה. אַז דער טונעל זאָל מיט דער צייט פאַרענדיקט ווערן אויפן בעסטן אופן.

IV

אַלאַנ'ס ערשטער באַזוך, ווען ער איז צוגעקומען קיין אַמעריקאַ, איז געווען ביי האַבי'ן. האַבי'ס דאָרפס-הויז איז געלעגן אַ ביסל אָן דער זייט פון מאַק-סיטי. האַבי'ס הויז איז באַשטאַנען פון עטליכע ליכטיקע הויכע און ברייטע צימערן, פון באַלקאָנען און וועראַנדעס, אַלע אויף דער זון-זייט, און פון דער הינטערשטער זייט האָט זיך דאָס הויז אָנגעשפּאַרט אויף אַן אייכן-וועלדל. ווען אַלאַן האָט אָנגעקלונגען, האָט קיינער נישט געענטפערט, דאָס גלעקל, ווייזט אויס האָט נישט פונקציאָנירט. דאָס הויז האָט געמאַכט אַן'איינדרוק, ווי עס וואָלט שוין זייט אַ לאַנגע צייט געווען פאַרלאָזן און קיינער האָט דאָרט נישט געוווינט. די פענצטער זענען אַבער געשטאַנען אָפן. די טיר פון גאָרטן איז אויך געווען צוגעשלאָסן, אַזוי אַז אַלאַן האָט באַשלאָסן! אַריינקריכן איבערן פּאַרקאַן און ווען ער איז שוין געווען אין מיטן גאָרטן, איז אויף אים אַרויף אַ בייזער הונט און בילענדיק אויף מאַקן מיט אַ שרעקליכן כעס, איז ער גרייט געווען אים, דאַכט זיך, צוצורייסן אויף שטיקלעך. אַלאַן האָט אָנגעהויבן דעם הונט צו גלעטן, די בייזע און קלוגע חיה איז געוואָרן ווייכער און דערשפּירנדיק אין מאַקן, ווי ס'ווייזט אויס, אַ גוטן מענטש, האָט זי אויפגעהערט אויף אים בילן און מאַכנדיק מיטן עק, אים דורכגעלאָזט צום הויז. דער גאָרטן איז געווען פול מיט פאַרוועלקטע אייכן-בלעטער און פאַרלאָזט.

ווען אַלאַן איז אַריינגעגאַנגען אין די צימערן, האָט ער דאָרט קיין לעבעדיקן נפש נישט געטראָפן. האַבי איז ווי ס'ווייזט אויס, אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען מאַכן אַ שפּאַציר. נאָר פּלוצלינג האָט פאַר אַלאַנ'ען ווי, אויסגעוואַקסן פון דער ערד, באַוויזן האַבי, אַלאַנ'ס איבעראַשונג און שמחה זענען געווען נישט צו באַשרייבן. האַבי איז די צייט, וואָס אַלאַן האָט געקלונגען און אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקאַן, געזעסן אויף די טרעפּ פון אַ וועראַנדע, וואָס גייט אַרויס אין וועלדל אַריין די באַקן אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און טיף פאַרטראַכט. דאָס שטאַרקע בילן פון הונט האָט האַבין אויפגע-

וועקט פֿון זיינע געדאַנקען און ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב זען, ווער ס'איז אַהער געקומען. האַבי איז, ווי זיין שטייגער איז, געווען אָנגעטון — אַפֿילו דאָ אין זיין דאָרפֿס'הויז — אין עלעגאַנטע קליידער. אין די טייערסטע דינגע וועש און אַ ווייכן הערבסט-הוט א. אַז. וו. נאָר פֿונ'ם ערשטן בליק, וואָס אַלאַן האָט אויף אים אַ וואָרף געטון, איז קלאָר געווען, אַז האַביס געזונט צושטאַנד איז שוין ווייט נישט דער זעלבער, ווי פֿריער און אַז פֿאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, האָט דער דאָזיקער אייביק-לוסטיקער און זאָרגלאָזער מאַן זיך שטאַרק געענדערט.

זיי האָבן זיך צוקושט ווי אמת'ע גוטע פֿריינד און אויף מאַקס פֿראַגע, וואָס ער מאַכט, האָט האַבי געענטפֿערט, אַז ס'ווערט אים פֿון טאָג צו טאָג בעסער, און אַז זיין קאָפּ איז שוין ווידער אימשטאַנד צו אַרבעטן.

— ווינסט דען דאָ איינער אַליין? — האָט אים אַלאַן געפֿרעגט.

— יאָ, כ'האָט די דינער מיט אַלע משרתים אַרויסגעטריבן פֿון דאַנען, זיי האָבן דאָ צופֿיל געפּילדערט און געטומעלט און מיר ווייניק נוצן געבראַכט.

— וואָס זשע מאַכסטו מאַק! קום מיט מיר ווייטער אין די צימערן אַריין. וואָס מאַכסטו און ווי גייט עס דיר?

— נישקשה, זאָג מיר נאָר, וואָס זאָגן איצט די דאָקטוירים אויף דיר? — האָט אים אַלאַן געפֿרעגט באַזאָרגט פֿון זיין שלעכטן אויסזען.

— די דאָקטוירים זענען צופֿרידן, מ'מוז, זאָגן זיי, האָבן געדולד.

— פֿאַרוואָס זענען ביי דיר אַלע פֿענצטער אָפֿן? ס'איז דאָך אַ שרעקליכער צוג און מ'קען זיך דאָך פֿאַרקילן האַבי.

— איך האָב זער ליב אַ לופֿט-צוג, מאַק —! האָט האַבי געענטפֿערט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

— כ'אַרבעט שוין ווידער מאַק, האָט האַבי זיין חבר מיט דער גרעסטער שמחה מיטגעטיילט — כ'קען דיר נישט איבערגעבן ווי ס'פֿרייט מיך, וואָס איך קאָן שוין ווידער אַרבעטן. די אַרבעט

האָט מיר געפֿעלט, ווי לופֿט... אָן איר האָט דאָס לעבן פֿאַר מיר קיין שום זין נישט און אַריינגייענדיק אין זיין קאַבינעט האָט האַבי געוויזן מאַקן זיינע צייכענונגען אויף לאַנגע ווייסע בויגנס פּאַפּיר, און הגם האַביס איצטיקע אַרבעט האָט אין אַלאַנס אויגן נישט נושא חן געווען, ווייל זי איז ווירקליך געווען זער אַ שוואַכע, האָט מאַק נישט וועלנדיק מצער זיין זיין דבר, זיין אַרבעט געלויבט.

אַלאַן האָט זער זעלטן באַוווכטזניק אַ ליגן געזאָגט, נאָר דאָס מאָל, כדי זיין גוטן פֿריינד פֿאַרשאַפֿן אַ נחת רוח האָט אַלאַן געגן זיין פּרינציפּ געזאָגט אַ ליגן, זאָגנדיק אַז האַביס צייכענונגען געפֿעלן אים.

אויסהערנדיק מאַקס אָפּשאַצונג פֿון זיין לעצטער אַרבעט, האָט זיך האַבי אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפֿן ברייטן שטול און עטליכע מינוט נאָכאַנאַנד אָנגעהויבן צו געניצן.

— מאוד איז אויך מיטגעפֿאָרן קיין אייראָפּאַ? האָט האַבי פּלוצלינג מאַקן געפֿרעגט.

מאַק איז שטאַרק איבעראַשט געווען פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע. ער האָט זיך זאָגאַר אַ ביסל דערשראָקן פֿאַר האַבין און איז בלייך געוואָרן אויף אַ רגע.

מאוד? — האָט ער אין דער שטיל איבערגעפֿרעגט און דער דאָזיקער נאָמען האָט אין זיינע אויערן געקלונגען, פּונקט ווי ס'וואָלט געווען אַ חלול הקודש, איצט דעם דאָזיקן נאָמען אַרויס־צורעדן.

האַבי האָט געבליצט מיט די אויגן און האָט זיך וועגן עפּיס טיף פֿאַרטראַכט, דאַן איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין אָרט, און מאַק'ן געפֿרעגט, צי ער וויל אפֿשר טרינקען וויסקי. מאַק האָט אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ, זאָגנדיק:

— איך דאַנק דיר זער, האַבי, נאָר דו ווייסט דאָך, אַז איך טרינק נישט קיין וויסקי.

האַבי האָט זיך ווידער אַמאָל אַנידערגעזעצט געגן מאַק'ן נאָר עטליכע מינוטן נאָכאַנאַנד האָבן זיי קיין איינציק וואָרט איינער צום אַנדערן נישט אויסגערעדט, פּונקט ווי זיי וואָלטן אָנגענומען פֿולע

מיילער מיט וואַסער. דער ווינט האָט שטאַרק געשאָקלט די בלעטער און צווייגן פון די ביימער. אין צימער איז געווען קאַלט. האַבי האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן.

— אוי דער קאָפּ, דער קאָפּ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון פאַר זיין קאָפּ מיט ביידע הענט: — די קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ קאָפּ־שמערצן כ׳האָב געהאַט און ווי דאָס האָט מיך געפייניקט איצט פיל איך זיך שוין פיל בעסער און בין שוין, דאַכט זיך, פעיק, ווידער זיך צו נעמען צו דער אַרבעט. כ׳דערמאָן זיך איצט קלאָר אַלץ, וואָס איך האָב פאַר דער דאָזיקער צייט איבערגעלעבט, און דאָס איז די בעסטע ראיה, אַז איך ווער שוין אינגאַנצן געזונט.

— אַך, מאַוד, אָרימע מאַוד, וואָס פאַר אַנ׳אומגליק מיט איר איז געשען! ווער האָט עס געקענט ערוואַרטן! — האָט האַבי מיט אַ טאָן פון גרעסטן צער ארויסגערעד, דערמאָנענדיק זיך אָן מאַוד׳ס אומגליק.

— האָסטו געהערט — איז האַבי פלוצלינג אויף אַנ׳אַנדער טעמאַ אַריבערגעגאַנגען -- אַז דאָקטאָר הערץ איז מיט זיין גאַנצן לאַבאָראַטאָריום אין דער לופט געפלויגן? ביי דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע זענען אומגעקומען 13 מענטשן.

דאָקטאָר הערץ איז געווען אַ כעמיקער, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט און צוגעשטעלט אויפרייס־שטאָפן פאַר׳ן טונעל. אַלאַן האָט וועגן דער אומגליק שוין אויפ׳ן שיף, פאָרנדיק אַהיים, זיך דערוווסט.

— אַ רחמנות אויף הערץ׳ן! — האָט האַבי צוגעגעבן -- די נייע זאַך, וואָס ער האָט ערפונדן, האָט געזאָגט זיין גאָר אַנ׳אַנטיק — און אָט האָסטו דיר: ערפונדן אַ טייערע זאַך און נישט דערלעבט, זי זאָל אויסגענוצט ווער אַ מין אַכזריות פונ׳ם שיקזאַל!

— וואָס פאַר אַ זיס ווייבל מאַוד איז געווען! האָט האַבי ווידער וועגן מאַוד׳ן אָנגעהויבן צו רעדן — זעלטן געווען די צווייטע צו איר צו געפינען. נאַאיוו, ווי אַ קליין קינד און דאָך פלעגט זי שטענדיק זיך באַגיין מיט מענטשן, פונקט ווי זי וואָלט קליגער און

פראקטישער געוועזן פון זיי אלע. זי איז די לעצטע צוויי דריי יאר מיט דיר נישט געוועזן צופרידן און צו דיר געהאט גערעכטע טענות.

— כ׳ווייס עס, האבי — האט אלאן געענטפערט.

— יא, זי פלעגט זיך צייטנווייז קלאגן דו פלעגסט זי איבערלאזן זיצן איינע אליין און אינגאנצן אן איר פארגעסן, נאר איך פלעג איר ערקלערן, אז ס׳קאן אנדערש נישט זיין אז דיינע געשעפטן און דיין אונגעהויערע ארבעט זענען גורם אזא ארט באציונג צו איר פון דיין זייט. כ׳פלעג זי טרייסטן און דערווייזן אז דו ביזט יעדנפאלס צו איר נישט אפגעקילט געווארן און האסט זי ליב אזוי ווי פריער, אמאל האבן מיר ביידע זאגאר זיך צוקושט ב׳געדענק עס גאנץ גוט, פונקט ווי דאס וואלט היינטיקן טאג פארגעקומען. צו ערשט האבן מיר געשפילט טעניס און דערנאך האט מיך מאוד אנגעהויבן אויספרעגן פארשידענע זאכן, גאט מיינער, ווי דייטליך איך הער נאך איצט איר שטים! זי האט צו מיר געזאגט: פראנק...

אלאן איז געווארן בלאס ווי די וואנט ביי די דאזיקע האלב-משוגע׳נע ווערטער פון זיין קראנקן חבר. אין א רגע ארום האט זיך אלאן אויפגעהויבן פון זיין ארט און זיך געלאזט גיין אין שטאט אריין, האבי האט אים באגלייט ביז דער גארטן-טיר.

— ווילסטו אפשר מיט מיר מיטגיין? — האט אלאן האבי׳ן געפרעגט.

— וווהין?

— אין טונעל אריין.

ביי די דאזיקע ווערטער האט האבי א ציטער געטון און זיין געזיכט איז שטארק רויט געווארן פון אן׳אינערליכע אויפרעגונג.

— ניין, כ׳וויל א הינצו נישט גיין — האט האבי געענטפערט.

— אדיע, האבי, מארגן וועל איך ווידער קומען, דיך באזוכן.

האבי איז עטליכע מינוט נאכאנאנד אפגעשטאנען ביי דער גארטן-טיר, ארויפגעלאזט דעם קאפ צו דער ערד און פארזונקען אין טיפע געדאנקן.

אין עטליכע טעג אַרום איז אַלאַן ווידעראַריין אין פֿאַרבינדונג מיט'ן אַרבעטער-אוניאָן, אים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַרבעטער זענען איצט נוֹטה צו אַ פֿאַרשטענדיגונג׳ און ס'איז קיין חידוש נישט: פֿאַר דער צייט, וואָס די אַרבעט איז אין טונעל נישט פֿאָרגעקומען, האָט דער אוניאָן געמוזט אויסגעבן זער גרויסע געלטסומען אויף צו שטיצן די ליידיק גייענדיקע אַרבעטער. די לאַגע פֿון די מחנות אַרבעטס-לאָזע האָט זיך פֿאַרערגערט פֿון טאָג צו טאָג, ווייל צוליב דעם, וואָס אין טונעל האָט מען אויפֿגעהערט אַרבעטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט הונדערטער אַנדערע פֿאַבריקן, וואָס פֿלעגן ליפֿערן פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן אין טונעל אַריין, אַזוי אַרום זענען צו די מחנות אַרבעטס-לאָזע טונעל-מענער צוגעקומען נייע מחנות ליידיק-גייענדיקע אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן. דער אוניאָן האָט איינגעאָרדנט עטלעכע גרויסע מיטינגען און פֿאַרזאַמלונגען און אַלאַן האָט אויף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען גערעדט אין ניו-יאָרק, צינצינאַטי, טשיקאַגאָ, און בופֿאַלאָ, ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפֿאַלן און איז די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז די אַרבעטער וועלן נאָכגעבן די גרעסטע פֿאָדערונגען, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעשטעלט.

זיינע רעדעס און די אויסגעצייכנטע אַרגומענטן און ראיות, וואָס ער האָט דערביי געבראַכט, האָבן דאָסמאָל שוין געהאַט דעם געווונטשטן ערפֿאָלג, אים איז שוין כמעט געלונגען צו פֿויל'ן ביי די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן איינגיין אויף די אַרויסגעשטעלטע באַדינגונגען און זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט אין טונעל. אַלאַן האָט געהאָפֿט, אַז אין נאָוועמבער, שפּעטסטענס אין דעצעמבער, וועט ער זיך ווידער קאָנען נעמען צו דער אַרבעט, דאָ אָבער איז — פֿאַר אַלעמען גאַנץ אונערוואַרטעט — פּלוצלינג אָנגעפֿאַלן אַ נייער שטורם איברן סינדיקאַט, אַ שטורם, וועלכער האָט פֿאַרן סינדיקאַט געזאָלט האָבן נאָך ערגערע פֿאָלגן, ווי די אָקטאָבער-קאַטאַסטראָפֿע. די גאַנצע ריזן-אונטערנעמונג פֿון סינדיקאַט האָט אַ שטאַרקן פֿלאַץ געגעבן...

V

איינמאָל, אין אַן׳אָקטאָבער־טאָג איז צו אַלאַנס גרויסער פאַרוווּנדערונג, צו אים אין דער וווינונג געקומען עטעל לאָיד, זי איז אַריינגעגאַנגען אין אַלאַנס אַרבייטס־צימער און, אַרומקוקנדיק זיך, האָט זי אים געפרעגט:

— זענט איר דאָ אַליין אָדער ס׳איז נאָך עמוצער ביי אייך פאַרהאַן?

— כ׳בין איינער אַליין איצט פריילן לאָיד.

— דאָס איז גאַנץ גוט! — און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך עטעל אַ ביסל צולאַכט.

— האָט קיין מורא נישט — האָט זי אים נאָך אַלץ לאַכנדיק געזאָגט — איך בין נישט קיין באַנדיטקע און בין נישט געקומען, אייך באַראַבעווען. דער פּאַפּאַ האָט מיך צו אייך געשיקט, איך זאָל אייך אַ בריף איבערגעבן, אָבער נאָר דאַן, ווען איר וועט ביי אייך אין צימער זיין אַליין און בשום אופן נישט אין דער געגנוואַרט פון אַ זייטיקן מענטש.

עטעל האָט אַרויסגענומען אַ בריוו פון איר האַנט־בייטל און דערלאַנגט אַלאַנ׳ען.

— כ׳דאַנק אייך, — האָט אַלאַן זיך פאַרנויגנדיק צו עטלען געזאָגט און גענומען ביי איר דעם בריוו.

— געוויס, האָט פּאַפּאַ געהאַט אייך עפּיס וויכטיגעס מיטצו־טיילן, — האָט עטעל געזאָגט — אויב ער האָט נור אויף אַזאַ אופן געפונען פאַר מעגליך, אייך דעם בריוו צו באַזאָרגן.

און עטעל האָט, ווי איר שטייגער איז אָנגעהויבן פלוידער און, הילכיק לאַכנדיק, איבערשפּרינגען פון איין טעמאַ אויף אַן׳ אַנדערע.

— איר זענט געווען אין אייראָפּאַ? האָט זי אַלאַנען פלוצלינג אַ פרעג געטון און ווען זי האָט כון אים אַ פּאָזיטיוון ענטפער באַ־קומען, האָט זי אָנגעהויבן באריכות צו דערציילן, ווי זי האָט פאַרבראַכט די זומער און הערבסט חדשים. זי האָט אים דערציילט

ווי זי האָט אין אַ קאָמפּאַניי פון עטעלס באַקאַנטע הערן און דאַמען געמאַכט אַ לאַנגע רייזע אויף... אַ ציגיינער-פור אַזש ביז קאַנאַדע, ווי זיי האָבן טאָג און נאַכט פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל, שטענדיק אויף פרישער לופט, ווי זיי פלעגן זיך אַליין קאָכן מיטאָג און אָוונט-ברויט אין פרייען פעלד און וואָס פאַר אַ טעם גן-עדן די דאָזיקע מיטאָגן און אָוונט-ברויטן אונטערן פרייען הימל האָבן געהאַט.

דערנאָך, באַטראַכטנדיק די בערג פאַפירן און אַקטן אויף אַלאַנ׳ס שרייב-טיש, האָט זי אים פלוצלינג געזאָגט:

— כ׳האַלט, אַלאַן, אַז אייער אַרבעט איז די אינטערעסאַנטסטע וועלכע אַ מענטש האָט נור ווען ס׳איז אויסגעפירט, נישט אַזוי? און פלוצלינג, אַ קוק טוענדיק אין פענצטער, האָט עטעל פון ענטציקונג אַ שפרונג געטון פון אָרט און אָנגעהויבן פאַטשן אַ האַנט אָן אַ האַנט, פול מיט אַנ׳אויפריכטיקער באַוווּנדערונג.

וואָס-זשע האָט עטעל אַזעלכעס דורכ׳ן פענצטער דערזען, וואָס האָט זי פלוצלינג אַזוי שטאַרק ענטציקט?

פונ׳ם פענצטער אין מאַק׳ס צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין צוועלפטן שטאָק האָט זיך ווירקליך געעפנט אַ וווּנדערבאַר-שענע פאַנאָראַמאַ פון דער ריזן-שטאָט ניו-יאָרק, וועלכע איז נאָך עד היום עטל׳ען נישט אויסגעקומען צו זען, זי האָט דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן פון אַזאַ הויך אַרויסגעקוקט אויף דער שטאָט און דערום איז איר איבעראַשונג געווען זער א שטאַרקע.

— אַך, ווי שיין! אַך, ווי הערליך, ווי וווּנדער-שיין די פאַנאָראַמאַ פון ניו-יאָרק איז פון דעם דאָזיקן אָרט — האָט זי צו אַלאַנ׳ען געזאָגט, בעטנדיק אים, ער זאָל צוגיין צום פענצטער און פון דאָנען אַ קוק טון אויף דער וווּנדער-שיינער פאַנאָראַמאַ.

— האָט איר דען נאָך קיינמאָל נישט געזען, ניו-יאָרק פון אַזאַ הויך? — האָט אַלאַן געפרעגט עטל׳ען.

עטעל האָט אַ שאָקל געטון מיט׳ן קאָפּ, אַלס צייכן פון ניין.

עטעל האָט אויך איצט, ווי איר שטייגער איז, גערעד נאַטירליך און פשוט און פון איר גאַנצן וועזן האָט געשטראָמט אַ מין

איינפאַכקייט און האַרציקייט, וואָס זענען אַלאַנ'ען פון לאַנג אָן אַזוי געפעלן געווען, און וועלכע זענען ווירקליך אַזוי מלא חן געווען. און אַלאַן האָט זיך אַליין געפרעגט, וואָס אייגענטליך איז די מעשה וואָס אין איר נאָענטקייט פילט ער זיך אַזוי גוט און ליב?...

עטעל האָט ענדליך פאַרלאָזט אַלאַנ'ס וווינונג. שוין שטייענדיק אויף דער שוועל פון טיר, האָט זי אַלאַנ'ען געפרעגט, צי ער האָט נישט חשק מיטצופאָרן מיט איר אויף אַ קליינער לוסט-רייזע אויף זייער אייגענער יאַכטע?

אַלאַן האָט געענטפערט, אַז צו זיין באַדויערן מוז ער זיך פון דעם כבוד איצט ענטזאָגן, ווייל ער איז זער באַשעפטיקט און האָט צו דערלעדיקן זער וויכטיקע אַנגעלעגנהייטן, וועלכע קאָנען בשום אופן נישט אָפגעלייגט ווערן אַפילו אויף קיין איינציקן טאָג. נאָר אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער אויסנוצן די אַנגענעמע מעגליכקייט, מיט איר אַזאַ רייזע צו מאַכן.

אין לאָידס בריוו זענען נאָר אַ פאָר ווערטער געשטאַנען: „האָט אַנ'אויג אויף ס. וו." ס. וו. — האָט ער געמיינט ס. וואָלפן. דער בריוו איז געווען אָן אַנ'אונטערשריפט.

ווען לאָיד האָט אַלאַנ'ען וועגן עפּיס געוואָרנט, קאָן מען זיכער זיין, אַז דערצו איז פאַראַן אַ גרונד און סבה. נאָר אינטערעסאַנט איז — האָט זיך אַלאַן געטראַכט — פון וואַנען ער שעפט זיין חשד, פון פאַקטן, אָדער דער געזונטער איגסטינקט זיינער אָגט אים וועגן דעם אונטער? אָדער אפשר האָבן לאָידס שפּיאָנען וועגן וואָלפן זיך דערוווסט אַזעלכעס, וואָס באַגרינדעט פאָלשטענדיק לאָידס פאַרדאַכט.

אַלאַנס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן פון שווערע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט, וואָס האָבן זיך אים נאָך לאָידס קורצן בריוו געעפנט: אפשר האָט דער ביטרער וואָלף שוין אָנגעטון אַזוי פיל שלעכטס, איז באַגאַנגען אַזוי פיל פאַלשקייטן, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג געפינט זיך שוין אין געפאַר איבעריקענס — האָט אַלאַן זיך אַ ביסל באַרויקט, דערמאָנענדיק זיך, אַז די געלט-אַנגעלעגנהייטן פון טונעל זענען אים נישט נוגע און ער איז נאָר

זיי נישט פֿאַראַנטוואָרטליך, דאָס ליגט אינגאַנצן אין דער קאָמ־פּעטענץ פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און קיינער, חוץ איר, האָט אין די געלט־אָנגעלעגנהייטן קיין דעה נישט און קיין רעכט נישט, זיך אַריינצומישן.

אַלאַן האָט פֿונדעסטוועגן אַרויסגערופֿן צו זיך ראַסמוסען׳ען וואָלפֿס פּאַרטרעטער (וואָלף אַליין איז נאָך נישט צוריקגעקומען פֿון זיין רייזע איבער אייראָפּאַ, ווו ער האָט פֿאַרשידענע קאָלאָסאַלע געשעפֿטן געשלאָסן און געמאַכט). אָן שום הקדמות האָט ער ראַסמוסען׳ען געבעטן, ער זאָל תיכּף בילדן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל צוזאַמען מיט אים אויספֿאָרשן און גענוי פֿעסטשטעלן די איצ־טיקע פֿינאַנציעלע לאַגע פֿונ׳ם סינדיקאַט. אַלאַן האָט דערביי צו־געגעבן, אַז ער וויל זיך אינגיכן ווידער נעמען צו דער אַרבעט און דעריבער מוז ער וויסן גענוי די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿונ׳ם טונעל־סינדיקאַט. ראַסמוסען איז געווען אַ גוט־ערצויגענער שוועד, וועלכער איז געבליבן געטריי זיין אייראָפּעאישער העפֿליכקייט און מאַנירן נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט שוין 20 יאָר נאָכאַנאַנד געוווינט אין אַמעריקאַ.

ער האָט זיך פֿאַרנויגט פֿאַר אַלאַנ׳ען און אים געפֿרעגט:

— ווילט איר אפֿשר, אַז די קאָמיסיע זאָל נאָך היינט אָרגאַ־ניזירט ווערן, הערר אַלאַן?

— אַזוי איילִיג און דרינגענד איז עס נישט דורכאויס, ראַס־מוסען — האָט אים אַלאַן געענטפֿערט — אָבער מאָרגן פֿאַרמיטאָג מוז די קאָמיסיע שוין עקזיסטירן און אַרבעטן. נעמט איר זיך אונטער ביז דעמאָלט אויסצוקלויבן געהעריקע מיטגלידער?

געוויס! האָט ראַסמוסען געענטפֿערט און זיך לייכט צולאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט זאָגן: „ווי קאָן מען דען אין דעם צווייפֿלען?"

דעמזעלבן אָוונט האָט אַלאַן מיט אַ גרויסן ערפֿאָלג גערעדט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון זעגאַטן פֿון דער געזעלשאַפֿט און אין דערזעלבער צייט האָט זיך ראַסמוסען דערשאָסן.

ווען אלאן האט זיך דערוווסט וועגן ראסמוסענס זעלבסטמאָרד, איז ער שטארק בלייך געוואָרן: דער דאָזיקער זעלבסטמאָרד, האָט שוין קיין מינדסטן ספק ביי אים נישט איבערגעלאָזט אז די פינאנציעלע אָנגעלעגנהייטן אין סינדיקאט זענען ווייט נישט קיין גלענצענדע און אז דער אלטער לאָיד איז מיט זיין וואָרנונג געווען פאָלשטענדיק גערעכט. ער האָט באלד טעלעגראפיש ארויסגערופן ס. וואָלף'ן (וועלכער איז גראָד דעם טאָג צוריקגעקומען קיין ניו-יאָרק) און האָט פאראָרדנט, מ'זאָל באלד מאכן א געהיימע רעוויזיע אין סינדיקאט. די רעוויזיע האָט ענטדעקט א גרויסן כאָאס און שווינדל ערייען. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עמיצער האָט אויפגעגעבן פאלשע ציפערן און די בילאנסן האָבן נישט געשטימט מיטן ווירקליכן צושטאנד פון דער קאסע א. אז. וו. אויב ראסמוסען, אָדער וואָלף, אָדער אנדערע זענען פאר דעם פאראנטוואָרטליך, איז נאָך איצט געווען שווער צו זאָגן און פעסטצושטעלן. ווייטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז וואָלפס לעצטער בילאנס איז אויך געווען א פאלשער און אז ער איז באגאנגען א שווינדל אויף 6 — 7 מיליאָן דאָלאר.

VI

וואָלף, וועלכער האָט, זייענדיק אין אייראָפּאַ, געמאַכט גרויסע געשעפֿטן אויף זיין אייגענער ריזיקע און דערמיט אַ גרויסן שאָדן געבראַכט די אינטערעסן פֿון סינדיקאַט, האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז פֿאָרנדיק צוריק קיין אַמעריקאַ, בעגלייטן אים צוויי געניטע און דורכגעטריבענע דעדעקטיוון, ער איז צו דער צייט, וואָס אַלאַן האָט דעם בריוו פֿון לאָיד'ן באַקומען, שוין שטאַרק געווען פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ געדיכטן נעץ פֿון פֿאַרשידענע שפּעקולאַציעס, וועלכע ער האָט געטריבן אָן דעם סינדיקאַטס הסכם. די דאָזיקע שפּעקולאַציעס האָבן שוין צו יענער צייט געמאַכט גרויסע שפּאַלטן אין די פֿינאַנסן פֿון סינדיקאַט, אַרויסציענדיק פֿון דער קאַסע לערך זיבן מיליאָן דאָלאַר, כדי דאָס צו פֿאַרבאָרגן, האָט וואָלף, ווי מיר האָבן שוין געזען, געמוזט מאַכן פֿאַלשע בילאַנסן און בכלל אויפֿגעבן פֿאַלשע באַריכטן און ציפֿרן, איצט, זעענדיק, אַז ס'איז נישט פֿאַראַן קיין שום אויסגאַנג און קיין שום מעגליכקייט, אַזאַ גרויסע סומע צו דעקן פֿון זיינע אייגענע רעסורסן, האָט וואָלף באַשלאָסן, אַלאַ'ן איבערצוגעבן דעם אמת וועגן די פֿאַרלוסטן, וואָס דער סינדיקאַט האָט געהאַט. ווען ער האָט אָבער באַקומען אַ טעלעגראַפֿישע ידיעה וועגן ראַסמוסענ'ס זעלבסט-מאָרד, איז אויף וואָלף'ן אָנגעפֿאַלן אַנ'אימה. ער האָט עטליכע מאָל טעלעגראַפֿירט קיין ניו-יאָרק און ערקלערט, אַז באַלד ווי ער וועט אַראָפּ פֿון שיף, וועט ער גרינדן אַ קאָמיסיע און מאַכן אַ שטרענגע רעוויזיע אין סינדיקאַט וואָלף האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער איז פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר ראַסמוסענ'ס טעטיגקייט, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז באַגאַנגען פֿאַלשקייטן און שווינדלערייען אַלאַן האָט טעלעגראַפֿיש געענטפֿערט וואָלף'ן, ער זאָל אויפֿהערן צו טעלעגראַפֿירן פֿון וועג און שיקן ווערטער פֿון באַרויגונג, נאָר קומענדיק קיין ניו-יאָרק, זאָל ער באַלד אים אויפֿזוכן און מיט אים זיך וועגן אַלץ גענוי דורכריידן.

וואָלף האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז דער חלב הענגט

שוין איבער זיין האַלדז, אַז זיינע שעה'ען זענען שוין געצעלטע, ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אים וועט נאָך געלינגען אָנצופירן מיט דער רעוויזיע.

דער דאַמפער האָט זיך קוים אָבגעשטעלט אין האָנאָקען — און וואָלף איז שוין געזעסן אין זיין עקיפּאַזש און שנעל זיך געטראָגן צו דער וואַלסטרעעט צוגעפאָרן צום סינדיקאַט-בנין, האָט וואָלף זיך באַלד אויפגעהויבען צו אַלאַנ'ען אין צימער און זיך געלאָזט אָנמעלדן. אַלאַן האָט אים געלאָזט וואַרטן פינף מינוט, צען מינוט, אַ פערטיל שעה... דאָס איז וואָלפן נאָ-געקומען זער קשה און מיט יעדער מינוט איז געפאַלן זיין מוט. מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגענומען. פאָרנדיק אַהער ווען אַלאַן האָט אים ענדליך געהייסן אַריינלאָזן צו זיך, האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן ביי אים קלאַפן, ווי מיט אַ האַמער און אים האָט אַ חאַפּ געטון אַנ'אַסטמעהוסט, אויף וועלכן ער האָט די לעצטע צייט אַזוי שטאַרק געליטן. האַלטנדיק זיין האַרטן הוט אין האַנט, מיטן ציגאַר אין מויל, איז וואָלף אַריינגעגאַנגען צו אַלאַנ'ען אין צימער און נאָך פון יענער זייט טיר אָנגעהויבן רעדן.

— אָ הער אַלאַן, איר לאָזט דאָך אייערע מענטשן אַזוי לאַנג וואַרטן. אָבער לאַנג! — כ'מוז אייך זאָגן דעם אמת. און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן האָט ער אים געפרעגט:

— ווי גייט עס, הער אַלאַן, וואָס מאַכט איר?

אַלאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און צו וואָלפן זיך געווענדעט.

— זענט איר, וואָלף, הייסט עס, געקומען: כ'ברויך אייך טאַקע זער נויטיק.

די דאָזיקע ווערטער האָט מאַק אויסגערעדט העכסט רויק, אָן אַ מינדנסטן סימן פון אויפרעגונג און איראָניע — פונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען מיט וואָלפן... אַלאַנס טאָן האָט שטאַרק באַרויקט וואָלפן, ער האָט אים ווי אַ נייע נשמה צריינגעזעצט און דער דורכגעטריבענער באַנקיר האָט זיך דאָסמאָל אויף אַ קורצע צייט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, אַז ער האָט געגלויבט, הערנדיק מאַקס

ווערטער, אַז ער האָט צו אים פּערזענליך גאָרנישט און אַז ווי באַלד אַזוי, וועט אפשר מעגליך זיין „אַרויסצוגיין טרוקן פון וואַסער" ד. ה. זיך צו רעאַביליטירן אין אַלאַנס אויגן און — ווער ווייסט? — אויף ווייטער פאַרבלייבן אַנ'אָרענטליכער מענטש.

אָבער, ווי אַנ'אייז-קאַלט מעסער האָט אים פלוצלינג אַ שניט געטון דעם געדאַנק, וואָס אַלאַן האָט אים גערופן בלויז וואָלף, נישט צוגעבנדיק דאָס וואָרט מיסטער... די דאָזיקע קליינִיקייט, אויב מען פאַרשטייט זי נור גוט, האָט פיל צו זאָגן און האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אין אַ זעלכע פאַלן.

דאָס איז פאַר וואָלפן זער אַ שלעכטער סימן געווען. וואָלף האָט זיך קרעכצנדיק אַריינגעוואָרפן אין אַ ברייטן פאָטעל, האָט אָפּגעביסן דעם שפּיץ פון אַ נייער ציגאַר און פאַררויכערט. נאָר די ציין האָבן אים געקלאַפּט ווי אין אַ פיבער און ער האָט די ציגאַר צווישן זיי נישט געקאָנט האַלטן.

— וואָס זאָגט איר אויף ראַסמוסען, הער אַלאַן? — האָט ער אָנגעהויבן, ווי אָנעמנדיק זיך מיט מוט צו רעדן: אַזאַ אויסערגעוועגליך באַגאַבטער מאַן — און אַזאַ סוף.

נאָר וואָלף האָט פלוצלינג איבערגעהאַקט זיין רעדע, באַגעגנדיק אַלאַנ'ס שאַרפן בליק, וועלכן יענער האָט אויף אים אַ וואָרף געטון. דער דאָזיקער בליק איז געווען זער אַ קאַלטער. ער איז געווען ווייט פון יעדן מענשליכן מיטלייד, פון גוטהערציגקייט און און האָט אויף וואָלפן אַ ווירקונג פון באַליידיגונג געמאַכט, אַזוי, אַז ער האָט אין מיטן רעדן פאַרמאַכט זיין מויל.

— ראַסמוסען איז אַבאַזונדער קאַפּיטאַל, אַ קאַפּיטאַל פאַר זיך — האָט אַלאַן געענטפערט, אויפהויבנדיק זיך פון זיין אָרט און נעמענדיק אין האַנט אַ גאַנצן שטויס טעלעגראַמען פון טיש מיר וועלן נישט מאַכן קיין לאַנגע הקדמות און טאַקי באַלד איבערגיין צו אייער ענין, וואָלף!

אַרום וואָלפס אויערן האָט געבלאָזן אַנ'אייזקאַלטער ווינט, ער האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן פאַר אַלאַנ'ען, ווי איינער זאָגט: ביטע זער און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז פון זיין

זייט איז קיין שום מניעה נישט פאַרצן תיכף אנצוהויבן וועגן אים צו רעדן, דאַן האָט וואָלף שטאַרק אָפּגעעטעמט און מיט אַן ערסטן גליענדן בליק געזאָגט:

— כ׳האָב אייך שוין טעלעגראַפירט, הערר אַלאַן, אַז דאָסמאָל זייענדיק אין אייראָפּא, האָב איך קיין מזל נישט. דאָס געשעפט, וואָס איך האָב דאָרט געמאַכט, זענען געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. כ׳באַדויער זער, וואָס כ׳האָב אַזאַ גרויסן היזק געהאַט, נאָר ס׳לאָזט זיך נאָך פאַריכטן און איך האָף דורך אַ פאַרזיכערטן גוטן געשעפט מיט דער צייט די גרויסע פאַרלוסטן כמעט אויסצוגלייכן דורך גרויסע פאַרדינסטן, וואָס שטייען מיר פאַר פון יענעם געשעפט צו באַקומען.

אַלאַן האָט געמאַכט אַן אונגעדולדיקע באַוועגונג מיטן קאָפּ. אין אים האָט געקאָכט דער כעס אויף וואָלפן און ער איז אויף אים געווען שרעקליך אויפגעבראַכט. אַלאַן האָט אפשר נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געהאַסט אַ מענטש, ווי ער האָט איצט געהאַסט אָט דעם האָריקן, פּרעמד־ראַסיגן באַנקיר און ס׳איז קיין חידוש נישט: שוין אַ יאָר צייט ווי אַלאַן האָט אָנגעווענדעט אונגעהויערע אָנשטרענגונגען און מיטלען, זיין גרויסע זאַך ווידער אויף די רעלסן אַוועקצושטעלן און עס איז שוין געווען נאָנט דערפון, אַז אין טונעל זאָל זיך ווידער אנהויבן די אַרבעט, קומט אָט דער דאָזיקער פאַרדאָרבענער מענטש און מאַכט קאַליע אַלע זיינע פּלענער! יאָ, אַלאַן האָט קיין שום גרונד נישט געהאַט מיט וואָלפן איצט צו רעדן, ווי מיט אַן ערליכן און אָנשטענדיקן מענטש. ס׳איז שוין קלאָר געוואָרן ווי דער טאָג, אַז ער איז צוליב אייגענע פּערזענליכע צוועקן באַגאַנגען גרויסע שווינדלערייען און דערמיט אַ קאָלאָסאַלן שאָדן געבראַכט דעם טונעל־סינדיקאַט.

— ס׳האַנדלט זיך נישט וועגן דעם — האָט אַלאַן וואָלפן געענטפערט — אויב אייערע געשעפטן אין אייראָפּאַ זענען געווען גוטע אָדער שלעכטע. אויב איר האָט ווירקליך, אַרבעטנדיק פאַר אונזערע אינטערעסן, געהאַט פאַרלוסטן, וועט דער סינדיקאַט תיכף דעקן די דאָזיקע פאַרלוסטן, אָבער —

און ביי דעם דאָזיקן וואָרט האָט זיך אַלאַן אויפגעהויבן פון טיש און, צוגייענדיק האַרט צו וואָלפן, האָט ער אים אָנגעהויבן צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, ער האָט אויך וואָלפן געקוקט מיט אויגן, פול מיט צאָרן און שנאה, וועלכע האָבן קיין מינדסטן צווייפל נישט איבערגעלאָזט, אַז אַלאַן איז גרייט זיך צו באָדן אין וואָלפס בלוט...

— אייער דריי־יעריקער בילאַנס איז דאָך אָבער אַ פאַלשער. איר האָט אויף אייגענע רעכנונג שפעקולירט און אויף זיבן מיליאָן דאָלאַר די קאָסע באַ׳גנב׳עט.

ס. וואָלפן האָבן אַלאַנ׳ס לעצטע ווערטער ווי אַ שטאָך געטון מיט אַ מעסער... ער איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך, דאָס גאַנצע פנים זיינס האָט זיך פלוצלינג געענדערט און אויסגעדריקט שרעק און פאַרצווייפלונג, ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפ געטון פאַרן האַרצן און אָנגעהויבן שטאַרקער צו אָטמען, פלייסנדיק זיך, וואָס מער לופט אין זיך אַריינ־נציען... זיין מויל איז עטליכע סעקונדן באַכאַנאַנד געבליבן אָפן און דאָס האָט צוגעגעבן זיין געזיכט זער אַ לעכערליך אויסזען... די אויגן זיינע האָבן זיך ווי אַרויסגערוקט פון זייערע לעכער.

בעת דעם דאָזיקן באַדייטונגספולן געשפּרעך מיט וואָלפן איז אַלאַן אויך שטאַרק אויפגערעגט געווען. ער איז פון אויפרעגונג רויט אין בלאַס געוואָרן, מאַכנדיק שטאַרקע אָנשטרענגונגען זיך צו באַהערשן. דאָך האָט ער, ווענדנדיק זיך צו וואָלפן און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, צוגעגעבן:

— איר קענט אַליין דעם בילאַנס נאָכקוקן... אדרבה, באַווייזט מיר, אַז ער איז ריכטיק צוזאַמענגעשטעלט און מיר וועלן בלייבן דיזעלבע גוטע פריינד, ווי פריער. אדרבה, וואָלף, דערווייזט עס מיר.

נאָר זעענדיק, ווי ביי די דאָזיקע ווערטער האָט וואָלף נאָך בידריקער אַראָפגעלאָזט זיין געזיכט צו דער ערד. ווי איינער זאָגט: אוי, וואָלט איך עס געטון, ווען כ׳וואָלט נאָר די מינדסטע מעגליכקייט געהאַט דערצו — האָט אַלאַן אַ וואָרף געטון מיט כעס

צו וואַלד. פּיס אַ .... דאָקומענטן און זיך צו אים מיט דער גרעסטער פֿאַראַכטונג אויסגעקערט מיטן רוקן...

וואָלף איז נאָך אַלץ געזעסן אין פֿאָטעל אַ האַלב לעבעדיקער דער׳הרג׳עט דורך אַלאַנ׳ס שטאַכעדיקע ווערטער און דורכ׳ן באוווסטזיין, אַז איצט איז שוין אַלץ פֿאַרשפּילט, אַז די זאַך איז שוין נישט צו פֿאַריכטן.

וואָלפֿן האָט זיך געדאַכט, אַז דער באָדן זינקט אונטער אים און אַז אָט-אָט פֿליט ער מיטן קאָפּ אַראָפּ אין אַ טיפֿן אָפּגרונד אַריין... ס׳איז אים שווער געווען צו אָטעמען און אין זיינע אויערן האָט גערוישט. אַזאַ צושטאַנד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און שרעק האָט וואָלף נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט... נאָך אַ רגע — און אים איז ווי פֿינסטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געזען אַרום זיך אַ פֿינסטערע, אַ שטאָק-פֿינסטערע נאַכט, אָן שום פֿונק פֿון עפּיס אַ ליכט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קומט שוין אָן זיין סוף אַז אָט-אָט שטאַרבט ער, אַז דער טויט קומט אים ראַטעווען פֿון דער גרויסער חרפּה, פֿון גרויסן בזיון, וואָס קאָן זיין גרעסער פֿאַר אַזאַ בזיון, — האָט ער נאָך געקאָנט טראַכטן אין דער דאָזיקער רגע — ווי אויסצוהערן פֿון אַלאַנען אַזעלכע שאַרפֿע ווערטער פֿון פֿאַרדינטן פֿאָרוואורף און זיין וואָרף, וואָס ער האָט אויף אים געטון מיטן פּעקל טעלעגראַמען און דאָקומענטן. ווי קאָן פֿון אַזאַ חרפּה דאָס האַרץ נישט פּלאַצן... נאָר אָנשטרענגנדיק זיינע אויסגייענדע בחות, האָט ער נור איין וואָרט אויסגערעדט:

— אַלאַן? —

אַלאַן האָט געשוויגן און אים גאָרנישט געענטפֿערט.

וואָלף האָט נאָך אַ שטאַרקערע אָנשטרענגונג איבער זיך געמאַכט, און, ווילנדיק זיך חאָטש אַ ביסל פֿאַרענטפֿערן פֿאַר אַלאַנען, האָט ער פּאַמעליך אויסרעדנדיק יעדעס וואָרט, געזאָגט, אָדער ריכטיקער געשטאַמלט:

— אונזער לאַגע איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטע, אַלאַן, כ׳האָב געוואָלט שאַפֿן, געלט, געלט פֿאַר יעדן פּרייז, חאָטש פֿון דער ערד אויסגראָבן.

אַלאַן האָט זיך נאָך מער אָנגעצונדן פון כעס, אויסהערנדיק וואָלפס „ערקלערונג". דאָס רעכט צו זאָגן אַ ליגן האָט יעדער פאַרצווייפלטער, און וואָלף אין זיין איצטיקער לאַגע האָט אויך אויף דעם רעכט. ער וואָלט אים דעם דאָזיקן ליגן מוחל געווען און דערפאַר צו אים דערפאַר גאָרנישט געהאַט, אָבער, מערקווירדיק, ער האָט ביי זיך אין האַרצן נישט געפונען אפילו קיין פונק פון מיטלייד צו וואָלפן. ער איז פול געווען מיט האַס און שנאה צו אים, אַ האַס און שנאה, וועלכע אַלאַן האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן צו וועמען ס'איז אין זיין האַרצן נישט געטראָגן. שטאַרק אויפגערעקט, האָט אים אַלאַן געענטפערט:

— איר מיינט, אַז איך ווייס נישט, אַז איר האָט אין דער בודעפעסטער באַנק דעפאָנירט אָנדערטהאַלבן מיליאָן אויפן נאָמען אַ וואָלפזאָן, אַז אין פעטערבורג האָט איר אויך ערגיץ אין אַ באַנק באַהאַלטן אַ האַלב מיליאָן און אין בעלגישע בענק — פון צוויי ביז דריי מיליאָן, אַז איר האָט אויף אייגענע רעכנונג, האָבנדיק אין זין נור זיך און וועלנדיק רייך ווערן כהרף עין, געמאַכט פאַרשיידענע טונקעלע געשעפטן, זיך אַריינגעלאָזט אין העכסט ריזיקאַלישע אַוואַנטורעס און ענדליך — געבראָכן האַלז און נאַקן? כ'ווייס אַלץ אַלץ, וואָס איר האָט אָפּגעטון, זייענדיק אין אייראָפּאַ, כדי כלמרשט צו אַרבעטן פאַרן כונעל־סינדיקאַט... אַלזאָ, וואָלף איך גיב אייך צייט ביז מאָרגן אָוונט 6 אַזייגער. און איר זאָלט וויסן זיין, אַז אויב איר וועט ביז דאַן — קיין מינוט נישט שפעטער — נישט דערלעדיקן אונדזער אַנגעלעגנהייט, וועל איך אייך תיכף לאָזן אַרעסטירן, איר הערט?

וואָלף האָט זיך אויפגעהויבן אַ צוטומלטער, אַ האַלב פאַרחלש'טער פון זיין פאָטע, כדי זיך אַ וואָרף צו טון אויף אַלאַנען און אים דערלאַנגען אַ קלאַפּ, ער האָט אָבער נישט געקאָנט רירן מיט זיין האַנט. ער איז געווען ווי געלעמט און האָט נעציטערט מיט אַלע אברים.

פלוצלינג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, ער זאָל אַלאַנען איבערגעבן די אמת'ע סבה, פאַרוואָס ער האָט זיך אין אַזעלכע

געפֿערליכע אַפֿערעס אַריינגעלאָזט, וואָס פֿאַר אַ כּוונה ער האָט מיט זיינע געשעפֿטן געהאַט. ער האָט זער שטאַרק געוואָלט אין דער דאָזיקער רגע אַלאַנען ערקלערן, אַז דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן פֿאַרדינסטן פֿאַר אים, אַז ער האָט גאָרנישט געמיינט שנעל רייך צו ווערן און דערצו גאָרנישט געשטרעבט, אַז אומזיסט מיינט מען, אַז ער, וואָלף, האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ גרויס פֿאַרמעגן...

אַלאַן אָבער איז געווען צו פּשוט, צו אויפֿריכטיק, צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מענטש קען עס פֿאַרלאַנגען, צו באַזיצן מאַכט און צו דער דאָזיקער מאַכט אַזוי ליידנשאַפֿטליך שטרעבן. ער האָט עס נישט געקאָנט פֿאַרשטיין ער וואָס האָט אַליין אַזאַ מאַכט געהאַט, וואָס איז אים אַזוי לייכט אָנגעקומען און צו וועלכער ער האָט קיינמאָל נישט געשטרעבט... און ווייל ער האָט אין אַזאַ גרויסער מאָס געהאַט מאַכט און זי איז צו אים, ווי מיר האָבן שוין געזען, אַליין געקומען אָן אָנשטרענגונג פֿון אַלאַנס זייט, זי צו האָבן — האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען דעם אמת'ן ווערט פֿון אַ גרויסער מאַכט און אויך וואָס מענטשן זענען פֿעיק, כּדי זי צו ערווערבן.

וואָלף האָט שוין פֿון לאַנג צן שטאַרק פֿיינד געהאַט אַלאַנען און טראָגנדיק אין האַרצן געגען אים אַ שרעקליכע שנאה, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרט, מיט אים ווען ס'איז אָפּצורעכנען. וואָלף האָט געהאַט פֿיל סבות פֿיינט צו האָבן אַלאַנ'ען. איינע פֿון די דאָזיקע סבות איז געווען אַלאַנס איבערמעסיקע שטרענגקייט געגען אים, וועלכע האָט ביי וואָלפֿן אָפּגענומען די מעגליכקייט צו פֿאַרווירקליכן אין אַ פֿולער מאָס זיינע אייגענע פּלענער, ווי די קאַטאַסטראָפֿע האָט אויסגעבראָכן און דער טונעל־סינדיקאַט האָט זיך צוליב דעם אַ טרייסל געטון, איז וואָלף דערפֿון געווען שטאַרק צופֿרידן. אין דער קאַטאַ־טראָפֿע און אירע פֿאָלגן האָט ער דערזען דעם אָנהייב פֿון מאַק אַלאַנס אונטערגאַנג.... ער איז מער ווי זיכער געווען, אַז פֿון איצט אָן וועט אַלאַנס שטערן אָנהייבן בלאַסער ווערן און אינגיכן אינגאַנצן אויפֿהערן צו שיינען און אונטערגיין.

„אַלאַן—! — האָט זיך וואָלף איצט געטראַכט, זיצנדיק קוים אַ לעבעדיקער פאַר זיינע שטרענגע אויגן; דאָס איז דאָך דערזעלבער אַלאַן, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן 5000 אַרבעטער. וועלכער האָט ביים פאָלק אַרויסגעצויגן פון טאַש מיליאַרדן, נישט זייענדיק זיכער, אַז ער וועט אים דאָס געלט אימשטאַנד זיין צוריקצוגעבן — דער דאָזיקער אַלאַן איז מיין ריכטער און מיין גורל, מיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פון אים אויב ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, מוז דער דאָזיקער אַוואַנטוריסט שטרענג באַשטראָפט ווערן און האָבן אַ מיאסן סוף,‟ און—מערקווירדיק. שטייענדיק שוין מיט איין פוס ביי זיין קבר, האָט וואָלף אַזוי ליידנשאַפטליך נישט געטראַכט וועגן זיך, וועגן זיין מיאסן סוף, וואָס איז שוין געקומען, ווי פון דער מעגליכקייט, אַז זיין פאַרביטערטער שונא וועט אויך אַמאָל אַ שלעכטן סוף האָבן!...

זיצנדיק פאַרטיפט אין אַזעלכע שווערע מחשבות, איז וואָלפן שטאַרק נישט גוט געוואָרן, זיין געזיכט איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט און זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. אַלאַן האָט דאָס באַמערקט און אָנגעקלינגען צו זיין דינער, ער זאָל תיכף ברענגען אַ גלאָז קאַלט וואַסער, כדי וואָלפן אָפּצומינטערן. וואָלף האָט געעפנט זיינע אויגן און אָנגעהויבן באַקוקן דאָס צימער און די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפאָרעט אַרום אים, פונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּגעבן חשבון, ווו ער איז און וואָס מיט אים איז געשען. וואָלף האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנץ גלאָז קאַלט וואַסער, האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך אַ שטראָם פרישע לופט און אים איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ, געקומען צו ביסל צו-זיך, האָט ער זיך געווענדעט צו אַלאַנ'ען מיט אַזעלכע ווערטער:

— הערט אויס, אַלאַן, כ'מוז אייך זאָגן, אַז אַזאַ גרויזאַמקייט פון אייער זייט בנוגע מיר האָב איך קיינמאָל נישט ערוואַרט און וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איר זענט פעיק זיך נוקם צו זיין אָן אַ נ'אייגענעם מענטש אויף אַזאַ אכזריות'דיקן אופן. איך זאָלט וויסן זיין, אַז אַריינלאָזנדיק זיך אין פאַרשידענע ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, האָב איך זיך נישט געיאָגט נאָך רייכטימער, נישט

געלט איז געווען ביי מיר דער עיקר, כ'וועל עס אייך אַלץ ערקלערן.

און ווילנדיק פּאַקן אַלאַנס האַרץ, ד. ה. ווירקן אויף זיין רחמנות און מיטלייד־געפיל, האָט וואָלף ווייטער צו אַלאַנ'ען געזאָגט.

— כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן צוזאַמען אָפּגעאַרבעט גאַנצע זיבן יאָר, נאָכדעם, ווי איך האָב דעם סינדיקאַט געבראַכט קאָלאָסאַלע פֿאַרדינסטן...

— דאָס איז געווען אייער אַרבעט און אייער פֿליכט — האָט אים אַלאַן קאַלט איבערגעשלאָגן, — און איר האָט זיך נישט מיט דעם וואָס איבערצונעמען.

— יאָ, כ'זאָג נישט, אַז כ'האָב פֿאַרן סינדיקאַט געטון מער, ווי איך בין מחויב געווען צו טון. איך נעם זיך גאָר מיט מיין אַר־בעט נישט איבער... איר דאַרפֿט אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז איך בין דער איינציקער מענטש, וועלכער קאָן נאָך מיטהעלפֿן, אַז די געשעפֿטן פֿונ'ם סינדיקאַט זאָלן זיך פֿאַרבעסערן. פֿאַרגעסט נישט, אַז ווען איר וועט דערלאָזן, אַז איך זאָל פֿאַלן, וועל איך מיט זיך דעם סינדיקאַט מיטשלעפּן און ער וועט אויך מוזן פֿאַלן...

אַלאַן האָט געוווסט, אַז וואָלף זאָגט דעם אמת, אַז זיין פֿאַלן קאָן גורם זיין דאָס פֿאַלן פֿונ'ם סינדיקאַט גופֿא. די זיבן מיליאָן, וואָס ער האָט פֿאַרשווענדעט, זענען נישט אַזוי וויכטיק — דער סינדיקאַט איז אימשטאַנד נאָך איצט אַזאַ פֿאַרלוסט איבערצוטראָגן — ווי דער סקאַנדאַל, וועלכן וואָלפֿס פֿאַלן וועט אַרויסרופֿן אין גאַנצן לאַנד. נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם איז אַלאַן געבליבן ביי זיין באַשלוס און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום רחמנות און קיין שום חרטה־געפֿיל בנוגע וואָלפֿן.

— דאָס איז שוין מיין זאַך — האָט ער אים געענטפֿערט און קיין שום דערקלערונגען נישט געפֿינען פֿאַר נויטיק צו געבן וואָלפֿן פֿאַרוואָס ער באַהאַנדלט אים אַזוי גרויזאַם.

וואָלף האָט אַ פּאָר סעקונדן געשאָקלט מיט זיין האָריקן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן:

— „שוין איינמאָל אַנ'אַכזור, שוין איינמאָל אַ קאַלטער גזלן! ווער וואָלט זיך עס אויף דעם דאָזיקן שטיין און רויקן מענטש

געקאָנט ריכטן, ער זאָל אַזאַ מערדער זיין...״

וואָלף האָט נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אַזוי אַלאַן קאָן יי־דעצידירן, אים אומצוברענגען, ווייסנדיק, אַז ער קאָן נאָך דעם סינדיקאַט גרויסע טובות ברענגען. וואָלף׳ן האָט זיך עס נישט געגלויבט און, ווילנדיק זיך איבערצייגן, אויב אַלאַן מיינט עס באמת, האָט וואָלף זיך באַמיט אַ חאַפּ טון זיין בליק, וואָס פלעגט שטענדיק אויסדריקן אַלאַנ׳ס אמת׳ע שטימונג און כונות. וואָלף האָט אַ קוק געטון אַלאַנ׳ען גלייך אין די אויגן אריין. אין זיין בליק אָבער האָט ער נישט געפונען קיין פונק און קיין מינדעסטן אויסדרוק פון רחמנות און מיטלייד און דער אומגליקליכער און פאַרצווייפלטער וואָלף האָט ענדליך פאַרשטאַנען, אַז אַלאַן האָט באמת באַשלאָסן אים אומצוברענגען און אַז ס׳איז שוין נישטאָ קיין שום האָפנונג, זיך צו רעטן. און איצט האָט זיך וואָלף דערמאָנט, אַז אַלאַן איז אַ געבוירענער אַמעריקאַנער, בעת ער, וואָלף, איז נאָר אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער...

— אַלאַן! — האָט וואָלף אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אַ געשריי געטון — איר טאָרט דאָך נישט פאַרלאַנגען, איך זאָל אַזאַ שרעקליכן סוף האָבן, איר קאָנט עס נישט פאַרלאַנגען, איר טרייבט מיך אין די אָרעמס פון טויט, נישט ווילנדיק וויסן, אַז איר טאָרט עס נישט טון.

— איר קאָנט עס נישט פאַרלאַנגען! האָט וואָלף אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג איבערגעחזר׳ט און דאָסמאָל האָט ער אַלאַנען אָנגעהויבן צו דראָהען מיט די געבײַלטע פויסטן, צוטראָגנדיק זיי אים נאָענט צו זיין געזיכט...

— כ׳האָב שוין אַלץ, וואָס כ׳האָב אייך געדאַרפט זאָגן, געזאָגט — האָט אים אַלאַן קאַלט געענטפערט, מאַכנדיק עטליכע שריט צו דער טיר, כדי פון צימער אַרויסצוגיין.

וואָלפס געזיכט האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס פון דער גרעסטער פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג.

— איך וועל דאָס געלט דעקן — האָט ער נאָך אַ פרוב געמאַכט

אויף אַלאַנ'ען צו ווירקן — און די דאָזיקע ווערטער האָט ער אויס-
געשריגן מיט אַ הויכן וויינענדיקן קול.

— ס'האַנדלט זיך נישט אין דעם! — האָט אַלאַן קורץ געענט-
פערט און איז אַרויס פון צימער.

וואָלף, וועלכער האָט איצט די לעצטע האָפנונג פאַרלוירן
זיס צו רעטן, איז געבליבן זיצן אויף זיין פאָטעל ווי פאַרגליווערט
פון צער און יאוש... אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן
און אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן זשומען און קלינגען... קוים אַ לע-
בעדיקער, האָט ער אָנגעטאָן זיין הוט און איז צוגעגאַנגען צו דער
טיר. ביי דער טיר איז ער געבליבן שטיין, אַלאַן איז געווען אין
נעבנצימער און וואָלט אים געוויס דערהערט, ווען ער וואָלט אים
אַרויף געטון. ער האָט געעפנט דאָס מויל, נאָר קיין שום וואָרט
איז ער נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצורעדן... וואָלף האָט גע-
קריצט מיט די ציין פון כעס, דערנידערונג און עלנד... טרערן
פון האַס און פייערדיקן כעס האָבן זיך ביי אים באַוויזן אין די
אויגן. אָ, ווי ער האָט איצט אַלאַנ'ען געהאַסט, ווי פיינט ער האָט
אים איצט באַקומען! ווען ער וואָלט בכח געווען, וואָלט ער פעיק
געווען אים איצט די אויגן אויסצושטעכן, אויף שטיקלעך אים
צורייסן!

— „וואַרט נור, וואַרט נור, דו מערדער איינער! האָט ער
קריצנדיק מיט די ציין פון כעס, דאַן געטראַכט: דיין שעה וועט
אויך אין גיכן שלאָגן און דו וועסט אויך האָבן אַזאַ מוסן סוף!“

מער טויט ווי לעבעדיק, האָט וואָלף זיך אַראָפּגעלאָזט אויף
דער ווינדע און אַרויסגייענדיק פון דער סינדיקאַט-געביידע, איז
ער אַריין, אין זיין אויטאָ, וועלכער האָט אויף אים שוין געוואַרט.

דער שאָפער, וועלכער האָט קוים וואָלפן דערקענט — אַזוי
האָט זיך געענדערט זיין געזיכט פאַר די פאָר שעה, וואָס ער האָט
פאַרבראַכט אין סינדיקאַט — האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און פאַר
זיך אַ זאָג געטון: „נו, וואָלף איז שוין פאַרטיק!...“

— „ער האָט מיך געקוילעט אַן אַ מעסער, אָט דער דאָזיקער
קאַלטער מערדער! ער האָט מיך געקוילעט און איך בין אַ פאַרפאַ-

האָט וואָלף, אַראָפּלאָזנדיק זיין קאָפּ, געטראַכט וועגן אַלאַנ'ען — אויף דעם האָב איך זיך נישט גערייכט, ווער האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן? ווער האָט דאָס געקאָנט פּאָרויסזען, אַז די קאַטאַסטראָפע זאָל אַזוי שרעקליך זיין"?

אויף דער פראַגע פון שאָפער, ווו ער זאָל פאָרן, האָט וואָלף קוים אויסגערעד: „הונדערט צענטע".

דאָס איז געווען דער אַדרעס פון רענע, זיין איצטיקער הויפּט-מעטרעסע. ער האָט איצט נישט געהאַט קיין פריינד, קיין גוטע ברידער, מיט וועמען ער זאָל קאָנען איבעררעדן וועגן זיין פּאַרצווייפלטער לאַגע, און דאַרום באַשלאָסן אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, צו פאַרטרויען זיין הייס-געליבטער מעטרעסע רענען

פאַר רענע'ס הויז האָט ער, אַרויסגעהענדיק פון אויטאָ, גע- הייסן דעם שאָפער וואַרטן אויף אים, ביז ער וועט נישט אַרויס- גיין צוריק.

אַ קוק טוענדיק אויף דעם טויט-בלאַסן געזיכט פון זיין העהר, האָט דער שאָפער נאָכאַמאָל אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ און פאַר זיך געטראַכט:

— „ביזט שוין, וואָלף, אַ פאַרפאַלענער! קאַפּוט! ס'וועט שוין גאָר נישט העלפן! דיינע טעג זענען שוין געציילטע".

רענע האָט מיט קיין מינע נישט אַרויסגעוויזן, אַז זי זאָל זיין צופרידן מיט וואָלפס וויזיט. זי איז געווען ברוגז אויף וואָלפן און שטאַרק זיך אויף אים געבלאָזן. רענע איז געווען אַנאויסער- געוועגליכע שיינהייט, אַזאַ ריי[illegible] נ[illegible] און ליבליכע, אַז דער אַלטער פרויען-קענער וואָלף איז פון איר [illegible] וועגן ענטציקט און ממש [illegible] צויבערט. דערזעענדיק רענען, איז אים לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און ער האָט כמעט פאַרגעסן אָן אַלע זיינע צרות... דאָס געשפּענסט פון טויט, וואָס האָט אים שוין עטליכע טעג און נעכט אַזוי האַרטנעקיק פאַרפאָלגט, איז אויך אין גלאַנץ פון רענעס זעל- טענער שיינקייט, ווי פאַרשוואונדן געוואָרן און וואָלף האָט זיך אי- איר געזעלשאַפט געפילט גליקליך, איבער-גליקליך. ער האָט אָנגע- הויבן מיט זיין יינגער מעטרעסע צו פלוידערן, לאַכן, אָנרופנדיק

זי מיט אַזעלכע צערטלעכע ווערטער פון הייסער ליבע און איבער־געבנהייט. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צו רענען פלעגט ער איר ברענגען די טייערסטע מתנות און זי האָט אים אין אַלגעמיין אָפּגעקאָסט אַן׳אוצר מיט געלט. דאָסמאָל האָט וואָלף אויך איר געבראַכט אַ קאָסטבאַרע מתנה: אַ טייערן שאַל פון פּרעכטיקע פעדערן, צו וואָס רענע האָט שוין לאַנג חשק געהאַט דערזעענדיק די דאָזיקע מתנה אין וואָלפס הענט האָט זיך אויף איר ברוגז פּנים׳ל באַוויזן אַ שמייכל, אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט און אַנער־קענונג, וואָס האָבן דעם אַלטן וואָלפן אויפגעהויבן אויפן זיבעטן הימל פון גליק. רענע האָט געהייסן איר דינסט סערווירן דעם טיש און זי און וואָלף האָבן זיך געזעצט עסן אָוונט־ברויט, פלאַפּלענדיק און לאַכנדיק אַזוי פריילעך, אַזוי זאָרגלאָז, פונקט, ווי מיט וואָלפן וואָלט גאָרנישט געשען און ווי איבער זיין האַלדז זאָל נישט האָבן געהאָנגען דער שאַרפער חלף, פונקט ווי דער מלאך־המות זאָל נישט האָבן אויף אים שוין אַן׳אויג געוואָרפן און באַשטימט, אַלס איינעם פון זיינע וואָנסטסטע קרבנות. געגעסן האָט וואָלף כמעט גאָרנישט, דערפאַר האָט ער זער פיל געטרונקען באָרדאָ־וויין, ער האָט געטרונקען און געטרונקען אָן אַן׳אויפהער גאַנצע גלעזער שטאַרקן וויין און — מערקווירדיק — האָט נישט אָנגעהויבן שכור ווערן.

— ווייסט וואָס, מיין קרוין — האָט וואָלף צו רענען שוין שפּעט אין דער נאַכט געזאָגט — מיר וועלן באַשטעלן מוזיק און טענצער, גוט?

רענע האָט אויף דעם מסכּים געווען, זי האָט טעלעפאָנירט אין אַן׳אונגאַרישן רעסטאָראַן אין יידישן קוואַרטאַל, און אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען אין רענעס פּרעכטיקע וווינונג געקומען פון דאָרט די טענצער און מוזיקאַנטן. דער עלטערער פון דער קאַפּעלע האָט גוט געקענט וואָלפס געשמאַק און שוואַכקייטן און האָט מיט זיך געבראַכט, אַ יונג שיין מיידל וואָס האָט געשטאַמט פון די זעלבע ערטער, ווו וואָלף איז אויפגעוואַקסן (עסטרייך). דאָס מיידל האָט געהייסן אַליסקאַ און האָט געזונגען אַ פאָלקס־ליד אַזוי

שטיל, אַז מען האָט זי קוים געקאָנט הערן, וואָלף האָט צוגעזאָגט דער טרופּע הונדערט דאָלאַר, אויב זיי וועלן שפּילן אָן הפסקה, אָן אַ פּויזע האַטש אויף אַ סעקונדע...

די קאַפּעלע האָט אויפן בעסטן אופן צופרידנגעשטעלט וואָלפן. זיצנדיק אין אַ ברייטן פאָטעל, האָט ער געצויגן אין זיך דעם שטאַרקן רויט-ווײַן און מיטן קאָפּ פון צייט צו צייט צוגעשאָקלט אַלס צייכן פון צופרידנהייט. פון צייט צו צייט האָט ער אויך דער קאַפּעלע אַפּלאָדירט.

שפּעט אין דער נאַכט איז וואָלף אַוועקגעפאָרן פון רענעס זווינונג. ער האָט רענען געשענקט, חוץ דעם טייערן שאַל, אַ פיינעם בריליאַנטענעם רינג, פאַר די אַלע טייערע מתנות האָט ער פון זיין מעטרעסע באַקומען אַ קאַלטן קוש אין זיין געקנייטשטן שטערן. וואָלף האָט פאַרלאָזן רענעס ווינונג און איז אַוועקגעפאָרן צו זיך אַ היים, וווּ ער האָט שוין געטראָפן די יינגע אַליסקען, וועלכע ער האָט ביים קאַפּעלמייסטער „באַשטעלט” פאַר זיך אויף אַ גאַנצע נאַכט.

— ווער האָט דיך אַהער קיין ניו-יאָרק געבראַכט? — האָט וואָלף געפרעגט אַליסקען.

— מיין אייגענער ברודער, אָבער ער איז שוין פון דאַנען אַוועקגעפאָרן אין אַ מערב-שטאַט.

— וואָס טוסטו איצט אין ניו-יאָרק?

— איך זינג אין דער קאַפּעלע, וועלכע איר האָט היינט באַשטעלט.

— האַפּט זי דער טייוול די קאַפּעלע דיינע מיט דעם קאַפּעל-מייסטער, דעם לומפּ אָן דער שפּיץ. זאָלסט דאָרט מער נישט זינגען און זיי אַוועקוואַרפן, ווייל ערשטנס, קענסטו גאָרנישט זינגען און צווייטנס, איז די קאַפּעלע קיין קאַפּעלע נישט, נאָר אַ מין נעץ פון זינד און זנות.

— איך קאָן עס נישט טון, מיין הער, ווייל כ'האָב נישט פון וואַנען צו לעבן.

— ווען איך וועל דיר געבן געלד, וועסטו טון, וואָס איך וועל דיך הייסן?

— געוויס מיין הער.

— גוט, ווי באַלד אַזוי, זאָלסטו קודם כל זיך נעמען צו לער־נען די ענגלישע שפּראַך, ווייטער — קויף עטליכע שיינע, נאָר איינפאַכע קליידער און זוך זיך אָפּ אַ שטעלע אַלס פּאַרקויפערן. גיב גוט אַכטונג אויף דעם, וואָס איך זאָג דיר. איך וועל דיר געבן 2000 דאָלאַר, ווייל דו טאַנצט אַזוי שיין, מיט דעם דאָזיקן געלד קאָנסטו דריי יאָר לעבן, באַזוך די אָוונט־קורסן לערן בוכפירונג, סטענאָגראַפיע און מאַשין שרייבן. דאָס אַלץ וועט דיר זער נוצליך זיין, ווילסטו דאָס טון? וועסטו פאָלגן מיין עצה?

— יאָ, מיין הערר! — האָט אַליסקאַ אויף ענגליש געענטפערט.

וואָלף האָט דערלאַנגט אַליסקאַן אַ פּעקל מיט אַסיגנאַציעס אויף צוויי טויזנט דאָלאַר און געזעגנדיק זיך מיט איר, האָט ער איר געגעבן נאָך צוויי דאָלאַר, הייסנדיק איר נעמען אַן'אויטאָ און תיכף אַוועקפאָרן צו זיך אַהיים. אַליסקאַ האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי וואָלף'ן צו דאַנקען פאַר אַזוי פיל געלט און זיינע גוטע עצות, וואָס ער האָט איר געגעבן, ווי אַן'אייגענער. פאַרמאַכנדיק נאָך אַליסקאַ'ן די טיר, האָט ער איר אויך געהייסן, זי זאָל קיינעם נישט זאָגן, אַז זי האָט אַזוי פיל געלט, נאָכדעם, ווי ער האָט פון זיך אָבגעלאָזט אַליסקאַ'ן, האָט וואָלף זיך געזעצט אויף אַ פאָטעל און ווידער זיך גענומען שטאַרק טרינקען... דאָסמאָל האָט ער, געטרונקען קאָנאַק, אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, נישט אַרו סלאָזנדיק דערביי זיין גראָבן האַוואַנאַ־ציגאַר פון מויל. אָבזיצנדיק אַזוי אַ פערטל שעה, האָט ער גענומען אַרומשפּרייזן איבער'ן צימער. דאָס צו־העלע ליכט פון די גאַז־לאָמפּן האָט וואָלף'ן אַ ביסל געררייצט די ראיה און ער האָט דאַריבער אַראָבגעדרייט אין אַלע לאָמפּן דאָס פייער, אַזוי אַז אין גרויסן צימער איז געוואָרן האַלב פינסטער. זיינע געדאַנקען האָבן אין זיין צוהיצטן קאָפּ געקאָכט או געיאַר. בעט אָן אַנ'אויפהער, פּלוצלינג, דערמאָנענדיק זיך אָן עפּיס, האָט וואָלף זיך אָבגעשטעלט פאַר איינעם פון די יאַפּאַנישע שענק, ער

האָט געשפּילט דאָס טײַל — און דאָרט געזען אויף די פּאָליצעס גאַנצע פּעקלעך פֿון פֿרויען־לאָקן, בלאָנדע, געלבע. גאָלדענע מײדל־לאָקן. יעדע לאָק האָט געטראָגן אויף זיך אַ צעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט פֿון װעמען די לאָקן זענען גענומען געװאָרן. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע אָריגינעלע קאָלעקציע, האָט װאָלף געשאָקלט מיטן קאָפּ — און זיך צולאַכט... ער האָט זיך דערמאָנט עטליכע עפּיזאָדן פֿון זײַן פֿאַרגאַנגענהײט און זיך נישט געקאָנט דערבײַ אײַנהאַלטן פֿון געלעכטער — װאָלף האָט בכלל פֿאַראַכטעט און געהאַסט די פֿרויען, װי יעדער מאַן װאָס האָט מיט געקױפֿטע פֿרויען געהאַט צו טון און געקױפֿטע ליבע געגאָסן.

ענדליך איז װאָלפֿן שטאַרק אומעטיק געװאָרן און אומערטרעגליך צו זיצן אין צימער אײנער אַלײן און ער איז אַרויס פֿון שטוב, כּדי צו צופֿאָרן אין קלוב, װוּ ער האָט געװאָלט אין געזעלשאַפֿט פֿון די באַקאַנטע און פֿרעמדע געסט פֿאַרברענגען דעם רעשט פֿון דער נאַכט און צושטרײען זײַנע טרויעריקע מחשבות. ס'איז געװען דרײַ אַ זײגער נאָך האַלבער נאַכט. די גאַס איז געװען פּוסט און שטיל, זעלטן האָט זיך דאָ און דאָרט באַװיזן אַ פֿאַרשפּעטיקטער דורכגײער. מיט דרײַ הײַזער װײַטער פֿון זײַן הויז האָט װאָלף באַמערקט אַן אויטאָ. װאָלף איז צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, געדונגען דעם אויטאָ און איז צוגעפֿאָרן צום קלוב. אין קלוב האָט מען נאָר בײַ דרײַ טישן געשפּילט אין קאָרטן. װאָלף האָט זיך צוגעזעצט צו זײַנע באַקאַנטע, און אויך אָנגעהויבן שפּילן. אין פֿאַרלויף פֿון אַ פֿערטל שעה האָט װאָלף געװונען בײַ זײַנע פּאַרטנײערן צװײ טויזנט דאָלאַר.

— „דאָס זענען — האָט ער מיט אַ שמײכעלע אויף די ליפּן געטראַכט — צו מיר צוריקגעקומען די צװײ טויזנט דאָלאַר, װאָס איך האָב הײַנט אַליסקען אַװעקגעשענקט".

זעקס אַ זײגער אין דער פֿרי האָט מען אין קלוב אויפֿגעהערט צו שפּילן. און אַלע געסט זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אַהײם. װאָלף איז דעם גאַנצן מהלך פֿון קלוב ביז צו זיך אַהײם געגאַנגען צופֿוס. געקומען אַהײם, האָט װאָלף אויסגעטרונקען אַ גלאָז װיסקי,

וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז וואָלף האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען מיטן גאַנצן קערפּער. ער איז נישט געווען שכּור, נאָר איז אַריינגעפאַלן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. ער האָט זיך געהייסן מאַכן אַ וואַנע. אין דער וואַנע איז וואָלף איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאַן, ווען דער באַונרויקטער דינער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין טיר פון׳ם באַדע-צימער. וואָלף האָט זיך דערויף אָנגעטון און איז אַרויס אין גאַס, ווען ס׳איז שוין גוט ליכטיק געווען און ס׳איז שוין געשטאַנען „גרויסער" טאָג.

שטאַרק צורודערט און צוטראָגן, איז וואָלפן איינגעפאַלן אין קאָפּ, אַז די מענטשן, וואָס זענען פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען און אים באַטראַכט — זענען אַלאַנס שפּיאָנען... די דאָזיקע השערה איז אין אַ רגע אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אין אַ פעסטע איבער-צייגונג, אַז אַלאַן האָט אַרויסגעשיקט שפּיאָנען אים נאָכצוקוקן... וואָלף איז פּלוצלינג אַריינגעשפּרונגען אין אַ טראַמוויי וואַגאָן און געפאָרן אָן ציל איבער צענדליקער גאַסן, זייענדיק זיכער, אַז ער איז אַזוי-אַרום אַנטלאָפן פון אַלאַנס שפּיאָנען. אין אַ שעה אַרום איז ער אַראָפּ נעבן אַ גרויסן רעסטאָראַן, האָט דאָרט געפרישטיקט, געטרונקען קאַווע און איר דערנאָך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, טראַכטנדיק אַלץ וועגן אַלאַנען און זיינע שפּיאָנען...

באַהערשט פון פאַרשידענע טריבע מחשבות, איז וואָלף געגאַנגען און געגאַנגען איבער די קאָכעדיקע גאַסן פון דער ריזן-שטאָט. ער האָט געפילט, אַז אָט גייען אים אויס די כּוחות פון מידקייט, אַז די פיס זענען אים שטייף געוואָרן — און דאָך האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט און געהאַלטן אין איין גיין. ווען ער האָט יאָ ערטערווייז געפּרוווט אויף אַ רגע זיך אָפּשטעלן, האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ און פינקלען אין די אויגן, אַזוי אַז וואָלף האָט געהאַלטן דאַן ביים אַנידערפאַלן אויף דער ערד. ווילנדיק דאָס אויסמיידן, איז וואָלף ווייטער געגאַנגען און געגאַנגען אָן אַן אויפהער ביז ער איז געקומען צום צענטראַל-פּאַרק, דאָס איז געווען פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג און וואָלף האָט זיך געשפּירט דערשיטערט, צובראָכן און באַטויבט. אין פּאַרק

זיצנדיק אויף אַ באַנק, איז וואָלף איינגעשלאָפן און שפּעטער, ווען ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען, האָט אים איינער פון די וועכטער אויפגעוועקט. וואָלף פאַרלאָזן דעם פּאַרק, און ווי אין אַ לעטאַרגישן שלאָף, זיך ווידער געלאָזט מעכאַניש גיין איבער די ניי־יאָרקער גאַסן, נישט וויסנדיק אַליין וווהין ער גייט און ווו ער וואָלט איצט געוואָלט אַריינגיבן זיך צוזעצן...

וואָלף האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער. ס'איז געווען עטליכע מינוט נאָך פינף. האָט ער נאָך, הייסט עס, אַקנאַפּע שעה צייט מיט אַלאַנען דעם ענין צו ערלעדיקן, און ווען נישט — וועט אים אַלאַן 6 אַ זייגער הייסן אַרעסטירן. וואָלף האָט גוט געוווסט אַז מאַקס ווערטער זענען נישט געווען קיין פּוסטע דראָונג און אַז ער וועט געוויס האַלטן וואָרט... זיין קאָפּ האָט אָנגעהויבן שטאַרק אַרבעטן, וואָס ער זאָל איצט טון, כּדי אויסצומיידן דעם שענדליכן אַרעסט. וואָלף האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ביי זיך 5000 דאָלאַר אין טאַש — מיט אַזאַ סומע געלט קאָן ער פיל אויפטון. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַנטלויפן — און אַנטלויפן אין אַזאַ אָרט, ווו מאַק זאָל אים נישט קאָנען כאַפּן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: קיין איינציקער מענטש, וועלכער זאָל וואָלפן קענען און אים שטערן צו אַנטלויפן. אַפילו די פאַרדעכטיקע פּאַרזאָנען, וועמען וואָלף האָט געהאַט אָנגענומען פאַר אַלאַנס דעדעקטיוון, האָט ער איצט אויך נישט געזען. הייסט עס אַלדזאָ, אַז דער מאָמענט צו אַנטלויפן איז זער אַ גינסטיקער און מען מוז אים תּיכף אויסנוצן.

וואָלף איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פריזיר אַנשטאַלט און זיך געהייסן אַראָפּנעמען זיין באָרד, און בעת דער פריזיר האָט געהאַלטן און מיטן דער אַרבעט פון אָפּראַזירן זיין באָרד, האָט וואָלף חרטה געהאַט אויף זיין גאַנצן פּלאַן און געוואָלט זיך ענטזאָגן צו אַנטלויפן פון ניו־יאָרק. צען מינוט פאַר זעקס האָט וואָלף פאַרלאָזט די פריזיר־אַנשטאַלט. ער האָט געקויפט אַ פּעקל ציגאַרן און זיבן מינוט פאַר זעקס — פאַר דעם לעצטן טערמין, וואָס אַלאַן האָט אים באַשטימט — האָט ער זיך צריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן פון דער

אונטערערדישער באַן און זיך געלאָזט פאָרן צו דער 200, סטריט. צו זיין גרויסער איבעראַשונג, האָט ער אויפן פעראָן פון דער קאָלומבּ-סקווער-סטאַציע דערזען צווישן די וואַרטענדע אַ באַקאַנטן, אַ מיט פאַסאַזשיר, וואָס האָט זיך אויך געקליבן פאָרן מיטן זעלבן צוג. דער באַקאַנטער האָט זאָגאַר אַ קוק געטון אויף וואָלפן, אָבער צום גליק, זעענדיק אים שוין אָן אַ באָרד, נישט דערקענט. מיט דעם דזשיקן מאַן פלעגט וואָלף אַלע טאָג שפּילן אין קלוב אין קאָרטן און דאָך האָט ער וואָלפן אָן אַ באָרד נישט דערקענט. נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יענער מאַן האָט וואָלפן נישט דער־קענט, האָט ער אים די גאַנצע צייט, וואָס זיי זענען געפאָרן צוזאַמען, געזען נעבן זיך... ער האָט וואָלפן פאַרפאָלגט ווי אַ שאָטן און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס וואָלפן איז איינגעפאַל, אין קאָפּ אַ שרעקליכער געדאַנק, אַז דער דזשיקער מאַן איז אפשר איינער פון אַלאַנס דעדעקטיוון.

ס'האָבן נאָך געפעלט דריי מינוט ביז זעקס אַ זייגער... וואָלף האָט אויפן פעראָן געמאַכט עטליכע טריט אָן אַ זייט או, נישט אַראָפּגעלאָזט זיין אויג פון יענעם פאַסאַזשיר: ער האָט גע־וואָלט זען, ווי אַזוי יענער וועט רעאַגירן אויף זיין דזשיקן מאַנעוור צי ער וועט אים פאַרהאַלטן אין דער השרה, אַז ער, וואָלף וויל אַנטלויפן, אָדער נישט, נאָר יענער איז זיך געשטאַנען אויף איין אָרט, פאַרטיפט אין אַ צייטונג און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אויפמערקזאַמקייט וואָלפס באַוועגונגען און האַלטונג, וואָלף האָט זיך שוין אָנגעהויבן באַרויקן, אַז דער פאַסאַזשיר איז נישט קיין דעדעקטיוו, נאָר דאָ האָט ער פלוצלינג דורך אַ ריס, וואָס איז געמאַכט געווען אין דער צייטונג, דערזען דעם פאַסאַזשיר'ס אויגן — און דער אויסדרוק פון יענע אויגן האָבן אין וואָלפן שוין קיין שום צווייפל נישט איבערגעלאָזט, אַז זיין השערה איז גע־ווען אַ ריכטיקע און אַז דער באַקאַנטער זיינער, וועלכער האָט איט כלומר'שט נישט דערקענט, איז טאַקעווירקליך אַלאַנס דעדעקטיוו וועלכער פאַרפאָלגט אים שוין מי יודע ווי לאַנג... איצט האָט וואָלף דערשפּירט, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער. און אַ קאַלטער

שוויס האָט באַדעקט זיין גאַנץ געזיכט און לייב. אין דערזעלבער רגע איז אָנגעלאָפן דער צוג. וואָלף איז, איידער דער צוג האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט, אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּלעך פון אַ וואַגאָן־פּלאַטפאָרם, נאָר דאָ האָט זיך אַ האַנט מיט לאַנגע פינגער אויסגעצויגן, כדי וואָלפן צו חאַפּן...

די אַקציאָנערן פון טונעל־סינדיקאַט האָבן צוזאַמענגערופן אַן׳אויסערגעוועהנליכע גענעראַל־פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געדויערט צוועלף שעה. די פאַרזאַמלונג איז געוועזן זער אַ שטורמישע, דער סינדיקאַט האָט געהאַט דעם 2־טן יאַנואַר מיליאָנען צינזן און דרינגענדע צאָלונגען צו דעקן. ריזן סומען, אויף וועלכע אין קאַסע און פאָרטפעל איז קוים געוועזן אַ העלפט געלט צו צאָלן. די פאַרזאַמלונג האָט פאַרעפנטליכט אַן׳אָפיציעלע מיטטיילונג, אין וועלכער זי האָט ערקלערט, אַז די פינאַנציעלע לאַגע פונ׳ם טונעל־סינדיקאַט איז מאָמענטאַל נישט קיין איבעריק גינסטיקע, ס׳זענען אָבער פאַרהאַן האָפנונגען און אויסזיכטן, אַז די לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן און קומען צו אַ נאָרמאַלן און זאָגאַר גוטן צושטאַנד דער דאָזיקער קאָמוניקאַט האָט אין אַלגעמיין אין אַ פאַרשלייערטער פאָרם דערציילט דעם גאַנצן ביטערן אמת. דער פועל־יוצא דערפון איז געוועזן, וואָס אויף מאָרגן האָט מען שוין אַ צען־דאָלאַר־אַקציע פון סינדיקאַט געקאָנט קויפן פאַר איין דאָלאַר — אַזוי שנעל און שטאַרק זענען געפאַלן די פּאַפּירן פון סינדיקאַט, אַזוי שטאַרק איז מיט אַ אַמאָל, שוואַך געוואָרן דער צוטרוי פון פובליקום צום סינדיקאַט, און אַזוי נידריק איז בכלל זיין קרעדיט געפאַלן. אַ מאַסע פריוואַט־פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער שפּעקולאַציע מיט די פּאַפּירן פון סינדיקאַט, זענען מיט אַמאָל בדיל הדל געוואָרן און זייערע חלומות אין האָפנונגען רייך צו ווערן אויף די דאָזיקע פּאַפּירן זענען זיך פונאַנדערגעפלויגן, ווי אָפּגעריסענע בלעטער פון אַ שטאַרקן ווינט.

אַן׳אומגעהויער גרויסער עולם האָט אָנגעהויבן בוכשטעבליך צו שטורמען די בענק, ווו זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער זענען געלעגן אויף „גוטע צינזען", צו האָבן זיך ווי צוזאמענגערעד

און איינשטימיק קאַטעגאָריש געפֿאָדערט, מ'זאָל זייערע דעפּאָזיטן אַרויסגעבן צוריק. אַ גאַנצע רייע פֿינאַנציעלע אינסטיטוציעס האָט זיך געמוזט פֿאַרמאַכן, בלייבנדיק אָן אַ פּעניק מזומן געלט. דער גרויסער פֿינאַנציעלער און מסחר-קריזיס פֿון 1907 איז געווען אַ שפּילעכל, אַ גאָרנישט געגען דעם איצטיקן קריזיס. אייניקע קליינע באַנק-הייזער האָבן שוין געפּלאַצט, נישט קאָנענדיק איבערטראָגן די לאַסט פֿון דער שווערער צייט, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אָנצורוקן אויף זיי. אַפֿילו די גרויסע בענק האָבן זיך אויך אַ שטאַרקן טרייסל געטון. אומזיסט איז געווען זייער טרחה צו באַרויקן דעם עולם דורך פֿאַרשידענע קאָמוניקאַטן אַז די לאַגע איז כּלומר'שט נישט אַזוי ערנסט ווי מ'שטעלט זיך פֿאָר. ניו-יאָרק-סיטי-באַנק, מאָרגאַן קאָ, לאָיד, אַמעריקאַן און נאָך עטליכע האָבן אין משך פֿון עטליכע טעג אויסגעצאָלט לעגענדאַריש גרויסע געלט סומען. די בענק-פּאַלאַצן זענען גאַנצע נעכט געווען העל-באַלויכטן און אין זיי האָט געקאָכט די אַרבעט די טעלעגראַפֿיסטן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּוחות פֿון איבערמענטשליכער אַרבעט. דירעקטאָרן, קאַסירער, סעקרעטאַרן און אַנדערע אַנגעשטעלטע פֿון די בענק האָבן נאָר עטליכע שעה שפּעט אין דער נאַכט „געכאַפּט אַ דרימל", אָנגעטון אין די מלבושים. דאָס געלט איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן טייערער. דער קרעדיט איז געפֿאַלן ביז דער לעצטער שטופֿע, ס'איז ממש אונמעגליך געווען צו קריגן ערגיץ טויזנט דאָלאַר צו באָרגן, אַפֿילו אויף די העכסטע ציגזן. די ניו-יאָרק-סיטי-באַנק האָט גענומען אונטער זיין שוץ דער באַרימטער מיליאָרדער גולד, לאָידס באַנק האָט זיך פֿאַרטיידיקט מיט אירע אייגענע כּחות געגן דעם שטורם פֿון דער ביטערער צייט. די אַמעריקאַן-באַנק האָט באַקומען אונטערשטיצונג פֿון לאָנדאָנער באַנק, אָפּגעזען פֿון דער דאָזיקער באַנק, איז אונמעגליך געווען צו באַקומען חאָטש אַ פּעניק פֿון וועלכער ס'איז נדער אייראָפּעאישער באַנק, מחמת זיי אַלע האָבן אַליין „אָנגעגירט די לענדן", כּדי צו באַגעגענען ווי ס'געהער צו זיין דעם זיך אָנריקענדן שווערן קריזיס און אויסהאַלטן מיט אים אַ סאַרביטערטן קאַמף, די וייטער-

דיקע דירעקטע פֿאָלגן פֿונם איינגעטראָטענעם קריזיס איז געווען, וואָס אַ מאַסע האַנדלס-פֿירמען זענען געגאַנגען פּליטה, קיין טאָג איז נישט אַדורכגעגאַנגען אָן אַ גרויסן באַנקראָט, קיין טאָג אָן עפּיס אַ קרבן. הונדערטער מענטשן האָבן זיך אויף פֿאַרשידענע אופֿנים דאָס לעבן גענומען.

וואָלפּס טויט איז געווען די התחלה פֿון אַ מין עפּידעמיע פֿון זעלבסטמאָרדן, אַלע טאָג זענען פֿאָרגעקומען צענדליקער פֿאַלן, וואָס רייכע סוחרים און באַנקירן האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. אייניקע האָבן זיך אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן צוג פֿון דער אונטערערדישער באַן, אַגדערע האָבן זיך געשאָסן. דער פֿינאַנץ-קערפּער פֿון אַלע וועלט-טיילן האָט אַ שרעקליכע וווּנד באַקומען און ס'האָט געהאַלטן נישט ווייט דערפֿון, ער זאָל אָפּגיין מיט בלוט... דער האַנדל און אינדוסטריע זענען ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. די טונעל-פֿאַריין-געזעלשאַפֿט, וועלכע פֿלעגט זיך באַשעפֿטיקן מיט איינקויפֿן און פֿאַרקויפֿן בוי-ערטער און גרויסע פּלעצער ביי די טונעל-סטאַציעס, האָט אויך אויפֿן צווייטן טאָג נאָך וואָלפּס טויט געפּלאַצט און טויזנטער שפּעקולאַנטן מיטגעשלעפּט מיט זיך אין תהום פֿון אונטערגאַנג. די צייטונגען זענען אין די דאָזיקע טעג געווען פֿול מיט שלאַכט-באַריכטן, וועלכע דער עולם האָט געלעזן מיטן גרעסטן לעבהאַפּסטן אינטערעס און מיט אויסערגעוועגליכער אויפֿמערקזאַמקייט. דער טונעל האָט יעדן טאָג אַלץ נייע קרבנות איינגעשלונגען. אָט האָבן אַלע ניו-יאָרקער צייטונגען מיט גרויסע קעפּלעך געבראַכט די ידיעה, אַז מר. האַררי סטילוועל, אַ באַוווּסטער באַנקיר אין טשיקאַגאָ, האָט זיך בעת מיטאָג דערשאָסן אין געגנוואַרט פֿון זיין גאַנצער פֿאַמיליע. ווייטער: קראַקאַד וויליאַמסאָן פֿון דער 26 סטריט איז לחלוטין בדיל הדל געוואָרן און אַזוי ווי אים איז פֿאָטגעשטאַנען כאָטש נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער, האָט ער זיך פֿאַר'סמט. דער פֿאַבריקאַנט קלעפּפֿעלד האָט זיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון 13-טן שטאָק אויפֿן טראָטואַר אַרויס און איז

צוקלאַפּט געוואָרן אויף טויט. ווײַטער האָבן די צײַטונגען געבראַכט אַ ידיעה, אַז וואָלף'ס פֿאָטער, דער אַלטער געוועזענער קבֿרות-ייִד אין אַ קליין גאַליציאַנישן שטעטל, און איצט אַ גרויסער גבֿיר, איז אויך אויף דער טיפֿער עלטער באַגאַנגען אַ זעלבסטמאָרד. אין אַלגעמיין האָט דער שטאַרקער קריזיס גורם געווען אַנ'אויסערגעווענליכע פּאַניק, וועלכע האָט באַהערשט די גאַנצע כּוחרישע וועלט. דער שטאַרקער פּאַניק פֿון אַמעריקאַ האָט זיך שנעל צַריבערגעכאַפּט קיין פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, און רוסלאַנד. מער פֿון אַלע האָט פֿון דער דאָזיקער פּאַניק געליטן דייטשלאַנד. אין פֿאַרלויף פֿון אַ וואָך צײַט איז דייטשלאַנד, ווי די פֿאַראייניגטע שטאַטן אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מין מרה שחורה, און אין שרעקליכן פּחד און אומרו. די אינדוסטריע, וואָס האָט זיך קוים אַ ביסל פֿאַרבעסערט פֿון די פֿאָלגן פֿון דער אָקטאָבער-קאַטאַסטראָפֿע, האָט איצט אין'ם דאָזיקן לאַנד באַקומען אַ טויט-קלאַפּ.

די אינדוסטריע וואָלט דעמאָלט פּאַראַליזירט געוואָרן וועניגסטענס אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר. לאַיד האָט ווייטער זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער גענעראַל-שטרייק קאָן מער ווי דריי וואָכן נישט דויערן, ווײַל די גרויסע אַרמעע אַרבעטער הונגערט שוין שטאַרק און אין עטליכע וואָכן אַרום, ווען זיי וואָלטן ווייטער געשטרייקט, וואָלטן זיי אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער. דער קיצור פֿון לאַידס ראיות איז געווען, אַז זיי, די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, דאַרפֿן אָנווענדן אַלע מיטלען און מעגליכקייטן, צו דערהאַלטן דעם טונעל-סינדיקאַט — דאַן וועט צו פֿרילינג-צײַט דער קריזיס געוויס אַריבער און ס'וועט אָנקומען נאָר אַ גוטע צײַט. דער אַלטער לאַיד האָט אייגנטליך פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פֿאַרלאַנגט, זיי זאָלן ברענגען געוויסע קרבנות: זיך ענטזאָגן אַ געוויסע צײַט פֿון פֿאַרדינסטן און דיווידענטן און הויך דעם אויף ווייטער פֿינאַנסירן דער סינדיקאַט. דאָס איז געווען דער זין פֿון לאַידס אויספֿירונגען. ער אַליין האָט דער ערשטער געבראַכט אַ קרבן אויפֿן מזבח פֿון דער דאָזיקער גרויסער אונטערנעמונג. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין סינדיקאַט אַ נײַע גרויסע געלט-סומע און דערמיט באַוויזן זײַן גאַנצע

אויפריכטיקייט צו דערהאַלטן דעם טונעל.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען בסוד־סודות, אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן אויף מאָרגן די צייטונגען שוין מיטגעטיילט, אַז דער טונעל וועט אין גיכן „געהאָלפן ווערן", אַז איצט איז שוין אויסגעשלאָסן יעדע מעגליכקייט, ער זאָל פאַלן און אונטערגיין, און אַז ער וועט געוויס האָבן אַ קיום. די צייטונגען האָבן זיך אויך דערוווסט און מיטגעטיילט, אַז די פאַרפליכטונגען פון סינדיקאַט בנוגע די אַקציאָנערן וועלן דעם 2־טן יאַנואַר דערפילט ווערן און אַלע וועלן דעם טאָג באַקומען אויסגעצאָלט די דיווידענטן. און דער 2 יאַנואַר איז אָנגעקומען.

VII

דעם 1 יאַנואַר פלעגן אין ניו־יאָרק אַלע טעאַטערן, אַלע קאָנצערט־זאַלן און רעסטאָראַנען איבערפולט זיין.

דעם 1 יאַנואַר פון יענעם יאָר אָבער איז געווען פוסט, און טויט, נאָר אין אייניגע גרויסע האָטעלן האָט, ווי געוויינליך גע־הערשט לעבן און פריילעכקייט. אין אַלגעמיין אָבער איז אויף דער גאַנצער שטאָט געווען אויסגעגאָסן עפּעס אַ מין אומעט און ס'האָט זיך געשפּירט אַ שרעקליך געדריקטע שטימונג. די טראַמוויי־ען האָבן נישט קורסירט, די הויך באַנען און די אונטערערדישע באַנען האָבן אַרויסגעלאָזט נור עטליכע צוגן אין פאַרלויף פון טאָג. און די דאָזיקע צוגן האָבן געפירט אינזשינערן און טעכניקער. אין פּאָרט זענען געלעגן די פאַרלאָזענע ריזן־שיפן נישט קיין באַהייצטע אין נעבל און אייז. די גאַסן זענען אין אָוונט געווען טונקל און קנאַפּ

באַלויכטן. נור יעדע דריטע לאָמפּ האָט אין די לאַמטערנס געברענט. שוין אין מיטן דער נאַכט פון דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך אַ גרויסער עולם צונויפגעזאַמלט פאַרן סינדיקאַט־בנין, גרייט צו פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט.

זיי אַלע האָבן געוואַרט אַרויסצוקריגן צוריק זייערע פינףצען, צוואַנציק, הונדערט דאָלאַר. וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט — שוין אַפילו אָן די ציַנזען, ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער סינדיקאַט וועט דעם 3 יאַנואַר אינגאַנצן זיך פאַרמאַכן און אָפּשטעלן זיין טעטיקייט, דאָס האָט נאָך פאַרשטאַרקט די אומרויִקע שטימונג צווישן די טויזנטער קרעמער, באַאַמטע און טראַמוויי־קאָנדוקטאָרן, וואָס האָבן געהאַט ליגן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט אין סינדיקאַט. און דער עולם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט פאַרן סינדיקאַטבנין, איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע. ס'איז געווען מער ווי 12 גראַד פראָסט. אַ דינער שניי האָט ווי אַ ווייסער זאַמד פון'ם הימל זיך געשאָטן אויף די קעפּ פון'ם פאַרזאַמלטן גרויסן עולם, פרירנדיק און ציטערנדיק פון קעלט, האָבן די פאַרזאַמלטע זיך צוזאַמענגעפּרעסט אין אַ געדיכטער מאַסע, כדי זיך אויף אַזאַ אופן חאָטש אַ ביסל צו דערוואַרימען... איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן זיינע השערות און מורא וועגן דעם סינדיקאַט און גורל פון'ם געלט, וואָס זיי האָבן דאָרטן ליגן.

דער גרויסער עולם איז טיף אין דער נאַכט אין אַזאַ קעלט געשטאַנען אַזוי ענג צוזאַמענגעדריקט, אַז פיל פון זיי זענען, אַזוי שטייענדיק, אַ נגעדרעמלט, אייניקע זאָגאַר — איינגעשלאָפן, מיט בלויגעפרוירענע געזיכטער, מיט אויגן פול מיט מורא פאַרן גורל פון זייער געלט, זענען די דאָזיקע מענטשן געשטאַנען און געוואַרט אַז די טיר פון'ם פאַראַד איינגאַנג זאָל זיך עפענען, און מ'זאָל זיי עפּיס מיטיילן, ווי ס'האַלט מיטן סינדיקאַט, ווען און וויפיל זיי וועלן באַקומען פון זייערע בלוטיקע אָפּשפּאָרונגען.

דאָס געלט! דאָס געלט! דאָס געלט! — די אַרבעט פון זייער גאַנץ לעבן, זייער שווייס זייער מי, פול מיט אַזוי פיל קרבנות,

שלאָפלאָזע נעכט, גרויע האָר און פאַרקריפּלטע גוף און נשמה — אָט פון וועלכע עלעמענטן איז צוזאַמענגעשטעלט דאָס געלט דאָס בלוטיקע אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן אַריינ־געלייגט אין סינדיקאַט, אין דער האָפנונג גוטע צינזען צו באַקו־מען פון זייער געלט. נאָכמער — יענץ געלט, וואָס ליגט אין סינ־דיקאַט און איז איצט אין אַזאַ סכנה, באַדייט: זייער איצטיקע עלטער, די נישט באַוואָרנטע עלטער מיט צושמעטערטע האָפנונגען אַנ׳עלטער פול אָרימקייט, עלנד און נויט.

די מורא פאַר דער אויפרעגונג פון גרויסן עולם איז גע־וואַקסן פון מינוט צו מינוט. ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ס׳אין שוין נישטאָ קיין שום האָפנונג, זייער געשפּאָרטן גראָשן צו ראַ־טעווען — וועלן זיי זיך שוין אָן אים, אָן דעם גרעסטן שווינדלער פון אונדזער צייט, אָן דעם דאָזיקן אַלאַנ׳ען, גוט נוקם זיין: זיי וועלן אים צורייסן אויף שטיקלעך און ער וועט פון זייערע הענט, ווי חיטרע און פאַרזיכטיק ער זאָל נישט זיין, שוין קיין לעבע־דיקער נישט אַרויס.

געגן מאָרגן זענען צום סינדיקאַט־בנין געקומען אַלץ נייע און פרישע מאַסן מענטשן, זיך דערוויסן געענוי, ווי ס׳האַלט מיט זייער געלט. די קייט פון געדיכטע מענטשן־מאַסן האָט זיך געצויגן ווייט, ווייט, אָנשפּאַרנדיק מיט איר ברעג, אַזש אין דער וואַרן־סטריט. ענדליך האָט אָנגעהויבן טאָגן, אַרום אַכט אַ זייגער איז דורך דער גרויסער מענטשן־מאַסע פּלוצלינג דורכגעגאַנגען אַ באַ־וועגונג: אין שווייגנדן פינצטערן סינדיקאַט־בנין האָט מען אָנגעצונדן די ערשטע לאָמפּ. ניין אַ זייגער — פּונקט ווי דער טורמע־זייגער האָט אויסגעשלאָגן ניין מאָל — האָבן זיך געעפנט די שווערע קירכן־טירן פון סינדיקאַט־בנין. די מאַסע האָט זיך, ווי אַ מעכטיקער שטראָם, אַ לאָז געטון אין פּרעכטיקן איינגאַנג פון פראָנט און פון דאַנען אין די גרויסע גלענצענדע צימערן אַריין, אַ גאַנצע מחנה באַאַמטע האָבן זיך צוטראָגן אַרומגעדרייט אַהין און אַהער אינטער די קלייגע פענצטער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסקויפן די קו־פּאָנעס. די אַרבעט איז געגאַנגען בליץ־שנעל און האָט ממש גע־

קאָכט אונטער די הענט פון די געניטע באַאַמטע. טויזנטער טעג-
טשן זענען, באַקומענדיק דאָס געלט פאַר די קופאָנעס, אַרויס
פונ׳ם גרויסן קאַסע-צימער מיט שיינענדיקע, העכסט-צופרידענע
פּנים׳ער. אַרום צען אַ זייגער אָבער האָבן זיך אַרויסגעוויזן קליינע
שוועריקייטן ביי דער אַרבעט פון אויסצאָלן געלט פאַר די קופאָ-
נעס. די אַרבעט האָט אין אַלגעמיין פאַרלוירן פון איר שנעליקייט
און אָנגעהויבן גיין פוילער און שוואַכער, דריי פענצטער האָבן
זיך צו יענער צייט פאַרשלאָסן, מחמת זיי האָט אויסגעפעלט געלט.
דאָס פובליקום איז ווידער שטאַרק אונרויק געוואָרן, און די פאַר-
שידענע באַאַמטע זענען גלייכצייטיק פון צען און פופצן מענטש
געוואָרן געשטורמט, דאַן האָט די פאַרוואַלטונג פון דער קאַסע
געלאָזט מודיע זיין, אַז די פענצטער וועלן בלייבן געשלאָסן נור
פינף מינוט. אין די קאָרידאָרן האָט זיך דערווייל צונויפגעזאַמלט
נאָך אַ גרעסטער עולם, אַזוי אַז מ׳איז געשטאַנען צונויפגעקוועטשט
ווי הערינג אין פאַס. אין אַלגעמיין האָבן זיך פאַרן סינדיקאַט-
בנין, ווי די צייטונגען האָבן מיטגעטיילט, צונויפגעזאַמלט ביז
30,000 פּערזאָן.

דאָס געדולט פונ׳ם גרויסן עולם האָט ענדליך געפּלאַצט
און ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען, אַ פייפעריי און קללות אויפן
אַדרעס פון די דירעקטאָרן און אָנפירער ון סינדיקאַט. די שלאָפ-
לאָזע נאַכט, וועלכע די דאָזיקע מענטשן האָבן פאַרבראַכט שטענ-
אונטערן פריין ווינטער-הימל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָפּ-
געשוואַכטער האָפענונג זייער געלט צוריק צו באַקומען, האָבן אַלע
מען שטאַרק דענערווירט און ס׳איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי
זענען אַלע געוואָרן שרעקליך אויפגערעגט אויף די אָנפירער פון
סינדיקאַט בכלל און אויף אַלאַנען בפרט.

— שוין ווידער געשלאָסן די פענצטער!

— אַ נעכטיקער טאָג! זיי האָבן אין קאַסע קיין געלט נישט

— האָבן זיך געהערט אויפגערעגטע קולות פון הונדערטער מענטש
און דאָס שטויסן און שטופן זיך איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. ס׳איז

ממש געווען אַ סכנה פֿאַרן לעבן פֿון די צונויפֿגעזאַמלטע און דער טויט האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ. די אויפֿרעגונג האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה:

— מיין געלט, מיין שווער פֿאַרהאָרוועט געלט גיט מיר אָפּ, שווינדלער, גיט מיר אָפּ מיינע דריי הונדערט דאָלאַר! גיט מיר אַוועק מיינע דריי הונדערט דאָלאַר, גנבים, רוצחים! — האָט געשריגן איינער אין דער העכסטער פֿאַרצווייפֿלונג.

דאָס דאָזיקע ביטערע געשריי פֿון פֿאַרצווייפֿלטן מענטש האָט אויפֿן גאַנצן עולם געהאַט אַ ווירקונג פֿון אַנ'עלעקטרישן פֿונק. אַלע האָבן זיך פֿון כּעס אָנגעצונדן ווי מיט אַ פֿייער און, נישט קוקנדיק זיך שוין באַהערשן, האָבן הונדערטער פֿון עולם אָנגעהויבן חרוב צו מאַכן די פֿענצטער, צוברעכן דאָס מעבל, די שפּיגעל און אַנדערע זאַכן וואָס האָבן זיך זיי נאָר געוואָרפֿן אין די אויגן אַריין, אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט אַנ'אייגענאַרטיקער קלאַנג פֿון צובראָכענע פֿענצטער און גלעזערנע טירן און די טראָטואַרן, האָבן זיך באַדעקט מיט אַ געדיכטער מאַסע פֿון גלאָז-ברעקלעך און קריסטאַל-שפּליטער. די עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אָפּצוהיטן די אָרדנונג, האָבן, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, גאָר נישט געקאָנט אויפֿטון מיט אַזאַ גרויסן עולם.

די מחנה אָנגעשטעלטע, זעענדיק וואָס פֿאַר אַ דראָענדן כאַראַקטער און שטעלונג דער צורייצטער און העכסט אויפֿגערעגטער המון האָט אָנגענומען, זענען דורך די אינטער-טירן אַנטלאָפֿן פֿון יין צאָרן און די הונדערטער צימערן, וואָס דער סינדיקאַט האָט פֿאַרנומען, זענען געבליבן ליידיק, אָן אַ לעבעדיקער נשמה.

אויסער זיך און משוגע פֿון כּעס, האָט דער המון אָנגעהויבן אַרויסוואַרפֿן דורך די פֿענצטער שטיקער מעבל און פּעקפּאַפּירן אויף דער גאַס, הונדערטער אויפֿגערעגטע מענטשן האָבן זיך געלאָזט אויף די טרעפּ פֿון די העכערע שטאָקן אַרויף, דאָרט אָפּצוזוכן די באַאַמטע פֿון סינדיקאַט, כּדי מיט זיי זיך אָפּצורעכענען, ווי ס'געהער צו זיין און אויף זיי זייער גאַנצן כּעס אויסצוגיסן. דריי יונגע לייט, מעכאַניקער האָבן זיך זאָגאַר אויפֿגעהויבן ביזן

32 שטאָק, ווו אַלאַנס קאַבינעט האָט זיך געפֿונען, אין דער האָפֿנונג אַלאַנ'ען דאָרט צו פּאַקן.

— מאַק! מאַק! — האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען, קלאַפּנדיק שטאַרק אין טיר פֿון זיין צימער.

אַלאַן האָט זיך ווירקליך דעמאָלט געפֿונען אין זיין קאַבינעט. ער האָט געעפֿנט די טיר און — מערקווירדיק — דערזעענדיק אַלאַנען איז ביי די יונגע לייט דער גאַנצער קוראַזש אָנגעפֿאַלן און צוזאַמען, מיט דעם יעדער השק איבער אים אַ געוואַלד-טאַט צו באַגיין.

— וואָס ווילט איר! — האָט זיי אַלאַן רויק געפֿרעגט.

— מיר ווילן אונדזער געלט, אונדזער געלט גיט אונדז אָפּ.

אַלאַן האָט געמיינט, אַז די יונגע-לייט זענען שכּור.

— גייט אין דער ערד אַריין! — האָט ער זיי געענטפֿערט און פֿאַר זייער נאָז האַסטיק די טיר צוגעמאַכט.

די יונגע-לייט זענען געבליבן שטיין פֿאַר דער טיר אין דער גרעסטער פֿאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק, וואָס זיי זאָלן איצט טון, זיי זענען אַהער געקומען מיט מאַכן זיך אָפּצורעכענען, פֿון אים מיט גיטן אָדער מיט בייזן זייער געלט אַרויסצוקריגן — און איצט קאָנען זיי זיך קיין עצה נישט געבן, וואָס זיי זאָלן מיט אים טון... אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן די יונגע-לייט דערהערט שרעקלעכע געשרייען נאָך הילף. צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי דערשפּירט אַ רויך...

עס איז פֿאַר זיי געוואָרן קלאָר, אַז הינטן, ערגיץ אויפֿן 20. אָדער 18. שטאָק האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה, באַהערשט דורך אַ פּאַנישער שרעק, האָבן זיך די יונגע-לייט געלאָזט אַנטלויפֿן אַראָפּ פֿון די טרעפּ, און קומענדיק אויפֿן 20-טן שטאָק האָבן זיי זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך אַ געדיכטן וואָלקן רויך און פֿלאַמען... מיט שרעקליך אויסגעגלאָצטע אויגן זענען זיי אין טויט-שרעק געלאָפֿן ווייטער אַראָפּ ביז זיי האָבן דערגרייכט די קאָרידאָרן פֿון פּאַרטער און פֿון דאַנען אַרויס אויף דער גאַס און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט גרויסן עולם, וואָס איז נאָך אַלץ

געשטאַנען אַרום דעם סינדיקאַט-בנין און איצט מיט נייגיריקייט געקוקט אויף די פלאַמען-צונגען און וואָלקנסרויך, וואָס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די אויבערשטע שטאָקן.

VIII

קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. קיינער האָט נישט געוווסט, ווער דאָס האָט אָפּגעטון, קיינער האָט עס נישט געזען, אָבער די מעשה איז דאָך געשען... אויפן דריטן שטאָק האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן אַ יונגער-מאַן און זיך אַנידערגעשטעלט אויף די ראַנדן פון פענצטער, דער דאָזיקער יונגער-מאַן האָט געהאַלטן צוזאַמענגעלייגט די הענט פאַרן מויל אַזוי, אַז מ'זאָל אים קאָנען בעסער הערן, און מיט אַ הויכן שטאַרקן קול, האָט ער אָנגעהויבן שרייען.

— פייער! עס ברענט! עס ברענט! ראַטעוועט זיך ווער ע'ס קאָן.

דער יונגער-מאַן איז, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן געווען זשאַמס בלאַקסטאָן, אַ באַנק-באַאַמטער. לכתחילה האָט אים קיינער נישט געהערט און זיין קול איז פאַרהילכט געוואָרן דורכן שטאַרקן געשריי און געפילדער פונם גרויסן עולם, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט עטליכע מאָל איבערגעחזרט זיין עקספּערימענט און יעדעס מאָל אַלץ העכער און העכער, האָט מען זיין קול ענדליך דערהערט און ס'איז איבעריק, דאַכט זיך, צוצוגעבן, וואָס פאַר אַ

ווירקונג דאָס וואָרט „ס׳ברענט“ האָט געהאַט אויפן עולם. אין
גרעסטער טויט־שרעק האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן שטופּן, סטאַרענדיק
זיך וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון די קאָרידאָרן אין גאַס אַרויס,
דאָס שטופּן זיך און לויפן איז געווען אויסערגעוועגליך. צום גליק
איז דאָס פּאַנישע לויפן און שטופּעניש אַראָפּ כמעט אָן קרבנות
און דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס די קאָ
רידאָרן און די לאָקאַלן אין סינדיקאַט־בנין זענען געווען זער ברײ־
טע. אין עטליכע מינוט אַרום איז דער ריזן־בנין שוין אַרומגערינגלט
געווען מיט אַ גאַנצער מחנה פייער־לעשער און די לעשונגס־אַקציע
האָט זיך אָנגעהויבן צו דער צייט. נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם
איז אין גיכן דער גאַנצער בנין געשטאַנען אין פייער. אינעווייניק
איז אַלץ פאַרבענט געוואָרן בעת דער סקעלעט פונ׳ם בנין, וועל־
כער איז באַשטאַנען בלויז פון בעטאָן און אײַזן, איז געבליבן גאַנץ

IX

אַלאַן איז איבערן דאַך אַנטלאָפֿן פֿונ'ם ברענענדן הויז און קלעטערנדיק איבער די דעכער פֿון די שכנות'דיקע הייזער, איז אים געלונגען זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער גאַס דורך אַ ווינדע פֿון אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען האַרט נעבן סינדיקאַט-בנין. ער האָט אין די דאָזיקע מינוטן פֿון סכנה און שרעק נישט פֿאַרלאָזן זיין קאַלטבלוטיקייט און באַוויזן אין דער גיך אַריינצושטופּן אין די טאַשן עטליכע וויכטיקע בריוו און דאָקומענטן וואָס זענען געלעגן אויפֿן טיש, און מיטגענומען מיט זיך. קלעטערנדיק אַזוי אַרום אויף די דעכער פֿון די שכנות'דיקע הייזער האָט אַלאַן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פֿאָטאָגראַף, וועלכער האָט דאַן אויף זיין אַפּאַראַט פֿאַראייביקט דאָס הערליכע בילד פֿונ'ם ריזיקן בנין, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ים פֿון פֿייער און פֿלאַמען.

בעת דער דאָזיקער ריזן-שׂרפֿה, איינע פֿון די גרעסטע, וואָס זענען נאָר אַמאָל פֿאָרגעקומען אין ניו-יאָרק, זענען אומגעקומען סך-הכל זעקס מענטשן: זשילמאָר אַ דינער אין דער קאַסע, מיט די קאַסירער רייכהאַרד און וועבסטער, ווי אויך צוויי באַאַמטע פֿון דער הויז-פֿאַרוואַלטונג. חוץ דעם זענען אומגעקומען בעת דער שׂרפֿה די אַרכיטעקטן קאַפּעלי און ס — אָ — בריען, וועלכע זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿונ'ם 15. שטאָק פֿון אַ צימער, וואָס איז געשטאַנען אין פֿלאַמען. די דאָזיקע ריזן-שׂרפֿה איז פֿאַרן סינדיקאַט געווען אַ טויט קלאַפּ. דער היזק איז, נישט קוקנדיק אויף דער אַסעקוראַנץ-סומע, געווען אַן אומגעהויער גרויסער. נאָר נאָך אַ פֿיל גרעסערן היזק, ווי דער פֿאַרברענטער בנין, זענען פֿאַרן סינדיקאַט געווען די טויזנטער ווערט-בריוו, דאָקומענטן, קוויטונגען און פּלענער וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט ראַטעווען, און זענען אַלע פֿאַרברענט געוואָרן.

לויט אַן אַמעריקאַנישן געזעץ, מוזן גענעראַל, פֿאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטן ווערן דעם ערשטן דינסטאָק פֿון נייעם יאָר. דער דאָזיקער דינסטאָק איז דאָס יאָר אויסגעפֿאַלן אויפֿן פֿירטן טאָג נאָך

דער שׂרפֿה און דער סינדיקאַט האָט דעם טאָג זיך דערזען אין דער נויטווענדיקייט צו דערקלערן אַ קאָנקורס.

דאָס איז געווען דער סוף.

נאָך אין אָוונט, ווען דער קאָנקורס איז דערקלערט געוואָרן האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט אַ מעגע מענטשן פֿאַרן צענטראַל-פּאַרק האָטעל, ווו אַלאַן האָט זיך דעמאָלט פּראָוויזאָריש באַזעצט.

די מענגע האָט בנוגע אים אַרויסגעוויזן אַ דראָענדע האַלטונג, האָט געפּילדערט און געפּייפֿט און אים געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט. דער אייגנטימער פֿון האָטעל האָט מורא געהאַט, אַז דער המון זאָל נישט אויסשלאָגן די פֿענצטער אין זיין ווילד כּעס, ער איז דערום געפֿאַלן אויף אַנ׳המצאה און צוגעשטעלט אַלאַנ׳ען געפֿעלשטע בריוו, אין וועלכע דער המון דראָט כּלומר׳שט אויפֿצורייסן דעם האָטעל דורך דינאַמיט, ווען אַלאַן וועט דאָרט ווייטער פֿאַרבלייבן, מיט אַ ביטערן גרינג שעצענדן געלעכטער האָט אָבער אַלאַן אָפּגעגעבן דעם בעל-הבית פֿון האָטעל די דאָזיקע בריוו.

איך פֿאַרשטיי אייך גוט – האָט אַלאַן אים געזאָגט און האָט זיך בשתיקה איבערגעצויגן אין אַנ׳אַנדער האָטעל אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען אויף מאָרגן אָבער האָט אַלאַן געמוזט אויך דעם דאָזיקן האָטעל פֿאַרלאָזן, מחמת דער עולם האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז ער האַלט זיך דאָרט אויף ס׳איז ענדלעך געקומען דערצו, אַז קיין שום האָטעל אין ניו-יאָרק האָט נישט געוואָלט פֿאַר קיין שום געלט אַריינלאָזן אַלאַנ׳ען צו זיך אַלס גאַסט, מורא האָבנדיק, אַז דער געגן אים אויפֿגעבראַכטער המון זאָל דעם האָטעל נישט צושטערן און מאַכן פֿון די צימער מיט מעבל אַ תּל. דיזעלבע האָטעלן, וואָס פֿלעגן נאָך נישט לאַנג האַלטן פֿאַר דעם גרעסטן כּבוד צו זען בײַ זיך אַלאַנ׳ען אַלס גאַסט, האָבן איצט קאַטעגאָריש זיך ענטזאַגט אים בײַ זיך אַרײַנצולאָזן... מ׳האָט זיך געהיט פֿאַר אים, ווי מ׳היט זיך פֿאַרן געפֿערליכסטן מענטש. אַלאַן איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן ניו-יאָרק. איבערפֿאָרן און זיך באַזעצן אין מאַק-סיטי האָט ער אויך נישט געקאָנט, ווייל די אַרבעטער האָבן געדראָט ד־

דאָזיקע שטאָט אונטערצוצינדן און חרוב מאַכן, ווי באַלד נור אַלאַן וועט אַהין אָנקומען און דאָרט זיך באַזעצן אויף אַזאַ אופֿן האָט אַלאַן געמוזט מיטן נאַכט־צוג אַוועקפֿאָרן קיין בופֿאַלאָ. זיינע פֿאַבריקן אין בופֿאַלאָ האָבן געמוזט באַוואַכט ווערן דורך דער פּאָליציי. נאָר זיין קומען קיין בופֿאַלאָ האָט אויך לאַנג נישט געקאָנט בלייבן אַ סוד. אין גיכען האָט מען זיך דערוווּסט און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו דראָהען אויפֿצורייסן זיינע פֿאַבריקן אין דער לופֿט, כדי זיך צו שאַפֿן געלט, האָט אַלאַן פֿאַרזעצט אַלע זיינע פֿאַבריקן און אונבאַוועגליכע גיטער ביי דער באַקאַנטער רייכער וווּכערן מיסטריס בראָוון, וועלכע איז שוין באַקאַנט דעם לעזער פֿון דער גרויסער באַראַטונג, וואָס די גרעסטע אַמעריקאַנער מיליאָרדערן האָבן געהאַט אָפּגעהאַלטן אויפֿן דאַך־גאָרטן פֿון אַטלאַנטיק־האָטעל אַלאַן האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין טשיקאַגאָ, אָבער אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט האָבן זיך אויך געפֿונען הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אָנגעווירן זייער געלט אין טונעל־סינדיקאַט.

מ'האָט אים אויך פֿון דאָרט פֿאַריאָגט. אַלאַן האָט מורא געהאַט, ווי מען זאָגט, אַ נאָז אויף דער גאַס אַרויסצושטעלן אוי־ וווּ ער איז נישט מגולגל געוואָרן, האָט ער געמוזט זיצן בחדר חדרים, און זיך נישט באַווייזן פֿאַרן אויפֿגערעגטן עולם. בכלל האַלטן בסוד סודות דאָס אָרט, וווּ ער האַלט זיך אויף.

נאָך גאָר נישט לאַנג איז אַלאַן געווען איינער פֿון די מעכטיגסטע און באַרימטסטע מענער אויף דער וועלט און געווען באַשאָטן מיט אָרדענס און אויסצייכנונגס־זשעטאָנען פֿון פֿאַרשידענע מלכים און הערשער. ער איז געווען ערן־דאָקטאָר פֿון פֿיל אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס, אַנ'ערן־מיטגליד פֿון פֿיל וויסנשאַפֿטליכע געזעלשאַפֿטן; יאָרן־לאַנג האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע מענער פֿון אונדזער עפּאָכע, מ'האָט באַוווּנדערט זיין זשעני און געהאַלטן אין איין זינגען לכבוד אים לויב־לידער. ווען ער האָט זיך ערגיץ באַוויזן אין אַ געזעלשאַפֿטליכן אָרט, האָבן זיך אַלע אויפֿגעהויבן פֿון די ערטער און אויף

אים געקוקט מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד.

ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן, איז ער שטענדיק געווען אַ געגנשטאַנד פֿון באַגייסטערונג און אָפּטמאָל פֿון אָוואַציעס. ווי אַ שאָטן פֿלעגן אים אָפּטמאָל פֿאַרפֿאָלגן און פֿון אים נישט אָפּטרעטן גאַנצע מחנות זשורנאַליסטן און פֿאָטאָגראַפֿן, מ'פֿלעגט האַלטן אים אין איין אינטערוויוירן, מ'האָט זיך מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, און אַלץ וואָס ער האָט גערעדט און געטון האָט מען געהאַלטן פֿאַר דער גרעסטער חכמה. ס'האָט זיך קיינעם נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער געניאַלער מענטש זאָל ווען ס'איז קאָנען באַגיין אַ פֿעלער און געשטרויכלט ווערן. מ'האָט אים געהאַלטן פֿאַר מין-איבערמענטש און נאָך אַזאַ גרויסקייט, נאָך אַזאַ פּאָפּולאַריטעט — אַזוי נידריק פֿאַלן אין די אויגן פֿון זיינע מיליאָנען פֿאַרערער, אַזוי פֿאַלן, אַז מ'קאָן איצט זיין נאָמען גלייכגילטיק נישט הערן, און דערמאָנענדיק אַלאַנ'ען קריצט יעדער מיט די ציין פֿון צאָרן און אויפֿרעגונג.

די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע אין טונעל, ביי וועלכער ס'זענען אומגעקומען 3000 מענטשן, האָט מען אים מוחל געווען, אָבער דער קראַך פֿון זיין גאַנצער גראַנדיעזער אונטערנעמונג, פֿונ'ם טונעל-סינדיקאַט, איז אים איצט קיינער נישט מוחל, ווייל דאָס האָט גורם געווען, אַז מיליאָנען מענטשן זאָלן פֿאַראָרימט און ענטוישט ווערן אין זייערע האָפֿנונגען. די גרעסטע צרה, דאָס גרעסטע אומגליק פֿאַר אַ יענקי איז ענטטוישט צו ווערן אין זיינע האָפֿנונגען און דערצו נאָך בדיל הדל ווערן דורך דער שולד פֿון אַ זייטיקן מענטש. און דערפֿאַר איז אין גאַנץ אַמעריקאַ געווען די אויפֿרעגונג און צאָרן געגן אַלאַנ'ען אַזוי שטאַרק, דערפֿאַר האָט מען אים איצט באַטראַכט פֿאַר דער שעדליכסטן מענטשן פֿון אונדזער צייט, פֿאַר אַנאַוואַנטוריסט און געפֿערליכן שווינדלער-ס'איז אַ קלייניקייט צו זאָגן: ער האָט דאָך ביים פֿאָלק אַוועקגעגנבֿ'ט מיליאָנען און מיליאַרדן טויט-שטראָף איז, דאַכט זיך, אויך ווייניק פֿאַר אַזאַ שווינדלער און גנבֿ, אַזוי האָט איצט יעדער

אַמעריקאַנער געטראַכט וועגן זיין פֿריערדיקן אָפּגאָט, אַלאַנ׳ען.

אים האָט מען געהאַלטן פֿאַר דעם ערשטן שווינדלער, און וואָלף — פֿאַר דעם צווייטן פֿון אונדזער צייט... ער, דער גרויסער שווינדלער, האָט פֿאַרקנכט די גאַנצע געשיכטע מיטן טונעל, האָבּדיק דערביי נור איין צוועק — צו באַוואָרענען זיך מיט אַ שטענדיקן אָפּזאָץ־פּלאַץ פֿאַר זיין אַלאַניט. צו אַזאַ באַשלוס זענען געקומען זער פֿיל מענטשן אין אַמעריקאַ, וואָס זענען באַקאַנט געווען מיט אַלאַנס פֿאַרגאַנגענהייט און מיט דער ראָליע, וואָס זיין ערפֿינדונג, דער אַלאַניט, האָט געשפּילט אין אָנהויב פֿון זיין קאַריערע.

די אויפֿרעגונג געגן אַלאַנ׳ען האָט זיך די לעצטע פּאָר טאָג נאָך פֿאַרשטאַרקט צוליב דעם, וואָס עס איז אַרויס אַ קלאַנגען אַז ער האָט, זעענדיק ווי דער סינדיקאַט האַלט ביים פּלאַצן, אַרויסגענומען באַצייטנס פֿון דאָרט זיין גאַנץ פֿאַרמעגן און עס אַוועקגעלייגט אין אַ זיכער אָרט. גאַנץ אַמעריקאַ האָט איצט געברענט מיט צאָרן געגן אַלאַנ׳ען און ווער ס׳האָט נור אַ מויל געהאַט האָט אים געזידלט און געשאָלטן לכתחילה זענען נאָך געווען עטליכע צייטונגען, וואָס האָבן אָנגעהערט צו אַלאַנס פּאַרטיי און האָבן זיך פֿאַר אים אָנגענומען, די דאָזיקע צייטונגען האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אַלאַן איז אין דעם אומגליק גאָר נישט־שולדיק, אַז ער איז נישט מער ווי אַ קרבן פֿון שווערע אומשטענדן און נישט פֿאָרויסגעזעענע שוועריקייטן — הכלל, אַז ער איז טאַקע אַן ערליכער מענטש, וועלכער פֿאַרדינט, מ׳זאָל מיט אים מיטלייד האָבן. די דאָזיקע צייטונגען האָבן אָבער באַקומען טויזנטער בריוו מיט דראָונגען, אַז מ׳וועט זיך מיט זיי שטענדיק אָפּרעכענען, אויב זיי וועלן ווייטער זיך ערלויבן צו נעמען אַזאַ אויסוואורף אונטער זייער שוץ. די צייטונגען האָבן געמוזט אויפֿהערן צו דערמאָנען אַלאַנס נאָמען אויף זייערע שפּאַלטן.

אַלאַן איז אין פֿאַרלויף פֿון עטליכע וואָכן מגולגל געוואָר אין צענדליקער שטעט. אָבער אין ערגיץ האָט ער זיך מער ווי אַ האַלבן טאָג נישט געקאָנט אויפֿהאַלטן, קוים האָט מען זיך נור

דערוווסט, אַז אַלאַן געפינט זיך דאָ אָדער דאָרט, האָט מען תיכף געפאָדערט פון האָטעל-באַזיצער, ער זאָל אים אַרויסטרייבן, און אַלאַן האָט געמוזט אַנטלויפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. א קורצע צייט איז ער געווען אַ גאַסט ביי וואַנדערשטיפטן אין אָהיאָ נאָר ווען די דאָרטיקע איינוווינער האָבן זיך דערוווסט, אַז דער „גרויסער שווינדלער” פאַרברענגט דאָ אַלס גאַסט, האָבן זיי אונגעטערגעצונדן וואַנדערשטיפטס עטליכע שפייכלער און מיט דעם געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי פאַרלאַנגען, אַז אַלאַן זאָל תיכף פאַרלאָזן אָהיאָ. די פרעדיקער פון דער קירכע האָבן אויסגענוצט די גייסטע שטימונג פון די פאָלקס-מאַסן און אַלאַנ׳ען אַ נאָמען געגעבן „דער אַנטי-קריסט”. זיי האָבן מיט זייערע דרשות געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. אין גיכן האָט זיך אין גאַנץ אַמעריקאַ שוין נישט געפונען קיין פערזאָן, וועלכע האָט נישט מורא געהאַט, אַלאַנ׳ע ביי זיך אויפצונעמען אויף וואַנדערשטיפטס אַדרעס האָט אַלאַ באַקומען אַ טעלעגראַם פון עטעל לאָיד.

— „געהערטער מיסטער אַלאַן — האָט עטעל לאָיד אים דעפעשירט — פאַפאַ בעט איין, זיך צו באַזעצן ביי אונז אויפן גוט טורטל-ריווע, אין מאַניטאבא, אויף ווי לאַנג איר ווילט נור אַליין. דעם פאַפאַ וועט זייער פרייען אייך צו האָבן אַלס גאַסט. איר וועט דאָרט קאָנען אין טייך כאַפן פיש, די בעסטע פאָרעלן, און רייטן אויף טייערע פערד. באַזונדערס קאָן איך אייך רעקאָמענדירן אונדזער ראַסע-פערד טערי. מיר האָפן, אַז ס׳וועט אייך ביי אונדז נישט זיין לאַנגווייליק. אויף זומער וועלן מיר קומען צו אייך קיין ניו-יאָרק. ניו-יאָרק הויבט שוין אָן רויק צו ווערן, בלייבט געזונט! מיר גריסן אייך הערצליך. עטעל לאָיד.

אין קאַנאַדאַ, אין לאָידס פראַכטיקן גוט, האָט אַלאַן ענדליך געפונען אַ מקום-מנוחה, דאָרט האָט ער זיך אָפגערוט נאָך דעם אומערל פון ארומלויפן פון איין שטאָט אין די אַנדערע און נאָך די גרויסע דאַגות, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע צייט. קיינער האָט נישט געוווסט, ווו ער געפינט זיך. אייניקע צייטונגען וואָס יאָגן זיך שטענדיק נאָך סענסאַציעס און ברענגען אָפט צוליב

דעם נישט קיין ריכטיקע ידיעות, האָבן מיטגעטיילט, אַז מאַק אַלאַן איז באַגאַנגען זעלבסט מאָרד. זיי האָבן מיט דעם דאָזיקן ליגן אומעטום דערוועקט די גרעסטע סענסאַציע.

— „דער טונעל האָט איינגעשלונגען אַלאַנ׳ען" — מיט אַזאַ קעפל האָבן יענע צייטונגען אָפּגעדרוקט די דאָזיקע העכסט-סענסאַציאָנעלע ידיעה, די אָבער, וואָס האָבן גוט געקענט אַלאַנ׳ען, זיין כאַראַקטער און זיין ענערגיע, זענען געווען זיכער, אַז די מעשה וועגן זיין זעלבסט-מאָרד איז אַנ׳אויסגעטראַכטע און נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אַ געיעג נאָך סענסאַציעס מצד די דערמאָנטע צייטונגען. די מענטשן, וואָס האָבן גוט געקענט אַלאַנ׳ען, האָבן נביאות געזאָגט, אַז אַלאַן, וועלכער איז אויף אַ געוויסע צייט פאַרשווונדן פון געזעלשאַפטליכן האָריזאָנט און מ׳ווייסט נישט, וו ער האַלט זיך איצט אויף, וועט אין גיכן זיך צוריקקערן קיין ניו-יאָרק, וועט ווייטער זיך נעמען צו דער אַרבעט און צוריק עולה לגדולה זיין. און אַזוי איז געווען, אַלאַן האָט זיך ווירקליך צוריקגעקערט קיין ניו-יאָרק.

דער באַנקראָט פון׳ם טונעל-סינדיקאַט האָט, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, גורם געווען אַנ׳אומגעהויערן גרויסן קריזיס אין וועלט האַנדל און אינדוסטריע. די אַלגעמיינע לאַגע איז געוואָרן אַזאַ שלעכטע און טרויערדיקע, וואָס ערגער קאָן שוין נישט זיין. זייט הונדערט יאָר האָט די וועלט שוין נישט איבערגעלעבט אַזאַ ביטערע צייט. די וועלט איז אַ׳ן איר ענטוויקלונג אָפּגעשטויסן געוואָרן צוריק אויף צוואָנציק יאָר. דער שפּרייק האָט אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן, אָבער דער האַנדל, דער פאַרקער און די אינדוסטריע ענען נאָך אַלץ, אויסדריקנדיק זיך ווולגאַר, געלעגן ניין איילן אין דער ערד. דער אַלגעמיינער שטילשטאַנד פון האַנדל און אינדוסטריע האָט דערגרייכט ביז אַליאַסקע, האָט זיך פאַרשפּרייט פון די ביקאַל-בערג ביז קאָנגאָ. אויף דער מיסורי — מיס סיפּי, אויף דער וואָלגאַ, אויף קאָנגאָ זענען געלעגן גאַנצע פלאָטן און דאַמפּער אָן לעבן, אָן שום באַוועגונג.

די קוילן-קעניגן און הוטן-באַראָנען האָבן ביים טונעל קאָלאָסאַלע פֿאַרמעגנס זיך געמאַכט, זיי האָבן אָבער איצט נישט געוואָלט קיין פּעניק פֿאַרלירן... זיי האָבן פֿאַרקלענערט זייערע אַרבעטער דעם לוין, איינגעפֿירט אין זייערע פֿאַבריקן פֿאַרשידענע גזרות פֿאַר די אַרבעטער און טויזנטער פֿון זיי אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס, אָפּזאָגנדיק זיי פֿון דער אַרבעט, די אַרבעטער, וואָס זענען געבליבן נישט אָפּגעזאָגט, האָבן זיך אָבער דערקלערט סאָלידאַריש מיט די ענטזאָגטע. זיי האָבן דערקלערט אַ שטרייק און באַשלאָסן האַרטנעקיק צו פֿירן דעם קאַמף און נישט נאָכצוגעבן ביז צום לעצטן אָטעם, זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן דורך פֿאַרשידענע הבטחות מצד די פֿאַבריקאַנטן אָדער דורך געקויפֿטע אַגענטן.

דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן, ווי יעדער שטרייק הויבט זיך אָן. אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך אָבער אָנגעצונדן אין די ריזיקע פֿאַבריקן פֿון ליל, עדלערמאַן-פּעראַן און אין פֿיל אַנדערע פֿאַבריק-צענטרען. נאָך אַ טאָג און ער האָט זיך אַריבערגעוואָרפֿן אין רור-געביט, אין סאַוור-געביט און אין גאַנץ שלעזיען. די ענגלישע בערג-אַרבעטער און הוטענמענער פֿון יאָרקשיר, דוראַן אין זידוואַל האָבן זיך אויך אָפּגערופֿן און דערקלערט אַ סימפּאַטיע-שטרייק. קאַנאַדאַ און אַלע פֿאַראייניקטע שטאַטן האָבן אין גיכן זיך אויך אָנגעשלאָסן צו דעם דאָזיקן ריזן-שטרייק. דער פֿונק פֿון אונצופֿרידנהייט איז אַריבערגעשפּרונגען איבער די אַלפּן און אַריינגעפֿאַלן אין איטאַליען און אויך איבער די פּירענעיען קיין שפּאַניען. טויזנטער פֿאַבריקן אין די אַלע דאָזיקע לענדער זענען געבליבן שטיין. די דאַמפּער זענען געבליבן אין די פּאָרטן גאַנצע פֿלאָטנווייז. יעדער טאָג האָט אַזוי אַרום אָפּגעקאָסט אונגעהויערע סומען געלט. און ווייל די פּאַניק האָט אויך די איבעריקע אינדוסטריע-בראַנזשעס רויִנירט, איז די אַרמעע פֿון אַרבעטסלאָזע געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש. די אייזנבאַנען, די עלעקטרישע סטאַציעס און גאַזאָווניעס זענען געבליבן אָן קוילן, אין אַמעריקאַ און אייראָפּאַ זענען אַפֿילו קיין צענטל צוגן נישט געווען אין פֿאַרקער ווי אין נאָרמאַלער צייט.

און דער אַטלאַנטישער שיף פּאַרקער איז כּמעט אינגאַנצן אָפּגע-שטעלט געוואָרן. די קריטישע לאַגע האָט זיך אַזוי פאַרשאַרפט און אַנגענומען אַזאַ ערנסטן כאַראַקטער, אַז אין פיל ערטער זענען פאָרגעקומען ערנסטע אונרועןֹ. אין וועסט פאַלן האָבן אין די גאַסן געקנאַקט די קוילן-וואָרפער, אין לאָנדאָן האָבן די דאָק-אַרבעטער אַרויסגעוויזן דער פּאָליציי אַ ווידערשטאַנד און צווישן ביידע צדדים איז פאָרגעקומען אַ פאָרמעלע שלאַכט, מיט קרבנות פון ביידע זייטן.

דאָס איז געווען דעם 3. דעצעמבער, אויף די גאַסן ביים וועסט-דאָק האָבן אָונט-צייט זיך געוואַלגערט פיל טויטע קערפּער פון דער׳הרג׳טע — פון סאָציאַליסטן און אַרבעטער.

דעם 10. דעצעמבער האָט דער ענגלישער אַרבעטער-אוניאָן דערקלערט אַ גענעראַל-שטרייק. די פראַנצויזישע, דייטשע, רוסישע און איטאַליענישע אַרבעטער האָבן געפאָלגט דעם ביישפּיל פון זייערע ענגלישע חברים און ענדליך האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסן דער אַמעריקאַנער אוניאָן. דאָס איז געווען די מאָדערנע מלחמה מיט אַלע אירע רעזולטאַטן. דאָס איז געווען אַ גרויסע פאַרביטערטע מלחמה מיט פיל שרעקן און פאַרוויסטונגען. אין געשלאָסענע פראָנטן זענען איינער געגן אַנדער געשטאַנען, פון איין זייט דער קאַפּיטאַל, און פון דער אַנדערער — די אַרבעטער.

שוין אין עטליכע טעג אַרום האָבן זיך אַרויסגעוויזן די שרעקליכע פאָלגן פונ׳ם דאָזיקן קאַמף, די סטאַטיסטישע ציפער פון פאַרשידענע פאַרברעכן די שטערבליכקייט צווישן קינדער באַזונדערס צווישן זויג-קינדער האָט זיך אויפגעהויבן ביז אַ שרעקליכער מדרגה. די לעבנס מיטלען פאַר מיליאָנען מענטשן זענען געלעגן און געפוילט ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרדאָרבן געוואָרן. די רעגירונג האָט גענומען צוהילף דאָס מיליטער, די סאָלדאַטן אָבער, וועלכע זענען ס׳רוב צו אַמענגעשטעלט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, האָבן נור אַ קליינעם ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן דעם פאָלק און קיין חשק נישט געהאַט קיין בלוט צו פאַרגיסן, דאָס אָנווענדן מיליטער האָט אַזוי אַרום גאַר אַ קליינע פעולה געהאַט, געגן ווייכאַכטן

זײַנען די גרויסע שטעט טשיקאַגאָ, ניו־יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז בערלין, האַמבורג, ווין, פּעטערבורג אין פֿיל אַנדערע געבליב לחלוטין אָן ליכט און אין דער גרעסטער סכּנה, אויסגעהונגערט צו ווערן, די מענטשן האָבן געפֿירט אין די נישט געהייצטע וווינונגען און אַלע שוואַכע און נישט געזונטע מענטשן זײַנען אומגעקומען פֿון הונגער און קעלט טאָג טעגלעך האָבן אויסגעבראָכן גרויסע שׂרפֿות, עס זײַנען פֿאָרגעקומען רויבערייען רציחות און גנבֿות.

דאָס געשפּענסט פֿון דער רעוואָלוציע האָט זיס דערנענטערט מיט יעדער שעה, די אונטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער ליגע האָט נישט נאָכגעגעבן אויף קיין האָר און געפֿאָדערט, אַז די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפֿטן זאָלן אַרויסגעבן געזעצן, וועלכע זאָלן דעם אַרבעטער שיצן פֿון די איבערמעסיקע אַפּעטיטן און ווילקיר מצד דעם קאַפּיטאַל אין מיטן די דאָזיקע שרעקן און אונרוען האָט דער טונעל־סינדיקאַט זיך אַלץ נאָך אָבער געהאַלטן. ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ צובראָכן שיף, דורכגעלעכערט אין הונדערטער ערטער, נאָר וואָס האָט זיך נאָר אַלץ געהאַלטן אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון דער ברויזענדער ווירקליכקייט. דאָס איז געווען לאָיד'ס ווערק, זײַנע באַמיונגען און איינפֿלוס ער האָט צוזאַמענגערופֿן אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון די גרויסע קרעדיטאָרן און איז פּערזענליך צו דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג געקומען, כּדי צו דערקלערן די פֿאַרזאַמלטע, וואָס איצט שטייט פֿאָר צו טון. ער האָט יך געשטעלט פֿאַר אַן'אויפֿגאַבע צו דערקלערן דער פֿאַרזאַמלונג אַז דער סינדיקאַט דאַרף בשום אופֿן נישט פֿאַלן. לאָיד'ס מאָטיוון זײַנען געווען פֿאָלגענדע: די צײַט, וואָס מיר לעבן איצט איבער, איז זייער אַ ביטערע און דאָס פֿאַלן פֿון סינדיקאַט וואָלט זי נאָך פֿיל ערגער געמאַכט און וואָלט אַרויסגערופֿן אַ שרעקליכן חורבן אויף דער גאַנצער וועלט. דעם טונעל איז נאָך מעגליך צו ראַטעווען, מ'זאָל נור האַנדלען ווי קלוגע מענטשן. ווען מ'וואָלט איצט אַ טאַקטישן פֿעלער באַגאַנגען, וואָלט מען דערמיט דעם גורל פֿונ'ם טונעל ענטשיידן צום שלעכטן און דאָס גרעסטע אומגליק אויף דער וועלט געבראַכט.

די אזילן פֿאַר היימלאָזע זײַנען געווען איבערפֿולט, גאַנצע קוואַרטאַלן זענען אין פֿיל שטעט שרעקליך פֿאַראָרימט געוואָרן יאָמער נויט, הונגער און עלנט האָבן געהערשט אומעטום. ס'איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט צו האַלטן, אַז אַלאַן איז שולדיק געווען אין דער דאָזיקער טרויערדיקער סיטואַציע פֿון דער וועלט־נאָר נישט קוקנדיק דערויף, האָבן די צייטונגען נישט אויפֿגעהערט אַלאַנ'ען צו באַשולדיקן, אַז נור ער אַליין איז אין דעם שולדיק. אַז זיין אומפֿאָרזיכטיקייט און זיינע פֿאַלשע, שלעכט אויסגערעכנטע פּלענער האָבן גורם געווען דעם דאָזיקן גרויסן חורבן אויף דער וועלט. די צייטונגען האָבן נישט אויפֿגעהערט וועגן אים צו רעדן די גאַנצע צייט און מיט די שרעקליכע זלזולים אים באַפֿאַלן, אַרויסשטעלנדיק אים אַלס בייזער גנב־וס פֿון פֿאָלק. זיי האָבן מיט הונדערטער ראיות זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ער האָט אויף אַ שווינדלערישן אופֿן אָפּגענאַרט דאָס פֿאָלק, עס אַריינגעפֿירט אין אַ טיפֿע בלאָטע און ביי אים זיין געלט אויסגענאַרט. די צייטונגען האָבן ווייטער געוויזן, אַז ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, דעם טונעל צו פֿאַרענדיקן אין משך פֿון 15 יאָר און אַז, פֿאַרזיכערנדיק אַלעמען, אַז ער וועט עס יאָ קאָנען באַווייזן, האָט ער העזאָגט אַ באַוווסטזיניגן ליגן און איז דערמיט באַגאַנגען אַנ'אונערהערטן שווינדל. ענדליך איז אין מיטן פֿעברואַר ערשינען אין אַלע צייטונגען אַ פֿאַרפֿאָלגונגס־בריוו נאָך מאַק אַלאַנ'ען דעם בויער פֿון אַטלאַנטיק־טונעל. אַלאַן איז אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז ער האָט בכיון פֿאַרפֿירט דאָס פּובליקום און אויף אַ פֿאַרברעכערישן אופֿן זיין צוטרוי אויסגענוצט פֿאַר זיינע אייגענע צוועקן.

אין דריי טעג אַרום איז ניו־יאָרק ווידער פֿאַרהילכט געוואָרן פֿון די אונאויפֿהערליכע אויסגעשרייען פֿון די צייטונגס־פֿאַרקויפֿער:

— „מאַק אַלאַן אין ניו־יאָרק"!

— „ער שטעלט זיך פֿאַרן געריכט"!

די קאָנקורס פֿאַרוואַלטונג פֿונ'ם טונעל־סינדיקאַט האָט פֿאָרגעלייגט אַריינצוטראָגן אַנ'אונגעהויערע קויציע. לויט פֿון זיין זייט האָט אויך אַזאַ קויציע פֿאָרגעלייגט אַלאַן האָט זיך אָבער ענטזאָגט

פֿון זיי ביידע און האָט באַשלאָסן זיך צו צושטעלן צום אויספֿאָרשונגס-ריכטער נישט זייענדיק זיכער, אַז ער וועט נישט אַרעסטירט ווערן, לויט ווי די צייטונגען האָבן ווייטער מיטגעטיילט, האָט מען אים טאַקע אַריינגעזעצט אין דער אויספֿאָרשונגס-געפֿענגניש אויף פֿראַנקלין-שטראַסע, אַלע טאָג פֿלעגט ער ביי זיך אויפֿנעמען דעם הויפּט אינזשינער שטראָם, וועמען ער האָט איבערגעגעבן די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג פֿון טונעל, און פֿלעגט מיט אים אין טורמע אָפּהאַלטן באַראַטונגען.

שטראָם האָט מיט קיין שום מינע און מיט קיין וואָרט אַפֿילו, נישט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס אַלאַן געפֿינט זיך איצט אין אַזאַ שלעכטער לאַגע, ער האָט אויך מיט קיין שמייכל אָדער לייכטן געלעכטער נישט אויסגעדריקט די צופֿרידנהייט, וואָס ער האָט זיין שעף ווידער דערזען נאָך אַזאַ לאַנגע ריי רדיפֿות, וועלכע אַלאַן האָט די לעצטע צייט געמוזט אויסשטיין. אַלאַן האָט אויך זיצנדיק אין דער אויספֿאָרשונגס-געפֿענגניש, ווי זיין שטייגער איז פֿיל געאַרבעט, און צוליב דעם איז אים אין זיין תּפֿיסה נישט געווען לאַנגווייליק און די צייט איז פֿאַר אים געלאָפֿן אונבאַמערקט און שנעל, ער האָט זיך בכלל זער ווייניק גענומען צום האַרץ, וואָס מ'האָט ביי אים צוגענומען די פֿרייהייט און האָט אויך קיין רגע אַפֿילו נישט פֿאַרלוירן די זיכערקייט, אַז ער וועט אין גיכן באַפֿרייט ווערן און וועט נאָך זיין גרויסע אויפֿגאַבע דערפֿילן.

בעת ער איז געזעסן אין דער אויספֿאָרשונגס-טורמע, האָט אַלאַן געאַרבעט איבער די בוי-מעטאָדן פֿאַר די קינפֿטיקע אונטערנעמונגען אויפֿן געביט פֿון טעכניק, צו וועלכע ער האָט געהאַט בדעה צו צוטרעטן, ווי באַלד ער וועט נור פֿרייגעשפּראָכן און באַפֿרייט ווערן. חוץ שטראָפֿן פֿלעגט צלאַן אין טורמע אויפֿנעמען נאָר זיינע אַדוואָקאַטן און מער קיינעם נישט.

איין מאָל האָט זיך עטעל לאָיד געלאָזט אים אָנמעלדן און זיך געוואָלט מיט אים זען, נאָר צלאַן האָט זיך ענטזאָגט זי אויפֿצונעמען.

אַלאַנ׳ס פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 3-טן אַפּריל שוין מיט עטליכע וואָכן פֿאַר דעם זענען אַלע פּלעצער פֿאַרן פּובליקום אין געריכטס-זאַל געווען אויספֿאַרקויפֿט. מ׳האָט פֿאַר די פּלעצער געצאָלט אונגעהויער גרויסע פּרייזן, דעם גרעסטן אינטערעס צום וויכטיקן פּראָצעס האָבן אַרויסגעוויזן די דאַמען. זיי איז געגאַנגען אַ׳ן לעבן צו זען, ווי אַזוי עטעל לאָיד וועט זיך האַלטן אין געריכטס-זאַל.

דער פֿאָרזיצענדער פֿון געריכט, ביי וועמען אַלאַנ׳ס גרויסער פּראָצעס איז באַהאַנדלט געוואָרן, איז געווען דער באַוווסטער ריכטער, דער אמת׳ער טרעגער פֿון גערעכטיקייט, דאָקטאָר וייטור. אַלס מאַק אַלאַנס פּאַרטיידיקער זענען אַרויסגעטרעטן די באַרימטסטע אַדוואָקאַטן פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן: באָיער, ווינזאָר קאָהאָן און שמיט.

דער פּראָצעס האָט געדוירט דריי וואָכן און אין משך פֿון דריי וואָכן האָט זיך אַמעריקאַ געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון אַ אונגעהויער שטאַרקער אויפֿרעגונג און שפּאַנונג. קליין און גרויס האָבן דעם פּראָצעס פֿאַרפֿאָלגט מיט דעם געוואַלדיקסטן אינטערעס. אין געריכס-זאַל זענען גענוי באַהאַנדלט געוואָרן אַלע סטאַדיומס פֿון טונעל: דער אָנהויב פֿון דער בוי-אַרבעט, די גרינדונג פֿון מאַק-סיטי, די גרויסע אָקטאָבער קאַטאַסטראָפֿע א. אז. וו.

עטעל לאָיד האָט נישט דורכגעלאָזט קיין זיצונג פֿון געריכט. בעת די פֿאַרהאַנדלונגען איז זי געזעסן, אויפֿמערקזאַם זיך צוהערנדיק, כמעט אָן שום באַוועגונג אויף איר שטול.

אַלאַן האָט דערוועקט אַ גרויסע סענסאַציע, אָבער אויך אַ געוויסע ענטוישונג צווישן פּובליקום. מ׳האָט דערוואַרט, אַז אַלאַן, וואָס האָט די לעצטע צייט געהאַט אַזוי פֿיל אויסצושטיין, וועט אויסזען דערשלאָגן און מיד, אַזוי אַז ער וועט דערוועקן ביי אַלע אַ רחמנות-געפֿיל. אַלאַן אָבער האָט אויסגעזען כמעט ווי פֿריער און צו זיך קיין שום מיטלייד נישט דערוועקט. געזונט, ברייטפּלייציק, האָט ער געמאַכט אַן׳איינדרוק פֿון אַ מענטש, וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיין צרות נישט איבערגעלעבט און נישט געוווסט פֿון קיין שום צער און דאגות.

ער האָט זיך געהאַלטן, ווי זיין שטייגער איז, רויק, קאַלט-בלוטיק, גערעד לאַנגזאַם, און בכלל קורץ.

גרויס אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט האָט אויך דערוועקט האַבּי׳ וועלכער איז אין געריכט אַרויסגערופן געוואָרן אַלס עדות זיין איצטיק אויסזען, זיין שוואַכקייט, צוליב וועלכער ער האָט קוים-קוים געקאָנט רעדן, האָבן אויף אַלע מענטשן געמאַכט זער אַ שווערן איינדרוק, און ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז דאָס איז דערזעלבער שטענדיק פריילעכער, געזונטער און מונטערער האַבּי, וואָס נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק. פון האַבּין איז געוואָרן אַ באַרג אַש, ער האָט אָנגעווירן זיין געזונט און איז לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. ווען נישט זיין פריערדיקע שטאַרקע קערפערליכע ענטוויקלונג, ווען נישט זיין ברייטביינקייט און העכסט ענטוויקלטע מוסקולאַטור, ווען נישט דער גרויסער זאַפּאַס פון אינערליכע כחות, פיזישע און מאָראַלישע, מיט וועלכער ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אויסגעצייכנט, וואָלט אויף אים שוין לאַנג גראָז געוואַקסן . . .

אַלאַן האָט מיט זיין האַלטן זיך אין געריכט און שטרענגער אויפריכטיקייט זיך אַליין געבראַכט אַ גרויסן שאָדן. ער האָט דעם פּרעזידענט פון געריכט געגעבן אַזעלכע תשובות אויף זיינע פראַגן, אַז ער האָט זיך מיט זיי אַליין אַ גרוב אויסגעגראָבן, זיינע פאַרטיידיקער זענען געווען אויסער זיך פון ענטוישונג און שרעק, מחמת זיי זענען געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס געריכט וועט אַלאַנען באַפרייען — און דאָ קומט ער, ווי אויף צו להכעיס, און מיט אַנ׳אונערוואַרטעטן ענטפער אויף דעם פּרעזידענטס פראַגן האָט ער אומגעוואָרפן דעם גאַנצן בנין פון זייער פאַרטיידיקונג און אַ תל געמאַכט פון אַלע זייערע האָפנונגען, דער הויפּט-פּונקט פון גאַנצן פּראָצעס איז געווען פעסט צושטעלן די בוי-צייט פון טונעל: וואָס פאַר אַ טערמין אַלאַן האָט אָנגעגעבן צו פאַרענדיקן דעם טונעל. ווי באַוווּסט, אין דער דאָזיקער טערמין באַשטימט געווען אויף 15 יאָר. נאָכדעם ווי ס׳איז אויסגעהערט געוואָרן אַ גאַנצע ריי עדות מכּח דער קאַטאַסטראָפע און אַנדערע

מאָמענטן פֿון דער טונעל־געשיכטע, האָט דער פּרעזעס (דאָס איז געווען דער זיבנצענטער טאָג פֿון דער פֿאַרהאַנדלונג) געפֿרעגט דעם אָנגעקלאָגטן:

— איז אמת, אַז איר האָט זיך פֿאַרפֿליכטעט צו פֿאַרענדיקן דעם טונעל אין משך פֿון 15 יאָר, דאָס הייסט, אַז נאָכן פֿופֿצנטן יאָר האָט איר זיך פֿאַרפֿליכטעט שוין צו לאָזן די ערשטע צוגן דורכן טונעל צו זיין אייראָפּעישן עק־פּונקט:

— יאָ, האָט אַלאַן געענטפֿערט.

— צי זענט איר געווען זיכער, אַז צו דער דאָזיקער צייט וועט די אַרבעט אינגאַנצן שוין פֿאַרענדיקט זיין? — האָט דער פֿאָרזיצנדער אים געפֿרעגט, קוקנדיק אַ ביסל אומצופֿרידן אויפֿן פּובליקום.

— דער גאַנצער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך צונויפֿגענומען בייוווינען דעם דאָזיקן פּראָצעס, איז געווען זיכער, אַז אַלאַן וועט אויף דער דאָזיקער פֿראַגע געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפֿער.

אַלאַן האָט דאָס אָבער נישט געטון, זיינע פֿיר פֿאַרטיידיקער זענען געווען אויפֿגערעגט און אין כּעס, ווען זייער קליענט איז באַגאַנגען דעם דאָזיקן גרויסן פֿעלער און געזאָגט דעם אמת.

אַלאַן האָט געגעבן דעם פֿאָרזיצנדער אַזאַ ענטפֿער:

— זיכער בין איך נישט געווען, כ'האָב אָבער געהאָפֿט, אַז ביי גינסטיקע פֿאַרהעלטנישן וועל איך קאָנען האַלטן וואָרט און דעם טונעל פֿאַרענדיקן צום צוגעזאָגטן טערמין.

דער פֿאָרזיצענדער: האָט איר זיך, הייסט עס, גערעכנט מיט די דאָזיקע פֿאַרהעלטנישן?

אַלאַן: כ'האָב זיך מיט זיי גערעכנט. איך האָב געהאָפֿט אַז אין ערגסטן פֿאַל וואָלט דער טונעל פֿאַרענדיקט געוואָרן מיט צוויי אָדער דריי יאָר שפּעטער.

דער פֿאָרזיצענדער: זענט איר אַלזאָ געווען איבערצייגט אַז דער בוי פֿון טונעל וועט ביי געוויסע אומשטענדן פֿאַרענדיקט ווערן שפּעטער ווי איר האָט צוגעזאָגט און נישט דורכוויס צום 15. יאָר?

אַלאַן: דאָס זאָג איך נישט, איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב געהאָפט צו פאַרענדיקן די אַרבעט צום צוגעזאָגטן טערמין, ווען אַלץ וועט גיין גלאַט און איך וועל קיין שוועריקייטן נישט באַגעגנען.

דער פאָרזיצענדער: איר האָט אָנגעגעבן דעם טערמין פון 15 יאָר צו קאָנען דורכפירן לייכטער אייער פּראָיעקט?

אַלאַן: יאָ.

(די פאַרטיידיקער זענען געזעסן אויף זייערע ערטער טויט-בלאַסע פון ענטטוישונג, כעס און אין איבערראַשונג).

דער פאָרזיצענדער: אייער אויפריכטיקייט און די ליבע צום אמת פאַרשאַפט אייך פיל כבוד, הערר אַלאַן.

יאָ, אַלאַן האָט געזאָגט דעם גאַנצן אמת און דערמיט זיך געוויסערמאַסן אַליין באַגראָבן.

דער פאָרזיצנדער האָט אָנגעהויבן זיין רעזיומע-רעדע. ער האָט גערעדט פון צוויי אַ זייגער ביז צוויי ביי נאַכט, ד. ה. גאַנצע צוועלף שעה.

די דאַמען, וועלכע ווערן בלייך פון צאָרן, יען סקומט זיי אויס אין ערגיץ אַ געשעפט איבריקע פינף מינוט צו וואַרטן, זענען געבליבן אין געריכטס-זאַל ביזן סוף פון דער פאַרהאַנדלונג און ביז דער פאָרזיצענדער האָט זיין רעדע געענדיקט. דער פאָרזיצנדער האָט אויפגעוויקלט און פאַרגעשטעלט פאַר די אויגן פון די ריכטער און פּובליקום די גאַנצע שרעקליכקייט פון אונגערעכטיקייט און ליידן, וועלכע דער טונעל האָט געבראַכט דער וועלט. די קאַטאַ-סטראָפע, דער שטרייק און זיינע טרויעריקע באַגלייטונגס-דערשיי-נונגען, די גרויסע באַנקראָטן א. אַ. וו. דער פאַרזיצענדער האָט באַוויזן, אַז אַ זעלכע מענטשן ווי מאַק אַלאַן זענען אימשטאַנד די גאַנצע ווירטשאַפטליכע וועלט חרוב צו מאַכן.

אַלאַן האָט דעם פאָרזיצנדען ביי די דאָזיקע ווערטער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

אויף מאָרגן 9 אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס פון די פאַרטיידיקער. זייערע רעדעס האָבן זיך גע-

צוויגן ביז שפעט אין דער נאַכט. די פֿאַרטיידיקער האָבן זיך באַמיט צו געווינען די סימפּאַטיע פֿון די געשוווירענע ריכטער פֿאַר אַלאַנען און זיי איבערצייגן אין זיינע ערליכע כּוונות, וואָס ער האָט געהאַט. דאַן איז געקומען דער טאָג פֿון דער גרויסער שפּאַנונג. טויזנטער אַ סך טויזנטער מענטשן האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט צום געריכטס־בנין, זיי אַלע האָבן אַ דאַנק אַלאַנ׳ען פֿאַרלוירן ווער צוואָנציק, ווער הונדערט און ווער טויזנט דאָלאַר. זיי האָבן איצט דערלעבט אַ שטיקל נקמה אָן אַלאַנ׳ען זיי האָבן פֿאַרלאַנגט פֿאַר זיך אַ קרבן און האָבן דעם קרבן באַקומען.

די געשוווירענע ריכטער האָבן קיין דרייסטקייט נישט געהאַט פֿרייצושפּרעכן אַלאַנ׳ען. זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן אַגעגנשטאַנד פֿון אַ שרעקליכער נקמה מצד אַלאַנס פֿאַרביסענע געגנער ווען די ריכטער וואָלטן אים פֿרייגעשפּראָכן, וואָלט דער המון זייערע הייזער געוויס מיט דינאַמיט אויפֿגעריסן — אַזוי איז נאָך אַלץ געווען דער צאָרן און אויפֿרעגונג צו אים אין די פֿאָלקס־מאַסן די ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, איינס פֿון יענע אַמעריקאַנישע אורטיילן, וועלכע אייראָפּאַ קאָן נישט תּופֿס זיין דער פּסק דין אין דעם דאָזיקן גרויסן פּראָצעס אין אַרויסגעטראָגן געוואָרן אונטערן דרוק פֿונ׳ם פֿאָלק און דער דעמאָלדיקער לאַגע, וועלכע איז באַשאַפֿן געוואָרן דורכן פֿאַלן פֿון טונעל־סינדיקאַט. פּאָליטישע מאָטיוון און טעמים האָבן אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע ביים אַרויסטראָגן דעם אורטייל פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס.

ס׳זענען דעמאָלט פֿאַרגעשטאַנען די וואַלן פֿון אַ פּרעזידענט און די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט געוואָלט שמייכלען דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אַלאַן האָט אויסגעהערט דעם פּסק דין מיט אַ רויקער מינע און האָט דערלאַנגט אַ ביטע וועגן רעווידירן זיין פּראָצעס.

דער גאַנצער זאַל איז אָבער אייניקע מינוט געווען שרעקליך ערשטוינט פֿונ׳ם אורטייל — אַזוי זיכער זענען פֿיל מענטשן מ׳קאָן זאָגן, די מערהייט געווען, אַז די געשוווירענע וועלן אַלאַנ׳ען

פֿרייִשפּרעכן איינע פֿון די פֿרויען, וואָס זענען געזעסן אין געריכטס־זאַל האָט, העכסט איבעראַשט און באַליידיקט דורך דעם דאָזיקן פּסק דין, געזאָגט:

— נישטאָ קיין גערעכטיקייט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער אמת און יושר זענען פֿאַרשוואונדן געוואָרן פֿון אַמעריקאַנער געריכט די ריכטער און געשווירענע זענען געווען אונטערגעקויפֿט פֿון די שיף־געזעלשאַפֿטן.

די דאָזיקע פֿרוי איז געווען עטעל לאָיד. איר שאַרפֿע באַמערקונג האָט איר געקאָסט אַ קליינעם פֿאַרמעגן: שטראָפֿן, געריכטס־קאָסטן און חוץ דעם צען טויזנט דאָלאַר האָנאָראַרן פֿאַר די אַדוואָקאַטן, וואָס זי האָט גענומען זיך צו פֿאַרטיידיקן נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם, וואָס עטעל לאָיד האָט אַזוי טייער באַצאָלט פֿאַר איר אומפֿאָרזיכטיקער שאַרפֿער באַמערקונג וועגן אַמעריקאַנישן געריכט, האָט זי בעת איר פּראָצעס, וועלכער האָט אויך די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט אַרויסגערופֿן, נאָכאַמאָל באַליידיקט דאָס געריכט. דאָס געריכט האָט זי דאַסמאָל פֿאַראורטיילט אויף 3 טעג אַרעסט פֿאַר נישט קאָרעקטער אויפֿפֿירונג אין זאַל פֿון געריכט. די שטראָף און געריכטס־קאָסטן וואָס דאָס געריכט האָט אויף איר אַרויפֿגעלייגט, האָט עטעל לאָיד בשום אופֿן נישט געוואָלט באַצאָלן מיט גוטן, זי האָט דערלאָזט, מ'זאָל אָפּשרייבן עטליכע פֿון אירע זאַכן.

ווען דער קאָמאָרניק איז געקומען צו איר האָט עטעל אים איבערגעגעבן צוויי פּאָר האַנטשו מיט בריליאַנטן.

— בין איך אפֿשר מער שולדיק? האָט זי אים דערבײַ געפֿרעגט.

— ניין, כ'דאַנק, — האָט געענטפֿערט דער קאָמאָרניק און איז אַוועקגעגאַנגען מיט די האַנטשו.

ווען ס'איז אָבער געקומען די צייט, ווען עטעל האָט געדאַרפֿט גיין אָפּזיצן, האָט זי נישט געהאַט קיין חשק צו פֿאַרברענגען דריטעג אין אַרעסט־הויז.

—דריי טעג ארעסט!—האט זי אין גרעסטן כעס און אויפ־רעגונג געזאגט — אה, איר וועט עס ביי מיר נישט פועלן, איך לאך זיך אויס פון אייך! זי האט זיך ארויפגעזעצט אויף איר יאכט־שיף „גאלדקארפ" און איז אפגעפארן צוואנציק קילא־מעטער פון ברעג, ווו די יאכטע האט געווארפן אנקער און דארט גע־בליבן שטיין. קיינער האט מיט עטלען גאר נישט געקאנט אויפ־טון.

שעהנוויז האט זי גרעדט אויפן פונקן־טעלעגראף מיט איר פאטער די פונקען־סטאציעס פון די צייטונגען האבן איבערגעכאפט עטעלס אלע געשפרעכן און ניו־יארק האט זיך אכט טאג נאכ־אנאנד געהאלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, לעזנדיק אין די צייטונגען עטעלס אינטימע געשפרעכן מיט איר פאטער, וועלכע יענע האבן ביי זיך איבערגעדרוקט. דער אלטער לאיד האט שטארק געליבט זיין בת־יחידה. ער האט זי ממש פארגעטערט און ווייל ער האט אן איר נישט געקאנט לעבן און אין איר אבוועזנ־הייט זיך געשפירט זער שלעכט, האט ער זי שטארק געבעטן, זי זאל צוריקקערן אהיים. עטעל פון איר זייט, האט אויךשטארק ליב געהאט איר פאטער און דערום נישט געפונען פאר מעגלעך אים נישט נאכצוגעבן. זי האט געהייסן פארקערעווען איר יאכטע אין א שעה ארום איז זי שוין געווען אין ניו־יארק. דא איז זי תיכף ארייגעפאלן אין די הענט פון דער פאליציי, פון וועלכע זי איז אנטלאפן געווארן. עטעל האט גארנישט געהאלפן, איז אפ־געזעסן די טעג אין ארעסט־הויז און די צייטונגען האבן די דא־זיקע דריי טעג ווידער געהאט שטאף צו דערציילן, ווי אזוי דעם גרעסטן מיליארדערס בת־יחידה, די גרעסטע און שענסטע דאלאר פרינצעסין פארברענגט די גאנצע צייט אין ארעסט. ווי אזוי זי קומט אפ איר שטראף... אויפן פערטן טאג איז עטעל לאכנדיק פרייליך, ארויסגעגאנגען פון ארעסט־הויז און תיכף זיך ארייגע־זעצט אין איר פרעכטיקן אויטאמאביל, וואס האט געווארט אויף איר ביי די טירן פון ארעסט־הויז, און אין א צען מינוט ארום איז זי שוין געזעסן ביי זיך אין דערהיים און אן אויפהער דער־

ציילט איר פאָטער, וואָס זי האָט די דאָזיקע דריי טעג איבערגע־לעבט.

אין דער זעלבער צייט איז אַלאַן געזעסן אין מלוכה־גע־פּענגניש פון אַטלאַנטאַ. ער ד'האָט נישט פאַרלוירן זיין מוט, ווייל ער האָט דעם פּסק־דין פון געריכט נישט געהאַלטן פאַר ערנסט.

אַלאַן האָט גוט פאַרשטאַנען אַלע מאָטיוון פון אַזאַ אומגע־רעכטן אורטייל און איז געווען זיכער, אַז די העכערע אינסטאַנץ וועט אים אָפּשאַפן.

אין יוני האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע פון זיין פּראָצעס, מען האָט אָנגעהויבן איבערקוקן דעם גאַנצן ריעזן־פּראָצעס אין זיין גאַנצן אומפאַנג. די צווייטע אינסטאַנץ, וועלכע האָט רעווי־דירט דעם פּראָצעס, האָט אָבער דעם פּסק־דין נישט אָפּגעשאַפט און אַלאַנען האָט מען ווידער אַריינגעזעצט אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע. דער פּראָצעס איז ענדלעך אַריבער צו דעם אויבערשטן געריכט. דאָ האָט דער פּראָצעס זיך געצויגן גאַנצע דריי חדשים מיט אַלאַנען האָט עס געהאַלטן זייער שמאָל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די לעצטע האָפנונג אויף אַ גינסטיקן אויסגאַנג פון זיין פּראָצעס. אַז די העכסטע אינסטאַנץ וועט אים פרייספּרעכן— האַלט ביי פאַרשווינדן ווערן.

דער פינאַנציעלער קריזיס איז בינו לבינו אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. דער מסחר, די אינדוסטריע, דער פאַרקער האָבן אָנגעהויבן אויפלעבן. דער פאַנאַטישער פייערדיקער האַס פונם פאָלק צו די „טונעל־מענער" איז שוין אויך פיל אָפּגעקילט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פון הונדערטער סמנים איז געווען צו באַמערקן, אַז עמי־צער אַרבעט שטאַרק, אַלאַנען צו ראַטעווען, ער זאָל אַרויס ריין פון זיין זינד. אין וועלכער ער איז, עס קאָן זיין, גאָר אַזוי פיל נישט שולדיק, ווי מען האָט די ערשטע צייט פון פּראָצעס גע־מיינט, ביידע פאַקטן און געשעעניש, וועלכע זענען די לעצטע צייט אַרויסגעשוווממען אויפן איבערפלאַך פון דער ווירקליכקייט האָבן עדות געזאָגט, אַז אַלאַן איז גאָר אַזוי פיל נישט שולדיק אין דער גאַנצער קאַטאַסטראָפע און חורבן, וועלכע דאָס צופאַלן

זיך פונם טונעל־סינדיקאַט האָט גורם געווען. דער געהיימניספולער „עמיצער", וואָס האָט זיך אַזוי באַמיט און אָנגעווענדט אַזוי פיל מיטלען אַלאַנען צו באַפרייען, איז ווי די עפנטליכקייט האָט גע־מיינט, עטעל לאַיד.

עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז כמעט אַלע צייטונגען האָבן געענדערט זייער באַציונג צום פּראָצעס און באַשולדיקטן און אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען לטובת אַלאַנען. חוץ דעם זענען איצט, ביי דער נייער רעוויזיע פון פּראָצעס, וואָס האָט איינגיכן געזאָלט פאָרקומען, די געשוווירענע ריכטער שוין גאַנץ אַנדערש געווען צוזאַמענגעזעצט. אַלאַנס אויסזען האָט געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק אין הויפּט־געריכט. ער איז פאַר דער צייט, וואָס ער איז געזעסן אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע, שטאַרק אַראָפּ פונם פּנים, אויפן שטערן האָבן זיך באַוויזן טיפע קנייטשן, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט אַפילו ווען ער האָט געערדט. ער איז געוואָרן גראָ ביי די שלייפן און בכלל האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאַרק אָפּגעמאַטערטן מענטש. דער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז איינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן.

אָפּטמאָל האָט ער אויסגעזען העכסט נידערגעשלאָגן און גלייכגילטיק צו אַלץ אויף דער וועלט, אַפילו צום אויסגאַנג פון זיין פּראָצעס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים איז גאַנץ גלייך, צי מען וועט אים פרייזשפּרעכן אָדער נישט.

די אויפרעגונגען. וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע עטליכע חדשים, און די פּראָצעסן האָבן נישט געקאָנט ברעכן זיין אייזערנעם ווילן און שטאַרקן כאַראַקטער. דאָס זיצן אָבער אין טורמע האָט אַ שלעכטע ווירקונג געהאַט אויף זיין געזונט־צו־שטאַנד און אַרויסגערופן ביי אים אַ מין מעלאַנכאָליע, אָפּגעריסן פון לעבן און אַרבעט, וועלכע, ווי מיר ווייסן, איז פאַר אים גע־ווען אַזאַ באַדערפעניש, ווי לופט פאַר אַ מענטשן אָדער, ווי וואַ־סער פאַר אַ פיש,—האָט אַלאַן געמוזט פאַרלירן אַ שטיק געזונט. אַ מאַשין, אַז זי שטייט לאַנג אָן אַרבעט. ווערט זי אויך פאַרראָסט און קאַליע, דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלאַנען געווען. דאָס חדשים־לאַנגע זיצן אין תפיסה האָט פאַרראָסט זיין געזונט און

אָפּגעשוואַכט זיין קאָכעדיקע ענערגיע. ער האָט זיך אָן אַרבעט געפילט, ווי אַ פיש אָן וואַסער און איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן פון דאגות און זאָרג. אַז ער מוז זיצן און גאָר נישט טון עס האָבן זיך אים ביי נאַכט אָנגעהויבן חלומען שרעקליכע חלומות אַזוי, אַז אין דערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ פאַרמאַטערטער אַ טרויעריקער און נידערגעשלאָגענער בעת די געדאַנקען וועגן טונעל האָבן אים פאַרפאָלגט אונערבאַרמליך. ער האָט אין זיינע חלומות געהערט דונערן און בליצן און — ווי דער ים האָט זיך אַריינגעריסן אין די טונעל קאָרידאָרן און געמאַכט אַ תל פון דער גאַנצער ריזיקער אַרבעט, אויף וועלכער ער און שפּעטער די גאַנצע וועלט האָט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען צוגעלייגט, ווייטער האָט זיך אים געחלומט, אַז ניו-יאָרק שטייט אין פלאַמען און אין דעם דאָזיקן ים פון פייער זענען אומגעקומען הונדערטער טויזנטער מענטשן. ער האָט אויך אין חלום געזען וואָלפן, צו שניטן אויף דריי חלקים, אונטער די רעדער פון וואַגאָן— און די אַלע דריי חלקים פון וואָלפס קערפּער זענען פּלוצלונג לעבעדיק געוואָרן און אים, אַלאַנאַן, געבעטן, ער זאָל אויף זיי זיך דערבאַרמען.

דאָס הויפּט-געריכט האָט אַלאַנען פריי געשפּראָכן, דער פּסק-דין פון העכסטן געריכט איז באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס שמחה און ענטציקונג. דאָס פּובליקום, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל האָט דאָס מאָל אַלאַנען שוין באַגריסט, ווי אַ מענטשן, וואָס איז נעבעך אָפּגעקומען און ענדלעך פריי געוואָרן פון ליידן און צער, עטעל ליאָד האָט עטליכע מינוט נאָכאַנאַנד געפּאָכט מיט איר טיכל אין דער לופט, אויסדריקנדיק דערמיט איר רעכטע צופרידנהייט צוליב אַלאַנס באַפרייאונג. ביי אַרויסגיין פון געריכט-זאַל אויף דער גאַס האָט דער עולם געמאַכט אַלאַנען שטורמישע אַוואַציעס מען האָט אים געטראָגן אויף די הענט און יעדער האָט פון אים געפאָדערט עפּעס צום אָנדענקען, ווי פאַר עס איז גינסטיקן הפץ, פונקט, ווי מען פאָדערט עס פון אַ באַרימטן אַרטיסט אָדער רעדנער, די גאַנצע אַרום געריכט זענען פאַרהילכט געוואָרן פון ענטציקנדע אויסגעשרייען :

—מאַק אַלאַן! מאַק אַלאַן! זיי באַגריסט, דו אומשולדיקער קרבן פון אומגערעכטיקייט. דאָס פאָלק האָט ווידער ליב באַקומען אַלאַנען און אים ווידער זיין פולן צוטרוי געשענקט.

אַלאַן האָט זיך, איבריגענס, מיט דעם נישט זייער איבער־גענומען און אין דער פאָלקס־סימפּאַטיע צו אים אַ קליינע סאַטיס־פאַקציע געפונען. ער האָט זיך איצט געטראָגן מיט איין געדאַנק וועלכן ער האָט זיך גענומען מיטן רעשט פון זיין פריערדיקער קאָכעדיקער ענערגיע דורכצופירן, אויף צו פאַרווירקליכן זיין גע־דאַנק איז פאַר אים איצט שטאַרק נויטיק געווען, ער זאָל זיך אינגאַנצן אָפּזונדערן פון דער וועלט און זאָל וווינען איינער אַליין אין אַ איזאָלירטן אָרט ערגיץ און זאָל מיט וואָס ווייניקער מענטשן קומען אין באַרירונג. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַק־מיטי.

זעקסטע טייל

דער טונעל איז געלעגן טויט. פון יעדן שריט, וואָס מען האָט געמאַכט אין זיין קאָרידאָר האָט זיך ווייט=ווייט אין די טיפענישן פון טונעל געהערט אַ בולטער ווידער=קול. איינצעלע צוגן האָבן נאָר פון צייט צו צייט לאַנגזאַם זיך אַריינגעלאָזט אין דער פינסטערניש פון טונעל אויך, אָפּגייענדיק אַ קורצן מרחק, זיך באַלד צוריקגעקערט. פונקט, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר די געשפּענסטער, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט דאָרט ווייט אין די פינסטערע ברייטע און לאַנגע קאָרידאָרן. די טונעל=שטאָדט איז געלעגן פאַרשטויבט און טויט, און דאָרט האָט געהערשט אַ שטילקייט פון אַ בית=עולם, די לופט, וועלכע פלעגט שטענדיק ציטערן פון די שטאַרקע האַמער=קלעפּ און פון מאָלן פון די בעטאָן=מאַשינען, איז איצט אויך טויט=שטיל און די ערד ציטערט נישט מער פון דער אומאויפהערליכער באַוועגונג און אויסערגעוועגליכן שטאַרקן פאַרקער, וואָס האָט דאָרט פריער געהערשט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין האַפן ליגן גאַנצע רייע טויטע, נישט קיין געהייצטע דאַמף=שיפן. די מאַשינען-האַלעס, וועלכע האָבן פריער געבלישטשעט ווי פּענפּאַלאַצן, ליגן באַדעקט מיט שטויב, שוואַרץ אונ

זעען-אויס, ווי פארוואָרפענע חורבות און קיין שפור פון לעבן איז אין זיי נישט צו באמערקן. די גרויסע בלינק-פייערן פון האפען זענען אויך פארלאָשן געוואָרן און ביינאכט הערשט דאָרט א גע-דיכט פינסטערניש,—א חושך ואפלה...

אַלאַן האָט זיך אין מאַק-סיטי באַזעצט אויפן פינפטן שטאָק פון דער ביורא געביידע, זיינע פענסטער זענען ארויסגעגאַנגען אויפן פלאַץ, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן די געדיכטע נעץ פון רעלסען. איצט איז די דאָזיקע שמאָלע נעץ געלעגן אין שמוץ און קיין שפור פון באַוועגונג איז נישט געווען אויף איר צו באַ-מערקן. די ערשטע פאָר וואָכן איז אַלאַן נישט אַרויסגעגאַנגען מפסח ביתו. ער האָט אויסגעמיטן מיט ווע‏מען עס איז זיך צובאַ-געגעגנען. שפעטער אביסל האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער די טונעל-סטאַציעס, כדי זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט די פאַרוויסטיגונג האָט דאָרט דערגרייכט און וואָס פאַר אַן אַרבעט עס שטייט פאָר אין פאַל ווען ער וועט זיך ענדליך דעצידירן ווידער זיך נעמען דערבויען דעם טונעל.

אַלס באַגלייטער האָט ער מיטגענומען נאָר דעם הויפּט-אינזשענער שטראָם, און מער קיינעם נישט. אייגנטליך האָט אַלאַן ווען ער וואָלט שוין יאָ געוואָלט נאָך עמיצן מיטנעמען אויף זיין רייזע, נישט געהאַט וועמען: אין מאַק-סיטי האָט ער קיין איינ-ציקן גוטן פריינד נישט געהאַט, אויף וועמען ער וואָלט זיך גע-קאָנט פאַרלאָזן ביים אויספירן פאַרשידענע אויפטראַגן. אַלע זיינע גוטע פריינד זענען איצט געווען צוזייט און צושפּרייט איבער פאַרשידענע שטעדט פון אַמעריקע און אייראָפּע. זיין בעסטער פריינד האָבי האָט געוואוינט אין זיין גוט. צוליב זיין שוואַכן גע-זונט-צושטאַנד האָט ער זיין פּראָפעסיע אינגאַנצן אויפגעגעבן. אין נאָוועמבער האָט אַלאַן דריי שעה נאָכאַנד געהאַט אַ געשפּרעך מיטן אַלטן לאָיד, דאָס דאָזיקע געשפּרעך האָט געמאַכט אַ תל פון אַלאַנס לעצטע האָפנונגען, ענטמוטיקט און ענטוישט אין זיינע ערוואַרטונגען, איז אַלאַן דעם זעלבן טאָג אַרויסגעפאָרן מיט אַ דאַמפער, וואָס געהער צום סינדיקאַט איבערן אָקעאַן, ער האָט

באַזוכט די אָקעאַנישע און אייראָפּעאישע טונעל-סטאַציעס, און די צייטונגען פון ביידע קאָנטינענטן האָבן געבראַכט קורצע נאָטיצן וועגן זיין באַזוך פון יעדער סטאַציע, קיינער אָבער האָט איצט די דאָזיקע נאָטיצן שוין נישט געלייענט — אזוי איז בכלל שוין אָפּגעקילט געוואָרן דער אינטערעס פון דעם גרויסן עולם צום טונעל.

מאַק אַלאַן איז געווען טויט, ווי דער טונעל גופא. זיין פּאָפּולאַריטעט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן, ער איז שוין איצט אַראָפּ פון דער וועלט-אַרענע און נייע שטערן זענען איצט אויפגעגאַנגען אויפן הימל פון דער עפנטליכקייט און וויסענשאַפט זיי האָבן מיט זייער בליאַסק און גליענדע שטראַלן פון זייער רום אינגאַנצן איבערגעלאָזט מאַקס נאָמען אין שאָטן. ווען ער האָט צו פרילינג-צייט זיך צוריקגעקערט קיין מאַק-סיטי, האָט זיך קיינער דאָרט וועגן דעם נישט געקימערט און דעם מינדסטן אינטערעס מער צו אים נישט אַרויסגעוויזן, זיין נאָמען איז אינגאַנצן אָבגעבליאַקעוועט געוואָרן און ער איז איצט, אַ מענטש פון אַ גאַנץ יאָר.״

די איינציקע פּערזאָן, וואָס האָט זיך נאָך אינטערעסירט מיט אַלאַנען, איז געווען עטעל לאָיד. עטעל האָט עטליכע וואָכן געוואַרט אויף זיין באַזוך ביי איר פאָטער. ווען אַלאַן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט הערן און איז אַליין נישט געקומען צו זיי אין פּאַלאַץ, האָט עטעל אים אָנגעשריבן אַ קורצן פריינטליכן בריף: זי האָט זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט פון זיין רייזע, פּאַפּאַ און זי וועלן זיך פרייען, ווען ער וועט זיי געלעגנטליך באַזוכן, טויזנטער גריסן.

אַלאַן האָט אָבער עטלען נישט געענטפערט.

עטעל איז שטאַרק פאַרחידושט געווען צוליב דעם און אַלאַנס שווייגן האָט זי שטאַרק געקרענקט.

זי האָט געלאָזט צו זיך קומען דעם ערשטן דעדעקטיוו פון ניו-יאָרק און אים געגעבן אַן אויפטראַג, ער זאָל איר וואָס גיכער צושטעלן גענויע אינפאָרמאַציעס פון אַלאַנען, ווו און ווי

ער פֿאַרברענגט די צייט, מיט וועמען באַגעגנט ער זיך און ווו ער פֿאַרקערט. אויף מאָרגן האָט איר דער דעטעקטיוו צוגעשטעלט די געווינשטע גענויע אינפֿאָרמאַציעס וועגן אַלאַנען: אַלאַן אַרבעט טאָג און נאַכט פֿאַרן טונעל, צווישן זיבן און צוועלף בײַנאַכט קומט ער געוויינליך אַהיים נעכטיקן, ער לעבט פֿולשטענדיק אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט און זינט ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט אים נאָך קיין מענטש נישט באַזוכט. דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן אַלאַן קומט אין באַרירונג, איז שטראָם און דער דאָזיקער לאָזט צו אַלאַנען נישט צו, ער איז אין דער דאָזיקער הינזיכט שטרענגער ווי דער ערגסטער טורמע־אויפֿזער. אויף מאָרגן איז עטעל צוגעפֿאָרן צו מאַק־סיטי, די טונעל־שטאָט האָט זי שטאַרק איבעראַשט מיט איר טויטקייט און פֿאַרלאָזנקייט. זי האָט זיך געלאָזט מעלדן צו אַלאַנען.

מען האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך וועגן דעם מעלדן צום הויפּט־אינזשענער שטראָם. עטלען, וועלכע איז געווען צוגעגרייט אויף אַזאַ מאַנעוור, האָט נישט פֿאַרדראָסן, וואָס מען האָט זי באַלד נישט אַרײַנגעלאָזט צו אַלאַנען, און זי האָט זיך דערפֿון נישט באַליידיקט. זי איז געווען זיכער, אַז מיט שטראָמען וועט זי ווי־עס־איז שוין דורכקומען. זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען שטראָמען בעת אַלאַנס פּראָצעס אין געריכט־זאַל. זי האָט שטראָמען געהאַסט און גלײַכצייטיק באַוווּנדערט. זי האָט אים נישט געקאָנט לײַדן און געפֿילט צו אים אַ מין עקל צוליב דער קאַלטקייט פֿון זײַן כאַראַקטער און זײַן מענטשן־פֿאַראַכטונג. זי האָט אָבער אַנערקענט און באַוווּנדערט זײַן שטאַרקן מוט און אײַזערנער ווילן־קראַפֿט.

פֿאָרנדיק קיין מאַט־סיטי צו מאַכן אַלאַנען אַ וויזיט, האָט עטעל זיך אָנגעטון אין אירע בעסטע און טײַערסטע קליידער, אין אַ פּעלץ פֿון זילבער־פֿוקס און אַ פֿוקסקאָפּ און פֿראַנקן אויפֿן הוט. ווי האָט, דערזעענדיק שטראָמען, אָנגעווענדט איר צויבער־קראַפֿט, מיט וועלכער זי פֿלעגט אַזוי פֿאַרבלענדן און באַצויבערן די מאַנספּערזאָנען און האָבן אַ געוויסע ווירקונג אַפֿילו אויף פֿרויען.

—האָב איך דעם כבוד צו רעדן מיטן ה׳ שטראָם ? — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּן, ווענדענדיק זיך צו דער דאָזיקער קאַלטער בריאה — איך הייס עט־ל לאַיד, איך וואָלט געוואָלט זען דעם ה׳ אַלאַן און מיט אים וועגן עפּיס רעדן.

שטראָם איז אָבער געבליבן גלײַכגילטיק צום גאַנצן צויבער פון עטעלס אויסזען, צו איר גאַנצער שיינקייט, ווי אויך צו אירע באַרימטן נאָמען און קאָסטבאַרע מלבושים, אין וועלכן זי איז געווען אָנגעטון. דאָס אַלץ האָט אויף שטראָמען די מינדעסטע ווירקונג נישט געהאַט. עטעל האָט דערשפּירט, אַז איר וויזיט איז פאַר שטראָמען זייער אומאַנגענעם.

—ה׳ אַלאַן איז אין טונעל, פרײַלין לאַיד, — האָט ער איר קאַלט געענטפערט. זיין בליק און די חוצפּה, מיט וועלכער ער האָט איר געזאָגט דעם דאָזיקן ליגן, האָבן עטלען שטאַרק אויפגעבראַכט, זי האָט באַלד ווי אַראָפּגענומען פון זיך די ליבענסווירדיקע מאַסקע און איז פון כעס געוואָרן בלאַס, ווי קאַלך.

—איר זענט אַ ליגנער!—האָט זי געענטפערט מיט אַ שוואַכן געלעכטער פון אויפרעגונג.— מיר האָט מען נאָרוואָס געזאָגט, אַז ער איז איצט אין דער היים.

שטראָם האָט זיך נישט אָנגעהויבן אויפצורעגן פון עטעלס באַליידיגענדע ווערטער.

— איך קאָן אייך נישט צווינגען מיר צו גלויבן, זייט געזונד!—איז געווען זיין ענטפער אויף עטעלס שאַרפן פאָרוואורף. אַזאַ באַליידיגונג איז עטלען קיינמאָל נישט אויסגעקומען איבערצולעבן, ציטערנדיק און בלאַס פון כעס, האָט זי אים געענטפערט.

—נישקשה, איר וועט נאָך געדענקען, מיין הער, איר וועט מיך דערמאָנען און חרטה האָבן, וואָס איר האָט מיך היינט אַזוי גראָב באַהאַנדלט, ביז היינט האָט קיינער נישט געהאַט די חוצפּה מיך אַזוי גראָב, אַזוי אומפאַרשעמט צו באַהאַנדלען, עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען איך, עטעל לאַיד וועל אייך ווייזן די טיר, איר הערט!

—איך וועל דאָן וועניקער רעדן ווי איר און פון דעם נישט מאַכן קיין וועזן—האָט שטראָם עטלען געענטפערט.

עטעל האָט אַ קוק געטון אויף שטראָמס קאַלט געזיכט און זיינע גלעזערנע אויגן און עס האָט זי אָנגענומען אַ שוידער פון זיין אויסדרוק.

זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן חשק אים צו זאָגן, אַז ער איז נישט קיין דזשענטעלמען, נאָר פשוט אַ גראָבער יונג, אָבער זי האָט זיך באַהערשט און ווייטער נישט געזאָגט קיין שאַרפע ווערטער, זי האָט אויף אים אַ וואָרף געטון אַ בליק פון דער העכסטער פאַר־אַכטונג און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער און בעת זי האָט זיך מיט טרערן פון צאָרן אויף די אויגן אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, האָט זי זיך געטראַכט:

—„ער איז דאָך משוגע געוואָרן, דער דאָזיקער קאַלטער דייטש, אַלעמען האָט דער פאַרשאָלטענער טונעל משוגע געמאַכט, —האָבין, אַלאַנען. אַן אָנשיקעניש דער דאָזיקער טונעל, שוין איין מאָל אַ שטראָף פון גאָט״.

עטעל האָט געוויינט פון כעס און ענטטוישונג דעם גאַנצן וועג, וואָס זי איז געפאָרן פון מאַק־סיטי ביז ניו־יאָרק. זי איז געווען מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע קאַלטע נשמה, דער „שטאָ־לענער״שטראָם, וועט פאַר איר דרך־ארץ האָבן, און דערווייסנדיק זיך וועט ער זי צולון צו אַלאַנען. עטלען האָט זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מען זאָל ווו זיך געפינען אַ מענטש, וועלכער זאָל זיך קאָנען אַנדערש צו איר באַציען, ווי מיטן גרעסטן רעס־פּעקט און כבוד. אָבער שטראָמס אונפאַרשעמטער בליק, זיין עקשנות און פעסטקייט פון זיין באַשלוס און זיין אָפּזאָגן־זיך צו מאַכן פאַר איר אַן אויסנאַם — האָט זי שטאַרק באַליידיקט און עטעל האָט ממש געקאָכט פון צאָרן און ענטטוישונג... זי האָט אויך נעוויינט, וואָס זי האָט בנוגע שטראָמען אָנגעווענדט נישט קיין ריכטיקע טאַקטיק: ווען זי וואָלט געגאַנגען מיט אַן אַנדער־וועג און מיט אים גערעדט מיט אַן אַנדער טאָן — האָט זי זיך געטראַכט — וואָלט אפשר צו אזא בזיון נישט געקומען.

נאָר דער דאָזיקער חצוף וועט האָבן צו געדענקען עטעל לאָיד! — האָט זיך עטעל געטראַכט, קריצעדיק מיט די ציין — ער וועט שוין זייגע קינדס־קינדער פאַרזאָגן, אַנשטענדיק און העפליך צו באַהאַנדלען פרויען פון דער הויכער געזעלשאַפט... ניששקשה, זייז גראָבקייט בנוגע מיר וועט אים זייער טייער קאָסטן!.. איך וועל דעם גאַנצן טובעל אָוועקקויפן, כדי נור צו קאָנען דעם דאָזיקן גראָבן יונג אַרויסוואַרפן און אים לאָזן אָן אַ פּאָסטן, אָן מיטלען צום לעבן.

ביים עס־טיש איז עטעל דעם זעלבן אָוונט געזעסן קעגן איר פאָטער שטארק אויפגערעגט און בלאַס, נישט קענענדיק זיך אַלץ באַרואיקן פון דער באַליידיגונג, וואָס שטראָם האָט איר פאַרשאַפט.

דער לאָיד האָט באַמערקט, אַז זיין טאָכטער איז עפּיס אויפגערעגט, ער האָט זי אָבער נישט געפרעגט, וואָס איז געשען אזוינס, וואָס האָט זי אין אזא צושטאַנד געבראַכט.

עטעל לאָיד האָט געהערט צו יענע פרויען פון שטאַרקן כאַראַקטער, וועלכע שטעלן זיך קיינמאָל נישט אָפּ פאַר קיין שום מניעות אויפן וועג צו זייער ציל. האָט זיך אַזאַ פרוי עפּעס געשטעלט פאַר אַ צוועק, מעגט איר זיכער זיין, אַז זי וועט איר צוועק שוין געוויס, פריער אָדער שפּעטער דערגרייכן. אַזעלכע פרויען באַזיצן אַזאַ שטאַרקע ווילענסקראַפט, אַזאַ ענערגיע, אַז זיי זענען מסוגל אַלע שטערונגען און שוועריקייטן צו באַזייטיקן.

עטעל האָט באַשלאָסן זיך צו דערשלאָגן, אַז אַלאַן זאָל זי אויפנעמען און זי זאָל מיט אים זיך דורכרעדן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און פירט אַ לעבן פון אַן אמתן נזיר. דאָסמאָל וועט זי שוין געפינען אַן אַנדערן וועג דערצו, אויסמיידנדיק די פאַרמיטלונג פונעם געמיינעם שטראָמען.

זעענדיק, אַז זיין בת יחידה טראָגט אין האַרצן עפּיס אַ ווייטאָק און ליידט דערפון זייער, האָט דעם אַלטן לאָידן שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס עטעל פאַרבאָרגט פון אים די סבה, וואָס האָט איר איצטיקן צושטאַנד אַרויסגערופן און פאַרטרויט אים נישט

וואָס מיט איר איז אַזוינס געשען.

פון דעם צווייטן טאָג אָן האָט עטעל יעדן טאָג אָנגעהויבן צו פאָרן קיין מאַק-סיטי. זי איז געפאָרן אַהין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און יעדן טאָג אָוונט-צו צוריקגעקומען קיין ניו-יאָרק. געפאָרן איז זי קיין מאַק-סיטי און צוריק אין איר בעסטן אויטאָ, געקומען אין די טונעל-שטאָט, ווו אַלאַן האָט זיך איצט אויפגעהאַלטן, פלעגט זי זיך אָפּשטעלן מיטן אויטאָ נעבן דער ביוראָ-געביידע, ווו מאַק האָט איצט געוואוינט און ווו זי איז דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן דורך שטראָמן באַליידיקט געוואָרן אויפן גראָבסטן אופן. נור יעדעס מאָל, וואָס זי פלעגט צופאָרן צו אַלאַנס וואוינונג, זענען די פענסטער פון זיין אַרבעטס-צימער, גלייכצייטיק אויך דאָס עס-און שלאָף-צימער געווען פינסטער, וואָס האָט באַוויזן, אַז אַלאַן איז יעצט נישט אין דערהיים.

מיט אַ ביטער געפיל פון אָנמעכטיקן צאָרן און ענטוישונג פלעגט עטעל, אָפּוואַרטנדיק אַ האַלבע שעה פאַרן הויפּט-איינגאַנג אין ביוראָ, הייסן דעם שאָפער זיך צוריקקערן קיין ניו-יאָרק. ערשט אויפן פינפטן אָוונט האָט עטעל באַמערקט דאָס ערשטע מאָל אַלאַנען. ער איז געקומען אין ביוראָ אַריין מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן הער און זי האָט אַלאַנען אין דער פינסטער דערקענט לויט זיינע טריט.

נור ווי גרויס איז געווען איר צאָרן און פאַרביטערונג, ווען זי האָט אין אַ רגע אַרום אין דעם הער, וואָס האָט באַגלייט אַלאַנען, דערקענט שטראָמן. יאָ. דאָס איז ער געווען, ער, דער פאַרהאַסטער, גראָבער שטראָם, און עטעלס האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ שטאַרקן פייער פון שנאה און פאַראַכטונג געגן אים. אַלאַן און שטראָם זענען דורכגעגאַנגען האַרט פאַרן אויטאָ, אין וועלכן עטעל איז געזעסן, ברענענדיק פון צאָרן און האַס... זי האָט זאָגאַר באַמערקט, ווי שטראָם האָט זיך איינגעקוקט אין די גלאַנציקע שויבן פונם אויטאָ, פונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב עמעץ זיצט דאָרט אינווייניק אָדער נישט. עטלען האָט זיך געדאַכט, אַז שטראָם האָט זיך אָנגעשטויסן ווער עס זיצט אין אויטאָ און ער האָט מורא געהאַט, אַז שטראָם זאָל

אַלאַנען נישט אויפמערקזאַם מאַכן אויפן אויטאָמאָביל. שטראָם האָט אָבער, גייענדיק ווייטער מיט אַלאַנען צו די טרעפּ פון דער וועראַנדע, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַלאַן צוריקגעקומען פון טונעל אַהיים 7 אַ זייגער אין אָוונט. אַלאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פונם צוג, וועלכער איז, דערנענטערנדיק זיך צו דער סטאַציע, נעגאַנגען לאַנגזאַם, און איבער די רעלסן איז ער געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע שריט אין דער ריכטונג צום ביוראָ-בנין. אין דער רגע, ווען אַלאַן האָט דעם ערשטן שריט געטאָן צום פּאַראַד-איינגאַנג פון ביוראָ, האָט עטעל לאָיד געעפנט די גלאָז-טיר פון איר אויטאָ און אים אַ רוף געטאָן ביי זיין נאָמען. אַלאַן איז געבליבן אויף אַ רגע שטיין און זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום. דאַן האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער הערט נישט און געוואָלט זיך אויפהויבן ווייטער אויף די טרעפּ.

—אַלאַן! האָט עטעל נאָכאַמאָל אים אַ רוף געטאָן און איז אַרויסגעשפּרונגען פון איר אויטאָ. אַלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און איר אַ קוק געטאָן גלייך אין געזיכט אַריין, באַמיענדיק זיך וואָס גיכער צו דערוויסן, ווער די דאָזיקע יונגע דאַמע מיטן פאַרשלייערטן געזיכט איז (נאָכן קול אירן האָט אַלאַן עטעלען נישט דערקענט).

אַלאַן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין ברייטן ברוינעם מאַנטל, אין אַ האַלז-טוך און הויכע שטיוול, וועלכע זענען געווען שטאַרק פאַרשמוצט פון אויבן ביז אַראָפּ.

—עטעל לאָיד? — האָט אַלאַן זיך צו איר געווענדט — דאָס זענט איר? האָט ער זי לאַנגזאַם געפרעגט מיט אַ טיפער גלייכגילטיקער שטים.

עטעל איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט, זי האָט אַלאַנס קול נישט גוט געקענט, אַזוי אַז ס'איז איר שווער געווען לויט זיין שטים אים צו דערקענען און זיכער זיין, אַז זי רעדט טאַקע מיט אַלאַנען — און ערשט אין די לעצטע צוויי ווערטער זיינע האָט זי דערהערט אַ נאָטע פון זיין שטים, אין וועלכער זי האָט דערקענט אַלאַנען:

—יאָ האָט זי געענטפערט, דאָס בין איך און האָט אויס־געהויבן איר שלייער ביזן שטערן.

אַלאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט זייגע קלאָרע אויגן.

—וואָס טוט איר דאָ? האָט ער זי געפרעגט—עטעל האָט זיך צעלאַכט פריילעך און האַרציק, ווי אַ קליין קינד און אים געענטפערט:

—איך האָב מיט אייך עפּעס צו רעדן און אַזוי ווי איר לאָזט צו זיך קיינעם נישט צו, האָב איך קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווי צו קומען אַהער בשתיקה, איך וואַרט אויף אייך דאָ פאַר אייער ביוראָ שוין צוויי שעה, כדי זיך צו דער־שלאָגן אויף אַזאַ אופן צו אַן אודיענץ ביי אייך.

אַלאַנס בליק האָט זיך געענדערט ביי עטעלס דאָזיקע האַלב־איראָנישע ווערטער. ער איז אַביסל אין כעס געוואָרן אויף איר פאַרן חוצפּה־טאָן, מיט וועלכן זי האָט צו אים גערעדט. זיין שטים איז אָבער געבליבן די זעלבע פריינטלעכע ווי ביים אָנהויב פון געשפּרעך און ער האָט זי אַריינגעבעטן אין ביוראָ אַריין.

—איר האָט אייך געשריבן אַ בריף, אַלאַן האָט זי לאַכנדיק געזאָגט:— האָט איר באַקומען מיין בריף?

אַלאַן האָט זיך איצט געשעמט צו קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין.

—יאָ, יאָ, כ׳ווייס —האָט ער געענטפערט צוטראָגן און קוקנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער, דעם אמת זאָגנדיק בין איך דאַמלס...

און אַלאַן האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן מיט די ליפּן, וואָס עטל האָט נישט פאַרשטאַנען, אין דערזעלבע רגע האָט זיך פאַר זיי ביידן אַראָפּגעלאָזט און זיך אָפּגעשטעלט די תינדע. אַלאַן עטל און דער לאַקיי לעאָן (דער כינעזר) האָבן זיך אויפגעהויבן צו אַלאַנס וווינונג, לעאָן האָט געעפנט די טיר פון אַלגס צימער. עטל האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער צופרידנקייט, וואָס זי זעט ביי אַלאַנען זיין געטרייען דינער לעאָן.

— גאַנץ גוט, וואָס לעאָ איז נאָך ביי אייך — האָט זי אַלאַנען געזאָגט.

—וואָס מאַכט איר, לעאָן? ווי גייט עס? האָט זי זיך געווענדט צום אַלטן כינעזער, דערלאַנגנדיק אים איר צאַרט הענטל.

—איך דאַנק אייך זייער, מיסיס לאָיד: ס'פעלט מיר, גאָט צו דאַנק, גאָרנישט...

אַלאַן האָט געבעטן עטלען, זי זאָל אים ענטשולדיקן, וואָס ער מוז זי אויף עטלעכע מינוט לאָזן אַליין.

לעאָן האָט זי אַריינגעפירט אין אַ גרויס גוט-געהייצט צימער און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק עטלען וואַרטן אויף אַלאַנען. דאָס מעבל פון צימער, ווי עטעל איז געזעסן, און פון דער גאַנצער וואוינונג איז דורך אַלאַנען באַשטעלט געוואָרן דורכן טעלעפאָן אין וואָרן-הויז און דאָס אויסשטעלן די טיילן פונם מעבל האָט ער איבערגעגעבן אַ טאַפעצירער, אַזוי אַז אין דעם אַלעם האָט זיך קיין פרוי מיט איר פיינעם געשמאַק נישט באַטייליקט, ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס אויפן מעבל, פאָרהאַנגען און דעם אָרט, ווי אַלץ איז געווען אין צימער איינגעאָרדנט, איז געלעגן אַ שטעמפל פון געשמאַקלאָזיקייט און גלייכגילטיקייט צו עסטעטיק און סימעטריע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט לעאָן סערווירט דעם טיש מיט טיי און אָווענט-ברויט און אין צימער איז אַריינגעקומען אַלאַן, ער האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ וויזיט-אַנצוג, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך זיינע גראָבע שטיוול און דעם אַרבעטער-אַנצוג.

—נו, וואָס מאַכט איר פריילין לאָיד, ווי גייט עס? האָט ער, זיך טיף פאַנייגנדיק פאַר עטלען, נעפרעגט:—וואָס מאַכט ה' לאָיד?

אַלאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט געגן עטלען און אינם אויסדרוק צון זיין קאַלטן געזיכט און קלוגע אויגן האָט עטעל באַמערקט, אַז ער איז נישט איבעריק צופרידן מיט איר וויזיט און האָט ווייניק חשק לאַנג מיט איר צו רעדן.

—דער פאָטער פילט זיך גוט, כ'דאַנק אייך—האָט זי אַ ביסל צוטראָגן געענטפערט.

אַלאַן איז פאַר דער צייט, וואָס עטעל האָט אים נישט געזען, שטאַרק גראָ און פאַרעלטערט געוואָרן, זיינע שאַרף געוואָרענע

געזיכטס-ציגע זענען געווען באַוועגונגסלאָז, ווי פאַרשטיינערט, פול מיט פאַרבאָרגענער פאַרביטערונג און שטומער זאָרג, זיינע אויגן זענען געווען קאַלט, אָן לעבן. זעענדיק אַז מיט אַלאַנען איז פאָרגעקומען אַזאַ שטאַרקע ענדערונג און באַמערקנדיק ביי אים סמנים פון אַנטוישונג און פעסימיזם, האָט עטעל באַשלאָסן מיט אים איצט גאָר אַנדערש צו רעדן, ווי זי האָט לכתחילה בדעה געהאַט. פריער האָט זי געהאַט באַשלאָסן מיט אים צו רעדן אָפן, ווי מיט אַ גוטן פריינד, פון אַלץ, וואָס ביי איר איז געלעגן אויפן האַרץ, נישט אויסשליסנדיק דעליקאַטע פערזענלעכע אַנגעלעגנהייטן, נור איצט, זעענדיק אַלאַנען אין אַזאַ צושטאַנד, האָט עטעל נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אים באַלעסטיקן מיט איבעריקע טעמאַס און רייד, זי האָט זיך אויך ענטזאַגט פונם געדאַנק זיך צו קלאָגן פאַר אַלאַנען אויף שטראָמן וועלכער האָט זי אַזוי גראָב באַליידיקט, נור אָפרעדנדיק מיט אַלאַנען אַ פאָר מינוט, האָט אין איר האַרץ אַ קלאַפ געטאָן אַ מין גוט און פריינדלעך געפיל צו אים, אַז זי האָט שוין נישט געקאָנט רעדן צו אים ווי צו אַ פרעמדן מענטש, אונבאַמערקט פאַר זיך איז זי אַריבער אין איר ווייטערדיקן געשפרעך מיט אַלאַנען צו אַ הערצלעכן טאָן.

—אַלאַן — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגנדיק אים די האַנט — איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי מיך פרייט, ווידער אייך צו זען.

ס׳האָט איר געקאָסט פיל מיה דערביי צו פאַרבאָרגן איר אויפרעגונג.

אַלאַן האָט איר דערלאַנגט זיין האַנט, וועלכע איז פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען, שטאַרק פארגרעבט געוואָרן, אויף זיינע ליפן האָט זיך באַוויזן אַ פריינדלעך שמייכעלע און ער האָט לייכט זיך צולאַכט, דערהערנדיק עטעלס לעצטע ווערטער. זיינע אויגן האָבן אָבער אויסגעדריקט אַ שוואַכע גוטמוטיקע פעראַכטונג צו דער דאָזיקער אַרט ווייבלעכער סימפאַטיע. עטעל האָט זיך אָבער נישט אינטערעסירט דערמיט, ווי אַזוי אַלאַן באַציט זיך איצט צו איר. זי האָט געקוקט אויף אַלאַנען, צושאָקלנדיק מיטן קאָפ.

—איר זעט נישט גוט אויס, — האָט זי אים ווייטער געזאָגט

וואָס איז מיט אייך? דאָס לעבן, וואָס איר פירט איצט, איז נישט פאַר אייך, נישט אַזוי דאַרפט איר לעבן און די צייט פאַרברענגען. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז נאָך דעם וואָס איר האָט איבערגעלעבט, נאָך די שטורעמס, וואָס האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבער אייער גייסט, דאַרפט איר אַ געוויסע צייט האָבן אַבסאָלוטע רו און זיין אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער סביבה. איך האַלט אָבער אַז אַזאַ לעבן, וואָס איר פירט איצט, איז אויף לאַנג פאַר אייך שעדלעך. איר דאַרפט פירן אַזאַ לעבן נור אַ געוויסע צייט, אָבער נישט מער, ווי דאָס איז פאַר אייך נויטיק, כּדי אייך צו ברענגען צום גייסטיקן און פסיכישן גלייכגעוויכט, וועלכן איר האָט דורכן גאַנג פון די געשעענישן נישט ווילנדיק פאַרלאָרן. האָט קיין פאַראיבל נישט אויף מיר, וואָס איך בין מיט אייך אַזוי אָפנהאַרציק און ווייז אייך אָן אויף די דאָזיקע אומשטענדן, אין וועלכע איך האָב אפשר נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן וואָס אייך פעלט איצט מער פון אַלץ־איז די אַרבעט. די טעטיקייט, פון וועלכער מ'האָט אייך אַזוי אונברחמנותדיק אָפּגעריסן אייך פעלט דער טומל און מער גאָר נישט!

עטעל האָט מיט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער געזאָגט דעם ריינעם אמת און געטראָפן מיט איר געדאַנק אַלאַנען גלייך אין האַרצן אַריין.

אַלאַן איז געזעסן און ווי מיט אַ פאַרגליווערטן בליק געקוקט אויף עטלען, נישט ענטפערנדיק איר קיין איינציק וואָרט אפילו. ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט און קיין שום חשק נישט געהאַט מיט איר וועגן דעם זיך אַריינצולאָזן אין אַ דיסקוסיע עטעל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס אַלאַן איז געווען אַזוי צוטראָגן. זי האָט אָנגעהויבן רעדן שנעל און היציק מיט אַזאַ טריינדלעכן טאָן צו אַלאַנען, אַז שטעלן זיך איר אַנטקעגן, אָדער מיט איר נישט מסכּים זיין — וואָלט געהייסן זיין אומדאַנקבאַר און נישט העפלעך צו איר. זי האָט אים געמאַכט פאָרווורפן, וואָס ער דערווייטערט זיך אַזוי פון זיינע אמתע גוטע פריינד און מיידט זיי אָן שום סבה אויס; פאַרוואָס ער האָט זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער דאָזיקער טויטער שטאָט מאָק־סיטי

און באַגייט איבער זיך בכלל אַ לאַנגזאַמען זעלבסט-מאָרד. חיי־טער האָט אים עטעל איבערגעגעבן וועגן דעם אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן איר און שטראָמן, ד׳ האָט גערעדט וועגן איר פאָטער, וועגן ניו-יאָרק, וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע און איז יעדעס מאָל אַרויף אויף דאָס טעמאַ פון טונעל. ווער זאָל דען דעם טונעל. פאַרענדיקן, אויב נישט ער? ווער וועט דען די וועלט די דאָזיקע העכסט-וויכטיקע אויפגאַבע אָנטרויען, אויב נישט אַלאַנען. דער קורצער זין פון עטעלס לאַנגע רעדע איז געווען, אַז ער איז מחויב זיך ווידער צו נעמען צו דער אַרבעט און פאַרענדיקן זיין „גרויסע אַרבעט“ חוץ דעם, גאַנץ אָפגעזען פון די אַלע מאָטיוון. האָט עטעל אים אָפן געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך וואָס גיכער נישט נעמען צו דער אַרבעט, וועט ער אַראָפּ פון זינען און פון אים וועט ווערן אַ תל.

אַלאַנס גראָע אויגן זענען אַ ביסל פאַרדונקלט געוואָרן, אויסהערנדיק עטעלס ווערטער, זיינע אויגן האָבן איצט אויסגעדריקט פאַרבאָרגענע יסורים, זאָרג און פאַרביטערקייט און פאַרלאַנגען, וועלכע עטעל האָט מיט איירע ווערטער ביי אים אַרויסגערופן.

—צוליב וואָס אייגנטלעך זאָגט אַ [illegible] פלין? —האָט ער עטלען געפרעגט.

—אייגנטלעך, האָב איך אייך קיין שום רעכט נישט צו זאָגן דאָס, וואָס איך האָב אייך דאָ געזאָגט, —האָט עטעל אים געענטפערט, —אָבער אַלס אַ פריינדין און גוטע באַקאַנטע האָב איך געהאַט די פליכט, אייך דאָס צו זאָגן און אייך וואָרענען פון אַן אומגליק, וואָס רוקט זיך ביסלעכווייז אָן אויף אייך. איך זאָג דאָס אייך אַלץ און וואָרן אייך, ווייל—נור דאָ האָט עטעל נישט געקאָנט אויפגעבן קיין גרונט, פאַרוואָס זי וואָרנט אים אַזוי ענערגיש און האָט ווייטער געזאָגט:

—איך מאַך אייך נור פאָרווורפן, וואָס איר האָט זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דעם דאָזיקן אומעטיקן צימער, בעת איר זענט בכּח נאָך אַזוי פיל גרויסעס און וויכטיקעס אויפצוטאָן, בעת אַ [illegible] רופט אַ קאָלאָסאַלע און הויכע אויפגאַבע, בעת דורך

און אונשטערבליכקייט וואַרטן און קוקן אַרויס אויף אייך, בעט, רעדנדיק קאָנקרעט, אייער „גרויס ווערק״ — דער טונעל רופט אייך, אים צו פאַרענדיקן — און איר זענט מחויב דאָס צו טון.

אַלאַן האָט לייכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסהערנדיק עטעלס רייד. אויף זיינע ליפּן האָבן זיך פון צייט צו צייט געוויזן אַ שמייכל.

—פריילין לאָיד — [illegible] צו [illegible]טלען געענטפערט — איך מוז אייך זאָגן, אַז איר ווערט [illegible]שאָלשטענדיק אומפאַרשטענדלעך, כ׳הויב אייך איצט נישט אָן צו פאַרשטיין. קיינער וועט נישט לייקענען, אַז איך האָב פיל, זייער פיל כחות אַוועקגעלייגט פאַר מיין גרויסן ווערק, האָב פיל אויפגעטאָן און געקענט מיין ציל אינגאַנצן דערגרייכן, ווען נישט די זייטיקע נישט-פאָראויסגעזעענע שוועריקייטן און מניעות. אויב מיר איז נישט געלונגען מיין צוועק דערווייל אינגאַנצן צו דערגרייכן, איז יעדנפאַלס אין דעם נישט מיין שולד. וואָס אַנבעלאַנגט אייערע פאָרוואורפן, וואָס איך באַגראָב זיך כלומרשט לעבעדיקערהייט און האָב אויפגעגעבן מיין גרויסן פּלאַן וועגן טונעל. — מוז איך אייך זאָגן, אַז איר לעבט אין טעות. איך האָב נאָך אויף קיין רגע אַפילו זיך נישט ענטזאַגט ווייטער צו אַרבעטן און דעם טונעל אַוועקצוגעבן דעם רעשט פון מיינע כחות, איך גרייט זיך ווייטער צו דער גרויסער אַרבעט. איך בין גרייט אַ ליאַדע מינוט זיך ווידער צו נעמען צו דער אַרבעט, ווי באַלד נור ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ גינסטיקער באָדן דערצו. נור איך מוז אייך אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז דערווייל איז די סיטואַציע אַזעלכע, אַז וועגן אויפנעמען ווידער די אַרבעט פון טונעל קאָן דאָך קיין רייד נישט זיין.

—פאַרוואָס?

אַלאַן האָט זי פאַרחידושט אָנגעקוקט.

—גאַנץ פּשוט: מיר האָבן קיין געלט נישט ווייטער די אַרבעט צו פירן.

—ווער אָבער ווען נישט איר איז אַזוי פעהיק געלט צו באַקומען. אויף אַזאַ אונטערנעמונג. כ׳בין מער ווי זיכער, אַז איר וועט זיך שוין קאָנען אַן עצה געבן, וואָס אַנבאַלאַנגט געלט

מיטלען — האָט עטעל געזאָגט מיט אַ שמייכל פון צופרידנהייט אויף די ליפּן, נור — האָט זי צוגעגעבן — כל זמן איר וועט פירן אַזאַ אַרט לעבן און זיך האַלטן אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, וועט אייך זעלבסטפאַרשטענדלעך קיינער קיין געלט ניט אַקעגנ־טראָגן...

אַלאַנען איז ענדלעך נמאס געוואָרן אויסצוהערן אַזעלכע רייד פון עטעלס מויל און ער האָט איר געענטפערט:

—איך האָב, שטעלט אייך פאָר, שוין אויסגעפּרוווט אַלע מיטלען צו קריגן געלט און זיי אַלע האָבן דעם געווינשטן רע־זולטאַט ניט געבראַכט — האָט אַלאַן איר געענטפערט און פון דעם טאָן פון זיין ענטפער האָט עטעל פאַרשטאַנען, אַז זי איז אים לעסטיק און אַז עס איז אים נמאס געוואָרן אויסצוהערן אירע עצות.

עטעל האָט כמעט אַ כאַפּ געטאָן אירע האַנדשו און אָנ־טוענדיק איינע פון זיי אויף דער לינקער האַנט, האט זי גע־פרעגט:

—האָט איר מיטן פּאַפּאַ עפּעס גערעדט?

אַלאַן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז יאָ, נור ער האָט דערביי אויסגעמיטן עטלען גלייך אין געזיכט אַריין צו קוקן.

—יאָ, איך האָב גערעדט מיטן ה׳ לאָיד.

—און וואָס פאַר אַ ענטפער, ערלויבט מיר צו פרעגן, האָט איר פון פּאַפּאַ באַקומען?

—הער לאָיד האָט מיר געגעבן זייער ניט קיין גינסטיקן ענטפער. ער האָט מיר קיין שום האָפנונג ניט געגעבן — האָט ער עטלען געענטפערט, אַ קוק טוענדיק אויף איר.

עטעל האָט זיך צולאַכט מיט איר זיסן קינדערשן געלעכטער.

—ווען — האָט זי אים געפרעגט — האָט איר מיטן פּאַפּאַ גערעדט?

אַלאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

—דאָס איז געווען פאָריקן הערבסט.

—אַזוי — האָט עטעל ערנסט געענטפערט. — פאָריקן הערבסט,

זאָגט איר. נור פאַרגעסט נישט, אַז פּאַפּאַ האָט דעמאָלט אַנדערש נישט געקאָנט ענטפערן, מחמת זיינע הענט זענען דעמאָלט געווען געבונדן. איצט אָבער איז די סיטואַציע גאָר אַן אַנדערע — און דאָ האָט עטעל לאַיד אים דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי האָט אים געהאַט איבערצוגעבן מיטגעטיילט:

—זאָלט איר, אַלוזאָ, הער אַלאַן, וויסן, אַז פּאַפּאַ האָט מיר די טעג געזאָגט:

—איך וועל אפשר איצט איבערנעמען דעם ווייטערן בוי פון טונעל. איך קאָן אָבער אַלאַנען וועגן דעם קיין פּאָ־שלאַג נישט מאַכן. מיר פּאַסט עס נישט, ווייל אַזאַ שריט פון מיין זייט וואָלט געקאָנט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן, ווען אַלאַן וואָלט צו מיר געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, דעם טונעל צו פאַרענדיקן, וואָלט ער אַ זיכערן ערפאָלג געהאַט, דעמאָלט וואָלט איך צוגעשטאַנען צו אים, און די טונעל־אַרבעט וואָלט אין גיכן באַנייט געוואָרן.

די דאָזיקע וויכטיקע ידיעה האָט עטעל איבערגעגעבן אַלאַנען רואיק, קאַלטבלוטיק און גלייכגילטיק.

אַלאַן איז געזעסן שטיל, פאַרזונקען אין טיפע געדאַנקען, ער האָט עטלען גאָרנישט געענטפערט.

עטעל האָט מיט דער דאָזיקער ידיעה אָנגעצונדן אין זיין האַרץ אַ פייער פון דרייסטע און זיסע האָפנונגען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבן. דאָס בלוט האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן אין געזיכט אַריין. פּלוצלונג האָט ער דערהערט די דונערנדע קולות פון דער אַרבעט אין טונעל. צי איז דאָס מעגלעך? איז דאָס נישט קיין חלום? איז דען מעגלעך, אַז נאָך די אַלע אינערליכע קאַטאַסטראָפעס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין אינגאַנצן מיאש געווען פון זיין „גרויסער זאַך" — זאָל זי ווידער אויפלעבן און זיין דרייסטער טרוים זאָל מקוים ווערן?

גרויסער גאָט! דאַכט זיך, פון איין געדאַנק וועגן דעם קאָן מען פון זין אַראָפּ!... לאַיד!... זיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט אים ממש געטראָגן אין דער לופט און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. שטייענדיק פאַר עטלען,

האט אַלאַן נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און זיין בליק האָט אין דער דאָזיקער רגע אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט און האָפנונג. עטעל האָט, אָנטוענדיק די צווייטע האַנדשו, כלומרשט זיך געקליבן פון אַלאַנען אָפּשייד צו נעמען, באמת אָבער האָט זי אַלץ געזוכט אַן אויסרייד נאָך עטלעכע מינוט צו פאַרבלייבן מיט אים און נאָך מיט אים צו רעדן און צו רעדן. ענדלעך איז עטעל אויפגעשטאַנען פון שטול און מאַכנדיק עטלעכע טריט צו דער טיר, האָט זי אַלאַנען געזאָגט:

—פּאַפּאַ האָט מיר — דאָס מוז איך אייך זאָגן — נישט געגעבן דעם אויפטראַג אייך איבערצוגעבן דאָס, וואָס איך האָב אייך דערציילט און ער טאָר נישט וויסן, אַז איך בין דאָ ביי אייך געוועזן.

און ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט און פון אים אָפּשייד גענומען.

אַלאַן האָט אויף עטלען איצט געקוקט מיט אַ דאַנקבאַרן וואַרימען בליק.

—פון אייער זייט — האָט ער איר געזאָגט דריקנדיק איר די האַנט — איז דאָס זייער ליבנסווירדיק געוועזן, פריילין לאָיד, מיך אויפצוזוכן. כ'בין אייך זייער און זייער דאַנקבאַר דערפאַר.

—אַך, וואָס פאַר אַ ליבנסווירדיקייט! — האָט עטעל געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן און אַ ביסל רויט ווערנדיק — כ'האָב די לעצטע עטלעכע טעג נישט געהאַט וואָס צו טון, איז מיר איינגעפאַלן אייך צו באַזוכן און זען ווי איר פאַרברענגט די צייט און וואָס איר מאַכט.

—אַדיע, הער אַלאַן! — און עטעל איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין וואוינונג.

II

דעמזעלבן טאָג, איז עטעל בעתן אָוונט-ברויט שוין געזעסן אין אַזאַ הומאָר, איז געווען אַזוי פריילעך און גליקלעך, אַז דער אַלטער לאָיד האָט אָנגעקוואָלן פון נחת זעענדיק זיין הייס-געליבטע

בת-יחידה אין אַזאַ שטימונג. נאָכן אָונט-ברויט איז עטעל צוגע-גאַנגען צו איר פאָטער און אַרויסנעמענדיק אים זיין האַנט מיט איר ווייך הענטל, האָט זי צו אים געזאָגט:

—צי האָט מיין קליינער ליבער פּאַפּאַ מאָרגן פאַרמיטאָג צייט מיט מיר וועגן אַ וויכטיקער אַנגעלעגנהייט צו רעדן?

—אַפילו נאָך היינט, ווען דו ווילסט, מיין קינד, — האָט איר דער אַלטער לאָיד געענטפערט, שטאַרק גערירט פון איר צערט-ליכקייט און ליבע, וועלכע האָבן געקלונגען אין אירע ווערטער.

—ניין, בעסער מאָרגן. און צי וועט מיין ליבער קליינער פּאַפּאַ אַלץ טון, וואָס זיין עטעל וועט אים בעטן?

—ווען דאָס וועט פאַר מיר מעגלעך זיין, מיין קינד.

—ס'איז מעגלעך, ס'איז פאַר דיר מעגלעך צו טון וואָס איך וועל דיך בעטן, נישט קיין מעגלעכעס וואָלט איך ביי דיר נישט געבעטן, ליבער פּאַפּאַ, כ'בין דאָך נישט קיין קליין קינד.

אויף מאָרגן האָט אַלאַן באַקומען אַן אייגנהענדיק געשרי-בענע איינלאַדונג פון לאָידן, וועלכע האָט אין זיך ענטהאַלטן פיל פריינדשאַפט און איבערגעבנהייט און האָט דייטלעך עטעלס סטיל און געדאַנק פאַרראַטן.

—מיר בעטן אייך זייער — האָט לאָיד אים געשריבן, — אונז פאַרשאַפן דעם כבוד פון אייער וויזיט. בעת אייער באַזוך וועלן קיין זייטיקע מענטשן ביי אונז נישט זיין, אַזוי אַז איר וועט זיך געפינען אין דער געזעלשאַפט נור פון מיר און מיין טאָכטער.

אַלאַן האָט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געלאָזט בעטן און איז געקומען צו לאָידן צו דער באַשטימטער צייט. ער האָט דעם אַלטן גרויסן מיליאַרדער געפונען אין זייער אַ גוטן הומאָר, נור פאַר דער צייט, וואָס אַלאַן האָט זיך מיט אים נישט געזען, איז לאָיד שטאַרק געעלטערט געוואָרן און אַלאַן האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער אַלטער הויבט אָן עובר בטל צו ווערן און פאַלט אַריין אין אַ מין קינדהייט. ער האָט, למשל, אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַלאַן האָט אים פאָריגן הערבסט באַזוכט. ער האָט אַלאַנען עטלעכע מאָל דערציילט די איינצלהייטן פון עטעלס פראַצעסן און האָט שטאַרק געלאַכט, איבערגעבנדיק מיט טרער

אין די אויגן דעם עפּיזאָד, ווי עטעל האָט געוויזן דער מאַכט אַ נאָז, אַנטלויפנדיק אויף איר יאַכט-שיף פון ניו-יאָרק און פאַרברענגענדיק אויפן אָקעאַן עטלעכע טעג.

דער אַלטער האָט געפלוידערט אָן אַן אויפהער פון אַלע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען און פאַרלויף פון הערבסט און ווינטער, איבער די סקאַנדאַלן בעת די וואַלן א. אַ. וו.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיין מוח האָט שוין אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, האָט דער אַלטער דאָך נאָך אויסגעזען לעבעדיק און מונטער און האָט אַרויסגעוויזן דעם לעבהאַפטסטן אינטערעס צו אַלע שטאָט-און וועלט-נייעס. נישט קוקנדיק אויף זיין טיפער עלטער. האָט זיין אייגנטימלעכע קלוגהייט אים נאָך נישט איינגאַנצן פאַרלאָזן און ער איז נאָך געווען גענוג כיטרע און פעהיק אויף המצאות.

אַלאַן האָט מיטן אַלטן גערעדט צוטראָגן, נישט קאָנענדיק קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען און נישט זייענדיק נאָך אימשטאַנד צו באַרואיקן די איבערגעלעבטע מאָראַלישע צרות און אומגליקן. אָפּרעדנדיק אפשר אַ שעה צייט פון פאַרשידענע זאַכן, האָט אַלאַן נאָך נישט געהאַט געפונען קיין געלעגנהייט אַריבערצוגיין צו דער וויכטיקער פראַגע וועגן באַנייען די אַרבעט פון טונעל. לאָיד האָט אים איבערגעגעבן פאַרשידענע פלענער, מיט וועלכע ער טראָגט זיך די לעצטע צייט אַרום, און האָט שטאַרק חשק זיי וואָס גיכער צו פאַרווירקליכן און ווען אַלאַן האָט שוין געהאַלטן איבערצוגיין אויף דעם, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן, איז אין צימער אַריינגעקומען דער לאָקאַי און אין נאָמען פון מיס לאָיד געבעטן די הערן זיי זאָלן זיך מטריח זיין אַריינגיין אין עסצימער צו מיטאָג.

עטעל איז געווען אָנגעטאָן ווי צו אַ הויף-באַל... זי האָט אין איר פּרעכטיקן טואַלעט געשיינט ווי אַן אמתע קעניגן. פון אַלץ אויף איר און פון איר האָט געאָטעמט מיט גלאַנץ, פרישקייט און עלעגאַנץ. ווען זי וואָלט נישט געהאַט אַ קליינעם „מוש" אויפן קינבאַק, וואָלט מען דאָס דאָזיקע זעלטן-שיינע און גראַציעזע פריילין דרייסט געקאָנט האַלטן פאַר די ערשטע שיינהייט אין ניו-יאָרק.

אַלאַן איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, דערזעהענדיק עטלען אין פולן גלאַנץ און פּראַכט פון איר שיינהייט. ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ גלענצענד-שיינע, אַזאַ אידעאַל-שיינע, ווי איצט. נישט ווייניק איז אויך אַלאַן איבערראַשט געוואָרן פון איר שוישפּילערישן טאַלענט, וועלכן זי האָט אַרויסגעוויזן און ענטוויקלט ביים באַגריסן-זיך מיט אים און אין דער קורצער אונטערהאַנדלונג נאָכדעם.

—דאָס זענט איר, אַלאַן? האָט זי געזאָגט, אים באַגריסנדיק מיט אַ צויבער-שמייכעלע אויף די ליפּן, און אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט אירע שטראַלנדע, אויפריכטיקע בלויע אויגן אויף איר גאַסט.

—אַך, ווי לאַנג מיר האָבן זיך שוין נישט געזען. ווו זענט איר די גאַנצע צייט פאַרפאַלן געוואָרן, ווו און ווי האָט איר אַזוי לאַנג פאַרבראַכט? ביי די דאָזיקע ווערטער עטעלס האָט איר פאָטער אַ ביזלעכן קוק אויף איר געגעבן און איר געזאָגט:

—עטעל, זיי נישט אַזוי נייגעריק!

און עטעל האָט זיך צולאַכט מיט איר קינדישן געלעכטערל, אין וועלכן אַ געניט אויער וואָלט געוויס דערהערט אַ טאָן פון צופרידנהייט, וואָס איר איז געלונגען מיט איר נור-וואָס אָפּגעשפּילטער סצענע צו פאַרבאָרגן פון איר פאָטער אירע וויזיטן ביי אַלאַנען.

בעת אָונט-ברויט איז עטעל געווען אין בעסטן הומאָר. נאָכן אָונט-ברויט האָבן זיי זיך אַלע אַנידערגעזעצט ביים רונדן מאַהאַגאָני-טיש, אויף וועלכן עטעל פלעגט יעדן טאָג אַליין פיל בלומען אויסשטעלן.

ווען דער לאַקײ האָט דערלאַנגט צום טיש פרוכטן, וועלכע די דאָקטוירים האָבן דעם אַלטן לאָידן פאַרבאָטן צו עסן, האָט עטעל, דערלאַנגנדיק איר פאָטער אַ באַרן, אים געזאָגט:

—היינט, פּאַפּאַ, וועל איך נישט צו-שטרענג זיין צו דיר, ווייל אַלאַן איז היינט אונזער גאַסט; אַלזאָ, דו מעגסט איצט די באַרן פאַרזוכן.

נאָכן אָונט-ברויט האָבן זיי געטרונקען קאַווע אין אַ הויכן

ברעכטיקן זאַל, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פּאַלמען-הויז.

די האַלבע טונקלהייט, וואָס האָט געהערשט אין זאַל, האָט באַשאַפן אַ מין האַלב-מעלאַנכאָלישע שטימונג און דער אַלטער לאָיד האָט אונטערן איינדרוק פון דער דאָזיקער שטימונג געזאָגט צו עטלען:

—זינג אונז עפּעס פאַר אַ ביסל, טעכטערל מיינס.

דער געריירטער אַלטער מיליאַרדער האָט פּאַררויכערט אַ גראָבן סיגאַר און זיך אַנידערגעזעצט אין אַ טיפן פאָטעל, צו-גרייטנדיק זיך הערן עטעלס זינגען. די סיגאַרן וואָס לאָיד פלעגט באַנוצן, זענען ספּעציעל פאַר אים אין האַוואַנאַ געווען אויסגע-אַרבעט און, כּמוז צוגעבן, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער לוקסוס, וואָס דער גרעסטער מיליאַרדער האָט זיך ערלויבט.

עטעל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז זי וועט נישט זינגען.

—ניין פּאַפּאַ, האָט זי דערביי געזאָגט — אַלאַן האָט נישט ליב קיין מוזיק.

לאָידס ברוינער מומיען-קאָפּ האָט זיך אַ דריי געטאָן צו אַלאַנען און דער אַלטער האָט אים געפרעגט:

—וואָס, איר האָט נישט ליב קיין מוזיק?

—איך האָב נישט קיין געשמאַק און קיין געהער צו מוזיק— האָט אַלאַן געענטפערט.

לאָיד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט דער-מיט געוואָלט זאָגן, אַז ער פאַרשטייט אים גאַנץ גוט און וווּנ-דערט זיך אויף דעם גאָרנישט און אין אַ רגע אַרום האָט ער זיין געהיימען געדאַנק אויסגעדריקט מיט די ווערטער:

—ווי קומט איר צו מוזיק? איר האָט אַזוי פיל צו טראַכטן. און צו וואָס טויג אייך מוזיק, אין די יונגע יאָרן בין איך אויך זייער גלייכגילטיק געווען צו מוזיק. ווען איך בין אָבער עלטער געוואָרן און אָיפגעהערט צו פאַנטאַזירן, האָב איך זי פּלוצלונג ליב באַקומען. מוזיק איז באַשאַפן נור פאַר קינדער, פרויען און שוואַכע קעפּ. —

נור דאָ האָט עטעל איבערגעשלאָגן איר פאָטער.

—פוי, פּאָפּאַ! האָט זי מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג זיך אָנ-גערופן פון איר שאָקל-שטול.

—איך באַנוץ זיך מיט דער פּריווילעגיע פון דער עלטער— האָט לאַיד ווייטער אָנגעהויבן צו פּלוידערן — איבעריגנס מוז איך צוגעבן, אַז עטעל האָט מיר אַ שטאַרקן חשק אַריינגעגעבן צו מו-זיק און אויף מיר געווירקט אין דעם זין, אַז איך זאָל ווערן אַן אָנהענגער פון דער דאָזיקער קונסט-בראַנזשע.

—אפשר האָט דער פּאַפּאַ חרטה, וואָס איך האָב אַזוי גע-טאָן? — האָט עטעל זיך נאָך אַמאָל אָנגערופן און אַ באַדייטנדן קוק געטאָן אויף אַלאַנען.

דערנאָך איז צווישן עטלען און איר פּאָטער פאָרגעקומען אַ לעבהאַפטע געשפּרעך, וואָס האָט שוין געהאַט אַ ריין-געשעפטלעכן כאַראַקטער. דאָס געשפּרעך איז געפירט געוואָרן אין דער שטיל, בעת אַלאַן האָט געהאַלטן אין איבערמישן און באַטראַכטן עטלע-כע בילדער און פאָטאָגראַפישע אַלבאָמען, וואָס זענען געלעגן אויף איינעם פון די טישלעך. עטעל האָט מיט איר פּאָטער גע-רעדט וועגן טונעל און האָט ביים פּאָטער ענדלעך געפּועלט, ער זאָל צוטרעטן ווידער אַלס הויפּט-שותף צו אַלאַנען אויף צו פאַר-ענדיקן אַלאַנס גראַנדיעז ווערק.

—ווי גייט עס מיטן טונעל — האָט זיך דער אַלטער לאַיד געווענדעט צו זיין גאַסט — אַלאַן? כ'האָב געהערט, אַז די צייטן קלייבט איר זיך ווידער צו פאַרבינדן אַ רעגלמעסיקע שיף-פאַר-בינדונג צווישן אַמעריקא און אייראָפּא, כ'וואָלט געוואָלט, מ'זאָל די דייטשן באַווייזן, אַז זיי לעבן אין טעות, אַז דער טונעל איז נאָך נישט באַגראָבן און וועט נאָך, צום רום און גרויס פּונם מענטשלעכן זשעני, גלענצענד פאַרענדיקט ווערן.

די רגע צו אַנטשיידן דעם ווייטערדיקן גורל פון טונעל איז געקומען, און אַלאַן האָט לאַידן קלאָר און דייטלעך, אָן רמזים, געזאָגט:

—נישט מיט אייער גאָמען, הער לאַיד, און איך נעם זיך נאָך מאָרגן צו דער אַרבעט.

אויף דעם האָט דער איבערלעגטער און קלוגער לאַיד געענטפערט:

—כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט איך וועגן דעם מאַכן אַ פֿאָרשלאָג, אַלאַן. כ'האָב זאָגאַר געהאַט בדעה אייך וועגן דעם צו שרייבן נאָך בעת איר זענט געווען אויף דער רייזע. עטעל האָט מיר אָבער דערפֿון אָפּגעהאַלטן, זי האָט געזאָגט, איך זאָל בעסער וואַרטן ביז איר וועט צוריקקומען פֿון אייער רייזע. זי האָט מיר דאַן נישט ערלויבט אייך צו שרייבן.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטער ליבנדער פֿאָטער געוואָלט אויף קאַטאָוועס אַ שטאָך געבן זיין טאָכטער און זי צורייצן...

נור דאָ האָט עטעל, זיצנדיק אויפֿן וויג-שטול, איבערגעשלאָגן איר פֿאָטערס רייד — זי איז, נישט פֿאַרשטייענדיק דעם אַלטנס חוזק-טאָן, אויפֿגעשטאַנען פֿון איר שטול און קלאַפּנדיק מיט די הענט אין טיש, האָט זי אויף אַן ענערגישן אופֿן פּראָטעסטירט געגן איר פֿאָטערס באַשולדיגונג.

—פּאַפּאַ! האָט זי מיט אַ פֿאַררויטלט געזיכט און בליצנדיקע אויגן שאַרף געזאָגט — ווי קאָנסטו עס וועגן אַזעלכעס צו זאָגן?

עטעל איז אַזוי שטאַרק אין כּעס געוואָרן, דערפֿון וואָס דער אַלטער אירער האָט זיך מיט עטלעכע אונפֿאָרזיכטיקע ווערטער וועגן איר אַרויסגעלאָזט, אַז זי איז אַרויסגעלאָפֿן אין דער שטאַרקסטער אויפֿרעגונג פֿון זאַל, אַ שטאַרקן קלאַפּ טוענדיק דערביי מיט דער טיר, אַזוי אַז דער גאַנצער זאַל האָט אַ ציטער געטאָן.

אַלאַן איז געזעסן נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט, אין דער העכסטער ערשטוינונג. ערשט שפּעטער אַ ביסל האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז דער אַלטער לאָיד האָט אַרויסגעגעבן עטעלס אַ סוד און דערמיט זיין טאָכטער פֿאַרראַטן.

לאָיד איז געבליבן אין דער גרעסטער פֿאַרלעגנהייט. אויסגלאָצנדיק זיינע קלוגע אויגן, האָט ער געדרייט זיין קאָפּ אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט געוואָלט געפֿינען אויף די ווענט אַן ענטפֿער אויף זיין פֿראַגע.

וואָס האָב איך אַזעלכעס געזאָגט, וואָס עטעל האָט זיך אַזוי אָנגעצונדן פֿון כּעס און איז אַזוי משוגע געוואָרן?

—וואָס האָב איך איר אַזוינס געטאָן, וואָס זי איז אַזוי ברוגז געוואָרן אויף מיר? — האָט לאָיד געזאָגט, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס. — כ'האָב דאָך אַ קליינעם שפּאַס געמאַכט און מער גאָרנישט, אַי, ווי עטעל קאָן אין כּעס ווערן פון גאָר נישט... צינדט זיך אָן ווי פּולווער פון אַ וואָרט, וועלכעס מ'קאָן אויסטייטשן ווי מ'וויל.

דעם אַלטן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן עטלען אין אַזאַ כּעס אַריינגעבראַכט. נור באַרואיקנדיק זיך פון דער שטאַרקער אויפרעגונג, וועלכע ער האָט עטלעכע מינוט איבערגעלעבט צוליב דעם, האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט אין זיין פאָטעל און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז שוין ווידער פריילעך און לוסטיק און אין דעם בעסטן הומאָר.

זעענדיק אַלאַנס פאַרלעגנהייט צוליב דעם, וואָס דאָ האָט זיך פאַר זיינע אויגן אָפּגעשפּילט, האָט לאָיד זיך באַמיט אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק, וואָס דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אויף אים געמאַכט.

—עטעל — האָט ער אַלאַנען געזאָגט, — וועט געוויס באַלד צוריק אַריינקומען אין צימער. ווי זי זאָל אויפנעמען ס'איז נישט אין כּעס זיין, האָט זי שוין אַזאַ כאַראַקטער, — אַז לאַנג קאָן זי ביי זיך דעם כּעס נישט טראָגן און ווערט באַלד ווייך און גוט, ווי עס וואָלט מיט איר גאָרנישט געשען. איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, אַלאַן, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי האָט — אַ האַרץ פון אַ מלאך און נישט פון קיין מענטשן, זי האָט נור אַ חסרון, וואָס זי איז צייטנווייז צופיל שקלאַפין פון איר טעמפּעראַמענט און געפילן און קאָן זיך נישט באַהערשן, זי איז אינגאַנצן געראָטן אין איר מוטער. יאָ, אַזעלכע חסרונות באַזיצט שוין מיין טאָכטער. דעם אמת מוז מען זאָגן אַפילו וועגן אַן אייגן קינד; איר וועט זען — האָט דער אַלטער, לייכט לאַכנדיק צוגעגעבן, — ווי אין עטלעכע מינוט אַרום וועט זי אַריינקומען אין צימער, וועט צוגיין צו מיר און מיט צערטלעכע ווערטער מיך אָנהויבן בעטן, איך זאָל איר פאַרצייען, וואָס זי איז אַזוי

שטאַרק אין כּעס געוואָרן, און זיך אויפגעפירט נישט ווי ס׳געהער צו זיין.

לאָיד האָט געקוקט אויף אַלאַנען, באַמיענדיק זיך צו טרעפן, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳האָט אויף אים געמאַכט דער אינצידענט מיט עטלען און ווי עס האָבן אויף אים געווירקט זיינע ערקלערונגען און די כאַראַקטעריסטיק, וואָס ער האָט נור-וואָס געגעבן וועגן זיין טאָכטער.

באַזאָרגט, וואָס עטעל קומט נאָך אַלץ נישט אַריין צוריק, האָט לאָיד געקוקט אויף דער טיר, וואָס פירט אין איר צימער אַריין, און זיך צוגעהערט, אויב ס׳הערן זיך נישט אירע טריט. אין עטלעכע מינוט אַרום, ווען עטעל איז נאָך אַלץ נישט געקומען צוריק אין זאַל אַריין, האָט לאָיד אָנגעקלונגען צום לאָקיי.

—ווו איז מיס לאָיד? — האָט ער דעם לאָקיי געפרעגט, ווען יענער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונם זאַל.

—מיס לאָיד איז אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין, — האָט דער לאָקיי געענטפערט.

לאָיד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

—ווי באַלד אַזוי, וועלן מיר זיך שוין היינט דאָ מער נישט זען, אַלאַן, און כ׳מוז אייך זאָגן, אַז דעם טאָג, וואָס איך זעה נישט מיין עטלען, גיי איך אַרום ממש ווי משוגע.

דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרמאָג אויף דער וועלט, איז עטעל, זי איז מיין טרייסט, מיין נחמה, זי איז פאַר מיר דאָס ליכט פון מיינע אויגן, זי איז פאַר מיר דער בעסטער אוצר, מיט וועלכן אַ מענטש קאָן נאָך באַשאָנקען ווערן.

לאָיד האָט, איבערגעבנדיק אַלאַנען, וואָס עטעל באַדייט פאַר אים, צוגעשאָקלט מיט זיין נאַקעטן קאָפּ און האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן פון פאַרדרוס אויף זיין אונפאָרזיכטיקייט, וועלכע האָט פאַר אים גורם געווען אַזאַ אונאַנגענעמלעכקייט און עגמת נפש.

—זאָגט מיר צו, אַלאַן, אַז איר וועט מאָרגן ווידער צו מיר קומען, כּדי מיר זאָלן קענען עטלען באַרואיקן און זי ווייכער מאַכן: ווער קאָן פאַרשטיין די נשמה פון אַזאַ מיידל! פון וואַנען

האָב איך געקאָנט וויסן, אַז מיט מיינע אונפּאָרזיכטיקע ווערטער זאָל איך איר קאָנען אַזוי פיל עגמת נפש און צער פאַרשאַפן? אָך, ווען איך וואָלט געוווסט, ווען איך וואָלט דאָס געוווסט, וואָלט מיין מויל אַזעלכע ווערטער נישט אַרויסגערעדט!

לאָיד האָט דאָס אַלץ גערעדט מיט זייער אַ טרויעריקן טאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען ממש ווי אַ משוגענער פון עגמת נפש און שטאַרקער אויפרעגונג. דאַן האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט אין זיין ברייטן פאָטעל און, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט ער זיך פאַרטיפט אין שווערע מחשבות און איז לאַנג געזעסן שווייגנדיק און צו אַלאַנען מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אַלאַן אויפגעהויבן פון זיין אָרט און געבעטן ביי לאָידן ענטשולדיגונג, וואָס ער מוז פון אים אָפּשייד נעמען און אַהיים פאָרן:

—איך האָב אייך פאַרדאָרבן דעם הומאָר דורך מיין אונפּאָרזיכטיקייט—האָט ער צו אַלאַנען געזאָגט, דערלאַנגנדיק אים זיין קליינע, ווייכע האַנט—זי האָט זיך געפרייט, וואָס איר קומט צו אונז, אייער וויזיט האָט איר אַזוי פיל הנאה פאַרשאַפט. אַ גאַנצן טאָג איז זי צו מיר געווען אַזוי צערטלעך, האָט מיך געהאַלזט און געקושט און זיך געפילט אַזוי גוט, און דאָ קום איך, דער אַלטער נאַר, און מאַך קאַליע די גאַנצע שמחה אירע.

און לאָיד איז געבליבן אַליין זיצן אין האַלב-טונקעלען פאַל-מען-זאַל און טרויעריקע געדאַנקען וועגן עלטער און די צרות, וואָס זי ברענגט מיט זיך, האָבן געעגבערט זיין מוח און האַרץ...

דערווייל האָט עטעל אין איר צימער צוריסן פון כעס און חרפה עטלעכע טאַשן-טיכער און אַזש געקריצט מיט די ציין פון פייערדיקן כעס אויף איר פאָטער.

—אָ, גאָט מיינער—האָט זי ביי זיך געטראַכט: ווי קאָן איך אַזאַ חרפה איבערטראָגן! וואָס וועט איצט אַלאַן וועגן מיר טראַכטן? וואָס פאַר אַ מיינונג וועט ער באַקומען וועגן מיר, אויסהערנדיק דעם פאָטערס ווערטער? אָך, דער פאַפאַ! וויפיל עגמת נפש האָט ער מיר שוין פאַרשאַפט דורך זיינע אונפּאָרזיכטיקע ווערטער און אויסדרוקן?

אַלאַן האָט זיך איינגעהילט אין זיין מאַנטל און פאַרלאָזט לאַידס הויז, נישט געמענדיק קיין אָפּשייד פון עטלען. אויף דער גאַס האָט אויף אים געוואַרט לאָידס אויטאָ, כדי אים אָפּצופירן צו זיך אַהיים, קיין מאַק-סיטי, נור אַלאַן האָט זיך ענטזאַגט צו פאָרן אויף לאָידס אויטאָ. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט צו דער אַוועני, אַלץ טראַכטנדיק וועגן דעם אינצידענט, וואָס איז היינט פאָרגעקומען צווישן אַלטן לאָיד און זיין טאָכטער.

אין דרויסן איז געווען שטאַרק קאַלט, אַ שטאַרקער שניידנ-דיקער ווינט האָט געבושעוועט אין די גאַצן און דער שניי, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַלן פונם געדיכט-פאַרוואָלקענטן הימל, איז פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַווערוכע.

די גאַנצע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן אין לאָידס הויז, איז אים פאָרגעקומען זעער קשה. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט איז אַזוינס פאָרגעקומען און וואָס האָט אייגנטלעך דער אַלטער לאָיד געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט אויף עטלען אַזאַ וואונדערבאַרע ווירקונג געהאַט, אַז זי איז אַרויס-געלאָפן אין אַזאַ כעס און אויפרעגונג.

אַליין, ווייט פון ליידנשאַפטן און באַוויצנדיק אַ קאַלטן טעמ-פעראַמענט, האָט אַלאַן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מענטשן קאָ-נען אַזוי גיך אָנצינדן זיך פון אויפרעגונג, ווי אַזוי זיי מאַכן זיך צייטנווייז אַזוי נאַריש און פירן זיך אויף פשוט ווי קליינע קינדער, פאַרלירנדיק זייער פאַרשטאַנד און זייער שכל הישר. איינגעהילט אין זיין גראָבן דעמי-פאַלטאָ און אַ ביסל איינגעבויגן פונם שנייענדן ווינט האָט זיך אַלאַן פאַרטראַכט און אָפּגעשטעלט אויף דעם געדאַנק, וואָס פאַר אַ ראָלע די ליידנשאַפטן שפּילן איבערהויפּט אין מענטשנס לעבן, וואָס פאַר אַ צרות און אומגליקן זיי זענען מסוגל דעם מענטש צו פאַרשאַפן, ווען ער איז נישט בכח זיך צו נעמען אין דער האַנט אַריין און מיט כח פון ווילן צו דערשטיקן די ליידנשאַפט, דעם דאָזיקן קוואַל פון מענטשלעכן עלענד, צער און אַלערליי פּלאָגן.

דערמאָנענדיק זיך אין דעם, וואָס מיט אים איז די לעצטע צייט פאָרגעקומען און וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט אַלאַן

נישט געפונען קיין שום באַזונדערס אין דעם, וואָס עטעל לאָיד האָט איִם שבתיקה באַזוכט אין זיין וואוינונג אין מאַק-סיטי. עטעל — האָט ער זיך געטראַכט — איז דאָך געווען אַן איינגייערין ביי איִם אין היים נאָך בעת זיין פרוי און קינד האָבן נאָך געלעבט, איז געווען מיט זיי שטאַרק באַפריינדעט און בכלל זיך געהאַלטן ביי זיי ווי אַ היימישער מענטש און גוטער פריינט נור וואָס ס'איז איִם פאַרגעקומען אַ ביסל קשה און וואָס ס'האָט געמוזט אָפשטעלן אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט און איִם אַרויספירן אויף געוויסע געדאַנקען און געוויסן באַשלוס איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס עטעל האָט אַוועקגעלייגט אַזוי פיל מיה, ביז זי האָט ענדליך געפועלט ביי איר פאָטער, ער זאָל ווייטער פינאַנציעל זיך באַטייליקן אין דער טונעל-אונטערנעמונג. אין דעם דאָזיקן הייסן אַנטייל, וואָס עטעל האָט גענומען אין זיין גורל און אירע ענערגישע באַמיונגען, אַז ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך ווידער צו נעמען צו זיין גרויסן ווערק האָט אַלאַן דייטלעך פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך האָט עטלען דערצו באַוואויגן. אַלאַן האָט מיט אַמאָל געמאַכט די איבעֶרראַשנדע ענטדעקונג (הגם ער האָט זיך שוין לאַנג וועגן דעם געקאָנט אָנשטויסן), אַז עטעל האָט בדעה מיט איִם חתונה צו האָבן.

נור די דאָזיקע אויסזוכט עטעלס האָט זי באַוואויגן אַזוי פיל זיך צו באַמיען ביז זי האָט ענדליך געפועלט ביי איר פאָטער, ער זאָל איִם איינלאַדן צו זיך און פינאַנסירן דעם טונעל, אַזוי אַז עס קומט אויס, אַז פון עטעלס ווילן הענגט-אָפ צי זיין גרויס ווערק זאָל פאַרענדיקט ווערן און ער אַליין זאָל דערגרייכן דאָס ציל, וואָס איז איִם אַזוי טייער, טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט, און ער, אַלאַן, אַליין, זיין פערזענליכקייט זאָל דינען אַלס פרייז פאַר דעם דאָזיקן ערהאַבענעם ציל און אידעאַל.

יאָ, ס'איז איצט ביי איִם קיין שום ספק נישט געבליבן, אַז ער געפעלט שטאַרק עטלען און זי האָט בדעה מיט איִם מיט דער צייט חתונה צו האָבן. אָבער, גאָט מייַנער! — האָט זיך אַלאַן ביי זיך געטראַכט — עטעל קאָן מיך דאָך אַזוי ווייניק, ווען זי וואָלט מיך נענטער און בעסער געקאָנט, וואָלט איך געוויס איר

נישט אַזוי געפעלן און זי וואָלט נישט געהאַט קיין חשק, איר גורל צו פאַרבינדן מיט מיינעם...

און ביי דעם געדאַנק, אַז מ׳וויל אים אייגנטלעך אַוועקקויפן (אמת טאַקע, אַז פאַר אַ הויכן פרייז) האָט זיך אַלאַן אינערלעך שטאַרק פאַרשעמט. און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אויף אַזאַ חתונה נישט איינצוגיין נישט פאַרקויפן זיין נשמה און גוף אַפילו פאַר אַ זאַך, וואָס איז אים אַזוי הייליק און טייער, און ביטער איז אים איצט געוואָרן אויפן האַרץ, ביטער און טרויעריק. לאַיד איז געווען זיין לעצטע האָפנונג, נאָך צו דערלעבן, אַז זיין גרויס ווערק, דער טונעל, זאָל פאַרענדיקט ווערן, אָבער ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע דאָס קאָן געשען, איז שוין איצט נישטאָ וועגן דעם צו טראַכטן און אַזוי מוז ער זיך אויף שטענדיק געזעגענען מיטן געדאַנק, ווען-עס-איז זיין גרויס ווערק צו פאַרענדיקן.

אויף מאָרגן האָט אַלאַן באַקומען אַ טעלעגראַמע פון לאַידן, ווו דער אַלטער האָט אים זייער געבעטן צו קומען צו אים נאָך היינט צו אָוונט-ברויט.

„איך וועל בעטן עטלען, האָט דער אַלטער אין זיין טעלעגראַמע געשריבן, זי זאָל אויך מיט אונז דעם אָוונט-ברויט טיילן און זאָל ענדליך אויפהערן אויף מיר זיך צו בלאָזן. איך בין זיכער אַז דאָסמאָל וועט זי זיך שוין נישט ענטזאָגן אַראָפּצוקומען צו אונז און פאַרברענגען דעם אָוונט צוזאַמען מיט אונז, היינט האָב איך זי נאָך נישט געזען“.

אַלאַן האָט לאַידן טעלעגראַפיש געענטפערט, אַז דעם אָוונט האָט ער, ליידער, קיין מעגליכקייט נישט אים צו באַזוכן, ווייל אין די טונעל-קאָרידאָרן פון צפון-טייל איז אַריינגעדרונגען אַ גרויס וואַסער און ער מוז דאָרט פערזענלעך אָנפירן מיט דער אַרבעט, דאָס וואַסער צו באַזייטיקן.

כ׳מוז אָבער צוגעבן, אַז וואָס אַנבעלאַנגט דעם וואַסער, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די טונעל-קאָרידאָרן, האָט אַלאַן קיין ליגן נישט געזאָגט, זיין אָנוועזנהייט אָבער ביי דער אַרבעט אין די טונעל-קאָרידאָרן איז איצט לחלוטין נישט נויטיק געווען,

און אויב אַלאַן האָט טאַקע דאָרט פאַרבראַכט גאַנצע טעג, אָנפירנדיק מיט דער אַרבעט, האָט ער עס געטאָן, כדי צו האָבן אַ תירוץ לאָידן נישט צו באַזוכן. אין אַכט טעג אַרום האָט עטעל ווידער אַלאַנען געמאַכט אַ סיורפריז. אין אַ קלאָרן קאַלטן ווינטערטאָג איז זי ווידער געקומען צופאָרן אויף איר אויטאָ קיין מאַק-סיטי.

זי איז אַריינגעקומען אין אַלאַנס ביוראָ גראָד דאַמאָלט, ווען ער האָט זיך באַראַטן מיט שטראָמן וועגן די אַרבעטס-אָנגעלעגנהייטן. עטעל איז געווען אָנגעטאָן אין איר טייערן שניי-ווייסן פעלץ און האָט אויסגעזען פריש-מונטער און געזונט, אירע שיינע אויגן האָבן געשטראַלט פון צופרידנהייט און גליק.

—נו — וואָס מאַכט איר, אַלאַן, האָט זי אָנגעהויבן, דערלאַנגנדיק אים די האַנט, — אַך, ווי איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אייך געטראָפן אין דער היים! פאַפאַ האָט מיך געשיקט אַהער, איך זאָל אייך מיטנעמען מיט זיך צו אונז קיין ניו-יאָרק.

און רעדנדיק מיט אַלאַנען ווי מיט אַ היימישן מענטשן אין געגנוואַרט פון שטראָמן, האָט זי אויף אים בכיון קיין שום אַכט נישט געלייגט און אים איגנאָרירט, נישט קאָנענדיק פאַרגעסן די באַליידיגונג, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

—דאָס איז דער שטראָם — האָט אַלאַן פאָרגעשטעלט זיין קאָלעגע פאַר עטלען, נישט האָבנדיק קיין מינדעסטע אַהנונג, אַז זיי זענען שוין באַקאַנט.

—איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד! — האָט שטראָם אונטער דער נאָז געענטפערט, פאַרבויגנדיק זיך פאַר עטלען און אַרויסגייענדיק באַלד פון צימער.

נור אַפילו איצט, ווען אַלאַן האָט איר שוין פאָרגעשטעלט שטראָמן האָט זי זיך נאָך אויך געהאַלטן בנוגע אים שטאָלץ און מיט אַ שאַטירונג פון פאַראַכטונג.

—יאָ, — האָט עטעל ווידער צו אַלאַנען געזאָגט — איך בין געקומען אַהער, כדי אייך מיט זיך מיטצונעמען צו אונז, היינט קומט-פאָר אַ קאָנצערט פון די פילהאַרמאָניער און פאַפאַ בעט אייך, איר זאָלט מיט אונז מיטפאָרן צום קאָנצערט, מיין אויטאָ שטייט אויף דער גאַס און וואַרט אויף אונז.

אַלאַן האָט רואיק געקוקט עטלען אין אירע קלאָרע און שטראַלנדע אויגן אַריין.

—איך האָב נאָך היינט אַזוי פיל אַרבעט, פריילין לאָיד — האָט ער איר געענטפערט — אַזוי פיל אַרבעט, וואָס איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן.

עטעל האָט אַ וואָרף געטאָן אַ דרינגענדן און פאָרשענדן בליק אויף זיינע אויגן, כדי זיך צו איבערצייגן, ווי ווייט ער איז איצט אויפריכטיק מיט איר. אַלאַנס ווערטער האָבן איר שטאַרק צובראָכן און גרויס עגמת נפש פאַרשאַפט. פאָרנדיק קיין מאַק-סיטי, איז זי געווען מער ווי זיכער, אַז אַלאַן וועט באַלד אָננעמען איר פאָטערס איינלאַדונג, און מיט איר מיטפאָרן קיין ניו-יאָרק, און דעריבער האָט אַלאַנס ערקלערונג, אַז ער איז איצט שטאַרק באַשעפטיקט, אויף איר איצט אַזאַ שלעכטע ווירקונג געהאַט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַק איז דאָסמאָל נישט אויפריכטיק מיט איר און די אַרבעט, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרופן, איז נור אַ תירוץ, זיך אָפּצוזאָגן פון דער איינלאַדונג.

—אָבער אום גאָטעס ווילן, אַלאַן! — האָט עטעל פאַטעטיש געזאָגט צו אים: — איך זע, אַז איר זענט אויף מיר ברוגז. ס'קאָן זיין, אַז איך בין אַ ביסל נישט קאָרעקט מיט אייך זיך באַגאַנגען, אָבער, וואָס זאָגט איר? — האָט פאַפּאַ אַזעלכע ווערטער געדאַרפט אַרויסלאָזן פון מויל? — לויט זיינע ווערטער, קומט אויס, אַז איך זאָל האָבן געפירט אינטריגעס געגן אייך. ווי קאָן אַזאַ זאַך מיך נישט פאַרדריסן? איך וואָלט אַ בעלן געווען זען, ווי איר וואָלט זיך געהאַלטן, ווען מ'וואָלט אויף אייך אויסגעטראַכט אַזאַ זאַך, — הגם אָן אַ בייזער כונה, נור גלאַט אַזוי, עפּעס צוליב אַ מיספאַר-שטענדניס. איך בין מער ווי זיכער, אַז איר וואָלט נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן ווי איך, און וואָלט נאָך שאַרפער רעאַגירט אויף אַזאַ באַליידיגונג. נישט אַזוי, הער אַלאַן?

—ס'קאָן זיין, אַז יאָ.

—נור לאָמיר פאַרגעסן, וואָס עס איז פאָרגעקומען, — האָט עטעל מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּן אים ווייטער געזאָגט: — איצט בין איך געקומען, אייך מיטצונעמען מיט זיך קיין ניו-יאָרק

—פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אייך אונבאַדינגט ברענגען צופירן, און ווען איר האָט נאָך אַ געוויסע אַרבעט צו ערלעדיקן, וועל איך אויף אייך צוואַרטן. דאָס וועטער אין דרויסן איז אַן אויסגעצייכנטס און איך וועל די צייט, וואָס איר וועט אַרבעטן, מאַכן אַ שפּאַציר צו-פוס איבער מאַק-סיטי. אַלזאָ קאָן איך אויף אייך רעכענען, אַלאַן? איך וועל דעם פּאַפּאַ באַלד טעלעפאָנירן.

אַלאַן האָט אָבער קיין שום חשק נישט געהאַט מיטצופאָרן מיט עטלען צו זיי קיין ניו-יאָרק און דאָרט ווייטער פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט, וועלנדיק זיך נאָך אַלץ אַרויסדרייען פון דער דאָזיקער רייזע און וויזיט, האָט אַלאַן עטלען נישט געגעבן קיין ענטשיידענדן ענטפער, ער האָט איר געזאָגט:

—ס'קאָן זיין, אַז מיר וועט געלינגען מיט אייך מיטצופאָרן, אויב איך וועל נור היינט אימשטאַנד זיין ענדיקן מיין אַרבעט, פריילין לאָיד, כ'האָב אַזוי פיל אַרבעט, אַזוי פיל, אַז ס'איז פּשוט אונמעגליך צו פאַרלאָזן היינט מיין ביוראָ, נור מיר וועלן נאָך זען. ס'קאָן זיין, אַז איך וועל אייער איינלאַדונג, וואָס פאַרשאַפט מיר אַזוי פיל כבוד, נאָך אפשר יאָ היינט קאָנען אָננעמען.

אַלאַן האָט שטאַרק געוואָלט זיך ענטזאָגן פון דעם דאָזיקן וויזיט. ווען ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף עטעלס געזיכט און דערזען אירע מיט אונגעדולד ברענענדע שיינע אויגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיין אָפּזאָגן-זיך צו פאָרן מיט איר וואָלט שטערבלעך פאַרוואונדערט איר שטאָלץ און דערמיט וואָלט זיין האָפנונג בנוגע דעם טונעל אויף אייביק באַגראָבן געוואָרן, נישט קוקנדיק אויף זיין הייסן ליידנשאַפטלעכן ווונש, וואָס גיכער זיך צו נעמען צו דער אַרבעט און דעם טונעל צו פאַרענדיקן, האָט אַלאַן זיך דאָך נישט געקאָנט באַשליסן, עטלען צו צוזאָגן, אַז ער וועט מיט איר היינט מיטפאָרן. אין זיין האַרץ איז איצט פאָרגעקומען אַ קאַמף פון צוויי געפילן: פון שטאָלץ און ליידנשאַפטלעכן ווונש צו זען זיין גרויס ווערק פאַרענדיקט און געקרוינט מיטן פאַרדינטן ערפאָלג.

ווען עטעל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, אויסדריקנדיק

מיט איר בליק די פראַגע, צי וועט ער מיט איר מיטפאָרן אָדער נישט, — האָט אַלאַן נאָך אַלץ אויסגעמיטן צו געבן אויף דעם אַ קלאָרע תשובה.

—ס'קאָן זיין, אַז יאָ, כ'קאָן נאָך איצט נישט וויסן פּאָזיטיוו.

—אָבער ביז זעקס אַ זייגער וועט איר דאָך יעדנפאַלס שוין קאָנען וויסן, צי איר וועט פאָרן אָדער ניין?

—כ'רעכן, אַז ביז דאַמאָלט וועל איך שוין וויסן, אָבער איך גלויב נישט, אַז מיר וועט מעגליך זיין צו האָבן דעם כבוד מיט אייך און מיט אייער געערטן פאָטער היינטיקן אָוונט צו פאַרברענגען צוזאַמען.

—אדיע, אַלאַן! האָט עטעל אים געזאָגט פריילעך, זעענדיק, ווארשיינליך, זיכער, אַז ער וועט זיך שוין גישט ענטזאָגן מיט-צופאָרן — זעקס אַ זייגער וועל איך קומען צוריק פונם שפּאַציר און אין האָף, אַז מיר וועט געלינגען ביי אייך צו פועלן, איר זאָלט דעם פאַפּאַס בקשה ערפילן.

די לעצטע ווערטער האָט עטעל אַרויסגערעדט מיט אַ שעל-מישן שמייכעלע אויף די ליפּן און די שיינע אויגן אירע האָבן געשטראַלט פון גליק און צופרידנהייט.

פונקט זעקס אַ זייגער איז עטעל צוגעפאָרן אויף איר אויטאָ צו אַלאַנס ביוראָ.

ביי אַלאַנען האָט אָבער גובר געווען דאָס שטאָלץ-געפיל. ער האָט אויסגעדריקט עטלען זיין שטאַרק באַדויערן, וואָס די אַרבעט ערלויבט אים נישט מיט איר מיטצופאָרן, און עטעל איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו-יאָרק איינע אַליין...

ז׳ן

אַלאַן האָט הינטער זיך צובראָכן די בריקן און כמעט „באַ-גראָבן זיין לעצטע האָפנונג" בנוגע דעם טונעל. נישט קוקנדיק אָבער אויף דער האָפנונגסלאָזיקייט פון דער סיטואַציע, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן די לעצטע פּראָבע און שריט דורכצופירן זיין גרויסן געדאַנק. ער האָט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג, הגם

ער האָט אַזאַ שריט שוין איין מאָל געמאַכט און קיין שום ערפאָלג דערביי נישט געהאַט. ער איז צוליב דעם צוועק געבליבן דריי וואָכן אין וואַשינגטאָן און די גאַנצע צייט געווען אַן אַנגעזעענער גאַסט ביים פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פּרעזידענט האָט לכבוד אַלאַנען געגעבן אַ גרויסאַרטיק פּאַראַד-מיטאָג, בעת וועלכן מ׳האָט אַלאַנען אַרויסגעוויזן פיל כבוד, אַכטונג און רעספּעקט — ווי אַן אַראָפּגעזעצטן מאָנאַרך...

ווען אַלאַן האָט אָבער געהאַט אַן אינטים געשפּרעך מיטן פּרעזידענט מכח דעם טונעל, האָט אים דעם ראש פון די שטאַטן אויפריכטיק ערקלערט, אַז וועגן באַטייליקן זיך אין טונעל קאָן די רעגירונג לעת עתה נישט טראַכטן און מוז זיך איצט דערפון ענטזאָגן.

באַלד דאַרויף האָט אַלאַן געפּרובט דאָס לעצטע מאָל זיך ווענדן צו די גרויסע בענק און באַנקירן, זיי זאָלן פינאַנסירן זיין אונטערנעמונג, נור אויך דאָ האָט ער קיין שום ערפאָלג נישט געהאַט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום חשק „צו קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין”. נור עטלעכע באַנקירן און גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָבן אים געגעבן אָנצוהערן און אייניקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט זאָגאַר אָן רמזים, אַז זיי וועלן זיך אפשר יאָ באַטייליקן אין טונעל — ווען לאָיד וועט דער ערשטער געבן אַ ביישפּיל און מאַכן אַ התחלה. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט אַלאַנען געבראַכט צום בעשלוס, זיך צו ווענדן צום אַלטן לאָיד.

לאָיד האָט זייער פריינדלעך אויפגענומען אַלאַנען. ער האָט אים אַריינגעבעטן צו זיך אין זיין שטילן אַרבעטס-צימער. דער אַלטער דאָלאַר-קעניג האָט מיט אים גערעדט וועגן דער בערזע און דעם וועלט-מאַרק, פון פּעטראָלעאום, שטאָל, צוקער און בוימוואָל. אַלאַן האָט דערציילט דעם אַלטן וועגן דעם פריערדיקן שפּרינגען פון די פּרייזן אַרויף און אַראָפּ. דער אויספיר פון אַלאַנס עקאָנאָמישן געשפּרעך מיט לאָידן איז געווען, אַז די וועלט האָט זיך נאָך עד היום נישט אינגאַנצן אויסגעהיילט פונם שרעקלעכן פינאַנציעלן אוןווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט זיך איבער

איר אַריבערגעטראָגן מיט צען יאָר צוריק, און די נאָכוועענישן פֿונם דאָזיקן קריזיס וועלן נאָך דויערן אַ פּאָר יאָר, ווי דיווירטשאַפֿטלעכע וועלט זאָל זיך נישט באַמיען און וואָס פֿאַר אַן אָנשטרענגונגען זי זאָל נישט מאַכן, איינגאַנצן פֿון דעם זיך אויסצוהיילן.

אָפּרעדנדיק אַזוי מיטן אַלטן לאָיד וועגן עקאָנאָמישע פֿראַגן אַ פֿערטל שעה, איז אַלאַן קונציק, כּדי דער אַלטער זאָל נישט פֿאַרשטיין, אַז ער איז אייגנטלעך געקומען צו אים נאָר צוליב זיין פּערזענלעכן אינטערעס אַריבערגעגאַנגען צו רעדן וועגן טונעל. אַלאַן האָט פֿון אַלטן נישט פֿאַרבאָרגן, אַז ער האָט זיך געווענדט צו דער רעגירונג און אַז זי האָט אים געענטפֿערט מיט אַ צייטווייליקן אָפּזאָג. לאָיד האָט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און מיט אָנגעשטעלטע אויערן זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו אַלאַנס ווערטער.

—דאָס איז אַלץ ריכטיק: זיי האָבן אייך נישט גענאַרט, אַלאַן, איר קענט נאָך, שליסלעך, אַ דריי פֿיר יאָר וואַרטן, ביז די סיטואַציע וועט זיך ענדערן.

די דאָזיקע ווערטער לאָידס האָבן אַלאַנען ווי אַ שטאָך געטון מיט אַ מעסער. איבער זיין געזיכט איז אַדורכגעלאָפֿן אַ ציטער און די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פֿייערל פֿון ענטטוישונג.

—דאָס איז פֿאַר מיר אונמעגלעך.—האָט ער לאָידן געענטפֿערט:—ס'איז אַ קלייניקייט צו זאָגן: דריי־פֿיר יאָר, נאָכדעם, ווי איך האָב שוין אַזוי שטאַרק געהאָפֿט און אַזעלכע גלענצנדע אויסזיכטן געהאַט, אין גיכן זיך שוין צו נעמען צו דער אַרבעט. איך האָב מיינע האָפֿנונגען כּמעט נאָר אויף אייך, הער לאָיד, אַרויפֿגעלעגט און איצט הער איך פֿון אייך אַזעלכע ווערטער.

לאָיד האָט, פֿאַרטיפֿנדיק זיך אין פֿאַרשידענע געדאַנקען, געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אָנגערופֿן:

—ס'איז אונמעגלעך, איצט האָט עס דאָך קיין זין נישט

די אַרבעט ווידער פאַרצונעמען.

זיי האָבן איצט ביידע שוין געשוויגן און נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט. און ס'איז, דאַכט זיך, שוין נישט געווען מער וואָס צו רעדן וועגן דעם הויפּט־ענין, וואָס האָט אַלאַנען אַזוי באַגייסטערט און נאָך צוגעגעבן אַ געוויסן אינהאַלט זיין לעבן.

נאָר ווען אַלאַן האָט געוואָלט שוין אָפּשייד נעמען פון לאָידן און פאַרלאָזן זיין הויז, האָט אים דער אַלטער געבעטן, ער זאָל בלייבן ביי אים צו מיטאָג. אַלאַן האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער בלייבן צו מיטאָג, אָדער נישט־קיין חשק צו דעם האָט ער נישט געהאַט. נאָר אַ טראַכט טוענדיק וועגן דעם אַן אויגנבליק צייט, האָט ער באַשלאָסן דאָסמאָל צו בלייבן און דעם אַלטן איצט נישט צו פאַרלאָזן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע שאַנסן וועגן טונעל זענען שוין פאַר־שוואונדן, האָט אַלאַן דאָך נישט פאַרלוירן די האָפנונג, אַז לאָיד וועט ענדערן וועגן דעם זיין מיינונג און שטעלונג און וועט אים פאָרט קומען צו־הילף.

—עטעל־האָט לאָיד געזאָגט—וועט פון איבערראַשונג פאַר־לירן די פעאיקייט צו רעדן, ווען זי וועט אייך דערזען באַ אונז היינט אַלס גאַסט, זי הויבט אַפילו נישט אָן צו וויסן, אַז איר זענט איצט ביי אונז.

—עטעל!—עטעל!.. האָט זיך אַלאַן פאַרטראַכט, איצט וועט שוין דער אַלטער וועגן איר נישט אויפהערן צו רעדן. אַזאַ טבע האָט ער שוין, ווען ער הויבט אָן צו רעדן וועגן זיין אָפּגאָט, איז ער אימשטאַנד נישט צו פאַרמאַכן דאָס מויל גאַנ־צע שעהן און געפינען אין דעם דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. ער מוז זיין גאַנץ האַרץ אויסרעדן וועגן זיין בת־יחידה.

—דערמאָנט זיך,—האָט ער צו אַלאַנען געזאָגט—וואָס זי האָט אָפּגעטון: גאַנצע פערצן טעג איז זי אָפּגעשטאַנען אויף איר אָרט אויפן אָקעאַן, דאַן, ווען די פּאָליציי האָט זיך נאָך איר־חאַ־חאַ־חאַ!—געיאָגט און גראָד דאַן, ווען דאָס וועטער אי אַזוי שלעכט און דער ווינד האָט זיך געבייזערט ווי אַ ווילד

חיה; וואָס-זשע, מיינט איר, האָב איך געטון? איך האָב זיך טערגעקויפט דעם טעלעגראַפיסט און ער האָט שוין געטון, וואָס מ׳האָט געדאַרפט. כ׳קאָן אייך נישט איבערגעבן, האָט לאַיד ווייטער געפלוידערט, ווי שטאַרק איך האָב דעמאָלט געבענקט נאָך עטלען, יעדן טאָג, וואָס איך האָב זי נישט געזען, איז פאַר מיר געווען אַ שווער אָפּקומעניש. איך בין געווען טרויעריק און שטאַרק פאַרטראַכט, וואַרטנדיק מיט אַ ברענענדיקער אומגעדולד, אַז זי זאָל שוין ענדלעך קומען צוריק. איך בין אַן אַלטער מאַן. אַלאַן, איך שטיי שוין מיט איין פוס אין קבר און דאָס איינציקע, אייגנטלעך, וואָס איך פאַרמאָג, דער איינציקער אוצר מיינער איז מיין בת-יחידה עטעל.

עטעל איז געוואָרן שטאַרק פאַרחידושט, ווען זי האָט, אַריינגייענדיק צום פאָטער אין צימער, באַ אים דערזען אַלאַנען. זי האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט אין דער גרעסטער איבערראַשונג און דאַן איז זי שנעל צו אים צוגעגאַנגען און פריינטלעך אים דערלאַנגט די האַנט.

—איר זייט דאָ, אַלאַן! אָך, ווי שיין דאָס איז פון אייער זייט, וואָס איר זענט ענדלעך געקומען צו אונז. איך בין אויף אייך, כ׳מוז אייך זאָגן דעם אמת, שטאַרק ברוגז געווען, וואָס איר האָט אַנומעלט נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט מיר. כ׳האָב געמיינט, אַז איר האָט עפּעס געגן אונז, אַז איר טראָגט געגן אונז אין האַרצן עפּעס אַ כעס. נאָר איצט זע איך, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, און דאָס פרייט מיך זייער.

לאַיד האָט פּשוט געקוואָלן פון נחת, הערנדיק, ווי זיין עטעל דריקט אויס איר צופרידנהייט אַלאַנען, וואָס ער איז באַ זיי געקומען. דער אַלטער האָט געוואוסט, אַז איצט וועט שוין עטעל לוסטיק און פריילעך ווערן און די גאַנצע מרה שחורה, וועלכע האָט זי שוין עטלעכע טעג געהאַלטן אין זיך מאַכט, וועט אין אַלאַנס געגנוואַרט און מיט זיין קומען אַהער אינגאַנצן פאַרשווינדן.

—איך האָב דעמאָלט—האָט אַלאַן זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן פאַר עטלען—בשום אופן נישט געקענט אַוועקוואַרפן

די אַרבעט און צופאָרן מיט אייך אויף פּאַפּאַס איינלאַדונג. כ׳האָב דעמאָלט געמוזט זיך אַנטזאָגן פונם כבוד, מיט אייך דעם אָוונט צו פאַרברענגען.

—אַלאַן, איר זאָגט נישט קיין ליגן?—האָט עטעל אים גע־פרעגט מיט אַ שעלמיש גערלעכטערל אויף די ליפּן, וועלכעס האָט שוין פאָרויס אויסגעשלאָסן יעדע מעגלעכקייט, אַז דער העכסט קאָרעקטער אַלאַן זאָל זיך באַליידיקן פון אַזאַ השערה.

—דו הערסט, פּאַפּאַ, ווי אַלאַן זאָגט ליגן?—האָט זי זיך צו איר פאָטער געווענדט מיטן זעלבן געלעכטערל—צי וואָלסטו אַמאָל געגלייבט, אַז אַלאַן זאָל פעיק זיין ווען ס׳איז צו זאָגן אַ ליגן, האַ?

—ניין, אַלאַן, איר האָט פשוט דאַן נישט געוואָלט זיין ביי אונז. איר האָט יאָ געקאָנט זיין, ווען איר וואָלט נאָר געוואָלט.

—לאָז שוין זיין, ווי איר זאָגט, פרייליין לאָיד,—האָט אַלאַן זיך אָפּגערופן, שטאַרק רויט ווערנדיק און נישט קענענדיק קוקן עטלען גלייך אין די אויגן אַריין.

לאָיד האָט ביי דעם דאָזיקן געשפרעך פון זיין טאָכטער מיט אַלאַנען געמאַכט אַ דערשראָקן געזיכט! ער האָט מורא גע־האַט, אַז ס׳זאָל ווידער נישט אויסברעכן אַ שטורם. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט וועט עטעל ווידער שטאַרק אין כעס ווערן, וועט אין היץ פון כעס צוברעכן אַ טעלער אָדער עפּיס אַנדערש און אַרויסלויפן פון צימער, אַזוי ווי זי האָט דעמאָלט געטון, נאָר צו זיין גרויסער ענטוישונג, איז גאָר נישט געשען, עטעל האָט נאָך אַלץ געלאַכט און, ווענדנדיק זיך נאָך אַמאָל צו אים האָט זי געזאָגט:

—זעסטו, פּאַפּאַ, אָט דאָס איז אַלאַן מיט זיין אויפהער־ציקן כאַראַקטער. ער איז קיינמאָל נישט אומשטאַנד צו זאָגן אַ ליגן. ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, וואָס פאַראַ אמתע כונה ער האָט דעמאָלט געהאַט, אַנטזאָגנדיק זיך מיטצופאָרן מיט מיר קיין ניו־יאָרק.

עטעל איז אַ גאַנצן אָוונט געווען אין בעסטן הומאָר. זי

האָט געשיינט פון צופרידנקייט און גליק און האָט עס נישט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרבאָרגן אָדער אַ ביסל צו פאַר־מאַסקירן.

—הערט אָבער, וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַלאַן מיין פריינט—האָט עטעל אים געזאָגט, נעמענדיק פון אים אָפשייד —נאָך אַמאָל זאָלט איר מיך אַזוי העלפלעך נישט באַהאַנדלען איר הערט, אַלאַן? ווייל נאָך אַמאָל וועל איך אייך עס נישט מוחל זיין.

—איך וועל זיך סטאַרען—האָט אַלאַן געענטפערט.

עטעל האָט אים אָנגעקוקט. דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט די דאָזיקע עטלעכע ווערטער אַרויסגערעדט, איז איר נישט געפעלן געווען. זי האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן איר נישט צו־פרידנהייט מיט דעם און, לאַכנדיק, געזאָגט:

—גוט, איך וועל זען, ווי איר וועט האַלטן וואָרט.

דאָס מאָל האָט שוין אַלאַן זיך צוריקגעקערט קיין מאַק־סיטי אויף לאָידס אויטאָ. איצט האָט ער שוין נישט געפונען פאַר מעגלעך, זיך פון דעם צו אַנטזאַגן. זיצנדיק אין אויטאָ, האָט ער זיך פאַרטראַכט פון פאַרשידענע זאַכן. ער האָט זיך דערמאָנט פון די אַלע שנוים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים אין זיין לעבן; ווי די סאַמע ביטערסטע ענטוישונג האָט זיך געוויקלט מיט דער זיסטער האָפנונג און האָפנונג מיטן ביטערסטן יאוש. אָפשטעלנדיק זיך אויף די לעצטע געשעענישן און געשפרעכן מיטן אַלטן לאָיד, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער אַלטער לאָיד טוט קיין טריט נישט אָן עטעלס הסכמה און אַז עטעל איז אייגנטלעך איצט די גאַנצע פאַקטישע פאַרוואַלטערן פון זיינע קאָלאָסאַלע געשעפטן און נאָר פון איר איז אָפהענגיק דער גורל פון זיין גרויסן ווערק—דער טונעל. אַלאַן האָט אויך אָפגעשטעלט זיין געדאַנק אויף דער אויסערגעוויינלעך שטאַרקער ליבע, וואָס לאָיד ווייזט אַרויס צו זיין טאָכטער, און אַזאַ הייס געפיל איז אים פאָרגעקומען אַ ביסל קשה אין אַזאַ קאַלטער אויסגערעכנ־טער נשמה, ווי דעם אַלטן לאָידס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַלאַן געקומען מיט עטלען אין אָוונט אין לאָיד־לאָזשע פון מעדיזאַן־סקווער־פּאַלאַץ.

זיי זענען אַריינגעקומען אין לאָזשע בעת דער קאָנצערט האָט זיך שוין געהאַט לאַנג אָנגעהויבן, זייער ביידענס אַריינ־קומען אין לאָזשע אין מיטן קאָנצערט האָט אַרויסגערופן צווישן גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן זאַל, די גרעס־טע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס. טויזנטער אויגן, באַוואָפנט מיט די טייערסטע לאָרנעטן, האָבן זיך געווענדט אין דער ריכ־טונג, ווי לאָידס לאָזשע געפינט זיך און זענען אָנגעשטעלט גע־ווען אויף עטלען און אַלאַנען עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד.

די אָנוועזנהייט פון דער רייכסטער כלה אין דער וועלט מיט דעם שטאַרק פּאָפּולערן אַלאַנען אין דער רייך דעקאָריר־טער לאָזשע האָט אַרויסגערופן די גרעסטע סענסאַציע.

די נעמען עטעל און אַלאַן האָבן מיט אַ געפיל פון באַ־וואונדערונג און העכסטן רעספּעקט אַ גאַנצן אָוונט אַרויסגערעדט טויזנטער מיילער. מ׳האָט אויף זיי געקוקט מיט דער גרעסטער אַכטונג, קנאה און נייגיריקייט. אַ באַזונדערע נייגיריקייט און קנאה האָט עטעל אַרויסגערופן ביי די פרויען — און נישט נאָר מיט איר אויסערגעוויינלעכער שענקייט און רייץ, ווי מיט דעם טייערסטן אָריגינעלן טואַלעט, וועלכן זי האָט איצט געטראָגן אויף זיך און וואָס האָט באַטראָפן אַ גאַנץ פאַרמעגן.

עד היום האָט די „גרויסע וועלט” פון ניו־יאָרק, די רייכסטע געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט איצט אָנגעפילט דעם קאָנצערט־זאַל, נישט געזען אַזאַ טייערן און שענעם טואַלעט, ווי דעם, וואָס האָט איצט באַצירט די געטלעך־שענע עטעל. די דאָזיקע וואונדערבאַרע דאָלאַר־פּרינצעסין. איר קלייד איז באַ־שטאַנען פון אַ געוועב פון זילבער־שטיקעריי און הערמעלען. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן געדיכטע רייען שטרויס־פעדערן, וואָס זייערע אונטערשטע טיילן זענען געווען באַפּעסטיקט מיט קאַמען, באַשאָטן מיט בריליאַנטן און די טייערסטע עדעל־שטיי־נער, וואָס האָבן פון דער ווייטנס געפינקעלט ווי שטערן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

זיי זענען געזעסן נאָר צווײ, ווייל דער אַלטער לאָיד, וועלכער איז שוין אויך אָנגעטון געווען מיט זיי מיטצופאָרן אויפן קאָנצערט, איז אַ ביסל נישט געזונט געוואָרן און האָט געמוזט בלייבן אין דער היים. עטעל האָט אַפילו. זעענדיק איר פאָטער אין אַזאַ צושטאַנד, אויך געוואָלט בלייבן דעם אָוונט אין דער היים, נאָר דער אַלטער האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, זי זאָל זיך נישט אָפזאָגן פונם פאַרגניגן דעם קאָנצערט צו באַזוכן און זאָל דורכאויס פאָרן אין קאָנצערט־זאַל, פאַרזיכערנדיק זי דערביי, אַז ער פילט זיך שוין גאַנץ גוט און נויטיקט זיך נישט אויף קיין שום אופן אין עטעלס אָנוועזנהייט די 2–3 שעה פון קאָנצערט.

פאָרנדיק צום קאָנצערט, האָט עטעל געהאַט די כונה, אַז די גרויסע געלט־אַריסטאָקראַטישע וועלט זאָל זי זען אין דער לאָזשע אַליין מיט אַלאַנען און זאָל דערפון דרינגען, אַז ער וועט מיט איר מיט דער צייט חתונה האָבן. זי האָט בכיון די גאַנצע צייט פון קאָנצערט און די אַנטראַקטן געהאַלטן די לאָזשע באַלויכטן אין העלן עלעקטרישן ליכט, און ס'איז דערום קיין חידוש נישט, וואָס דער גרויסער עולם האָט בעת די אַנטראַקטן פון זיי ביידען די לאָרנעטעס נישט אַראָפּגעלאָזט—און איינער מיטן אַנדערן האָבן זיך געטיילט מיטן איינדרוק, וואָס די דאָ־לאַר-פרינצעסין און דער שעפער פון טונעל האָבן אויף זיי געמאַכט. אַלאַן איז ווידער שטאַרק אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון דער געלט־אַריסטאָקראַטיע, נאָכדעם ווי מ'האָט אים געזען איינעם אַליין אין דער געזעלשאַפט פון דער שענסטער און— הויפטזעכלעך—דער רייכסטער כלה אין דער וועלט.

ער האָט זיך פאַרשעמט פאַרוקט אין אַ ווינקל פון דער לאָזשע, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן אויף זיך טויזנטער אויגן, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו ווענדן צו אים דורך לאָרנעטעס און אים צו באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס. עטעל האָט זיך אָבער געווענדט מיט אַן אינטימען געלעכטערל צו אַלאַנען און צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ לאַנגער געשפּרעך. די אויפמערקזאַמקייט פונם גרויסן עולם צו זיי ביידען איז גע־

וואקסן מיט יעדער רגע. עטעל האָט מיט איר בליענדיקער שיינקייט, ריין און טייערן טואַלעט ממש באַצויבערט דעם עולם און קיינער האָט פון איר בעת די אַנטראַקטן קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

אַלאַן איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס... אים האָט פּשוט געעקלט פון דער איבערמעסיקער קליינלעכער, מ׳קאָן זאָגן קינ־דערשער נייגיריקייט און אויפמערקזאַמקייט, וועלכע דאָס פּובלי־קום האָט דעם אָוונט אַרויסגעוויזן צו עטלען און צו אים. און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן יענעם אָוונט, ווען ער איז אין זעלבן קאָנצערט־הויז געזעסן מיט זיין פאַרשטאָרבענער הייס־געליבטער מאַוד אַנטקעגן לאָידס לאָזשע. ער האָט זיך דייטלעך דערמאָנט אָן מאַודס ראָזע דורכזיכטיקע קליינע אויערלעך, און אָן איר פון אַנטציקונג און אויפרעגונג לייכט רויט געוואָרענע באַקן און אָן איר פאַרחלומטן זיסן בליק, מיט וועלכן זי האָט געקוקט אויף דער סצענע און אויפן פּובליקום.

ער האָט זיך אויך דייטלעך דערמאָנט אָן עטעלס שטים, מיט וועלכער זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל דעם זעלבן אָוונט צו אים געווענדט, זאָגנדיק: זענט איר עס, הייסט עס, אַלאַן? טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט אין משך פון דער דאָזי־קער צייט איבערגעלעבט, האָט ער זיך זעלבסט געפרעגט:

—„וואָלסטו נישט בעסער געוואָלט, אַז לאָיד זאָל נישט האָבן דעמאָלט געקומען אין קאָנצערט־זאַל דיר „אָן אוידיענץ״ צו געבן און מ׳וואָלט דעם טונעל בעסער קיינמאָל נישט גע־האָט אָנגעהויבן צו בויען?״

און ער האָט זיך דערשראָקן, ווען אַן אינערלעכע שטים האָט אויף דער פראַגע געענטפערט:

—ניין!״

זיין „גרויס ווערק״ איז דעמאָלט—ער האָט זיך איצט דייטלעך וועגן דעם דערמאָנט—אים געווען טייערער פון זיין מאַודן מיט עטלען אַפילו

דער פועל־יוצא פון דעם, וואָס עטעל איז אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אין לאָידס לאָזשע אין דער געזעלשאַפט פון אַלאַנען

איז געווען, אַז די טונעל־פּאַפּירן האָבן זיך שוין אויף מאָרגן אַ שטאַרקן הויב געטון.

ס׳האָט זיך געפונען אַן אומפּאַרשעמטע צייטונג וועלכע האָט געבראַכט די ידיעה, אַז עטעל זאָל די טעג פערלאָבט ווערן מיט אַלאַנען און אַז סוף חודש וועלן זיי שרייבן תנאים.

דעם זעלבן טאָג ווען דידאָזיקע ידיעה האָט זיך באַוויזן אין דער צייטונג האָט אַן אַנדערע צייטונג אָוונטצייט אָפּגעדריקט עטעלס הכחשה וועגן דעם.

אין דער הכחשה האָט מיס עטעל לאָיד זיך אויסגעדריקט.

„דער מאַן, וועלכער האָט פאַרשפּריים דו דאָזיקע ידיעה, איז דער גרעסטער ליגנער אין דער וועלט: איך בין אַ גוטע פריינדן פון מאַק אַלאַן; דאָס איז דער אמת און איך שטאָלציר דערמיט״.

דידאָזיקע הכחשה האָט אָבער געהאַט אַ קליינע פּעולה. אין צוויי וואָכן אַרום האָבן די צייטונגן פון וועלכע ס׳איז אוממעגליך געווען צו פאַרבאָרגן מאַקס הכנות צו דער וויטערדיקער אַרבעט אין טונעל, אָפּגעדרוקט נאָטיצן, אַן מאַק אלאַן האָט זיך ווידער באַזעצט אין ניו־יאָרק, מיט דעם האָט מען געגעבן דעם עולם אָנצוהערן, אַז אַליאַנס אַנוועזנהייט אין ניו־יאָרק איז איצט שוין נויטיק, ווייל דעם אַלטן לאָידן, וועלכער פינאַנסירט דעם טונעל, קומט אויס מיט אים צו קאָנפערירן עטליכע מאָל אַ טאָג, איצט האָט מען שוין קיין שום הכחשה נישט געקאָנט שרייבן, ווייל דעם פאַקט, אַז אַלאַן האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, האָט מען ניט געקאָנט אָפּלייקענען — ער האָט איצט ווירקליך געוואוינט אין ניו־יאָרק

נאָכדעם, ווי די בעראַטונגען מיט לאָידן האָבן נאָך צו דעם געווינשטן רעזולטאַט נישט געבראַכט און דער אַלטער האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה צי ער זאָל צושטען צום טונעל אָדער נישט—האָט אַלאַן ווידער פאַרלאָזט ניו״יאָרק דאָס מאָל שוין מיט בעסערע אויסזיכטן אויף דער נאָנטער צוקונפט און האָפנונג, אין גיכן שוין ענדליך צו צוטרעטן צו דער אַרבעט.

אַלאַן איז אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק און זיך אויף אַ געוויסער צייט באַזעצט אויף דער טונעל־סטאַציע האָבאָקען. אויף דער דאָזיקער סטאַציע האָט זיך געבויט אַ ריזן־טורם, דורך וועלכן עס האָבן דורכגעשניטן פון אַלע זייטן ברייטע שטאָלענע בריקן, און אַלאַנס אָנוועזנהייט בעת דער אַרבעט און זיין לייטונג מיט דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען צוליב פיל טעמים זער וויכטיק.

גדי געביידע איז שוין געווען פאָלשטענדיק פאַרטיק ביזן זעקסטן שטאָק און אויבן־דעם 29 און 30 שטאָק, אין די מיטל־סטע שטאָקן איז די אַרבעט געווען אין מיטן ברען און האָט געמוזט פאַרענדיקט ווערן צו אַ געוויסן טערמין. אַלאַן האָט זיך באַזעצט אינם ערשטן שטאָק און עטעל האָט זיך שוין געגעבן מי, די דאָזיקע צימערן גוט אויסצומעבלירן און צו ברענגען אין דער געהעריקער אָרדנונג. זי האָט אַליין איינגעקויפט אין ניו־יאָרק די בעסטע מעבל־שטיק, טעפּיכער גאַרדינען א.אַ.וו. און אַליין אָנגעפירט מיט דער אַרבעט ביים אויסמעבלירן די גרויסע צימערן פון אַלאַנס דערוויילִיקער וואוינונג.

אַלאַן, וועלכער איז איצט שטאַרק באַשעפטיקט געווען, האָט איצט אויסגעזען שלעכט און דאָס איז עטלעכן שטאַרק נישט געפעלן געווען. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעמאָגערט, בלאַס און איז די לעצטע טעג נאָך פיל גראָער געוואָרן, ווי נאָך זיין אַרויסגיין פון טורמע. ער האָט געהאַט ווייניק אַפּעטיט און איז אויך ווייניק געשלאָפן.

עטעל האָט אים צוגעשיקט איר פאָטערס אַ קאָך־מייסטער, וועלכער איז אימשטאַנד צופרידנצושטעלן דעם בעסטן געשמאַק. בכלל האָט זיך עטעל גענומען צו אַלאַנען־זען, ער זאָל אַזוי נישט פאַרנאַכלעסיקן דאָס געזונט און נישט אַרבעטן איבער די כחות, זיך נישט אָנשטרענגען צו־פיל, ער זאָל עסן און גיין שלאָפן צו דער צייט.

זי האָט אים ווייטער ערקלערט, אַז ער דאַרף איצט וואָס מער געניסן פרישע לופט, און, אָנשרעקנדיק אים מיט איבער־געטריבענע פאָלגן אין פאַל ווען ער וועט ווייטער פאַרנאַכלע־

פיקן זיין געזונט, האָט עטעל אָנגעהויבן יעדן טאָג קומען צו אים אויף איר אויטאָ (יעדעס מאָל פונקט זעקס אַ זייגער אין דער פרי) און אים מיטנעמען אויפן שפּאַציר, וואָס פלעגט יעדעס מאָל דויערן אַ שעה צייט. אַלאַן האָט תחילת נישט געוואָלט יעדן טאָג אַזוי פיל צייט פאַרלירן, נאָר עטעל איז צו אים צוגעשטאַנען מיט דער פאָדערונג, ער זאָל די צייט איצט אַ ביסל ביליגער שעצן און זאָל דורכויס מיט איר יעדן פרימאָרגן אַרויספאָרן אויף זייער אויטאָ אויף אַ שפּאַציר איבער די פעלדער און וועלדער, ווו די לופט איז אַזוי פריש און מחיהדיק. אַלאַן האָט נאָכגעגעבן עטלען און בעתן שפּאַציר האָבן זיי ביידע קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

זעענדיק אַלאַנען אַזוי אָפט אין דער געזעלשאַפט פון דער שענער דאָלאַר-פרינצעסין, האָבן דאָסמאָל שוין עטלעכע צייטונגען ווידער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אַלאַן וועט די טעג אַ חתן ווערן פאַר עטעל לאָיד. דער פּועל-יוצא פון די דאָזיקע קלאַנגען איז געווען, וואָס די טונעל-פּאַפּירן האָבן ווידער אָנגעהויבן שטאַרק שטייגן.

לאָיד האָט,—אַגב אורחא באַמערקנדיק—אין דער שטיל איינגעקויפט אַזעלכע פּאַפּירן און אַקציעס אויף גאַנצע צען מיליאָן דאָלאַר, און געקויפט האָט ער זיי בחצי חנם. ער האָט ביי דער דאָזיקער קניה פאַרדינט אַ גאַנץ פאַרמעגן.

צוזאַמען מיט די טונעל-פּאַפּירן האָבן אויך אָנגעהויבן צו שטייגן די איבעריקע בערזע-פּאַפּירן און פאַרשידענע אַקציעס און דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעך רעזולטאַט פון לאָידס גרויסער בערזע-אָפּעראַציע מיט די טונעל-פּאַפּירן, מחמת ס'איז נישט געווען אין אַמעריקע קיין בערזע-פּאַפּיר, וואָס איז נישט געווען אָפּהענגיק פון די טונעל-אַקציעס און זיינע ווערט-פּאַפּירן דער אומשטאַנד אַליין, וואָס עטעל לאָיד פלעגט יעדען פרי-מאָרגן קומען צופאָרן צו אַלאַנען און מיט אים רעגלמעסיק מאַכן אַ שפּאַציר אויף לאָידס פּרעכטיקן אויטאָ, בלויז דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט געהאַט דעם שטאַרקן איינפלוס אויף דער וועלט-בערזע און גורם געווען איר אַלגעמיינע אויפלעבונג.

אַלאַנען איז ענדלעך נמאס געוואָרן צו שפּילן די דאָזיקע קאָמעדיע, אין וועלכע די צייטונגען האָבן אים מיט געוואַלד אַריינגעצויגן, און ער האָט באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו רעדן מיט עטלען אָפענע דבורים, ד. ה. איר צו מאַכן אַ פאָרשלאַג איר חתן צו ווערן און מיט איר חתונה האָבן.

בעת זיי זענען געפאָרן צוזאַמען שפּאַצירן, האָט ער עטלען, נאָך אַ קורצער הקדמה, דעם דאָזיקן וויכטיקן פאָרשלאַג געמאַכט, ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע און געבעטן איר האַנט, אויסדריקנדיק דערביי זיין האָפנונג, אַז עטעל וועט, אָפּשאַצנדיק ווי ס׳געהער צו זיין זיינע געפילן צו איר, מיט וועלכע ער איז באַגייסטערט, אים נישט אַנטזאָגן אין דעם גליק פון איר הסכם צו ווערן זיין פרוי.

נאָר עטעל האָט, אויסהערנדיק זיין ערקלערונג, זיך לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט און, אויסשטעלנדיק אויף אַלאַנען אירע גרויסע שיינע אויגן מיט אַן אויסדרוק פון ערשטוינונג, האָט זי אים געענטפערט:

—רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, אַלאַן!—און דערביי איז איר געזיכט אַ ביסל רויט געוואָרן.

אַלאַן איז אונטערגעשפּרונגען פון זיין אָרט פון איבעררעשונג—אַזוי איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט באַקומען פון עטלען אַ גינסטיקן ענטפער. ער האָט אַ קלונג געגעבן צום שאָפער, ער זאָל אָפּשטעלן דעם אויטאָ און, נישט אויסרייידנדיק מער קיין וואָרט, נישט נעמענדיק אַפילו קיין אָפּשייד פון עטלען, איז ער אין מיטן וועג אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ, בלאַס ווי אַ טויטער.

—וואָס טוט איר? אַלאַן!—האָט אים עטעל געפרעגט,—צי זענט איר משוגע? מיר זענען דאָך דרייסיק מייל פון ניו־יאָרק... אין מיטן די פעלדער, ווייט פון וועלכן ס׳איז מענטשלעכן ישוב... איר קאָנט דאָך מיטפאָרן ביז דער שטאָט...

—דאָס איז גאַנץ עגאַל—האָט אַלאַן געענטפערט, ברוגז און שטאַרק אויפגערעגט. און ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן שאָסיי, צוטראָגן און באַליידיקט אין זיינע בעסטע געפילן, אין

דערזעלבער ריכטונג, ווי לאָידס אויטאָ האָט זיך איצט אַזוי שנעל אַוועקגעטראָגן.

אַלאַן האָט אַרומגעבלאָנדזשעט עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד איבער די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, קריצנדיק מיט די ציין פון כעס און אויפרעגונג אויף דער קאַפּריזנער דאָלאַר־פּרינצעסין. אויף אַזאַ מאָראַלישן פּאַטש, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט מיט איר אָפּזאָג, נאָכדעם ווי זי האָט אים אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן, גאָר נישט פאַרמאַסקירטן חשק צו ווערן זיין כלה,—האָט זיך אַלאַן קיינמאָל נישט געריכט... אים האָט קיינמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן דער געדאַנק, אַז עטעל, וועלכע האָט אים ממש פאַרגעטערט, זאָל זיך אָפּזאָגן צו ווערן זיין פרוי. און ווען ער וואָלט דעם דאָזיקן אָפּזאָג אירן געוויסערמאַסן נישט צוגעשריבן איר אויסטערלישן כאַראַקטער, אירע אָריגינעלע קאַפּריזן,—וואָלט אים איר אָפּזאָג פאַרשאַפט די גרעסטע שמערצן און עגמת נפש.

ביי אים אין האַרץ איז אָבער געבליבן אַ פּונק פון האָפּנונג, אַז דער אָפּזאָג אירער איז נישט מער ווי אַ שטיק שגעון, אַ נייער קאַפּריז, מיט וועלכן די שיינע דאָלאַר־פּרינצעסין האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכנט און וועלכע האָבן צייטנווייז זי געמאַכט, ביי איר גאַנצער בלענדנדער שיינקייט און חכמה—ממש אונערטרעגלעך...

צום סוף האָט אַלאַן, בלאָנדזשענדיק אַ פּאָר שעה איבער דער סביבה, דערגרייכט אַ קליינע באַן-סטאַציע. דאָ האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף דעם ערשטן צוג און האָט זיך צוריקגעקערט קיין האָבאָקען. ער איז צוהין אָנגעקומען שפּעט אין דער נאַכט און תיכף באַשטעלט אַן אויטאָ קיין מאַק סיטי.

פון איצט אָן האָט ער ווידער אָנגעהויבן גאַנצע טעג און נעכט צו פאַרברענגען אין טונעל. ער האָט זיך ווידער אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און צו זיך קיינעם, אַחוץ שטאָלן, נישט צוגעלאָזט.

עטעלס עצה, „ער זאָל זיך נעמען אין דער האַנט אַריין", נישט פאַרנאַכלעסיקן זיין געזונט א. אַ. וו. האָט אַלאַן איצט ווי

דעמאָנסטראַטיוו אויפגעהערט צו פאָלגן: ער האָט אויפגעהערט שפּאַצירן צו גיין, געגעסן און געשלאָפן נישט אין דע צייט, מיט איין וואָרט—זיך געפירט אַזוי, אַז זיין געזונט האָט געמוזט פון דעם אָפּגעשוואַכט ווערן, און זיינע פיזישע כּחות אויסגעשעפּט ווערן.

IV

עטעל לאָיד האָט, נאָכדעם ווי אַלאַן האָט זיך פון דאָס ניי אָפּגעזונדערט פון מענטשן און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט, ווידער געמאַכט אַ לוסט־רייזע אויף איר פּרעכטיקער יאַכט אויפן ים, דאָסמאָל האָט זי איינגעלאַדן מיט זיך דעם מיליאָנער וואַנדערשטיפט און איז זיך מיט אים אין פיל הינזיכטן באַגאַנגען אַזוי ווי מיט אַלאַנען.

זי האָט אים ענדלעך אַזוי אַרויסגעבראַכט פון געדולד און אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט שוין בעוואָלט באַגיין איבער זיך זעלבסט־מאָרד און זיך אַריינוואַרפן אין ים. נאָר מיט גרויסע צרות איז זיינע מקורבים געלונגען אים אָפּצוהאַלטן פון אַזאַ פאַרצווייפלטן שריט. ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה פון איצט אָן אויסצומיידן עטלען, ווי מען מיידט אויס אַ נישט־גוטן... צוריקגעקערט זיך קיין ניו־יאָרק, האָט זי אויף מאָרגן געמאַכט אַ רייזע קיין האָבאָקען, כּדי זיך ווידער צו זען מיט אַלאַנען—פּונקט ווי צווישן זיי איז גאָר נישט פאָרגעקומען, אין האָבאָקען האָט זי זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַלאַנען און זיך דערוווסט, אַז ער האָט זיך איצט באַזעצט אין מאַק־סיטי (ביז איצט האָט עטעל וועגן דעם נישט געוווסט, זי האָט נאָר געוואוסט, אַז אים איז ווידער געקומען אין קאָפּ אַ שגעון, מיט קיינעם קיין מגע־ומשא נישט צו האָבן, אָבער ווו ער האָט זיך איצט באַהאַלטן, האָט זי קיין אַנונג נישט געהאַט), עטעל האָט תּיכּף טעלעגראַפירט קיין מאַק־סיטי, זי האָט געבעטן אַלאַנען, ער זאָל איר מוחל זיין און אים דערקלערט (אַלץ אין דער דעפּעשע). אַז זיין פאַרשלאַג האָט זי שטאַרק איבעראַשט און זי

איז אין איר הילפלאָזיקייט באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט. ווייטער האָט זי אים געבעטן, ער זאָל מאָרגן אין אָוונט קומען צו זיי קיין ניו־יאָרק צו אָוונט־ברויט. זי וואַרט אַפילו נישט אויף קיין ענטפער, נאָר אויף זיין באַזוך און ווען ער וואָלט זיך איצט דערפון אַנטזאָגט, וואָלט זי אַזאַ עקשנות אים בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין.

אין אַלאַנס האַרץ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן זער אַ שווערער קאַמף. ער האָט באַקומען עטעלס דעפּעשע אין טונעל. ער האָט איר שרייבן איבערגעלעזן ביי אַ פאַרשטויבטע לאַמטערן אין די טיפע קאָרידאָרן, וועלכע זענען געווען אַזוי קאַרג באַ־לויכטן דורך אַ טוץ פון אַזעלכע לאַמטערנס. די דעפּעשע האָט אויף זיין גייסט געהאַט אַזאַ היילזאַמע ווירקונג. ער האָט גע־פילט, אַז אַ שטיין איז אים ווי אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ... אין עטעלס חרטה, וואָס זי האָט אויסגעדריקט אין דער דעפּעשע, האָט ער געוויסערמאַסען געפונען אַ סאַטיסאַקציע און באַפרי־דיקונג פאַר די איבערגעלעבטע שעהן פון דערנידערונג און מאָראַלישע ווייטאָקן.

עטעל האָט אַלאַנען באַגעגנט מיט האַלב־ערנסטע פאַר־וורפן:

—שוין צייט,—האָט זי אים געזאָגט—שוין צייט איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אַ שלעכט־דערצויגענע, קאַפּריזנע באַשע־פעניש!

פון דעם טאָג אָן איז איר אויטאָ ווידער יעדן פרימאָרגן זעקס אַ זייגער געשטאַנען פאַר מאַקס וואוינונג און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו מאַכן מיט איר יעדן פרימאָרגן אַ שפּאַציר אויפן אויטאָ איבער דער סביבה, כדי וואָס מער אויף דער פרישער לופט צו זיין.

און מ׳האָט געדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ ריין־קינדער־שער געהאָרכזאַמקייט אַלאַן פלעגט זיך יעדעס מאָל אַריינזעצן אין אויטאָ און אַרויספאָרן מיט עטלען אויפן שפּאַציר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט עטעל, איבריגנס, געענדערט איר טאַקטיק בנוגע אַלאַנען: זי האָט אים ביז איצט באַהאַנדלט

ווי מ׳באַהאַנדלט אַ מענטש, וואָס נויטיקט זיך אין זייטיקע הילף, אין הילף פון זיינע מקורבים צוליב זיין נאַכלעסיקייט. פון איצט אָן אָבער האָט זי אַזאַ מין אַפּוטרופּסות איבער אים אַוועקגעוואָרפן. דערפאַר אָבער האָט זי געפּועלט ביי אַלאַנען, ער זאָל איר צוליב טון און דערפילן אירע קליינע פאַרלאַנגען.—זאָלן זיי צייטנווייז אַפילו גרעניצן מיט קאַפּריזן.

זי האָט אים, למשל, געזאָגט:

—מאָרגן שפּילט בלאַנש, כ׳וואָלט אַ בעלן געווען זי הערן, אַלאַן.

און אַלאַן האָט באַזאָרגט אַ לאָזשע, האָט באַגלייט עטלען אין טעאַטער און האָט מיט איר פאַרבראַכט אין לאָזשע ביז די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט,- הגם ס׳איז אים פון בלאַנשס שפּילן שטאַרק לאַנגווייליק געווען און ער האָט אין דעם קיין שום פאַרגניגן נישט געפונען.

פון איצט אָן האָט ניו-יאָרק שוין געזען זער אָפט עטלען צוזאַמען מיט אַלאַנען, עטעל האָט כמעט יעדן טאָג געמאַכט אַ שפּאַציר איבער בראָדוויי אין אַלאַנס אויטאָ און אַלאַן האָט דאַן אַליין אָנגעפירט מיטן אויטאָמאָביל, שפּילנדיק אויסגעצייכנט די ראָליע פון אַ שאָפער, פונקט ווי אין אַמאָליקע צייטן, ווען ער איז נאָך יונג און געזונט געווען. אינעווייניק איז געזעסן עטעל לאָיד. אין אַ דונקעלן מאַנטל און העלן שלייער איינגעהילט, און געקוקט אויף די דורכגייער.

עטעל האָט שטאַרק געבעטן אַלאַנען, ער זאָל זי כאָטש איין מאָל מיטנעמען אין טונעל אַריין, און אויך די דאָזיקע בקשה אירע האָט אַלאַן דערפילט. ווען דער צוג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ אין די פינסטערע קאָרידאָרן פון טונעל, האָט עטעל אַזש אויסגעשריגן פון פאַרגניגן. ס׳האָט זי אַזש באַם אָטעם פאַרכאַפּט פון די נייע איבערלעבונגען און די נייע געפילן, וואָס האָבן זי איצט דאָ באַהערשט אונטערן אויבערפלאַך פון דער ערד אין די פינצטערע טונעל־קאָרידאָרן.

די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געפאָרן אין צוג איבערן טונעל, איז זי נישט אַרויס אויף אַ רגע פון אַנטציקונגס־צושטאַנד

און יעדע מינוט האָט זי אַרויסגעלאָזט אַלץ נייע און נייע געשרייען פון התפעלות און באַוואונדערונג. זי האָט זיך מיטן טונעל שטאַרק פאַראינטערעסירט און אין משך פון עטלעכע וואָכן איבערגעלעזן די גאַנצע ליטעראַטור פון מאַקס „גרויסן ווערק". אַלץ, אַפילו די הונדערטער ציַיטונגס־אַרטיקלען, וואָס זענען ווי ס'איז געווען געדרוקט וועגן טונעל. איר טעכנישע בילדונג איז אָבער געווען אַ צו קליינע, אום תופס צו זיין די גאַנצע גרויס פון דער טונעל־אונטערנעמונג און די קאָלאָסאַלע באַדייטונג פון טונעל אין אונזער צייט פון די גרויסע נצחונות, וואָס דער מענטשלעכער זשעני האָט אָפּגעהאַלטן אויף די געביטן פון וויסנשאַפט בכלל און טעכניק בפרט.

דאָס דונערן, וואָס האָט זיך געהערט, בעת דער צוג האָט געהאַלטן אין פולן לויפן און פאַרטויבט די לופט, האָט עטלען אָנגענעם געשראָקן און זי האָט, געבנדיק פון צייט צו צייט אַ ציטער, זיך צוגעטוליעט צו אַלאַנען. אין די גרעסטע התלהבות און אַנטציקונג האָבן אַריינגעבראַכט עטלען די אונטערערדישע סטאַציעס מיט זייערע זעלטענע איינריכטונגען און אָרדנונג.

זי האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין פאָרשטעלונג, ס'אַראַ ריזיקע מאַשינען עס שטייען אויף די דאָזיקע סטאַציעס און ס'אַראַ ריזיקע אַרבעט זיי פירן דאָ אויס. אין די טיפענישן פון טונעל האָבן עטעלס באַצויבערטע און העכסט פאַרחידושטע אויגן דערזען ממש נסים. דאָ האָט זי ערשט פאַרשטאַנען, וואָס דער מענטשלעכער זשעני איז אומשטאַנד אויפצוטון און איר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ ביים באַוווסטזיין אַז ער, איר אַלאַן, איז דער שעפער פון אַזאַ ווירקלעך גרויסער זאַך, פון אַזאַ ריזן ווערק, וואָס איז פיל, פיל גרעסער, ווי זי האָט זיך פריער פאָרגעשטעלט.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט אַ רויט ליכט, ווי אַ לייכט פייער אָנגעהויבן צו גליען אין דער פינצטערניש. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אָפּגרונט, ווו ס'איז פאָרגעקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע.

אַ לייכטער שרעק האָט עטלען אָנגעכאַפּט, ווען זי האָט אַ קוק געטון אויף דעם דאָזיקן אָפּגרונט. אין אים האָט גע-הערשט אַ שרעקלעכע פינסטערניש, וואָס מ׳האָט דולכט זיך גע־קענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט, נאָר פון דערווייטן האָט מען געהערט פאַרדעמפטע קלעפּ פון פאַרשידענע מכשירים און דאָס זשומען פון פאַרשידענע ריזן־מאַשינען. אין דעם דאָזיקן אָפּגרונט איז טאָג און נאַכט כסדר פאָרגעקומען די אַרבעט ביים איינ־גראָבן דאָרט פאַרשידענע מינעראַלן,

דער אָפּגרונט האָט געהאַלטן זיבעציק מעטער אין דער טיף, דרייהונדערט אין דער ברייט און טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך דאָרט באַשעפטיקט אַ גאַנץ מעת-לעת כסדר איינגראָבנ־דיק די מינעראַלן. איבער די אייבערשטע לופט־שיכטן האָבן זיך שטענדיק געטראָגן געדיכטע שטויב וואָלקן, וועלכע האָבן דער־מאָנט אָן די אָפּגרונטן פון די בערג און באַשאַפן אַן אילוזיע פון אַ קאַווקאַזער אָדער אַ שווייצאַרישער אָפּגרונט.

וואָס איז דען אַזוינס געשען?

פון דער טיפעניש פון אָפּגרונט האָט זיך פלוצלינג אויפ-געהויבן אַ ווייס־גראָ וואָלקנדל און שנעל זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַלע זייטן אַרום און אַרום—און אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט אַ האַרמאַטן־שאָס, וועלכער האָט שטאַרק אויפגעטרייסלט די לופט אַרום און אַרום. דאָס האָבן די אַרבעטער אויפגעריסן מיט דינאַמיט אַ גאַנץ ערד־בערגל.

עטעל איז צוריקגעקומען פון טונעל, איבערראַשט און אַנטציקט פון דעם, וואָס זי האָט דאָרט געזען [illegible]. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי איבערגעגעבן דעם אַלטן [illegible] די זעל-טענע איינדרוקן, וואָס דער טונעל האָט אויף איר [illegible], זי האָט איר פאָטער דערציילט אַלץ, וואָס זי [illegible] געזען און זיך צוגעהערט. עטעל איז אַזוי געווען [illegible] פון די ריזיקע רעזולטאַטן, וואָס זענען שוין דערגרייכט [illegible] ביים בויען דעם טונעל, אַז זי האָט נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן איר התפעלות און באַוואונדערונג. זי האָט זיך, אין איר אַנטציקונג מיטן טונעל, אויסגעדריקט פאַרן [illegible],

אַז די גראַנדיעזע אַרבעט פונם פּאַנאַמע־קאַנאַל איז מער נישט ווי אַ שפּילעכל לגבי דעם גראַנדיעזן ווערק פון טונעל, וועלכע איז מסוגל צו פאַרשאַפן דעם גרעסטן כבוד זיין מייסטער און צו באַוווּנדערן דעם שעפונגס-קראַפט פונם מענטשלעכן זשעני.

אויף מאָרגן האָט שוין גאַנץ ניו־יאָרק געוווּסט, אַז עטעל מיט אַלאַנען זענען צוזאַמען געווען אין טונעל. די צייטונגען האָבן געבראַכט גאַנצע שפּאַלטן אונטערוויוען און געשפּרעכן מיט פאַרשידענע אינזשענערן און געלערטע מכח דעם נייעם סטאַדיום, אין וועלכן דער טונעל איז אַריינגעטרעטן. נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די צייטונגען מיטגעטיילט, אַז עטעל איז געוואָרן אַ כלה פאַר אַלאַנען.

דאָס מאָל זענען, צוזאַמען מיט דער ידיעה וועגן בויען, אָפּגעדרוקט געווען אַלאַנס און עטעלס בילדער—ביידע צוזאַמען.

דאָס מאָל האָבן די צייטונגען שוין נישט געזאָגט קיין ליגן און עטעל האָט די דאָזיקע ידיעה שוין נישט אָפּגעלייקנט.

ענד׳ע יוני איז פאָרגעקומען די חתונה. דעם טאָג פון איר חתונה האָט עטעל פאַראייביקט מיט אַן איידעלער טאַט, וועלכע די גאַנצע פּרעסע און די עפנטלעכע מיינונג האָט הייס באַגריסט און געלויבט.

זי האָט מנדב געווען אַכט מיליאָן דאָלאַר אויף אַ פּענסיע-פאָנד פאַר די אַרבייטער און אָנגעשטעלטע פון טונעל. די חתונה האָט מען געפּראַוועט מיט אַ קעניגלעכן פּראַכט און לוקסוס אין גרויסן פּאַראַד־זאַל פון דעם בארימטן אַטלאַנטיק־האָטעל. יענעם האָטעל, וואו מיט ניין יאָר צוריק איז אויף זיין דאַך-גאָרטן פאָרגעקומען די באַרימטע קאָנפערענץ פון די מיליאָנערן, מיט לאָידן אין דער שפּיץ, וועלכע האָט ענטשיידעט וועגן דעם גורל פון טונעל.

דריי טעג נאָכאַנאַנד זענען די צייטונגען געווען פול מיט גענויע באַשרייבונגען און שילדערונגען פון עטעלס סענסאַציאָנעלער חתונה. אַ געוויסע צייטונג, וואָס האָט זיך שוין לאַנג קונה שם געווען דורך אירע איבערראַשנדע סענסאַציעס און אויך דערמיט, וואָס זי ווייסט אויסגעצייכנט אַלע סודות פון

ניו־יאָרקער לעבן בכלל און דאָס פּריוואַטע לעבן פון די גרויסע וועלט־מאַגנאַטן בפרט,—האָט געבראַכט אַ גענויע באַשרייבונג פון עטעלס גאַרדעראָבן און צירונג, וואָס זי האָט זיך צוגעגרייט צו איר חתונה.

לויט דער גענויער באַשרייבונג פון עטעלס טואַלעטן, וואָס די דאָזיקע צייטונג האָט געבראַכט, איז געווען צו זען, אַז עטעל האָט צו איר האָכצייט געהאַט צוויי הונדערט פּאָר שיך און נישט מער און נישט ווייניקער ווי טויזנט פּאָר זיידענע זאָקן! ווייטער האָט די צייטונג געבראַכט אַ באַשרייבונג פון עטעלס וועש, וועלכע האָט אויך באַטראָפן אַ גאַנץ פאַרמעגן, און ווען צלאַן וואָלט די ערשטע טעג פון זיין „האָניג־חודש” געלייענט די דאָזיקע צייטונגען, וואָלט ער זיך דערוווּסט, וועלכע אוצרות זיין יונגע פרוי עטעל האָט אים, דעם אַמאָליקן אָרימען אינזשענער אַריינגעבראַכט,—וואָס פאַר אַ רייזיקן נדן ער האָט פון עטעלס פאָטער באַקומען, צלאַן וואָלט געוויס גבהל ונשתומם געוואָרן, דערוויסנדיק זיך פון דער דאָזיקער צייטונג, אַז עטעלס זאָקן-בענדער זיינען געווען באַשאָטן מיט בריליאַנטן, וועלכע באַטרעפן אויך אַ גאַנץ פאַרמעגן און פאַר וועלכע מ׳קאָן אויסבויען אַ פיל־שטאָקיג הויז אין איינער פון די בעסטע ניו־יאָרקער אַוועניוס.

זייט יאָרן האָט ניו־יאָרק נישט געזען אַזאַ גלענצנדע געזעלשאַפט ווי די וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אויף עטעלס חתונה. דער מחותן אַליין אָבער, דער אַלטער מרוק לאָיד האָט אויף דער חתונה נישט געקענט זיין. ער איז אין דעם טאָג אָפּגעפאָרן מיט זיין אַרצט אויף זיין יאַכט אויף אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער פון ניו־יאָרק.

עטעל האָט בעת דער חתונה־מאָלצייט געשיינט אין דער גאַנצער פּראַכט פון איר רייץ און חן,—ווי אַן אמתע פּרינצעסין. זי האָט געטראָגן דעם באַרימטן ראָזי־דיאַמאַנד און האָט אויסגעזען יונג, פריילעך. גליקלעך און אירע שיינע אויגן האָבן געשטראַלט פון נחת.

אַלאַן האָט אויך אויסגעזען גליקלעך צו זיין. ער האָט זיך

בעתן מאָלצייט געוועזן משמח געווען, ווי אַזוי ער האָט זיך דעמאָלט געפילט, איז שווער געווען צו זאָגן, נור ער האָט געמאַכט אַ פריילעכע מינע. ער האָט זיך באַמיט פריילעך צו זיין און אויסצוזען גליקלעך, כדי ס׳זאָל נישט קאָנען באַשטעטיקט ווערן די אַלגעמיינע מיינונג וועגן אים, אַז ער האָט זיך כלומרשט פאַרקויפט פאַר געלט דער טאָכטער פון גרעסטן געלט-מאַגנאַט לאָיד. און מערקווירדיק, אין די דאָזיקע העכסט וויכטיקע און באַדייטונגספולע מינוטן האָט אַלאַן זייער פיל געטראַכט וועגן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי מאָוד און דערמאָנענדיק זיך אין זיין אַמאָל הייס-געליבטער פרוי, האָט אים אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן קלעמען ביים האַרצן, אַז דאָס לעבן איז אים נישט ניחא געוואָרן. איצט האָט ער זיך ערשט דער-מאָנט וואָס פאַר אַ זעלטן צערטליכע און כשרע נשמה זיין מאָוד איז געווען און דערמאָנענדיק זיך אין אירע זעלטענע מעלות, האָט ער זיך אָנגעהויבן מאַכן פאָרווורפן, פאַרוואָס ער האָט זי נישט געשעצט ווי ס׳געהער צו זיין, פאַרוואָס ער האָט איר פאַר-שאַפט עגמת-נפש און מאָראַלישע ליידן. ער האָט זיך אויך דער-מאָנט אין זיין קליין בת-יחידקעלע עדיט און טרערן האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן, קיינער האָט אָבער זיין אינערלעכן צושטאַנד נישט באַמערקט.

ניין אַ זייגער איז ער מיט עטלען אַוועקגעפאָרן אין זיין שווערס הויז, ווו דאָס יונגע פאָר-פאָלק האָט גערעכנט די ערשטע פאַר וואָכן פון זייער האָניג-חודש צו פאַרברענגען.

די צייט, וואָס זיי זענען געפאָרן אַהיים, האָט ער מיט זיין יונגער פרוי קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט און זי האָט אויך נישט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מיט איר רעדן.

אַלאַן איז געזעסן אין אָויטאָ מיד און האָט אַפּאַטיש גע-קוקט מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן אויף די רוישנדע גאַס, וועלכע איז געווען אַזוי העל באַלויכטן און געאָטעמט מיט לעבן און זינד... עטעל האָט נור איין מאָל געמאַכט אַ פרווו אים פאַר דער האַנט אָנצונעמען — זיין האַנד איז אָבער געווען אייז-קאַלט און אָן לעבן.

ביי דער דרייאונדרייסיקסטער גאַס איז דער פאַרקער געווען

אזא שטאַרקער, אַז זייער אויטאָ האָט געמוזט אויף עטלעכע מינוט זיך אָפּשטעלן, דאָ איז אַלאַנס בליק געפאַלן אויף אַ ריין-פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'זענען געשטאַנען מיט בלוט-רויטע מעטער-אותיות!

„דזשונגל"! הונדערט טויזנט מאַן!

די דאָזיקע דריי ווערטער האָבן אים אַ ביסל אויסגעניכטערט פון זיין אַפּאַטיע, אין וועלכער ער איז ווי אַריינגעפאַלן, שטאַרק פאַרמאַטערט פון די איבערפּליטיקע געצוווּנגענע אונטערהאַלטונגען מיט דער געזעלשאַפט ביים חתונה-מאָלצייט, אָבער יענער טרויעריקער צושטאַנד און די זעלישע איבערלעבונגען, וואָס עס האָבן אין אים דערוועקט די זכרונות וועגן מאוד און עדיטן, האָבן בער אים נאָך אַלץ געהערשט און ער האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין דער מאַכט פון אַ שטאַרקער מעלאַנכאָליע און חרטה-געפיל.

געקומען צו זיך אַהיים, האָט עטעל געהייסן באַלייכטן דעם גרויסן פּרעכטיקן פּאַלמען-זאַל און געבעטן אַלאַנען, ער זאָל נאָך בלייבן מיט איר דאָ, אין זאַל, זי האָט זיך נישט איבערגעטאָן, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אירע טייערע חתונה-קליידער אויף אַ פאָטעל, געגן איר מאַן, טראָגנדיק דעם ראָזי-דימאַנט אויפן שטערן, האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. אויפהויבנדיק פון צייט צו צייט אירע לאַנגע ווימפּערן, כדי בשתיקה אַ קוק צו טאָן אויף אַלאַנען און צו זען, ווי ער פילט זיך איצט און וואָס זיין אויפריכטיק געזיכט דריקט איצט אויס.

אַלאַן האָט אַרומגעשפּרייזט מיט ברייטע טריט איבערן גרויסן זאַל אַהין און אַהער, פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען, נישט וואָס ער איז נישט אַליין אין צימער און וואָס זיין יונגע פרוי זעט עס אַלץ צו. אין זאַל איז געווען זייער שטיל. דער פאַרבאָרגענער קינסטלעכער פאָנטאַן, האָט געמורמלט און געזשומעט, קוים שטערנדיק די טויטע שטילקייט פון פּאַלמען-זאַל. פון רגע צו רגע האָט מען געקאָנט, ביי אַן אָנגעשטרענגטן אויער, הערן אַ געהיימניספולן רויש — דאָס האָט אַ טראָפּיש גע-וויקס געפּלאַצט, פאַרשפּרייטנדיק אַרום זיך אַ מחיהדיקן ריח.

— ביסטו דען אַזוי מיד, מאַק? — האָט אים עטעל געפרעגט

נאָך אַ לאַנגן שטיל־שווייגן.

זי האָט אים די דאָזיקע פראַגע געשטעלט שטיל און הכנעהדיק, פונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אים צו שטערן אין זיינע געדאַנקען, אין זיין זעעלישן שטורם, וואָס ער האָט איצט איבערגעלעבט און וועלכער איז נישט געבליבן פאַרבאָרגן פון עטלען.

אַלאַן איז געבליבן שטיין און האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַ פאַרשנדן בליק.

—יאָ, האָט ער געענטפערט, מיט אַ שטים אָן יעדן קלאַנג, אָנשפאַרנדיק זיך אויפן קאַמין. עס זענען אויף דער חתונה געווען אַזוי פיל מענטשן און מיט יעדן האָב איך געמוזט רעדן און זיך אונטערהאַלטן, איז דען אַ חידוש, וואָס איך בין מיד.

פונם אָרט, ווו אַלאַן איז געשטאַנעןביים קאַמין ביז דעם פאָטעל, אין וועלכן עטעל איז געזעסן, איז געווען אַ מרחוק נישט מער, ווי צען טריט, דאָך אָבער האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ביידע געווען דערווייטערט איינער פונם אַנדערן אויף גאַנצע מיילן...

קיינמאָל, קאָן מען זאָגן, איז אַ פאָר־פאָלק באַלד נאָך דער חתונה נאָך נישט געווען איינער דעם אַנדערן אַזוי פרעמד און איינזאַם, ווי עטעל און אַלאַן...

אַלאַן האָט אויסגעזען בלאַס און גראָ, זיינע אויגן זענען געווען אָן אַ גלאַנץ און ווי אויסגעלאָשן. ער האָט שוין איצט נישט געפונען אין זיך קיין כחות מער צו ערפילן ווייטער די קאָמעדיע, אין וועלכער ער איז אריינגעצויגן געוואָרן דורך עטלען.

זעענדיק, אַז איר מאַן קאָן נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך פון די אויסערגעוועהנלעכע איבערלעבונג, וועלכע די חתונה־צערעמאָניע האָט אים געבראַכט, האָט עטעל זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און, צוגייענדיק צו אים, האָט זי אים שטיל געזאָגט:

—מאַק! וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט? וואָס זעסטו אַזוי שלעכט אויס?

אַלאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף עטלען מיט זיינע מידע אויסגעלאָשענע אויגן און איר גאָרנישט געענטפערט.

—הער נור אויס, מאַק? — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ ווייכ־

שטימע — איך מוז מיט דיר רעדן. כ'בעט דיך מיך אויסצוהערן. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיין אומגליקלעך, מאַק, פאַרקערט — איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך — אויף וויפיל ס'וועט זיך נור לאָזן! גלויב נישט, אַז איך בין געווען אַזוי נאַריש, אום צו קאָנען זיך איינרעדן, אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיט מיר אויס ליבע. אַזאַ נאַר בין איך, יעדנפאַלס, נישט. איך האָב אין דעם אַפילו קיין רגע נישט געגלויבט און וועגן דעם זיך נישט אָפּגענאַרט. איך ווייס, אַז איך האָב נישט קיין רעכט, וועלכע ס'איז פאָדערונגען אויף דיין האַרץ אַרויסצושטעלן, און איך שטעל טאַקע אַזעלכע פאָדערונגען נישט אַרויס. זאָלסט, אַלזאָ, וויסן, אַז דו ביזט פונקט אַזוי פריי און אומגעבונדן ווי פריער, איידער דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט. דו האָסט זיך נישט וואָס צו באַמיען מיך צו איבערצייגן און איינרעדן, אַז דו האָסט מיך כאָטש אַ ביסל ליב, ווען דו וואָלסט מיר אַזעלכעס געזאָגט, וואָלט איך דיר נישט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דו זאָגסט עס אויפריכטיק, פונם גאַנצן האַרץ, איך פאַרלאַנג פון דיר לחלוטין גאָרנישט, מאַק. איך פאַרלאַנג נור איינס: דאָס רעכט, וואָס איך געניס שוין זייט עטלעכע וואָכן: שטענדיק אין דיין געזעלשאַפט זיך צו געפינען, צו זיין נאָענט נעבן דיר...

עטעל איז ענטשוויגן געוואָרן. אַלאַן האָט איר אָבער גאָר נישט געענטפערט. דאַן האָט עטעל ווייטער געזאָגט:

— איצט שפּיל איך שוין מער נישט קיין קאָמעדיע. איך האָב אַ געוויסע צייט געמוזט שפּילן אַ קאָמעדיע, כּדי דיך צו באַקומען, אָבער איצט, ווען די ביזט שוין מיינער, דאַרף איך די שפּיל שוין מער נישט. איצט קאָן איך אויף ריכטיק זיין מיט דיר און דו וועסט זען, אַז איך בין גאָרנישט אַזאַ שלעכטע און קאַפּריזנע פרוי, וואָס קאָן נור יענעם קוועלן, ווי דו און פיל אַנדערע וואַרשיינלעך, מיינען וועגן מיר. הער-זשע אויס, מאַק, איך מוז דיר איצט אַלץ זאָגן, דעם ריינעם אמת, כּדי דו זאָלסט וויסן, ווער איך בין באמת, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער איך באַזיץ, וועלכע מעלות און חסרונות איך האָב. מיט איין וואָרט. — דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ באַשעפעניש עטעל לאָיד איז אייגנטלעך.

דו ביסט מיר געפעלן געוואָרן פון דער ערשטער רגע וואָס איך האָב דיך דערזען דאָס ערשטע מאָל, דיין אידעע, דיין גרויס ווערק, דיין דרייסטקייט, דיין ענערגיע האָבן מיך שטאַרק באַוואונדערט און אָנגעפילט מיט געפילן פון אַכטונג און רעספעקט צו דיר. איך בין געווען רייך, נאָך אַלס קליין קינד האָב איך געוווסט, אַז איך בין רייך אין מאַטעריעלע אוצרות, אַז מיין פּאַפּאַ איז איינער פון די גרעסטע געלט־מאַגנאַטן אין דער וועלט און אַז איך בין זיין איין און איינ־ציקע יורש'טע. מיין לעבן האָט געזאָלט גרויס און וואונדערבאַר ווערן, אַזוי, ווייניקסטנס, האָט זיך מיר געדאַכט, איך האָב עס נישט קלאָר פאַרשטאַנען, נאָר אינסטינקטיוו האָב איך צו דעם געשטרעבט. ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָב איך געטרוימט חתונה צו האָבן פאַר אַ פּרינץ. אין אַ יאָר אַרום האָט אַזאַ געדאַנק מיך אָנגעהויבן צו עקלען. כ'האָב זיך אַליין גע־שעמט.—ווי איך האָב געקאָנט ביי געזונטע חושים און אַ קלאָרן פאַרשטאַנד וועלן ווערן אַ פּרינצעסין. און דעמאָלט, ווען איך בין זיבעצן יאָר אַלט געווען, איז מיר גאָר אַן אַנדער געדאַנק אין מיין יונג קעפּל געקומען, איך האָב געהאַט בדעה פונאַנ־דערצוטיילן מיין גאַנץ פאַרמעגן צווישן אָרעמע לייט... די דאָ־זיקע ביידע פאַרלאַנגען זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען נישט מער ווי חלומות, ווי פּוסטע פאַנטאַזיעס און צו זיבעצן און אַ האַלב יאָר האָב איך זיך געשעמט,—ווי נאַריש איך בין געווען, ווען אַזעלכע זאַכן צו טרוימען... צו אַכצן יאָר האָב איך שוין קיין באַשטימטן פּלאַן מער נישט געהאַט, איך האָב אָנגעהויבן פירן אַ לעבן ווי פיל אַנדערע אין מיין לאַגע פירן אַ לעבן פון אַ דאָלאַר־פּרינצעסין... אָבער אַזאַ לעבן איז מיר גיך נמאס גע־וואָרן און עס האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק לאַנגוויילן, כ'וועל נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך געפילט פאַר אומגליקלעך—איך בין אָבער אויך נישט גליקלעך געווען. איך האָב געלעבט פון איין טאָג צו דעם אַנדערן מאָנאָטאָן, גלייכגילטיק און לאַנגווייליק... כדי אַזאַ לעבן אַ ביסל צו פאַרשענערן, פלעג איך מיך אַמוזירן, זיך פאַרנעמען מיט ספּאָרט, דאָס לעבן איז מיט דער צייט מיר

אַלץ לאַנגווייליקער געוואָרן און דורך פאַרשידענע אויסטערלי-
שע מיטלען האָב איך ווי זיך געסטאַרעט אַוועקצושטופן אַ טאָג
נאָך אַ טאָג אין תהום פון דער אייביקייט... איך האָב נאָך דער-
מאָלט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין ווי נוצלעך מ'קאָן די צייט,
וועלכע איך האָב אַזוי נישט געשעצט,—פאַרשווענדן... דאַן איז
האַבי געקומען צו מיין פאָטער מיט דיין פראָיעקט. פון רייגער
נייגיריקייט האָב איך אָנגעהויבן דעם פאַפאַ צו בעטן, ער זאָל
מיר איבערגעבן, אין וואָס אייגנטלעך דיין פראָיעקט באַשטייט.
איך האָב מיט האַבין אָנגעהויבן צו שטודירן דעם גרויסן פראָ-
יעקט און פלענער און איך בין אַנטציקט געוואָרן פון זייער
גרויסקייט און וויכטיקייט. דיין גראַנדיעזער פראָיעקט וועגן טו-
נעל האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.—איך זאָג דיר דעם
גאַנצן אמת. האַבי האָט מיר וועגן דיר דערציילט ווער דו
ביזט און פון וואַנען דו שטאַמסט.

ער האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס פאַר אַ גלענצנדע פעי-
קייטן דו באַזיצסט און וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרן כאַראַקטער.
ער האָט פון דיר געהאַלטן, ווי פון גאָט אַליין. ער האָט פאַר
דיין זשעניע פשוט געקניט און זיך געבוקט פאַר דיר, ווי פאַר
אַן אָפּגאָט. נאָך האַבים שילדערונג ביזטו מיר נאָך מער געפעלן גע-
וואָרן. איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, ווער דו ביזט און
וואָס פאַר אַן אומגעהוירע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע
קראַפט עס ליגט אין דיר פאַרבאָרגן און דערצו האָסטו ביי
אַזעלכע גרויסע מעלות, ביי אַזעלכע ריזיקע אינטעלעקטועלע
כחות אויסגעזען אַזוי באַשיידן, אַזוי איינפאַך און זיך געהאַלטן
ווי אַ פשוטער בשר־ודם. דאָס האָט דיר אין מיינע אויגן צוגע-
געבן אַ באַזונדער חן און רייץ. און איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק
צו פאַרלאַנגען מיט דיר זיך נענטער צו באַקענען און מיין
הייסער ווונש איז געוואָרן—איך זאָל דיר כאָטש אַ ביסל גע-
פעלן און דו זאָלסט מיך כאָטש אַ ביסל אַכטן. זיך צו דער-
שלאָגן צו אַזאַ באַציונג פון דיין זייט איז געוואָרן מיין אידעאַל.
דו ביזט אָבער צו מיר געווען גאַנץ גלייכגילטיק. דיין גלייכ-
גילטיקייט, וועלכע האָט, דאַכט זיך, געגרעניצט מיט אַ לייכטע-

פֿאַראַכטונג צו מיר, האָט מיר פֿאַרשאַפֿט פֿיל שמערצן און עגמת־נפש...

איך האָב געוווּסט, אַז דו ביזט שוין דעמאָלט געווען פֿאַרהייראַטעט, האַבי האָט מיר וועגן דעם דערציילט, און איך האָב דעמאָלט נישט געטרוימט וועגן גליק, דו זאָלסט מיר געהערן, דו זאָלסט מיך ליב באַקומען, נאָכמער: איך אַליין האָב אין מיינע געפֿילן צו דיר זיך באַמיט נישט צו דערגיין ביז ליבע. איך האָב נאָר געוואָלט ווערן דיינע אַ פֿריינדין. דער מענטש אָבער טראַכט און גאָט לאַכט—און מיר איז נישט געלונגען אין מיינע געפֿילן צו בלייבן אין יענע ראַמען, וועלכע איך האָב זיך געהאַט אַליין באַשטימט: איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן אויף מאָודן אייפֿערזיכטיק צו זיין. פֿערצייה מיר, וואָס איך דערמאָן איר הייליקן נאָמען! ווו מען איז געשטאַנען, ווו מ'האָט זיך אַ קער געטון, האָט מען אַלץ געהערט רעדן וועגן דיר. דיין נאָמען איז נישט אַראָפּגעגאַנגען פֿון די צייטונגס־שפּאַלטן און טויזנטער, טויזנטער האָבן דיין נאָמען אויסגערעדט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. און איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן: פֿאַרוואָס זאָל איך נישט זיין אויף מאָודס אָרט... דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט, אַזוי הערלעך!.. דאַן ערשט וואָלט דאָך געהאַט אַ זין אַזוי רייך צו זיין, ווי איך בין רייך, דאָס איז אָבער נאָך אַ רייפֿן באַטראַכטן און זיך איבערלעגן געווען לגמרי אַן אונמעגלעכע זאַך. כ'האָב גוט פֿאַרשטאַנען, ווי אומדערגרייכבאַר דאָס איז—און געמענדיק זיך אין דער האַנט אַריין, האָב איך זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויפֿן באַשלוס און פֿאַרלאַנג צו געהערן צו דיינע מקורבים און פֿריינט. כדי דאָס צו דערגרייכן, האָב איך אָנגעהויבן אָפּטער דיך צו באַזוכן, אָפּטער אפשר ווי די עטיקעט פֿון אונזער געזעלשאַפֿט דערלויבט, נאָר מיין התקרבות צו דיר האָט, נישט ווילנדיק, אין מיר אָנגעצונדן אַ נייעם הייסן ווונש,—דיך ברענגען דערצו, אַז דו זאָלסט זיך אין מיר פֿאַרליבן. און איך האָב אָנגעהויבן צו שמידן משוגענע פּלענער, ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן.

ס'איז מיר איינגעפֿאַלן אַ משוגעת (אַנדערש קאָן איך מיין

רעמאָלטיקע שטרעבונג נישט אָנרופן) דיך צו ברענגען צו אַזאַ זעלישן צושטאַנד, אַז דו זאָלסט זיך אין מיר פאַרליבן לײדנשאַפטלעך און אַזוי שטאַרק, אַז דו זאָלסט גרייט זיין דיין פרוי און קינד אַוועקצוּוואַרפן. שפּעטער אַ ביסל האָב איך אָבער אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי מיר וועט געלינגען מיין דרייסטן פּלאַן וועגן דיר צו פאַרווירקלעכן: כ'האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקען צום כאַראַקטער פון דיינע בעציִונגען צו מאַודן און האָב פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט זי צו־שטאַרק ליב, אום ווען ס'איז זי צו קאָנען אַוועקוואַרפן... פון מיינע פּלענער און אויסזיכטן בנוגע דיר האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַ בוידעם... אַפילו צו דיין פריינטשאַפט, צו דיין אין מאָראַלישער הינזיכט כשרער פריינטשאַפט זיך צו דערשלאָגן־איז מיר אויך אָנגעקומען אומגעהויער שווער. מיינע באַמיִונגען אין דער דאָזיקער הינזיכט האָבן כמעט קיין שום פּעולה נישט געהאַט. דו האָסט זיך צו יענער צייט אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. דו האָסט דעמאָלט נישט געהאַט פאַר מיר נישט קיין צייט און נישט־די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט. איך בין נישט סענטימענטאַל, מאַק, אָבער דעמאָלט, זעענדיק ווי דו שטויסט אָפּ מיין פריינטשאַפט, האָב איך זיך געפילט זער און זער אומגליקלעך! דערויף איז פאָרגעקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפע. גלויב מיר, אַז כ'ווייס נישט ווי פיל איך וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן, כ'ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געגעבן, כדי דאָס שרעקלעכע זאָל נישט געשען, כדי די קאַטאַסטראָפע צו באַזייטיקן און זי נישט צו דערלאָזן. איך שווער דיר, אַז איך וואָלט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּגעשטעלט צוליב דעם. די קאַטאַסטראָפע איז געווען אַ מין גאָטס שטראָף, אַ גרויל, אַ שרעק, און איך האָב דעמאָלט דערפון שרעקלעך געליטן, אָבער איך בין אַן עגאָיסט, מאַק, אַ גרויסער עגאָיסט! און בעת איך האָב נאָך באַווייִנט מאַודן, איז מיר געקומען אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז דו ביזט איצט פריי געוואָרן, מאַק! אַז דו ווערסט איצט פריי! און פון דער רגע אָן האָב איך אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו דיר צו דערנענטערן. מאַק, איך האָב דיך אַזוי געוואָלט האָבן, אַזוי געוואָלט,

דער גרויסער שטרייק, דאָס אָפּשטעלן די אייזנבאַנען, דער גרוי־סער האַנדלס־קריזיס — דאָס אַלץ האָט מיטגעהאָלפן, אַז מיין הייסער ווונש, נענטער צו שטיין צו דיר זאָל מקוים ווערן. מיט איין וואָרט, דער שיקזאַל האָט געאַרבעט פאַר מיינעטוועגן. כ׳האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו צושטיין צו מיין פאָטער, ער זאָל דיר קומען צו הילף. כ׳האָב אים איינגערעדט, אַז דער טונעל וועט איצט ווערן איינע פון די גרעסטע און בעסטע, וואָס אַנבעלאַנגט גרויסע רוחים, אונטערנעמונגען, איך אַליין, איבעריגנס, האָב אין דעם אויך געגלויבט און אַזוי אַרום דעם פּאַפּאַ קיין באַוווסטזיניקן ליגן נישט געזאָגט.

דער פּאַפּאַ האָט תחילת אין דעם נישט געגלויבט און זיך ענטזאַגט דעם טונעל ווייטער צו פינאַנסירן. אין היינטיקן יאַנואַר מאָנאַט האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו שטורמען מיין פאָטער, ער זאָל זיך דורכאויס באַטייליקן אין די פאַרענדיגונגס־אָפּראַציעס פון טונעל און דאָסמאָל האָב איך באַקומען פון אים נאָך אַ קאַטעגאָרישן אָבזאָג.

—דאָס איז לגמרי אונמעגליך! — האָט דער פּאַפּאַ מיר געענטפערט.

דאַן האָב איך צום פּאַפּאַ געזאָגט:

—עס מוז אָבער מעגליך ווערן, פּאַפּאַ. באַטראַכט זיך גוט. באַטראַכט די דאָזיקע אָנגעלעגנהייט גרינדלעך און פון אַלע זייטן — און דאַן, בין איך זיכער, וועט דאָס אומעגלעכע מעגליך ווערן. איך האָב מיין פאָטער נישט געלאָזט צורו אויף קיין רגע, כ׳האָב אים פּשוט געקוועלט מיט מיין דרינגנדער פאָדערונג, ער זאָל מיין בקשה ערפילן. ענדלעך איז ער אויף מיין בקשה איינגעגאַנגען און מיר צוגעזאָגט. איך האָב ביי אים ענדלעך געפּועלט. ער האָט געוואָלט דיר דירעקט אַ בריף שרייבן און דיר פאָרלעגן זיין הילף, דאַן האָב איך זיך אָבער באַטראַכט און אים דערפון אָפּגעהאַלטן, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? — האָב איך זיך געטראַכט — מאַק וועט דעם פּאַפּאַס הילף אָננעמען וועט ביי אונז אַ פּאָר מאָל עסן מיטאָג און — גענוג. ער וועט זיך פאַרשפּאַרן אין זיין אַרבעט. אָנטאָן אויף זיך דעם עול פון דאגות און שווערע

אַרבעט און מיר וועלן אים מער נישט אָנזען...

איך האָב איינגעזען, אַז איך האָב געגן דיר נור איין איינציק געווער: דעם פּאַפּאַס געלד און זיין נאָמען! פאַרצייַ מיר, מאַק, וואָס איך בין מיט דיר אַזוי אָפנהאַרציק. אפשר מער אָפנהאַרציק, ווי איך דאַרף אין מיין איצטיקער לאַגע זיין. און איך האָב טאַקע תיכף אָנגעהויבן פון מיין דאָזיקן געווער געברויך צו מאַכן. איך האָב פאַרלאַנגט פון פּאַפּאַ, ער זאָל אָן מיר, ביי מיר פריער נישט אָנפרעגנדיק זיך, קיין שריט נישט טאָן. די פאַרשטייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ כּוונה איך האָב דערביי געהאַט. איך האָב געוואָלט האָבן די מעגליכקייט דיך אָפּטער צו זען און אין דיין געזעלשאַפט וואָס אָפטער צו פאַרברענגען. ווי אַזוי מיר איז דאָס געלונגען, — ווייסטו גאַנץ גוט און איך האַלט פאַר איבריק וועגן דעם צו רעדן דאָס איז טאַקע פון מיין זייט געווען נישט שיין, איך האָב אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט אַזוי זיך באַגיין און האַנדלען. יאָ, איך בין נישט קאָרעקט זיך באַגאַנגען און אפשר נישט אַנשטענדיק געהאַנדלט, איך האָב אָבער קיין אַנדער וועג נישט געהאַט צו דיר און דאָס האָט מיר געגעבן רעכט אַזאַ וועג אויסצוקלויבן און אויף אים צו גיין צו מיין צוועק.

איך האָב דערפון שטאַרק געליטן. אָבער ווי איך האָב שוין געזאָגט — נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה. האָב איך געמוזט דעם דאָזיקן וועג אויסקלויבן און אויף אים גיין צו מיין ציל. גאָר בעת דו האָסט מיר אין אויטאָ געמאַכט דעם פאָרשלאַג און, זיך כּלומרשט ערקלערנדיק אין ליבע, מיין האַנט געבעטן, — האָב איך געוואָלט דיר געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער און איינגיין אויף דיין פאָרשלאַג, מיט דיר חתונה צו האָבן, און ווען איך האָב דיר דעמאָלט אָפּגעזאָגט (דו געדענקסט געוויס גאַנץ גוט דעם דאָזיקן מאָמענט), האָב איך דערביי אויך געהאַט אַ כּוונה: איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט אָנווענדן מער מי און מיטלען, מיך צו באַקומען. פאַרשטייסטו? איך האָב נישט געוואָלט, אַז איך זאָל דיר אַזוי לייכט אָנקומען...

דאָס גאַנצע געשפּרעך האָט עטעל געפירט מיט אַ האַלב

הויכן קול און צייטנווייז זאָגאַר — פליסטערנדיק. זי האָט דערביי פון צייט צו צייט לייכט געלאַכט, אָבער אַזוי חנעוודיק און זיס. זי האָט אויך, ווען זי האָט מיט פאַרדרוס גערעדט, לאַנג אויס־געצויגן אירע באַקן און איבער איר שיינעם שטערן האָבן זיך באַוויזן פאַלדן, וועלכע האָבן איר אַ טרויעריק אויסזען צוגעגעבן, צייטנווייז האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, וואַרפנדיק אויף אַלאַנען פאַרשנדע בליקן. און זעענדיק, ווי אַלאַן איז מיד און וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונגען ער מאַכט, זי אויסצוהערן — האָט זי יעדע מינוט כמעט געוועקט זיין אויפמערקזאַמקייט מיט די ווערטער:

—דו הערסט, מאַק, וואָס איך רעד צו דיר?...

—יאָ, האָט ער שטיל אויף איר פראַגע געענטפערט — איך הער.

—דאָס אַלץ מוז איך דיר, מאַק, זאָגן גאַנץ אָפן און ערליך. איצט ווייסטו שוין אַלץ פּיינלעכ קאָנען מיר איצט נאָך דעם, ווי איך האָב דיר אַלץ דערציילט און מיין גאַנצע נשמה ענטפּלעקט. גוטע פריינד ווערן?

און זי האָט מיט אַ געלעכטערל אַ קוק געטאָן אַלאַנען גלייך אין די אויגן אריין, וועלכע זענען נאָך געווען מיד און פאַר־טרויערט ווי פריער און אָננעמענדיק איר שיינעם קאָפּ מיט ביי־דע הענט, האָט זי זיך אַ לייכטן נויג געטאָן פאַר אים.

—איך האָף, אַז יאָ, — האָט אַלאַן געענטפערט: — איך האָף, אַז מיר וועלן ווערן חברים און גוטע פריינד.

און זיין ענטפער איז אָבער נישט געווען קיין פונק פון צופרידנהייט און ער האָט אים אַרויסגערעדט גלייכגילטיק — פונקט ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן גאָר אַ נישטיקער אַנגעלעגנהייט...

עטעל אָבער האָט, נישט קאָנענדיק ביישטיין דאָס געפיל, וואָס האָט זי איין יענער רגע באַהערשט, זיך אַ וואָרף געטאָן צו מאַקן אויף דער ברוסט... ס׳האָט אָבער קיין רגע נישט געדויערט, ווי זי האָט זיך פון יענעם געפיל אויסגעניכטערט. זי האָט זיך שנעל אַנידערגעשטעלט נעבן מאַקן, אויסציהענדיק זיך אין איר גאַנצער הויך און רויט ווערנדיק פון פאַרלעגנהייט...

—נאָך עפּעס, מאַק — האָט עטעל ווידער אָנגעהויבן — ווען

איך האָב דיר שוין דאָס געזאָגט, מוז איך דיר שוין אַלץ זאָגן! איך האָב דיך געוואָלט האָבן און, ווי דו זעסט, אין מיין ציל גלענצנד דערגרייכט געוואָרן: דו ביזט דאָך איצט אייגנטלעך „מיינער". אָבער הער מיך אויס, וואָס איך פֿאַרלאַנג נאָך פֿון דיר: איך וויל, אַז דו זאָלסט צו מיר מיטן פֿולן צוטרוי זיך באַציִען און דו זאָלסט מיך ליב האָבן! דאָס האָב איך נור-וואָס פֿאַרשטאַנען. כ'האָב זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט מיין הייסער ווּנש ווערן... דאָס איז מיין איינציקע אויפֿגאַבע געווען. איך גלויב, אַז איך וועל פֿאַרדינען ביי דיר דו זאָלסט מיך ליב קריגן און איך האָף, אַז קיין גרויסע שוועריקייטן וועל איך אויפֿן וועג צו דיין האַרץ נישט באַגעגענען ווייל ווען איך וואָלט אין דעם נישט געגלויבט און אויף דיין ליבע נישט געהאָפֿט, וואָלט איך געווען איינע פֿון די אומגליקלעכסטע פֿרויען אויף דער וועלט... אַ גוטע נאַכט. מאַך! און לאַנגזאַם און מיד איז זי אַרויס פֿון פֿאַלמען-זאַל...

אַלאַן איז געבליבן שטיין ביים קאַמין און האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. בעת ער האָט מיט מידע אויגן באַקוקט דעם גרויסן זאַל, אין וועלכן ער האָט זיך געפֿילט אַזוי פֿרעמד, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט וועגן עטלען און געקומען צום באַשלוס, אַז זיין לעבן אָן דער זייט פֿון דער דאָזיקער יונגער פֿרוי וועט נישט זיין אַזוי טרייסטלאָז און ביטער, ווי ער האָט זיך פֿריער פֿאָרגעשטעלט און אַז — ווער ווייסט וואָס די צוקונפֿט פֿאַרבאָרגט נאָך אין איר שויס פֿאַר אים? — אפשר וועט נאָך דאָס צוזאַמענלעבן מיט עטלען אים ברענגען גוטס און גליק?

V

„טונעל"!

„הונדערט טויזנט מאַן"!

זיי זענען אַלע געקומען, זיי האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן און וואַרטן אויף זיך אין טונעל צו דער שווערער אַרבעט — אַלע: גרעבער, האַלץ-העקער און בכלל טאָג-אַרבעטער, וואָס פֿילן-אויס

פֿאַרשידענע מיני אַרבעטן. דער טונעל האָט די גרויסע מחנות אַרבעטער צוגעצויגן צו זיך ווי אַ ריזנמאַגנעט. זיי זענען אַהער־געקומען פֿון קאַנזאַס פֿון אָהיאָ, פֿון יאָוואַ, פֿון וויסקאַנזין, פֿון נעבראַסקע, פֿון קאָלאָראַדאָ, מעקסיקאָ. הונדערטער צוגן מיט טו־נעל־אַרבעטער האָבן זיך געצויגן איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן צו דער טונעל־מינדונג. פֿיל טויזנטער פֿון דער אַרבעטער־אַרמיי, וועלכע האָט זיך, נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע געשראָקן פֿאַרן טונעל, האָבן זיך איצט צו אים צוריקגעקערט, געטריבן דורך הונגער און נויט און אויסזיכטן, דאָרט צו פֿאַרדינען אויף חיונה, פֿון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, בעלגיען, פֿראַנקרייך, איטאַליען, שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבן זיך געטראָגן שטראָמענווייז צו די בוי־שטעלן פֿון טונעל.

די טויטע טונעל־שטעדט האָבן אויפֿגעוואַכט. אין די גרינע, שטויביקע ריזנגלאָז־האַלען האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן די בלייכע לבנות פֿון עלעקטריע. די ערד האָט ווידער אָנגעהויבן ציטערן פֿון דער לעבהאַפֿטער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די דאָזיקע געבײַדעס, און דאָס קלאַפּערײַ און גערויש פֿון די אַנדערע מאַשינען, וועלכע זענען געלאָזן געוואָרן אין פֿולן גאַנג. די שלאָפֿנדע שיפֿן, וואָס זענען געלעגן אין די האַפֿנס אָן שום פּאַרקער חדשים־צײַט אין ניו־יאָרק, אין ניואָרלעאַן, אין סאַן־פֿראַנציסקאָ, לאָנדאָן, ליווערפּול און אין פֿיל אַנדערע ערטער — האָבן פּלוצלונג ווידער אָנגעהויבן אַרויסוואַרפֿן פֿון זייערע בײַכער דורך די גרויסע קוימענס געדיכטע רויך־שליפֿען און זיך ווידער אין וועג אַרויסגעלאָזט איבערן אָקעאַן און ימים. די פֿאַרלאָזטע הוטנווערק האָבן ווידער אָנגעהויבן לאַרמען און טויבן, באַשטויב־טע לאָקאָמאָטיוון זענען אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע שאָפּעס און ווידער שלעפֿנדיק נאָך זיך לאַנגע רייען אָנגעלאָדנטע וואַגאָנעס, זיך געטראָגן איבערן לאַנד צו דער טונעל־מינדונג און פֿון דאָרט צוריק.

די פּשיטולקעס פֿון די אַרבעטסלאָזע, די זאַלן פֿון די שפּי־טאָלן זענען ליידיק געוואָרן, די שלעפּערס און שנאָרערס זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון די וועגן און גאַסן — אַלע האָבן איצט

באַקומען אַרבעט אין טונעל. די בענק און בערזעס האָבן ווידער אָפּגעלעבט און ענטוויקלט אַ קאָכעדיק טעטיגקייט. די ווערט-פּאַפּירן האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק אויפצוהייבן און צו שטייגן פון שעה צו שעה.

מענטשן מיט אַן אונטערנעמונגס-גייסט, וועלכע האָבן אויף אַזוי לאַנג געהאַט פאַרלאָזן די סוחרים און באַנקירן, האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייער פריערדיקן פלאַץ פאַרנומען, טויזנטער מענטשן זענען ווידער באַגייסטערט געוואָרן דורך פאַרשידענע סוחרישע פּלענער און אונטערנעמונגען. און נייע שיינע, גלענצנדע פּערספּעקטיוון האָבן זיך ווידער געעפנט פאַר דער אינדוסטריע און בערזע, אויף די טונעל-אַקציעס האָבן זיך ווידער געפונען זייער פיל בעלנים און מ'האָט זיי אויפגעכאַפּט ווי די גרעסטע מציאות.

גאַנץ אַמעריקאַ האָט שוין איצט געוווסט, אַז לאָיד, דער אַלמעכטיקער לאָיד האָט איבערגענומען אין זיינע הענט דעם טונעל און דער איינציקער אויספיר דערפון איז געווען, אַז דער טונעל אין שוין איצט פאָלשטענדיק געזיכערט פון פאַרשידענע אַנשיקעניש און אומגליקן, אַז ער וועט שוין יעדנפאַלס מיט ערפאָלג פאַרענדיקט ווערן און אַז זיינע פּאַפּירן און אַקציעס וועלן שטייגן פון טאָג צו טאָג.

און דער טונעל האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו אָטעמען, ווי אַ ריזן-פּומפּ האָט ער אָנגעהויבן אין זיך אַריינצוזויגן און אַריינצוציען טויזנטער מענטשן קערפּערס און זיי אַרויסצושפּייען, און אויפן זעקסטן טאָג האָט ער שוין געאַרבעט מיט זיין פריערדיקער שנעלקייט און טעמפּאָ.

אין די קאָרידאָרן האָבן שוין ווידער געאַרבעט די באָרמאַשינען און יעדע מינוט האָט מען געהערט דעם רויש פון איינפאַלנדע בערג ערד, וועלכע זענען אויפגעריסן געוואָרן דורך דינאַמיט. די קאָרידאָרן האָבן געשטויבט און געטומלט. דעם גרויסן שטרייק, די שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע — וועגן דעם האָבן אַלע פאַרגעסן און געאַרבעט אינגווייניק מיט אַזאַ פלייסיגקייט און ענערגיע, פּונקט ווי ס'וואָלט ביז איצט דאָרט גאָרנישט געשען און די

מעגליכקייט פון אַ נייער קאַטאַסטראָפע איז פאָלשטענדיק אויסגע-שלאָסן. אַלאַן אַליין האָט אויך אויפגעלעבט. ער האָט איצט גע-שיינט פון צופרידנהייט און גליק, וואָס אים איז ענדלעך געלונ-גען ווידער זיך צו נעמען צו דער אַרבעט און אין דער דאָזיקער אַרבעט איז ער איצט אַריין ביזן קאָפּ.

דעם אַמעריקאַנישן טייל פון טונעל איז לייכט געווען צו פאַרענדיקן, און ער האָט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען נישט געפאָדערט. איצט האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די אַרבעט דערמיט, וואָס מ'האָט אָנגעפילט מיט שטיינער און בערג-טיילן דעם תהום, וואָס האָט זיך געבילדעט נאָכן גרויסן אויפרייס בעת דער שרעק-לעכער קאַטאַסטראָפע. כדי אָנצופילן אַזאַ רייכן תהום איז נויטיק געווען אַכציק דאָפּעל-קילאָמעטער פאַרשידענע שטיינער און האַרטע ערד. און טאָג און נאַכט האָט מען געוואָרפן אין דעם דאָזיקן תהום שטיינער און ערד. איבערן תהום איז געווען אַרי-בערגעוואָרפן אַ דריי-הונדערט-מעטער-ברייטע בריק, כדי באַקוועמער צו מאַכן די פאַרשיטונגס-אַרבעט.

דער צפון-אָפּשניט פון טונעל איז אין משך פון אַ יאָר צייט שוין אינגאַנצן פאַרענדיקט געוואָרן. איבער דעם דאָזיקן אָפּשניט האָבן זיך שוין געפונען ריזיקע מאַשינען-האַלן, ווו ס'זענען אויס-געאַרבעט געוואָרן מאַשינען און מאַשינען-טיילן, דינאַמאָ-מאַשי-נען א. אַ. וו. טעכנישע אַרטיקלען פאַר די איבריקע אָפּשניטן פון טונעל.

אין פינף יאָר אַרום האָבן זיי • ביידע וויכטיקע טונעל-אָפּשניטן, דער אַמעריקאַנער און פון די ווערמודן, שוין אַזוי דערנענטערט איינער צום אַנדערן, אַז אַלאַן האָט שוין דורך אַ דראָטלאָזן טעלעגראַף און טעלעפאָן געקאָנט רעדן מיטן הויפּט-אינזשענער שטאַל, וועלכער האָט זיך געפונען אויף די ווערמודן, אַלאַן איז שוין צוגעטראָטן צו דער שווערער אַרבעט פון פאַר-אייניקן די דאָזיקע ביידע גרויסע אָפּשניטן, וואָס האָט געזאָלט „קרוינען" זיין גרויס ווערק. מיט דער פאַראייניגונג פון די דאָזיקע ביידע אָפּשניטן האָט די וויסנשאַפט און טעכניק און צוזאַמען מיט זיי דער מענטשלעכער זשעני געזאָלט אָפּהאַלטן איינעם פון זיינע

גרעסטע און גלענצנדסטע נצחונות.

די דאָזיקע גרויסע און העכסט-וויכטיקע ערשיינונג האָט געזאָלט באַרעכטיקן די אַלע קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען פונם מענטשלעכן זשעני, די אונגעהויער גרויסע פאַרווענדונגען פון פיזישער און אינטעלעקטועלער קראַפט, וועלכע איז אויסגענוצט געוואָרן אויף דער דאָזיקער ריזיקער און באַדיידונגספולער אונטערנעמונג — דעם טונעל.

די גאַנצע וועלט האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און אונגעדולד געוואַרט אויף דעם דאָזיקן באַדייטונגספולען וויכטיקן מאָמענט, ווען די פאַראייניגונג פון די ביידע טונעל-אָפּשניטן וועט געשען און ווערן אַ גרויסער היסטאָרישער פאַקט. אַ באַזונדערע שפּאַנענדע אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט אַרויסגעוויזן צו דעם די וויסנשאַפטלעכע וועלט. אין די קרייזן פון געלערטע און גרויסע אינזשענערן האָבן זיך זאָגאַר געפונען „אַפּיקורסים״, וועלכע האָבן נאָך שטאַרק געצווייפלט, צי דאָס וועט קאָנען געשען. עטלעכע פון זיי זענען זאָגאַר געווען זיכער, אַז די פאַראייניגונג פון די ביידע טונעל-אָפּשניטן קאָן בשום אופן נישט געשען און אַז אַלאַנען שטייט-פאָר נאָך אַ פיל גרעסערער דורכפאַל ווי יענער, וואָס איז פאָרגעקומען בעת דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין טונעל.

אַלאַן האָט געוווסט, אַז צווישן די געלערטע געפינען זיך אַזעלכע סקעפּטיקער, נור נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דאָזיקע סקעפּטיקער האָבן אָנגעהערט צו די גרעסטע אויטאָריטעטן פון אונזער צייט און מיט זייער מיינונג מוז מען זיך רעכענען — איז אַלאַן ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן אויף קיין האָר אַפילו און איז מיט שנעלע און דרייסטע שריט, פול מיט ענערגיע און פעסטער איבערצייגונג געגאַנגען צו זיין גרויסן ציל, צו אַ נייער היסטאָרישער תקופה, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן אין זיין קאָפּ. וואָס מער ס׳האָט זיך אין די קאָרידאָרן פון טונעל ענטוויקלט די אַרבעט, וואָס מער די מאַשינען האָבן דאָרט גערוישט און געזשומעט, אַלץ מער איז דאָרט די אַטמאָספערע געוואָרן אונערטרעגלעך און די היץ איז דאָרט געווען אַן עכט-טראָפּישע. מענטשן האָבן זיך

באַגאָסן מיט שווייס, אַרבעטנדיק בײַ אַזאַ שרעקלעכער טעמפּעראַטור:

אויפֿן פֿופֿצעגטן יאָר איז ענדלעך דערגרייכט געוואָרן זייער אַ גרויסער ערפֿאָלג, אַן ערפֿאָלג, פֿון וועלכן אַלאַן האָט געטרוימט יאָרנלאַנג: די געגנזייטיקע קאָרידאָרן זענען ענדלעך פֿאַראייניקט געוואָרן און דער אַמעריקאַנער אָפּשניט פֿון טונעל האָט זיך פֿאַראייניקט מיטן אָפּשניט פֿון די ווערמודן און איבער דעם גאַנצן מרחק פֿון די ביידע אָפּשניטן זענען שוין געפֿלויגן אַהין און אַהער הונדערטער צוגן מיט און אָן משׂאות.

די טונעל-אַקציעס און פֿאַפּירן האָבן ווידער אָנגעהויבן פֿון דעם מאָמענט אָן שטאַרק צו שטײַגן און זיך אויפֿגעהויבן ביז צו אַן אויסערגעוויינלעכער הייך! דאָס פֿאָלקס-געלד, וועלכעס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע, האָט זיך צו אים צוריקגעקערט נאָך מיט פּראָצענטען! פֿיל שווערער אָבער איז אָנגעקומען די אַרבעט בײַם פֿאַרייניקן דעם אַמעריקאַנישן טונעל-אָפּשניט מיטן פֿראַנצויזישן. דאָ האָט אויפֿן פֿערצעגטן בוי-יאָר פּאַסירט אַ קאַטאַסטראָפֿע. אין די טונעל-קאָרידאָרן האָבן אַרײַנגעדרונגען דורך טויזנטער אונזיכטבאַרע שפּאַלטן שמוציקע פֿליסיקייטן און פֿאַרוואַנדלט זייער אַ לאַנגן אָפּשניט פֿון די קאָרידאָרן אין אַ שטאַרקע בלאָטע, וועלכע האָט אין מאַנכע ערטער ממש אוממעגלעך געמאַכט וועלכע ס׳איז אַרבעט. דאָס דאָזיקע אומגליק האָט געשאַפֿן די נויטווענדיקייט זיך צו באַזאָרגן מיט ספּעציעלע מאַשינען און מכשירים, כּדי צו באַזייטיקן די בלאָטע פֿון די קאָרידאָרן.

מיטן מאָמענט, וואָס דער אַמעריקאַנישער אָפּשניט פֿון טונעל איז פֿאַראייניקט געוואָרן מיט די ווערמודן, זענען די בוי-הוצאות שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן, ווײַל בוי-מאַטעריאַלן האָט מען שוין איצט אויף די ווערמודן געקאָנט צושטעלן פֿון אַמעריקע פֿון אַ ביליקער קוועלע און דאָס האָט אויך געווירקט אויפֿן ווײַטערדיקן שטײַגן פֿון די טונעל-אַקציעס. אָבער, נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט די בוי-אַרבעט פֿון טונעל נאָך איצט

פאַרשלונגען מיליאַרדן געלד—ווי אַ חיה, וואָס קאָן קיינמאָל נישט זאַט ווערן...

עטעל האָט אַריינגעוואָרפן אין טונעל איהר גאַנץ אונגע-הויער פאַרמעגן—ביז׳ן לעצטן גראָשן.

ווען דער טונעל וואָלט נישט פאַרענדיקט געוואָרן, וואָלט זי געבליבן ווי אַ בעטלערקע. לאַיד אַליין איז אויך איצט אַזוי שטאַרק באַטייליקט געווען אין בוי פון טונעל, אַז ער האָט גע-מוזט מאָביליזירן אַלע זיינע כחות, כדי זיך נישט צו פאַרפלאָנ-טערן אין אַנדערע געשעפטן. נאָר די שווערע אַרבעט, דער וויכטיקסטער שוועד-פונקט פונ׳ם טונעל-בוי איז נאָך פאָרגעשטאַ-נען און האָט נאָך אַלאַנען אַרויפגעבראַכט אויף געוויסע ספקות און שווערע מחשבות.

דאָ אויף דעם דאָזיקן שווערסטן אָרט איז אויסגעקומען צו באַקעמפן שוין גאָר אַן אַנדער שונא, נאָך אַ פיל מעכטיקערן און פאַרביסענעם ווי די בלאָטע: דער שונא פון די טונעל-מע-נער אויף דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט איז געווען די שרעקלעכע טראָפישע היץ, וואָס האָט געהערשט אויפן גאַנצן אָפשניט פון די קאָרידאָרן. דאָרט איז שטענדיק געשטאַנען אַזאַ שרעקלעכע היץ, אַז אויף די ווענט און סופיט פון די קאָרי-דאָרן האָט קיין האָלץ בשום אופן נישט געקאָנט באַנוצט ווערן און מ׳האָט אויפן אָרט פון האָלץ, וואָס פלעגט זיך פון זיך אַליין אָנצינדן ביי אַזאַ שרעקלעכער טעמפעראַטור—געמוזט באַ-נוצן—אייזן...

דאָס צעגליטע אייזן פלעגט אין די קאָרידאָרן שאַפן אַן אמתן גיהנום און צייטנווייז האָט די שרעקלעכע היץ דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז ס׳איז להלוטין אוממעגליך געווען דאָרט נישט בלויז צו אַרבעטן, נאָר צו פאַרבלייבן אין די ענגע ווענט פון די קאָרידאָרן.

יעדע צען קילאָמעטער איז אויסגעקומען צו שטעלן סטאַ-ציעס אין די בערג, און אין די דאָזיקע סטאַציעס האָבן טאָג און נאַכט געאַרבעט קעלטער-מאַשינען, אָזאָן-אַפּאַראַטן און לופט-פּלומפּן, כדי וואָס מער צו באַזאָרגן די קאָרידאָרן פון טונעל

מיט קאַלטער לופט און בכלל אָפּקילן אויף וויפיל ס'וועט זיך גאָר לאָזן די שרעקלעכע טעמפּעראַטור. דאָס איז געווען אַזאַ שווערע און גיגאַנטישע אַרבעט, וועלכע מענטשן האָבן נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפירט. זי איז געווען איבער די מענטשלעכע כחות און דאָך איז זי אויסגעפירט געוואָרן אַדאַנק די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען פון דער מענטשלעכער געדולד און ענערגיע. פון ביידע זייטן האָבן די באָר-מאַשינען אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין ברוסט פון דער ערד. אויף איין זייט, אויף די אַזאָרן האָט מיט דער ריזיקער אַרבעט אָנגעפירט „דער דיקער מילער" און אויף דער צווייטער זייט, אויף די ווערמודען—שטאַל. שטאַל האָט געאַרבעט איבער די כחות און ס'איז פשוט געווען צו באַוואונדערן זיין אַרבעטס- און לייסטונגס-פעיקייט. ער איז נישט געווען באַליבט צווישן די אַרבעטער, אָבער זיי אַלע האָבן פאַר אים שטאַרק דרך ארץ געהאַט און שטאַרק באַוואונדערט זיין חשק צו דער אַרבעט און ענערגיע. שטאַל איז געווען אַ מענטש, וועלכער איז פעיק געווען גאַנצע טעג נישט צו עסן און נישט צו שלאָפן. אַרבעט איז געווען דאָס שטאַרקסטע באַדערפעניש ביי אים. זי איז פאַר אים געווען אַ מין עלעמענט און נויטיק, ווי וואַסער פאַר אַ פיש. ווען מ'וואָלט דעם דאָזיקן מענטש מיט געוואַלט געלאָזט אָן אַרבעט, וואָלט ער, דאַכט זיך, פון דעם פון דער וועלט געגאַנגען... ער האָט, האָבנדיק פיל אַנדערע פאַרשידענע פליכטן, פאַרברענגט שעהן-לאַנג אין די געפערלעכסטע ערטער פון די טונעל-קאָרידאָרן און דאָרט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט און מיטן באַטריב. און ס'פלעגן זיך טרעפן צייטן, ווען ער פלעגט גאַנצע טעג בלייבן אין די גליִענדע קאָרידאָרן און, באַגיסנדיק זיך מיט טייכן שווייס, זיך קאָכן און זידן פון כעס און אויפרעגונג, אָנפירנדיק מיט דער אַרבעט און אַרויסגעבנדיק פאַרשידענע פאַראָרדנונגען. די אַרבעטער האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: „דער רוסישער טייוול".

וואָס פאַר אַ ריזיקע אַרבעטן ס'זענען איצט געפירט געוואָרן אין טונעל, איז צו זען דערפון, וואָס טאָג-טעגלעך פלעגן

די ערטער, ווו ס'איז געגאַנגען די אויסגראָבונגס- און אויפרייס-אַרבעט, אַרויסשפּייען פון טונעל פּיל טויזנטער וואַגאָנען שטיינער און ערד און זיי אָפּשיקן צו די אַזאָרן, און דריי טויזנט וואַגאָנען שטיינער און קוילן—נאָך די ווערמודן. מיט די דאָזיקע מאַסן שטיינער און ערד זענען אויסגעשפּרייט געוואָרן גרויסע פּלעצער און וועגן. מ'האָט מיט זיי פאַרשאָטן פּיל טיפע אָפּגרונדן און אויף די נישט טיפע ערטער פון ים קינסטלעכע אינזלען געמאַכט, ביי די אַריינפאַלן פון טונעל אויף די ווערמודן און אויף די אַזאָרן זענען אויסגעוואַקסן גרויסע און שיינע שטעט און דאָס לעבען און האַנדעל האָט אין זיי געקאָכט, ווי אין אַ קעסעל. וואָס אָנבעלאַנגט מאַק-סיטי, איז די דאָזיקע טונעל-שטאָט די לעצטע צייט זיך אַזוי פונאַנדערגעוואַקסן, אַז זי האָט שוין געציילט ביז אַ מיליאָן איינוווינער! בעת דער איצטיקער אַרבעט אין טונעל זענען אויך פון צייט צו צייט פאָרגעקומען קליינע קאַטאַסטראָפעס, עטלעכע מאָל זענען זאָגאַר אין טונעל פאָרגעקומען גרעסערע קאַטאַסטראָפעס און אומגליקן. אין אַלגעמיין אָבער זענען זיי נישט געווען גרעסער און האָבן פּאַסירט נישט אָפטער, ווי ביי אַנדערע גרויסע בוי-אונטערנעמונגען.

אַלאַן איז די לעצטע צייט געוואָרן שטאַרק פאָרזיכטיק און האָט שטאַרק מורא געהאַט, ס'זאָל אין טונעל נישט פאָרקומען קיין גרויסע קאַטאַסטראָפע, ווייל ווען אַזעלכעס וואָלט איצט פּאַסירט, וואָלטן אַלע זיינע האָפנונגען צו דערלעבן זען אַ פאַרענדיקטן טונעל זיך צעפלויגן, און איין גאָט ווייסט, וואָס דעמאָלט וואָלט געקאָנט פאָרקומען און וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פאָלגן אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע וואָלט איצט געקאָנט גורם זיין. דער געדאַנק, אַז די מעגלעכקייט פון אַזאַ אומגליק איז נישט אויסגעשלאָסן און אַז ער איז דערפון נישט פאַרזיכערט, האָט אַלאַנען געמאַכט פאַר אויס מענטש. ס'איז, דאַכט זיך, נישטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי מורא האָבן פאַר עפּעס אַ סכנה און זען, ווי די דאָזיקע סכנה שוועבט איבער דיין קאָפּ. די מורא פאַר אַ נייער קאַטאַסטראָפע האָט באַהערשט זיין האַרץ און נשמה. ער האָט ווידער אָנגעהויבן נישט צו שלאָפן גאַנצע נעכט פון

דאגות און פֿאַרשידענע מחשבות, ער איז ווידער אָפּגעפֿאַלן פֿון געזיכט, האָט אויסגעזען זעהר שלעכט און איז נאָך מער פֿאַרעלטערט געוואָרן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די קאָרידאָרן פֿון טונעל זענען געווען פֿול מיט זיכערהייטס-אַפּאַראַטן און ס'איז אייגנטלעך נישט געווען קיין גרונט מורא צו האָבן פֿאַר אַן אומגליק—האָט אַלאַנען פֿונדעסטוועגן די שרעק פֿאַר אַ נייעם אומגליק—נישט אַוועקגעוואָרפֿן אויף קיין רגע אפֿילו, און וואָס מער דער טונעל האָט דערנענטערט אַלאַנען צו זיין ציל, וואָס מער אויסזיכטן זי האָט אים געבראַכט אויף אַ גלענצענדן ערפֿאָלג פֿון זיין גרויס ווערק—אַלץ מער איז ער געוואָרן פֿאַרדאגהט און אָן אַ קאָפּ.

אַלאַנס געזונט איז די לעצטע צייט שטאַרק געוואָרן אונטערגעגראָבן און ער איז גראָ געוואָרן ווי אַ טויב. צוזאַמען מיט דעם אַלעם האָט ער דערשפּירט אַ מין שטאַרק באַדערפֿעניש זיך ווידער אָפּצוזונדערן פֿון דער גאַנצער וועלט און צו בלייבן שטענדיק איינער אַליין... די גאַנצע ערהאָלונג פֿון זיינע מאָראַלישע ליידען פֿלעגט ער געפֿינען אין דעם, וואָס ער פֿלעגט יעדן אָוונט איינער אַליין אַרומשפּאַצירן אַ שעה צייט אין זיין פּאַרק.

דער שעפֿער פֿון טונעל, איז ער, ווען דער טונעל האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקט ווערן, געוואָרן זיין קנעכט: זיין מוח איז שטענדיק פֿול און באַלאַסטעט געווען נאָר מיט געדאַנקען וועגן מאַשינען, סטאַציעס, אַפּאַראַטן, צאָלן, קוביק-מעטער און פֿערד-קראַפֿט, און אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות מיט דער דאָזיקער וועלט, איז אים געוואָרן לחלוטין פֿרעמד. כמעט אַלע מענטשלעכע געפֿילן און עמפּפֿינדונגען זענען אין אים פֿאַרטעמפּט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויסמיידנדיק די געזעלשאַפֿט האָט ער נאָר איין פֿריינט נאָך געהאַט, דאָס איז געווען דער אַלטער לאָיד.

דער שווער מיטן איידעם פֿלעגן פֿאַרברענגען גאַנצע אָוונטן צוזאַמען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופֿן: זיצנדיק אין טיפֿע לעדערנע פֿאָטעלן און האַלטנדיק אין איין רויכערן די האַוואַנאַ-

ציגאַרן, פלעגן זיי ביידע דעם גאַנצן אָוונט אַ וואָרט נישט אַרויסרעדן, נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן זיי זיך אייבער דעם אַנדערן גוט פאַרשטאַנען, זיך קעגנזייטיק געשעצט און געאַכטעט און, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זענען צווישן זיך די בעסטע גוטע פריינט געווען.

אויפן אַכצענטן בוי-יאָר פון טונעל איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטרייק, וועלכער האָט געדויערט צוויי חדשים און אַלאַנגען געבראַכט גרויסע פאַרלוסטן. דער נייער גרויסער שטרייק האָט ווידער אַ ביסל אָפגעשוואַכט דעם צוטרוי צום טונעל מצד די ברייטע פאָלקס-מאַסן און האָט גורם געווען, אַז די טונעל-אַקציעס זענען געפאַלן, ביי אַזאַ דויערנדן גרויסן שטרייק האָט שוין צו ענדע פונם צווייטן חודש דער עולם אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז עס זאָלן ווידער זיך נישט איבערחזרן די געשעענישן, וועלכע די גרויסע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע אין טונעל האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגערופן: דעם שרעקלעכן האַנדלס-קריזיס און די גרויסע פאַניק אויף די בערזעס, נאָר אַדאַנק שטראָמס קאַלטבלוטיקייט איז געלונגען די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע מורא צו דערשטיקן נאָך אין שורש, ד. ה. באַלד ווי ס׳האָבן זיך נאָר באַוויזן סמנים פון אַזאַ פחד און שרעק... ווען די דאָזיקע מורא פאַר נייע קאָמפליקאַציעס וואָלט באַצייטנס נישט דערשטיקט געוואָרן אין די ברייטע פאָלקס-מאַסן און זאָגאַר אין די אייבערשטע בעסטערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, וואָלט אַלאַנגען פאַסירט נאָך אַ גרעסער אומגליק ווי דאָס, וועלכעס ער האָט שוין איבערגעלעבט—און דאָס וואָלט געוויס געבראַכט דערצו, אַז ער וואָלט שוין נישט דערלעבט זען דעם טונעל אַ פאַרענדיקטן און זיין פרוי עטעל, וועלכע האָט אַריינגעלייגט אין טונעל איהר גאַנץ פאַרמעגן, חאָלט גדיל הדל געוואָרן און געבליבן אָן אַ פרוטה.

נאָר חוץ דעם נייעם גרויסן שטרייק, וואָס האָט אַלאַנגען געבראַכט אַזוי פיל פאַרלוסטן און עגמת-נפש, פלעגט דער טונעל איהם פון צייט צו צייט ברענגען אַנדערע פאַרשידענע אומאָנגענעמלעכקייטן און צרות. צייטנווייז פלעגט זיך טרעפן,

אַז אויף אַ קליינעם שטח ערד, אָדער אַ קליינעם שטיינערנעם בערגל פלעגט אויסקומען צו פאַרווענדן אַזוי פיל אַרבעט, אָנשטרענגונגען, צייט און ענערגיע, וועלכע די לענגסטע און ברייטסטע שטחים און געפערלעכסטע ערטער האָבן נאָך פריער נישט געפאָדערט. אַ נישטיק שטיין-בערגל פלעגט זיך ווי איינשפאַרן און בשום אופן זיך נישט וועלן אונטערגעבן די אָנשטרענגונגען פון טויזנטער אַרבעטער. די קליגסטע אָנפירונג פון צענדליקער אינזשעניערן פלעגן דערביי אָפט קיין שום רעזולטאַט נישט קאָנען דערגרייכן, די פאַרצווייפלטע אינזשעניערן פלעגן אין אַזעלכע פאַלן מאָביליזירן דאָפלטע אַרבעטער-אַרמייען, זיך ברעכן דעם קאָפ, טראַכטנדיק וואָס מ׳דאַרף דאָ צו טון, און דאָס בערגל פלעגט אַלץ שטיין אויף זיין אָרט,—ווי עס וואָלט חוזק געמאַכט פון די מענטשן און זייער חוצפהדיקן פאַרלאַנג, אים צו באַזייטיקן פון דעם אָרט, אויף וועלכן עס שטייט שוין פון ששת ימי בראשית אָן... און ערשט דאַן, ווען די אינזשעניערן זענען שוין שיר נישט אַראָפגעגאַנגען פון זין פון פאַרצווייפלונג און פאַרדרוס, פלעגט געלינגען אַזאַ איינגעשפאַרט נישטיק בערגל צו נעמען „אין שטורם". אָנווענדנדיק דערביי מאַסן אַרבעטער-כחות און גאַנצע טאָנען פולווער און דינאַמיט...

ס׳איז שווער איבערצוגעבן, וואָס פאַר אַ טריאומף און באַגייסטערונגס-צושטאַנד די אינזשעניערן און אַרבעטער פלעגן איבערלעבן אין אַזעלכע פאַלן, ווען זיי פלעגן אַרויסגיין אַלס זיגער פון אַזאַ שווערן קאַמף מיט דער האַרטנעקיקער נאַטור. אַזעלכע געפילן זענען גוט באַקאַנט די מיליטער-קאָמאַנדירן און זיי לעבן עס איבער, ווען זיי געלינגט צו נעמען אַ שטאַרק באַפעסטיקטע פאָזיציע, אַ נאַטור-פעסטונג פונם שונא...

אין איין העלן טאָג איז די היץ אין די קאָרידאָרן געשטיגן אויף פינף גראַד, די דאָזיקע ערשיינונג איז געווען אַן אומערקלערלעכע און האָט דערמאַנט וועגן פאָרזיכטיקייט. צווישן די אינזשעניערן איז געוואָרן אַ שטיקל מהומה.

די אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין חשק זיך צו לאָזן אין די ווייטע טפּעניש און אין עטלעכע שעה אַרום זיך קאַ-

טעגאָריש דערפון ענטזאַגט, נישט וועלנדיק ריזיקירן מיטן לעבן זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער באַרג, וועלכן זיי האָבן שוין עטלעכע טאָג נאָכאַנאַנד „באַלאַגערט“ און באַשאָסן פון אַלע זייטן, זאָל פלוצלינג אַרויס פון געדולט און אויף זיי נישט אָנהייבן שפייען מיט גליענדער לאַווע.

ס'האָבן זיך צווישן די אַרבעטער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז די גראָב־אַרבעט דערנענטערט זיך אין דער טיף צו יענע שיכטן, וועלכע גרעניצן דירעקט מיט דער גליענדער ערד־טיפעניש. אַזאַ קלאַנג אַרויסצולאָזן איז געווען גענוג, אַז ער זאָל צווישן די אַרבעטער־אַרמייען אַרויסרופן די גרעסטע פאַניק. מ'דאַרף אויך צוגעבן, אַז אַ קלאַנג צו פאַרשפרייטן איז געווען אַ געוויסער גרונט, ווייל אַ חודש פאַר דעם האָבן עטלעכע געלערטע אַרויסגעזאָגט אַ השערה און אַ געוויסער פּראָפעסאָר זאָגאַר זיין איבערצייגונג, אַז דאָס אָרט, וווּ ס'ווערט איצט געפירט די טונעל־אַרבעט, געפינט זיך אויף אַ קראַטער פון אַן אונטערערדישן ווולקאַן. דער פועל־יוצא פון אַזעלכע קלאַנגען און אַזאַ פאַניק צווישן די אַרבעטער־מאַסן איז געווען, וואָס מ'האָט געמוזט אויף אַ געוויסע צייט אָפּשטעלן די אַרבעט אויף יענעם אָרט און אונטערנעמען אַ גענויע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פונם באָדן און די וואַסערן אַרום אים, כדי פעסטצושטעלן, ווי ווייט די דערמאָנטע השערות און איבערצייגונג פון די געלערטע זענען אמת.

די אויספאָרשונגען, וועלכע האָבן אָפּגעקאָסט קאָלאָסאַלע געלט־סומען, צייט און ענערגיע, האָבן געבראַכט צו דער פעסטער איבערצייגונג, און ס'איז זאָגאַר געווען קלאָר, ווי דער טאָג פאַר יעדן אַרבעטער, אַז די געלערטע האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות און אַז דער באָדן אין דעם דערמאָנטן אָרט איז ווייט פון די לאַווע־שיכטן כרחוק מזרח ממערב. דאָס האָט די אַרבעטער באַרויקט און זיי האָבן זיך ענדלעך ווידער גענומען צו דער אַרבעט צו באַזייטיקן די גרויסע און קליינע שטיינערנע בערג א. אַ. וו. די היץ איז אָבער אין יענעם אָרט נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און די אַרבעטער איז אויסגעקומען צו אַר-

בעטן—אײַנגאַנצן נאַקעט, ווי די מוטער האָט זיי געבוירן. זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, איז די אינטענסיוויטעט פֿון דער אַרבעט, וואָס איז געפֿירט געוואָרן בײַ אַזאַ שרעקלעכער טעמפּעראַטור, שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. נאָר אײַנגיכן האָט די פֿאַרוואַלטונג אָנגעהויבן אויף פֿאַרשידענע קינסטלעכע אופֿנים אָפּצוקילן די גיהנום־טעמפּעראַטור פֿון יענעם אָרט און די אינטענסיוויטעט פֿון דער אַרבעט איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווידער דערהויבן געוואָרן צו דער נאָרמאַלער מדרגה.

אויפֿן פּיראָנצוואַנציקסטן בוי־יאָר האָבן שוין די עקן פֿון ביידע אַנטקעגנזײַטיקע טונעל־קאָרידאָרן געהאַלטן איינער פֿון דעם אַנדערן אויף אַ מרחק נאָר פֿון זעכציק קילאָמעטער. די דאָזיקע דערנענטערונג פֿון ביידע טיילן טונעל האָט שוין געגעבן די מעגלעכקייט די הויפּט־אינזשעניערן פֿון ביידע טיילן זיך צונויפֿמענצורעדן דורך אַ דראָטלאָזן טעלעפֿאָן און טעלעגראַף. דער „דיקער מילער“ פֿון די אַזאָרן האָט זייער אָפֿט גערעדט מיט שטאַלן פֿון יענער זײַט טונעל נישט אַזוי פֿון נויטווענדיקייט צו רעדן מיט אים, נאָר פּשוט פֿון נחת און צופֿרידנקייט, וואָס עס האָט אים פֿאַרשאַפֿט דאָס גליקלעכע באַוווּסטזײַן, אַז עס זענען שוין דערגרייכט געוואָרן אַזעלכע גלענצנדע רעזולטאַטן אויפֿן געביט פֿון דערנענטערן איינעם צום אַנדערן די ביידע קעגנזײַטיקע טיילן פֿון טונעל.

נאָך אין זעקס חדשים אַרום, נאָך אַ האַרטנעקיקער קאָטאָרזשנער אַרבעט, זענען שוין די דאָזיקע ביידע עקן פֿון טונעל געווען אַזוי נאָענט איינער פֿונעם אַנדערן, אַז די פֿאַראייניקונג פֿון זיי איז געוואָרן אַ פֿראַגע פֿון וואָכן, ווען זײַטיקע און נישט קיין פֿאָרויסגעזעענע מניעות וועלן נישט שטערן, וועט די באַדײַטונגספֿולע פֿאַראייניקונג פֿון די ביידע טיילן קאָנען געשען אין צוויי—דרײַ וואָכן אַרום צום פֿולן טריאומף פֿון מענטשלעכן זשעני בכלל און מאַק אַלאַן, דעם שעפֿער פֿון טונעל בפֿרט. די סיימאָגראַפֿן אָבער האָבן איצט אָנגעהויבן רעגיסטרירן די באָדן־באַוועגונגען, וועלכע זענען מסוגל געווען אַ ביסל אָפּצוקילן דעם אָפּטימיזם פֿונעם „דיקן מילער“. בײַ אַזעלכע באָדן־באַוועגונגען

האָט אויף אַ קורצע צייט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן די אַרבעט אויף צו פּאַראייניקן דיביידע עקן פון טונעל.

די צייטונגען, באַזונדערס יענע, וואָס יאָגן זיך נאָך סענסאַציעס, האָבן ווידער אָנגעהויבן צו ברענגען שטאַרק איבערגעטריבענע ידיעות, אַז פאַר אַלאַנען האָבן זיך ווידער געשטעלט אין וועג בייזע פינסטערע כחות, וועלכע פאַרשאַפן אים נייע זייער שווערע מניעות אויפן וועג פון זיין טייערער אַרבעט און אַז, ווער ווייסט, ס'איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די פאַרענדיקונג פון דער טונעל-אַרבעט וועט זיך ווידער פאַרציען אויף אַן אומבאַשטימטע צייט.

די אינזשעניערן זענען אין ביידע קעגנ-פונקטן געשטאַנען אָן אויפהער אין פערבינדונג און יעדע האַלבע שעה גערעדט צווישן זיך וועגן גאַנג פון דער אַרבעט, געזונט-צושטאַנד פון די אַרבעטער א. אַ. וו. איצט איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן גענוי, ביז אַ מעטער, אויף וויפיל דער טונעל-עק פון די אַזאָרן איז דערווייטערט פון די ווערמודן, איבער און אונטערן ים. צוליב די אומגעהויער-גרויסע היצן, וואָס האָבן געהערשט אין די דאָזיקע עק-פונקטן, האָט מען דאָרט אַוועקגעשטעלט אייגענע ערפונדענע אַפּאַראַטן אויף אָפּצושוואַכן די היץ. די דאָזיקע אַפּאַראַטן האָבן ווידער קיין פעולה נישט געהאַט. די אומגעהויערשטאַרקע היץ, וואָס האָט געהערשט אין די טונעל-קאָרידאָרן אַזוי טיף אונטערן ים, האָט דערוועקט די שטאַרקסטע אויפמערקזאַמקייט און גרעסטן אינטערעס מצד די געלערטע געלאָגן און געאָגראַפן. זיי האָבן זיך שטאַרק געבראָכן די קעפּ איבער דער פראַגע, פון וואַנען אַזאַ שטאַרקע היץ קאָן זיך נעמען אונטער דער טיפעניש פון ים, און וואָס פאַר אַ שייכות די דאָזיקע הויכע טעמפּעראַטור קאָן האָבן צום פאַקט, וואָס די ביידע עק-פונקטן פון טונעל האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן.

פיל געלערטע זענען געקומען אויספאָרשן די דאָזיקע געהיימניספולע נאַטור-ערשיינונג אויפן אָרט, ד. ה. אין די טיפענישן פון טונעל ביי די ווערמודן און אַזאָרן, און פאַרברענגענדיק

ביי אַ גיהנום-טעמפּעראַטור גאַנצע טעג, זענען זיי ענדלעך אָוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט, נישט קאָנענדיק פעסטשטעלן, וואָס פאַר אַ נאַטור-געזעצן עס ווירקן דאָ. די שטאַרקע היץ אין טונעל איז פאַר די געלערטע געבליבן אַ סוד.

כּדי צו קעמפן מיט דער שרעקלעכער טראָפּישער היץ האָט אַלאַן אָנגעווענדט פאַרשידענע מיטלען. ער האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי קאַנאַלן און קאָרידאָרן אין די ווענט פון טונעל, רעכענענדיק פון די טיפענישן זייערע אַריינצובּרענגען קאַלטע לופט-שטראָמען אין טונעל אַריין. די רעזולטאַטן אָבער פון די אַלע מיטלען זענען געווען נישטיקע—זיי האָבן די היץ נישט אָפּגעשוואַכט. נאָר ערטערווייז איז די טעמפּעראַטור געפאַלן אויף 1—2 גראַד און נישט מער, און דאָס איז נאָך אויך נישט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרן צוליב וואָס דאָס איז געשען, צי פון דער ווירקונג פון יענע מיטלען, וואָס אַלאַן האָט אָנגעווענדט, אָדער נאָר פון זיך אַליין.

בּכלל האָט די אַרבעט אין טונעל איצט אַריינגעטרעטן אין זייער אַ שווערן סטאַדיום. די אַרבעט גופא איז נישט געווען שווערער, ווי די פריערדיקע. שווער איז נאָר געווען צו אַרבעטן און אַוועקצולייגן אַזוי פיל טרחה און ענערגיע, נישט וויס-דיק וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן די אַרבעט וועט געבן. אַלאַנען און זיין גאַנצן שטאַב אינזשעניערן איז איצט אויסגעקומען צו אַרבעטן, אַזוי צו זאָגן, אין דער פינסטערניש, און גיין צו זיין צוועק, טאַפּנדיק ווי אַ בלינדער מיט די הענט. די דאָזיקע אומוויסנהייט, ווו ער האַלט אויף דער וועלט, די דאָזיקע נויטווענדיקייט צו גיין צו זיין ציל אין דער פינסטער—האָט אים ממש פאַרביטערט דאָס לעבן און די אַרבעט פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּקומעניש און עבודת פּרך. די דאָזיקע שווערע אַרבעט האָט אים געמאַכט פאַר אויס-מענטש און אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו, שטענדיק פאַרטראַכט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

מ'דאַרף אויך צוגעבן, אַז די טראָפּישע היץ, וואָס איז הארטנעקיק געשטאַנען אין טונעל, האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די

ענערגיע און לייסטונגס-פעיקייטן פון די אַרבעטער. זיי האָבן איצט געאַרבעט אָן שום חשק, פויל, קוים רירנדיק מיט די הענט, טראָץ דעם זענען פאָרגעקומען פיל פאַלן, וואָס אַרבעטער זענען פון חוץ משוגע געוואָרן. די דאָזיקע פאַלן פון משוגעת האָבן די לעצטע צייט אָנגעהויבן פאָרקומען יעדן טאָג. מ'האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן ריזן-פּומפּן אַריינצופּרעגגען אין די קאָרי-דאָרן פון טונעל פרישע קילע לופט פון ים,—נאָר דאָס האָט אויך ווייניק געהאָלפן און מענטשן זענען געפאַלן פון היץ, ווי די פליגן.

דאָס איז געווען די שרעקלעכסטע אַרבעט, די אויפרעגנד-סטע און אַלאַן האָט איינגאַנצן אויפגעהערט צו שלאָפן. ער האָט גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און בייטאָג אויך נישט געקאָנט איינדרימלען אויף קיין רגע אפילו פון פיל דאגות און עגמת נפש. די גאַנצע וועלט איז איצט געלעגן אין אַ מין קראַמף פון שפּאַנונג און אומגעדולד, די גאַנצע וועלט האָט גע-וואָרפן אומגעדולדיקע בליקן אויף יענע ערטער, ווו ס'האָבן גע-זאָלט פאַראייניקט ווערן און זיך צוזאַמענשמעלצן ביידע עק-פּונקטן פונם ריזיקן טונעל, און אַזוי ווי די דאָזיקע גיגאַנטישע שפּאַנונג האָט איבערגעלעבט שווערע מאָמענטן, איז די וועלט אַרויס פון געדולד, לאַנג וואַרטנדיק אויפן געבורט פון אַלאַנס גרויסע זאַך און דער פּועל-יוצא פון איר אומגעדולד איז געווען, אַז די טונעל-פּאַפּירן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פאַלן.

איינמאָל ביינאַכט האָט שטאַל אָנגעקלונגען צו אַלאַנען דורכן טעלעפאָן און אים געבעטן תיכף קימען אויף אַ באַשטימטן אָרט אין טונעל-קאָרידאָר און ווען אַלאַן האָט זיך געלאָזט גיין אַהין, איז אים געקומען אַנטקעגן שטאַל, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס, שמוציק און קוים ענלעך אויף אַ מענטשן און דאָס ערשטע מאָל האָט אַלאַן אים, דעם דאָזיקן קאַלטן מענטש, דער-זען אַן אויפגערעגטן און זאָגאַר מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. וואָס-זשע איז אַזוינס געשען, וואָס האָט די דאָזיקע קאַל-טע נשמה געקאָנט ברענגען אין אַן אויפרעגונג-צושטאַנד און גאָר אַרויסרופן אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּן?

—איך און מילער—האָט שטאָל איבערגעגעבן אַ פרעהליכע בשורה—זענען אַרויף אויף שפורן...

ביים דאָזיקן וואָרט האָט אַלאַנען עפּעס אַ כאַפּ געטון ביים האַרצן און עס האָט אים אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן, אַז ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער ברוסט מיט זיין האַנט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס האַרץ זאָל פון דאָרט נישט אַרויסשפרינגען.

אַלאַן האָט געוווּסט, פון וועלכע שפורן שטאָל האָט אים מיטגעטיילט און די דאָזיקע בשורה האָט אין אים ממש אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. שוין אַ סך טעג פון אונרו, מורא און פאַרצווייפלונג האָט אַלאַן איבערגעלעבט, וואַרטנדיק אויף אַ ידיעה, אַז די הויפּט-אינזשעניערן זיינע האָבן ענדלעך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שפור פון דעם, אַז די ווענט פוןביידע עקן טונעל-טיילן קאָן מען שוין פאַראייניקן, ד. ה. אַז די צווישן-וואַנט, וואָס טיילט אָפּ די דאָזיקע ביידע טיילן, איז שוין פאַרהעלטניסמעסיק אַ דינע און אַז מ'קאָן שוין צוטרעטן זי דורכצובויערן. אויף דער באַדייטונגספולער גרויסער רגע האָט אַלאַן געוואַרט יאָרן-לאַנג, דאָס איז געווען דער ציל פון זיין לאַנגער שווערער פירונצוואַנציג-יעריקער שטרעבונג און אַרבעט, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע זיינע האָפנונגען. דאָס איז געווען איינס פון די גרעסטע געשעענישן אין דער וועלט-געשיכטע, אַ זאַך, וואָס האָט געשאַפן אַ נייע היסטאָרישע תקופה.

די ציימונגען האָבן אַרויסגעלאָזט עקסטראַ-בלעטער און ס'איז שווער איבערצוגעבן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע סענסאַציע די ידיעה האָט געמאַכט, אַז דער טונעל איז פאַרענדיקט געוואָרן, ד. ה. אַז אַלע שוועריקייטן, אַלע שוואַרצע כחות, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אינזשעניערן אין וועג, זענען שוין ענדלעך באַזייטיקט געוואָרן און די פולשטענדיקע פאַרענדיקונג פון דער אַרבעט אין טונעל איז איצט א פראַגע נאָר פון אַ פּאָר חדשים, און אַז דער טונעל וועט ענדלעך גאָר אין גיכן ווערן אַ רעאַלער פאַקט.

נאָך אין דריי חדשים אַרום איז די צווישן-וואַנט געוואָרן

נאָך פיל שמעלער, אַזוי שמאָל, אַז מ'האָט שוין אין איין טייל טונעל געהערט דאָס קנאַלן פון דער אויפרייסונגס-אַרבעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין צווייטן טונעל-אָפּשניט. נאָך און אַ חודש אַרום האָט מען שוין אין איין אָפּשניט געהערט דאָס זשומען פון דער באָר-מאַשין, וואָס האָט געאַרבעט אין אָפּשניט פון יענער זייט. און דאַן איז געקומען דער גרויסער טאָג, ווען אַ באָר-לאָך האָט ביידע טונעלן פאַראייניקט.

די אַרבעטער און אינזשעניערן האָבן געטאַנצט פון שמחה און ענטוזיאַזם.

—ווו איז מאַקן?—האָט דער „דיקער מילער" געפרעגט.

—אָט בין איך—האָט אַלאַן געענטפערט.

—מזל טוב, מזל טוב, מאַק!—האָט אים מילער גראַטולירט, אָננעמענדיק מיט זיינע ביידע דיקע הענט מאַק'ס צאַרטע אויסגעמאָגערטע האַנט, און דריקנדיק זי שטאַרק.

—כ'דאַנק איייך, מילער, כ'דאַנק אייך פונם גאַנצן האַרץ,— האָט אַלאַן אים געענטפערט.

אַלאַן האָט זיין טרייען מיטאַרבעטער געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און אים אויסדריקן זיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן און אונבאַשרייבלעכער ענערגיע, נאָר פון אויפרעגונג איז ער נישט אימשטאַנד געווען מער אַ וואָרט אויסצורעדן, דאָס דאָזיקע קורצע געשפּרעך, ד. ה. דער מזל-טוב וואָס מילער האָט געזאָגט דעם שעפער פון טונעל און מאַקס ענטפער, איז דעם זעלבן טאָג געווען אָפּגעדרוקט אין די עקסטראַ בלעטער, מיט וועלכע ניו-יאָרק, טשיקאַגאָ, בערלין, פּאַריז און לאָנדאָן זענען דעם טאָג פּשוט פאַרפלייצט געוואָרן.

זיי, די שעפער פון טונעל, האָבן געאַרבעט גאַנצע פיר־אונצוואַנציג יאָר און היינט איז ענדלעך זייער גרויסער ציל דערגרייכט געוואָרן. דער היינטיקער טאָג איז פאַר זיי געווען דער גרעסטער און דער גליקלעכסטער פון זייער לעבן—און ס'איז דערום קיין חידוש נישט, וואָס זיי זענען דעם טאָג אַזוי באַגייסטערט געווען, אַזוי זיך געפרייט, אַזוי גליקלין, איבער־

גליקלעך, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד געווען קיין וואָרט אויסצורעדן פון גליק און נחת...

אין אַ שעה אַרום געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט מילער צוגעשיקט אַלאַנען אַ קאַלטע פלאַש מינכענער ביר, און מאָרגן זענען זיי ביידע דורכגעקראָכן דורכן לאָך, וואָס האָט פאַראייניקט ביידע טונעל-טיילן, באַגיסנדיק זיך מיט שוויס, גאַקעט — זעקס טויזנט מעטער אונטערן ים...

אַלאַנס צוריקפאָרן דורכן טונעל צום אָרט פון זיין מינדונג איז געווען אַן אמתע טריומף-רייזע. די מחנות אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ אין דער פינסטער געווימלט ווי מוראַשקעס, האָבן אים געמאַכט די גרעסטע אָוואַציעס און מיט אַן אומבאַשרייבלעכער התלהבות געפּאַטשט בראַוואָ, ווען זיי האָבן אים דערזען. זיי האָבן מיט אַלאַנען שטאָלצירט און זיך אויך געפילט גליקלעך, וואָס זיין גרויס ווערק איז ענדלעך געקרוינט געוואָרן מיט אַזאַ גרויסן ערפאָלג.

— אַראָפּ די היטלען פאַר מאַקן! — האָבן די אַרבעטער אין דער גרעסטער באַגייסטערונג געשריען — מאַק איז אונזערער, ער איז אונזער פאָטער און ברודער. לעבן זאָל מאַק, דער גרויסער אומשטערבלעכער שעפער פון טונעל! און אויף די דאָזיקע ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען האָבן טויזנטער קולות געענטפערט מיט הילכיקע אויסגעשרייען: הוראַ! הוראַ! הוראַ!

V

עטעל איז געווען באַשאַפן באַר פון אַן אַנדער מאַטעריאַל, ווי מאַוד. זי האָט נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין רוקן פון דער טונעל-מינדונג און זיך באַזעצן ווייט פון די ערטער, ווו די אַרבעט האָט געקאָכט — זי האָט זיך באַזעצט און זיך שטענדיק געפונען אינם ליאַרמדיקן מיטלפונקט, דאָרט, ווו די אַרבעט האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל און די טעמפּעראַטור איז געשטאַנען אַן עלט טראָפּישע.

טעטל האָט געענדיקט אַ רעגולערן אינזשענערן-קורס, כדי נישט צו זיין פרעמד אין דעם דאָזיקן פאַך און צו קענען, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „מיטרעדן" מיט איר מאַן און זיינע קאָלעגן, ווען עס וועלן באַהאַנדלט ווערן ספּעציעלע פראַגן פון בוי- און בערג-בראַנזשע. פון דעם טאָג אָן, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַלאַנען, האָט זי מיט ווירדע און כבוד פאַר-טיידיקט איר רעכט, אַלס פרוי פון אַזאַ וועלט-באַרימטן מאַן. אַלאַן גופא האָט פאַר זיין יונגער פרוי גרויס דרך-ארץ און רעספּעקט געהאַט און מיט אַ ריינעם געוויסן אָפּגעהיט אַלע אירע רעכט אַלס פרוי און ווייב. ער האָט זיך איצט כמעט שטענדיק סיי ביי דער אַרבעט און סיי אין די פרייע שעהן געפונען אין טעטלס געזעלשאַפט. זי פלעגט אים זעלטן אָפּלאָזן פון זיך און אים באַגלייטן אומעטום ווו ער פלעגט פאָרן. כמעט אַלע באַ-ראַטונגען אַלאַנס מיט זיינע אינזשעניערן און אַרכיטעקטאָרן זענען פאָרגעקומען אין טעטלס אָנוועזנהייט. זונטאָג און יום-טוב פלעגט אַלאַן נישט אַרויסגיין פון זיין וווינונג און דאַן אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגען מיט טעלען, פאַרגעסנדיק כמעט אין אַלע געשעפטן און פּראָיעקטן. טעטל איז נישט געווען קעגן דעם, אַז ער זאָל אויף דעם זונטאָגדיקן טאָג איינלאַדן זיינע אינזשעניערן צו גאַסט אָדער אַנדערע באַקאַנטע, נאָר אַלאַן פלעגט דאָס נישט טון, קומענדיק נאָכן אומגליק מיט זיין ערשטער פרוי מאַוד צו דער איבערצייגונג, אַז איין טאָג אין דער וואָך און יום-טוב מוז מען אונבעדינגט זיך אָפּרוען און פאַרברענגען אין ענגן אָבער גע-מיטלעכן פאַמיליען-קרייז. צו די פיל מעלות, מיט וועלכע טעטל האָט זיך אויסגעצייכנט, האָט אויך אָנגעהערט איר זעלטענע גאַסט-פריינטלעכקייט. אויפנעמען ביי זיך אין הויז געסט און זיי מכבד זיין מיט די בעסטע משקאות און דעליקאַטעסן—איז פאַר איר געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן און נישט אומזיסט האָט זי אין דער העכערער געזעלשאַפט געהאַט אַ שם פון אַ גאַסטפריינטלעכע און בכלל העכסט גוטע און ליבענסווירדי-קע פרוי.

ביי אַזאַ גאַסטפריינטלעכקייט און גוטסקייט האָבן אין

עטלעכע עסצימער און סאַלאָנען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, קיינמאָל קיין געסט, געבעטענע און אומגעבעטענע, נישט געפעלט. אין עטלעכע פאַרק זענען שטענדיק געשטאַנען פּוּפּצען אויטאָמאָבילן— גרייט צו יעדער צייט אָפּצופירן אירע געסט, ווו זיי דאַרפן נאָר פאָרן. צייטנווייז, ס׳רוב זונטאָג, פלעגט צו אַלאַנען אויך קומען צו גאַסט זייער אַלטער גוטער פריינט האַבּי פון זיין פערמע.

האַבּי האָט, ווי מיר ווייסן שוין, געמוזט אַוועקוואַרפן זיין אינזשעניערן-פאַך צוליב זיין ערנסטער קראַנקהייט און האָט זיך באַזעצט אויף זיין גוט און ווונדערבאַר איינגעאָרדנטער פערמע. זיין קאָלעדיקע נאַטור האָט אים נישט געלאָזט זיצן ליידיק אויפן דאָרף און ווי באַלד ער האָט זיך נאָר דערשפּירט אַ ביסל בעסער און די נערוון זענען ביי אים שוין נישט געווען אָנגעשטרענגט—האָט ער זיך מיט אַ שטאַרקן חשק און היץ גענומען באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. זיין פערמע האָט יעדעס יאָר געבראַכט אויף דער וועלט צוואַנציק טויזנט הינער און—איין גאָט ווייסט—וויפיל אייער. די אויסערלעכע וועלט, די וועלט פון בערזע-שפּעקולאַציעס, פון בויען באַנען, טונעלן א. אַ. וו. האָט אים שוין איצט נישט אָנגעהויבן אינטערעסירן. ער האָט זיך זיי לעצטע צייט אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום געמיטלעכן פּאָעטישן ווינקעלע, ווו זיין פערמע האָט זיך געפונען, אַז די קאָלעדיקע וועלט מיט די ריזיקע שטעט און פאַרשידענע געשעפטן איז אים אינגאַנצן נמאס געוואָרן, ער האָט זיך איצט געחידושט, ווי אַזוי די דאָזיקע קאָלעדיקע וועלט האָט איר אַמאָל געקאָנט אינטערעסירן און צו זיך צובינדן...

האַבּי איז די לעצטע צייט געוואָרן פרום און יעדן זונטאָג פלעגט ער באַזוכן די געבעט-הייזער. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק: ער האָט געוואָלט, און אים וואָלט אַ הנאה געטון, אַז דאָס וואָלט געשען—אַז זיין בעסטער פריינט מאַק זאָל אויך ווערן פרום און רעליגיעז, ווי ער און זאָל אויך גיין דאַוונען אין געבעט-הויז.

צייטנווייז פלעגט ער קוקן ערנסט אַלאַנען אין די אויגן אריין און זאָגן צו אים:

—געדענק, מאַק, אָן דיין נשמה, געדענק, ברודער, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

ווען אַלאַנען פלעגט אויסקומען צו מאַכן אַ ווייטע רייזע־ קיין איירעפּע, אויף די אַזאַרן און אַנדערע מקומות, פלעגט ער מיטנעמען עטלען, נישט קאָנענדיק ביי זיך פועלן איבערצולאָזן אויף וואָכלאַנג זיין פרוי אַליין און מורא האָבנדיק, אַז זי זאָל נאָך אים נישט בענקען.

דער אַלטער לאָיד האָט געקויפט אַ שטיק לאַנד ביי רע־ וועלי, פערציק קילאָמעטער אויף צפון פון מאַק־סיטי, און דאָרט אויסגעבויט אַ ריזיק הויז, אַ מין שלאָס, פאַר זיין הייס־געליבטער בת־יחידה עטעל.

דאָס לאַנד האָט זיך געצויגן ביזן ים און איז געלעגן אין מיטן אַ ריזיקן פּאַרק פון אַלטעביימער, וועלכע לאָיד האָט פון יאַפּאַנישע גערטנער פאַרפלאַנצט אין דעם דאָזיקן פּאַרק. עטעל האָט זיך בעזעצט אין דעם דאָזיקן גרויסן און שיינעם הויז אין מיטן פּאַרק, און דער אַלטער לאָיד פלעגט יעדן טאָג קומען צו איר מיט אַ באַזוך. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַר־ ברענגען גאַנצע וואָכן ביי זיין הייס־געליבטער טאָכטער.

אויפן דריטן יאָר נאָך איר חתונה האָט עטעל אַ זון גע־ בוירן. עטעל האָט איר קינד ליב געהאַט ווי דאָס לעבן און עס אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. דאָס קינד איז שטאַרק געראָטן געווען אין מאַקן און דאָס האָט נאָך מער פאַר־ שטאַרקט עטעלס ליבע צו איר ערשטלינג. זי האָט אויף איר זון גרויסע האָפענונגען געלייגט. זי האָט געהאָפט, אַז אין צוואַנ־ ציק יאָר אַרום וועט ער איבערנעמען זיין פאָטערס גרויס ווערק און וועט דאָס דאָזיקע געניאַלע ווערק נאָך פאַרפולשטענדיקן.

עטעל האָט אַליין געזויגן איר קינד, זי האָט אים אַליין אויסגעלערנט די ערשטע ווערטער צו רעדן. אַ נאָמען האָט די דעם קינד געגעבן דעמזעלבן ווי דעם פאָטערס—מאַק.

די ערשטע פאַר יאָר איז דער קליינער מאַק געווען זייער אַ צערטלעך און עמפּפינדלעך קינד. עטעל האָט אים גערופן דער „אַריסטאָקראַטישער יונג" און מ'קאָן נישט זאָגן, אַז די

דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק אירע פון איר אייגן קינד איז נישט געווען קיין ריכטיקע: זיין אויסזען און צערטלעכקייט האָבן ווירקלעך געמאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַריסטאָקראַטישעס און איידעלעס, אויפן דריטן יאָר אָבער האָט ער די דאָזיקע אויסער־לעכע צערטלעכקייט און איידלקייט פאַרלוירן און האָט אָנגע־הויבן צו וואַקסן אין דער ברייט, זיין שאַרבן איז געוואָרן דין און אויף זיין געזיכט האָבן זיך באַוויזן זומער־שפּרענקלען, זיינע בלאָנדע האָר זענען געוואָרן רויט, און איצט האָט דאָס קינד שטאַרק דערמאַנט זיין פאָטער, ווען ער איז נאָך געווען יונג.

עטעל איז געווען גליקלעך, איבערגליקלעך. זי האָט נישט ליב געהאַט בכלל קיין שוואַכע און צערטלעכע קינדער, און איר האָט דעריבער שטאַרק הנאה געטון, וואָס איר קינד איז שוין נישט אַזוי איידל און שוואַכלעך ווי די ערשטע צוויי יאָר און איז געוואָרן אַ ביסל גרעבלעך און דיקער. זי האָט געהאַלטן, אַז קינדער קאָנען נאָר דאַן האָבן שאַנסן אויסצוּוואַקסן אַלס גע־זונטע מענטשן, ווען זיי זענען די ערשטע דריי—פיר יאָר פון זייער לעבן קרעפטיק און שרייען הויך און ברוגזדיק. און אַזוי ווי דער קליינער מאַק האָט באַפרידיקט די אַלע באַדינגונגען, האָט עטעל אים נאָך מער ליב באַקומען, נאָר צוזאַמען מיטן גרויסן גליק און נחת, וואָס דאָס קינד האָט איר פאַרשאַפט, האָט ער דער מוטער אויך פיל מורא און שווערע שעהן גע־בראַכט.

עטלען פלעגט זיך אַלץ דאַכטן, אַז דאָס קינד האָט זיך דערקילט אָדער אַז עס האָט היץ. יעדער קאַפּריז זיינער אָדער קרומע מינע האָט ביי איר דערוועקט דעם געדאַנק, אַז איר בן יחידל פילט זיך נישט גוט און גאָט ווייסט, וואָס מיט אים איז, זי האָט דאָס קינד ליב געהאַט ביז משוגעת, איז גרייט געווען פאַר אים דאָס טעלערל פון הימל צו קריגן און יעדע רגע זיך מקריב זיין פאַר אים. זי וואָס האָט ביז איצט נישט געוווסט פון קיין מורא, האָט איצט געהאַלטן אין איין מורא האָבן, אַז עס זאָל מיט איר עפּעס נישט געשען... זי האָט יעדע מינוט פאַר אים ממש געציטערט. חוץ דעם אַלעם איז איר געקומען אין

קאָפּ עפּעס אַ מין משוגעת, אַ פיינטלעכער געדאַנק, וועלכער האָט די לעצטע צייט באַהערשט איר גאַנץ וועזן און אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ מין מאַניע. זי האָט געהערט, אַז אין ניו-יאָרק און אין די גרויסע שטעט קומען פאָר פאַלן, ווען מ'האָט ביי מיליאָנערן געגנבעט זייערע קינדער—מ'זאָגט פון נקמה—און די אַרויסגעגנבעטע קינדער פאַרקריפּלט אויף אַ שרעקלעכן אופן, זיי בלינד געמאַכט, אָדער גאָר אַרויסגעשניטן די צונג... די שרעק, אַז מיט איר קליינעם מאַקן קאָן אויך אַזעלכעס פּאַסירן האָט זי מכש געמאַכט צייטנווייז פאַר אויס מענטש.

עטעל האָט געלאָזט אויסבויען אין קעלער-רוים פון איר הויז אַ שטאָלענע קאַמער, אַזעלכע, וואָס ווערן געבויט אין די בענק. דאָס שטאָלענע צימער איז רייך אויסמעבלירט און דעקאָרירט געוואָרן, און אין דעם דאָזיקן געפּאַנצערטן צימער איז דער קליינער מאַק געשלאָפן מיט זיין אַם, אָן איר איז דער קליינער מאַק נישט אַרויסגעגאַנגען פון צימער און נישט פון יענער זייט פאַרק. זי פלעגט אים מוזן באַגלייטן ווי אַ שאָטן, אויף יעדן שריט און טריט. חוץ דעם איז צום קליינעם מאַק צוגעשטעלט געוואָרן אַ דעטעקטיוו מיט צוויי זעלטענע ראַסן פּאָליצײ-הינט, וועלכע פלעגן שטענדיק באַגלייטן דאָס קינד בעת זיין שפּאַציר איבערן פאַרק. די דאָזיקע פּאָליצײ-הינט האָבן געהאַט אַזאַ וווּנדערבאַרן חוש, אַז זיי פלעגן דערשמעקן די אָנוועזנהייט פון אַ פאַרדעכטיקן מענטש אויף דריי מייל פונם אָרט, ווו יענער האָט זיך געפונען. און טאָמער פלעגט דער קליינער מאַק מאַכן אַ שפּאַציר מיט זיין מוטער אָדער זיין באָנע פון יענער זייט פאַרק, פלעגן מיט אים מיטגיין, אויף עטלעכע שריט נאָר פון אַ זייט, צוויי דעטעקטיוון, באַוואָפנטע ביז די ציין. און ווען ער פלעגט דעם שפּאַציר מאַכן פאָרנדיק, פלעגן די דאָזיקע דעטעקטיוון זיצן אין עקיפּאַזש אָדער אויטאָ. דער שאָפער פלעגט מוזן פאָרן גאַנץ לאַנגזאַם און עטעל האָט אים אַמאָל אין ניו-יאָרק אין מיטן דער גאַס דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פנים דער[illegible]ר, וואָס ער איז צו שנעל געפאָרן... זי האָט מורא געהאַט, [illegible]ז שנעל פאָרנדיק קאָן פּאַסירן אַן אומגליק מיט איר קינד.

יעדן טאָג האָט אַ דאָקטאָר געמוזט אונטערזוכן דעם קליינעם דאָלאַר-פּרינץ, ווען ער האָט זיך אַ ביסל נישט גוט געשפּירט, פלעגט מען באַלד טעלעגראַפירן נאָך אַ פּראָפעסאָר ספּעציאַליסט.

אומעטום האָט עטעל געזען סכנות פאַר איר קינד. איר האָבן זיך אַלץ געחלומט באַנדיטן, וואָס לויערן אויף איר קליינעם מאַק, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קאָנען קומען צו איר פון ים, אַז זאָגאַר פון דער לופט קאָנען זיי זיך אַראָפּלאָזן און איר איינציק קינד מאַק ביי איר אַוועקרויבן.

אין פּאַרק האָט זיך געפונען אַ גרויסע לאָנקע, וועלכע איז, ווי עטעל האָט באַמערקט, אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט געווען און ווי פון דער נאַטור באַשאַפן פאַר אַעראָפּלאַנען, זיך אַראָפּצולאָזן אויף איר. מורא האָבנדיק, אַז באַנדיטן וועלן זיך נאָך אַראָפּלאָזן אויף אַן אַעראָפּלאַן דאָ אויף דער לאָנקע, כּדי פון דאַנען אַריינצודרינגען אין דעם הויז און דעם קליינעם מאַקן אַרויסכאַפּן—האָט עטעל באַפוילן די דאָזיקע לאָנקע אַרומצופלאַנצן מיט ביימער, כּדי יעדער אַעראָפּלאַן, וואָס וועט מאַכן אַ פּרווו דאָ זיך אַראָפּצולאָזן, זאָל צעקלאַפּט ווערן אויף שטיקלעך מיט די מענטשן, וואָס וועלן זיצן אין אים—אָן די ביימער.

עטעל האָט מנדב געווען אַ קאָלאָסאַלע סומע געלט אויף צו פאַרשפּרייטן די טעטיקייט פונם גרויסן שפּיטאָל, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער מאַוד-אַלאַן האָספּיטאַל”, און אין אַלע פינף טונעל-שטעט האָט זי אויף אירע מיטלען געגרינדעט די בעסטע קינדער-היימען אין דער גאַנצער וועלט. זי האָט געהאַלטן אין איין געבן גרויסע נדבות אויף אַלע פילאַנטראָפּישע און בילדונגס-אינסטיטוציעס. אויפן געביט פון וואוילטעטיקייט האָט זי בכלל געהאַט אַזאַ ברייטע האַנט און האָט פונאַנדערגעטיילט און אויסגעגעבן אין אַלגעמיין אַזעלכע ריזן-סומען, אַז זי האָט געהאַלטן ביי באַנקראָט און דער אַלטער לאָיד האָט זי געמוזט וועגן דעם וואָרענען און איר דערמאָנען אין דער נויטווענדיקייט „צו געבן נדבות מיט אַ מאָס” און בכלל צו זיין מיטן געלט שפּאָרזאַם.

דאָס אָרט, ווו מאָיד און עדיט זענען אויף אַזאַ שרעק־לעכן אופן דערהרגעט געוואָרן, האָט עטעל אַרומגעצוימט און פאַרוואַנדלט אין אַ בלומען־גאָרטן, נישט זאָגנדיק וועגן דעם פריער אַלאַנגען אַ וואָרט אפילו. זי האָט גוט געוווסט, אַז אַלאַן האָט מאָודן און עדיטן נאָך נישט פאַרגעסן.

ס׳זענען געווען צייטן, ווען זי האָט זיך צוגעהערט, מאַכנ־דיק זיך, אַז זי שלאָפט,—ווי אַלאַן פלעגט אַרומשפּרייזן איבערן שלאָפצימער פאַרטיפט אין שווערע מחשבות און, ס׳ווייזט אויס, אין פערשידענע זכרונות און דערביי גערעדט מיט זיך. זי האָט אויך געוווסט, אַז מאַק האָלט זאָרגפעלטיק באַהאַלטן אין זיין שרייבטיש אַ טאָגבוך „וועגן לעבן פון מיין קליין טעכטערל עדיט און וואָס זי האָט געזאָגט". די טויטע האָבן זייערע געוויסע רעכט און עטעל האָט נישט געטראַכט, די דאָזיקע רעכט זייערע צו באַגרענצן.

עפּילאָג

די באר-מאשינען האבן צעקלאפּט און צעמאלט די בערג און די בערגלעך אין די אטלאנטישע קארידארן און די טונעל-עקן זענען יעדן טאג געוואָרן נענטער איינער צו דעם אנדערן. די לעצטע דרייסיק קילאמעטער פון טונעל איז געווען אן אמתע קאטאָרגע פאר די אינזשעניערן און ארבעטער. אלאן האט גע-מוזט צאָלן די ארבעטער פאר צוויי שעה צען דאָלאר, מחמת קיין מענטש האט נישט געוואָלט ארבעטן אויף דעם דאָזיקן שרעקלעכן אָרט, וועלכעס די ארבעטער האבן אָנגערופן „קראַ-טער". פיל פון זיי האבן מורא געהאט, אז די ארבעט קומט איצט פאר ביי א קראטער פון אן אונטערוואסער-פייערבארג, וועלכער קאָן נאָך יעדע רגע אויסשפּייען מיט לאווע און פייער.

די היץ איז אויף דעם אָרט געווען נישט איבערצוטראָגן און נאָך ארבעטן ביי אזא טראָפּישע היץ איז געווען אן אמת אָפּקומעניש, א קאטאָרגע. איבער די ווענט פון קארידאָר און דעם סופית האט מען פארשפּרייט א גאנצע נעץ פון קיל-רערן, דאָס האט אָבער ווייניק געהאָלפן, און מענטשן האבן זיך ממש געפּרעגלט אין דער אונערטרעגלעכער היץ און זיך באגאָסן מיט שווייס. נאָך א יאָר קאטאָרזשנער ארבעט איז אָבער אויך דער דאָזיקער אָפּשניט פארענדיקט געוואָרן און דערמיט איז פארענ-דיקט געוואָרן דאָס גאנצע גרויסע ווערק אלאנס—דער גאנצער טונעל!

די מענטשן האָבן זיך נאָך אונטערגענומען אים אויסצו־בויען און האָבן נאָך אונמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון אַלע זייערע כּחות, נאָך פיל שווערקייטן און מניעות, אים טאַקע פאַרענדיקט. פון שווייס און בלוט איז ער אויסגעבויט געוואָרן. ניין טויזנט מענטשן האָט ער איינגעשלונגען, פיל צרות האָט ער דער וועלט געבראַכט, אָבער ער איז ענדלעך באַשאַפן געוואָרן און עקזיסטירט שוין! און קיינער וווּנדערט זיך דעריבער נישט און פיל קוקן אויף דעם דאָזיקן ריזן־ווערק ווי אויף אַ פּראָדוקט פון אַ געוויינלעכער שעפערישער אַרבעט.

אין פיר וואָכן אַרום האָט זיך איבערן טונעל אָנגעהויבן דער פאַרקער פון דער פלעוומאַטישער פּאָסט־אונטערן־וואַסער. אַ פאַרלעגער האָט אָנגעבאָטן אַלאַנען אַ מיליאָן דאָלאַר—ער זאָל שרייבן די געשיכטע פונם טונעל. אַלאַן האָט זיך דערפון ענט־זאַגט, ער האָט נאָר אָנגעשריבן אַ צוויי־שפּאַלטיקן אַרטיקל אין „העראָלד".

אַלאַן האָט קיין קאָמעדיע נישט געשפּילט—ער האָט זיך נישט געמאַכט באַשיידענער, ווי ער איז עס אין דער ווירקלעכ־קייט. אין זיין אַרטיקל און אין זיינע געשפּרעכן מיט די געלערטע און כּלל־טוער האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז נאָר מיט דער הילף פון אַזעלכע אויסגעצייכנטע מענער, ווי שטראָם, מילער, מילענבערג, האָבי, שטאָל, האַרימאַן, בערמאַן און הונדערט אַנדערע האָט ער געקאָנט ענדיקן דעם בוי פון טונעל.

—איך מוז אויך באַמערקן—האָט ער אין זיין אַרטיקל געשריבן—אַז די צייט האָט מיך איבערגעיאָגט. אַלע מיינע מאַשינען איבער און אונטער דער ערד זענען פאַרעלטערט געוואָרן און איך בין געווען געצוווּנגען אין פערלויף פון דער צייט, וואָס איך האָב געבויט דעם טונעל, זיי צו פאַרבייטן אויף מאָדערנע מאַשינען. מיינע באָר־מאַשינען, מיט וועלכע איך האָב אַמאָל מיט רעכט אַזוי שטאָלצירט, זענען אויך אַלט־מאָדיש געוואָרן. די מאָטאָר־שנעל־שיפלעך שניידן איצט דורך דעם אָקעאַן פון ענגלאַנד ביז ניויאָרק אין משך פון דרייטהאַלבן טעג. די דייטשע ריזן־לופט־שיפן פליען אַריבער דעם אָקעאַן אין זעקסאונ־

דרייסיק שעה. נאָר איך בין שנעלער פון זיי און וואָס שנעלער די ים־שיפן און לופט־שיפן ווערן, ווער איך נאָך אַלץ שנעלער פון זיי. איך קאָן אויפהייבן די געשווינדקייט אויף 300—400 קילאָמעטער אַ שעה. חוץ דעם קאָסט אָפּ דאָס פאָרן אויף די שנעל־שיפן און לופט־שיפן אַזוי טייער, אַז נאָר רייכע מענער קאָנען זיך ערלויבן דאָס פאַרגעניגן אויף זיי צו פאָרן און פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן בלייבן זיי נישט־צוגענגלעך. מיינע פרייזן זענען פאָפּולער. דער טונעל געהערט דעם פאָלק, דעם סוחר, דעם עמיגראַנט. איך בין איצט אימשטאַנד צו באַזאָרגן יעדן טאָג פערציק טויזנט מענטשן. אין צען יאָר אַרום, ווען די קאָרידאָרן וועלן אַלע ווערן דאָפּלט אויסגעבויט, וועט מען קאָנען באַזאָרגן יעדן טאָג פון אַכציק ביז הונדערט טויזנט מאַן. אין הונדערט יאָר אַרום וועט דער פאַרקער זיין אַזוי גרויס, אַז דער טונעל וועט נישט אימשטאַנד זיין צו באַפרידיקן די הויכע פאַרקערס־פאָדערונגען און דעריבער וועט דאַן ווערן די אויפגאַבע פונם טונעל־סינדיקאַט צו בויען פאַראַלעל־קאָרידאָרן פון טונעל. זייער בוי וועט פאַרהעלטניסמעסיק ביליג קאָסטן.

ווייטער האָט אַלאַן באַשיידן מיטגעטיילט אין זיין אַרטיקל, אַז גענוי אין זעקס חדשים אַרום, דעם 1־טן יוני פונם 26־טן בוי־יאָר וועט ער לאָזן דורכן טונעל דעם ערשטן צוג פון אַמע־ריקע ביז אייראָפּע.

און כדי צו קאָנען האַלטן וואָרט און דעם דאָזיקן טערמין נישט צו פאַרלענגערן, האָט אַלאַן אונטערגעיאָגט זיינע אינזשע־ניערן אָנצושטרענגען אַלע זייערע כחות, אויף וויפיל ס׳וועט זיך נאָר לאָזן. די לעצטע צייט האָט אין טונעל געקאָכט די אַרבעט צו לייגן רעלסן איבערן טונעל, איבער וועלכע ס׳זאָל אין אַ האַלב יאָר אַרום שוין אָנהייבן לויפן פּאַסאַזשיר־צוגן און משא־צוגן. צו דער ריזיקער אַרבעט זענען באַנוצט געוואָרן פאַך־קע־נער, ספּעציאַליסטן צו בויען אייזנבאַנען, אין די סטאַציעס ביס־קאַי און מאַק־סיטי זענען די לעצטע צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיטן בוי פון דער ריזיקער אייזנבאַן־ליניע אין טונעל, אויפגע־שטעלט געוואָרן אונגעהויער־גרויסע געביידעס—דאָס זענען געווען

די טונעל-וואַגאָן-פאַבריקן. די דאָזיקע וואַגאָנען זענען געווען פון גאָר אַ נייער קאָנסטרוקציע און האָבן אַ געוואַלטיקע טענסאַציע אַרויסגערופן. זיי זענען געווען אַ ביסל העכער ווי די פולמאַן-וואַגאָנען, דערפאַר אָבער צוויי מאָל אַזוי לאַנג און ברייט, דאָס זענען געווען פאַנצער-קרייצער, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ באַפעסטיקונג פון דיקע רעדער א. אַ. וו. די שפייז-וואַגאָנען זענען געווען פרעכטיקע און גלענצנדע סאַלאָנען. חוץ דעם זענען געווען וואַגאָנען, אין וועלכע ס'זענען איינגעפירט געווען קינע-מאַטאָגראַפישע און מוזיקאַלישע פאָרשטעלונגען בעת דער רייזע איבערן טונעל.

גאַנץ ניויאָרק האָט ממש געשטורמט די סטאַציע האָבאָקען, פון וואַנען דער ערשטער טונעל-צוג האָט געזאָלט אַרויסגיין, כדי צו פאַרכאַפן אַן אָרט אין צוג און מאַכן די רייזע אויף אים ביז מאַק-סיטי. און אָט איז געקומען דער היסטאָרישער 1-ער יוני, דער דאָזיקער גרויסער באַדייטונגספולער טאָג פאַר אַלאַנען.

אין ניויאָרק איז געווען אַ גרויסער יום-טוב. אויף אַלע הייזער און פאַלאַצן זענען געווען אַרויסגעהאַנגען פאָנען. אין לאָנדאָן, פאַריז, בערלין, רוים, ווין, פעקין, טאָקיאָ, סידניי, האָבן אויך צוליב דעמזעלבן יום-טוב געפלאַטערט פאָנען. די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט האָט געפייערט אַלאַנס ערשטן אַרויס-פאָר אויף אַ צוג אין טונעל, ווי אַ פאָלקס-יום-טוב. אַלאַן האָט געהאַט בדעה אַרויסצופאָרן דאָס ערשטע מאָל פון דער ערשטער טונעל-סטאַציע פונקט צוועלף אַ זייגער ביינאַכט און קומען קיין בוסקאַי פונקט אין אַ מעת לעת אַרום. נאָך עטלעכע טעג פאַר דעם 1-טן יוני זענען געפלויגן עקסטראַ-צוגן פון בערלין, פאַריז, לאָנדאָן און אַנדערע גרויסע שטעט קיין בוסקאַי. די עקסטראַ-צוגן זענען געווען געפאַקט מיט רייכע מענער און געלערטע, וועלכע האָבן זיך געטראָגן צו דער דאָזיקער גרויסער טונעל-סטאַציע, כדי דאָרט בייצווווינען דאָס גרויסע היסטאָרישע גע-שעעניש—דאָס אָנקומען פונם ערשטן צוג דורכן טונעל מיט זיין געניאַלען שעפער—אַלאַנען. פון גאַנץ אַמעריקע האָבן זיך אין דער זעלבער צייט געטראָגן עקסטראַ-צוגן מיט פאַסאַזשירן, כדי

פייצווווינען דאָס זעלבע געשעעניש אין מאַק-סיטי ביים ערשטן אָפגיין פונם צוג אין טונעל אַריין, ביי זיין ערשטן אַריינגיין אין דער טיפעניש פון טונעל. פון 1-טן יוני אָן זענען יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען פון ניויאָרק צוואַנציק צוגן קיין מאַק-סיטי, פול אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן שטאַרק געוואָלט זען, ווי דער ערשטער פליִער אַמעריקע-אייראָפּע וועט זיך אַריינלאָזן אין טונעל אַריין, וועט אַריינפאַלן אין זיינע טיפענישן. די גרויסע האָטעלן אין ניויאָרק, טשיקאַגאָ, סאַן-פראַנציסקאָ, בערלין און לאָנדאָן האָבן לכבוד דעם גרויסן יום-טוב געמאַכט גרויסאַרטיקע באַנקעטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פונקט צען אַ זייגער אין אָוונט און געדויערט אַכטאונצוואַנציק שעה. די עדיסאָן-ביא האָט אין די דאָזיקע אַלע האָטעלן געוויזן אירע ריזן-פילמען אין פאַרלויף פון זעקס שעה נאָכאַנאַנד. אין די וואַריעטעס און קאָנצערט-זאַלן זענען אַרויסגעטרעטן כאָרן און זינגער, וואָס זענען פריער באַשעפטיקט געווען ביי דער טונעל-אַרבעט. זיי האָבן אַלע געזונגען טונעל-לידער, אַרויסרופנדיק די גרעסטע באַגייסטערונג פונם גאַנצן פובליקום, וועלכעס האָט די געוועזענע טונעל-מענער געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס און זיי מיט בלומען באַוואָרפן.

אויף די גאַסן זענען פאַרקויפט געוואָרן מיליאָנען פאָסט-קאַרטן מיט אַלאַנס פּאָרטרעט. ס׳זענען אויך פאַרקויפט געוואָרן אין די מיליאָנען פאַרשידענע אַנזיכטס-קאַרטן פון מאַק-סיטי און די גרעסטע טונעל-סטאַציעס. דער אינטערעס צום טונעל און זיין שעפער איז געווען אַ גוואַלטיקער. אַלאַן איז געוואָרן דער העלד פונם טאָג. זיין נאָמען האָבן מיליאָנען מענטשן אַרויסגערעדט מיטן גרעסטן יראת הכבוד. ער איז געוואָרן דער פּאָפולערסטער מענטש נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין דער גאַנצער וועלט.

אַלאַן איז צוגעפאָרן צום טונעל-וואָקזאַל אַ האַלבע שעה פאַר צוועלף אין דער נאַכט. דער אונגעהויער גרויסער זאַל פון האָבאָקענער וואָקזאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, אַלע האָבן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג ערוואַרט אַלאַנס אָנקומען.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אין זאַל, האָבן אַלע זיך געריסן אים צו זען. דער צוג, מיט וועלכן אַלאַן האָט געמאַכט אַ התחלה פונם אייזנבאַן-פאַרקער אין טונעל, איז באַשטאַנען פון זעקס וואַגאָנען און איין לאָקאָמאָטיוו. דער צוג איז געווען דעל באַלויכטן און די גליקלעכע, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פעראָן נאָנט צום צוג, האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין דעם פרעכטיקן סאַלאָן-וואַגאָן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון צוג. דער עולם האָט גערעכנט, אַז עטעל וועט אויך מיטפאָרן מיט איר מאַן—און טויזנט נייגעריקע האָבן זיך געבראָכן זייערע קעפ, אין וואָס פאַר אַ טואַלעט זי וועט דעמאָלט זיין אָנגעטון, וואָס פאַר אַ צירונג זי וועט אויף זיך טראָגן. ס'זענען געווען פיל, זייער פיל בעלנים מיטצופאָרן מיטן ערשטן צוג אויף אַ מרחק פון עטלעכע סטאַציעס און דערנאָך פון דאָרט זיך צוריקקערן. צום גרויסן באַדויערן אָבער פון אַזעלכע בעלנים, האָט מען אויף דעם ערשטן צוג קיין פריוואַט-פערזאָנען נישט אויפגענומען און קיין בילעטן בכלל נאָך נישט פאַרקויפט. נאָר אָט האָט מען שוין אַראָפגעצויגן די אייזערנע ראָלעטן.

די שפּאַנונג פון עולם איז געוואַקסן מיט יעדע מינוט. צען מינוט פאַר צוועלף זענען פיר אינזשעניערן אַרויף אויפן לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ טאָרפּעדאָ-שיפל מיט צוויי רונדע אויגן פון פאָרנט. אַלאַן האָט אַ ליאַדע רגע זיך געזעגנט באַוויזן פון אַ נעבן-זאַל אין וואָקזאַל. פינף מינוט פאַר צוועלף איז ער אַרויס אויפן פעראָן. דער גרויסער עולם האָט אים באַגעגנט מיט דונערגדע אַפּלאָדיסמענטן, מיט באַגייסטערטע הוראַ-אויסגעשרייען. ווען ער האָט זיין ערשטן טריט געמאַכט צום צוג, האָבן די דונערן פון באַגייסטערטע געשרייען זיך אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער ריזיקער וואָקזאַל וועט פון די דאָזיקע דונערן אומפאַלן. די באַגייסטערונג פון עולם איז געווען אַ גוואַלטיקע, אַן אויסערגעוויינלעכע און עס איז ממש אוממעגלעך צו באַשרייבן. אַלס יונגערמאַן האָט אַלאַן אָנגעהויבן בויען דעם טונעל און איצט איז ער געשטאַנען פאַרן עולם שניי-ווייס, פאַרעלטערט און אויסגעדאַרט מיט אַ

געלבלעכן געזיכט, מיט איינגעפאַלענע באַקן און טיפע קנייטשן אויפן שטערן און ביים מויל—אָבער מיט דיזעלבע בלאָ-גראָע גוטמוטיקע אויגן, ווי פריער.

מיט אַלאַנען איז אויך עטעל אַרויסגעגאַנגען פונם זאַל, פירנדיק דעם קליינעם מאַק פאַר דער האַנט. הינטער עטלען איז געגאַנגען אַ קליינער איינגעהויקערטער מאַן מיט אַן אויפגעהויבענעם מאַנטל-קראַגן און אַ ברייטן רייזע-הוט, אין וועלכן אַ האַלב געזיכט זיינס איז פאַרזונקען געווען. דער דאָזיקער מאַן איז געווען קוים גרעסער ווי דער קליינער מאַק. דאָס איז געווען לאָיד. דער קליינער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מומיע, האָט דערלאַנגט עטלען און דעם קליינעם מאַקן די האַנט און האָט קוים אַרויפגעקלעטערט אויף די טרעפלעך פון וואַגאָן. לאָיד האָט, אַלזאָ, דערלעבט צו זען דעם ערשטן אַרויספאָר פון טונעל-צוג און אים איז באַשערט געווען צו זיין דער ערשטער פאַסאַזשיר פונם ערשטן טונעל-צוג! נישט קיין קייזער, נישט דער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געהאַט די זכיה, דער ערשטער אַריינצוטרעטן אין וואַגאָן פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן צוג. אויף דעם האָט געהאַט די זכיה די גרויס-מאַכט לאָיד, די פאַרקערפערונג פון געלט איז געווען דער ערשטער פאַסאַזשיר!

עטעל מיטן קליינעם מאַקן זענען נישט מיטגעפאָרן, זי האָט איר קינד אַהערצו געבראַכט נאָר צוליב דעם, כדי עס זאָל דעם דאָזיקן גרויסן היסטאָרישן מאָמענט מיטלעבן. אַלאַן האָט זיך געזעגנט מיט זיין פרוי און זון. עטעל האָט געזאָגט צו איר מאַן:

—אין אַ גליקלעכער שעה, מאַק! אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר האָבן די דאָזיקע שעה דערלעבט.—דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון און אונטער הילכיקע באַגייסטערטע הוראַ-אויסגעשרייען איז ער אָפּגעפאָרן פון דער וואָקזאַל-האַלע.

אין אַ רגע אַרום האָט דער טעלעפאָן און טעלעגראַף אָנגעהויבן צו אַרבעטן אָן אַן אויפהער עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, מיטטיילנדיק דער גאַנצער וועלט וועגן דעם אומגעהויער גרויסן

געשעעניש, אויף וועלכן די גאַנצע מענטשהייט האָט מיט אַזאַ גוואַלטיקע שפּאַנונג אַרויסגעקוקט,—אַז דער ערשטער טונעל-צוג איז אַרויסגעפאָרן פון דער האָבאָקענער סטאַציע.

אין ניו־יאָרק, סאַן-פראַנציסקאָ, לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין, פּעטערבורג, שאַנכאַי, טאָקיאָ און סאַנדאַי איז אויף מאָרגן געוועזן אַ גרויסער יום-טוב, אַ פייערטאָג, וואָס די מענטשהייט האָט געמאַכט צוליב דעם גרויסן טריומף, וואָס דער מענטשלעכער זשעני האָט נעכטן אָפּגעהאַלטן איבער דער נאַטור.

דעם זעלבן טאָג זענען אַלע טעכנישע אַנשטאַלטן געבליבן שטיין, אַלס צייכן פון יראת הכבוד פאַרן שעפער פון טונעל, מאַק אַלאַן.

פּונקט צוועלף אַ זייגער ביינאַכט האָבן אַלע שיפן און צוגן, וואָס האָבן זיך געפונען אין וועג, אָפּשטעלנדיק זיך אויף פינף מינוט, אַרויסגעלאָזט די גאַנצע צייט אַ שטאַרקע און הילביקע פייפעריי פון זייערע סירענעס—און דאָס איז געוועזן אַ גוואַלט-געשריי פון מענטשלעכער אַרבעט, וועלכע האָט געפייערט דאָס פאַרענדיקן איר גרויס ווערק.

דער אַלטער לאָיד האָט זיך אויסגעטון אין שלאָפצימער פונם פרעכטיקן וואַגאָן און זיך געלייגט שלאָפן. אין די האָטעלן און די בעסטע רעסטאָראַנען האָבן טויזנטער מענטשן צען אַ זייגער אין אָוונט פונם היסטאָרישן 1-טן יוני געגעסן אָוונטברייט און מיט דער גרעסטער התלהבות גערעדט וועגן גרויסן געשעעניש. מוזיק-קאַפּעלן האָבן קאָנצערטירט. די געהויבענע שטימונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אַלע, אפילו די פראָזאַישע און אויסגערעכנטע טרוקענע נשמות פון סוחרים און באַנקירן זענען געווען עקזאַלטירט און זאָגאַר פּאָעטיש געשטימט אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן אָוונט. מ'האָט דעם טונעל אָנגערופן דאָס גרעסטע מענטשלעכע ווערק פון אַלע צייטן. מאַק אַלאַן האָט פאַרפאַסט דאָס גרויסע עפּישע ווערק פון אייזן און עלעקטריציטעט. מ'האָט מאַק אַלאַנען, נעמענדיק אין באַטראַכט זיין פינפאונצוואַנציק-יעריקע קאָלאָסאַלע אַרבעט און איבערלעבענישן, אַ נאָמען געגעבן: „דער אָדיסעוס פון דער מאָדערנער טעכניק".

אין מינוט פאַר צוועלף האָט זיך אָנגעצונדן דער פּראָ־ זשעקטאָר פון עדיסאָן-ביא און אויף אים איז געשטאַנען אַן אויפשריפט „רוי".

אין איין רגע זענען אַלע טויט-שטיל געוואָרן, און באַלד האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער טעלעקינעמאַטאָגראַף.

און אַלע שטעט פון דער גאַנצער וועלט האָט מען אין דער זעלבער סעקונדע געזען דעם האָבאָקען-וואָקזאַל. שוואַרץ פון אַן אומגעהויערער מענטשן-מאַסע. מ׳האָט דערנאָך געזען דאָס אָפּגיין פונם ערשטן טונעל-צוג, דעם אינערלעכן טייל פון טונעל. מ׳האָט געזען, ווי אַלאַן האָט אָפּשיד גענומען פון עטליכן און דעם קליינעם מאַקן. מ׳האָט געזען, ווי דער ערשטער טונעל-צוג האָט זיך אַ ריר געטון און זיך געלאָזט פאָרן אין דער ריכטונג פונם טונעל. ביי דער דאָזיקער גרויסער סצענע זענען אַלע צושויער געקומען אין אַזאַ באַגייסטערונגס-צושטאַנד, אַז זיי האָבן אַראָפּגענומען די היטלען פון די קעפּ און זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער, באַגריסנדיק דערמיט די ניי-געבוירענע היסטאָ־ רישע תקופה. פיל זענען געקומען אין אַזאַ התלהבות, אַז זיי זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און, אַנידערשטעלנדיק זיך אין מיטן, אויסגעשריען הוראַ און געפּאַטשעט מיט די היט לכבוד אַלאַנען. פיל האָבן אין אַזאַ פּאָזע אויפגעהויבן אַ כוס מיט שאַמ־ פּאַניער און געטרונקען לחיים לכבוד דעם אָפּוועזנדן אַלאַנען. ווייטער האָט מען אָנגעהויבן ברעכן טעלער, גלעזער און פלאַשן און זיי צעטרעטן מיט די פיס, זינגנדיק דערביי דאָס פּאָפּולערע ליד, וועלכעס איז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרפאַסט גע־ וואָרן דורך איינעם פון די „טונעל-אַרבעטער", אַ באַקאַנטער פאָלקס-דיכטער. די מוזיק האָט אַקאָמפּאַנירט, נאָר אירע טענער זענען דערטרונקען געוואָרן אין דעם כאָר פון די הילכיקע קולות און געזאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער מיילער. דערויף האָט אויפן לייוונט זיך באַוויזן אַ שריפט: „די פינפאונצוואַנציק קעפּ".

דאָס בילד „די פינפאונצוואַנציק קעפּ" האָט פאָרגעשטעלט אַלאַנען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען דאָס ערשטער יאָר, ווען

ער איז צוגעטרעטן צום טונעל, דאָס צווייטע יאָר, דאָס דריטע א. אַ. וו. און ווי ער האָט ענדלעך אויסגעזען דאָס לעצטע יאָר, אין דעם גרויסן טאָג, ווען דער טונעל איז פאַרענדיקט געוואָרן. ס'האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ שטורם פון באַגייסטערונג און ענטציקונג. דער גרויסער עולם איז, זעענדיק דאָס בילד, שיר נישט אַראָפּ פון זין פון התלהבות און ענטציקונג.

ווייטער האָט מען געוויזן אויפן עקראַן האָבין, שטראָמען, האַרימאַנען, בערמאַנען, וואָלפן, דעם „דיקן מילער" און די איבעריקע מיטאַרבעטער אַלאַנס און אויך לאָידן, און ערשט נאָכדעם האָט זיך אויפן פילם אָנגעהויבן די געשיכטע פונם טונעל פונם ערשטן ביזן לעצטן טאָג זיינעם. די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער באַרימטער קאָנפערענץ פון די מיליאַר־דערן, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן דאַך־גאָרטן פונם „אַטלאַנטיק", און דערנאָך האָט דער פילם געוויזן אַזוי לעבעדיק און בולט די איבעריקע פאַזן פון דער בוי־אַרבעט און אַלע עפּיזאָדן און געשעענישן, וואָס זענען פאַר די גאַנצע פינפאונצוואַנציק יאָר פאָרגעקומען אין טונעל. די צושויער האָבן געזען מאַק־סיטי, דאָס שנעלע וואַקסן פון דער דאָזיקער טונעל־שטאָט, אַלע פאַזן פון איר אַנטוויקלונג. און וויבאַלד נאָר אַלאַנס בילד האָט זיך דערביי באַוויזן, איז דער גאַנצער עולם אויפגעשטאַנען פון די ערטער און אים געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. דער ריזן־פילם האָט ווייטער געוויזן די גרויסע קאַטאַסטראָפע, דעם שטרייק. מ'האָט געזען, ווי אַלאַן האָט גערעדט צו אַ גאַנצער מחנה אַר־בעטער (און דער פאָנאָגראַף האָט דערביי געבראַכט טיילן פון זיין רעדע), די גרויסע פראָצעסיע פון די טונעל־מענער איבער די גאַסן פון ניויאָרק, די גרויסע שרפה א. אַ. וו. אין אַ שעה אַרום, פונקט איינס אַ זייגער איז אויפן פראָזשעקטאָר ערשינען אַ טעלעגראַמע: „אַלאַן איז אַריינגעפאָרן אין טונעל". אונגעהויערע באַגייסטערונג פון פאָלק, פיל זענען ביים געדראַנג גע־וואָרן פאַרוווּנדעט!

דער פילם איז ווייטער געגאַנגען... און פון איין האַלבער שעה צו דער אַנדערער האַלבער שעה זענען אַרויסגעלאָזט גע־

וואָרן נייע טעלעגראַמען. די טעלעגראַמען האָבן געמעלדעט: אַלאַן איז שוין אָפּגעפאָרן הונדערט קילאָמעטער... צווייהונדערט קילאָמעטער... דרייהונדערט קילאָמעטער... מענטשן האָבן זיך געוועט אויף אומגעהויער גרויסע געלט-סומען. קיינער האָט שוין נישט געקוקט אויפן פֿילם, אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן וועטן, אויסרעכענען, שרייען... די געוועטן זענען געווען, צי אַלאַן וועט פּינקטלעך אָנקומען אויף די ווערמודן, אָדער נישט. דער עולם איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ מין געוועט-אַזאַרט.

אַרום פֿינף אַ זייגער האָט די שפּאַנונג ווידער דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. אויפֿן פּראָזשעקטאָר האָט זיך באַוויזן דער וואָקזאַל פֿון די ווערמודן. דער פּעראָן פֿון וואָקזאַל האָט געווימלט פֿון מענטשן און אַלע האָבן העכסט געשפּאַנט און אין איין ריכטונג געקוקט. צוועלף מינוט נאָך פֿינף האָט זיך באַוויזן דער גרויסער טונעל-צוג און זיך אָפּגעשטעלט ביים פּעראָן. אַלאַן איז אַראָפּגעשטיגן פֿון צוג און גערעדט מיט שטראָמען, אין צוויי מינוט אַרום זענען אַלאַן און שטראָם ווידער אַריין אין וואַגאָן. נאָך פֿינף מינוט און דער צוג איז אָפּגעפֿאָרן ווייטער.

ווידער אַ טעלעגראַמע:

„אַלאַן האָט דערגרייכט ווערמודאַ מיט צוויי מינוט פֿאַרשפּעטיקט".

אַ טייל פֿונם גרויסן עולם זענען שפּעט אין דער נאַכט אַוועקגעגאַנגען אַהיים. די איבעריקע זענען געבליבן זיצן ווייטער, כּדי צו זען די ווייטערדיקע בילדער פֿון אַלאַנס רייזע אין טונעל. פֿיל מענטשן האָבן געדונגען די נאַכט-נומערן אין האָטעלן, זענען געקומען אַהין זיך צו לייגן שלאָפֿן אויף עטלעכע שעה, באַפֿעלנדיק די האָטעל-דינער, זיי תּיכּף אויפֿצוּוועקן „אין פֿאַל, ווען ס'וועט עפּעס פּאַסירן".

איבער די גאַסן האָט שוין גערעגנט מיט די עקסטראַבלעטער מיט גענויע באַשרייבונגען פֿון אַלאַנס ערשטער רייזע איבערן טונעל.

אַלאַן איז געווען אין מיטן וועג—דער צוג איז געפֿלויגן איבערן טונעל, ווי אַ פֿייל פֿון בויגן. די ליכטער אינם טונעל

האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון ריסן אין דער טונקלקייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די טונקלקייט האָט זיך דאָ און דאָרט איינגעריסן און דורך די שמאָלע לעכער פֿון די צעריסענע ערטער רייסט זיך פֿון דרויסן אַריין ליכט... די סיגנאַל־לאָמפּן האָבן אויסגעזען ווי שטערן. די טונעל־מענער, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט אין די סטאַציעס, זענען אַלע געווען געזונטע יונגען, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די גרויסע אָקטאָבער־קאַטאַסטראָפּע אין טונעל, זיי האָבן אַלע געוויינט פֿון פֿרייד, ווען זיי האָבן דערזען דורכלויפֿנדיק דעם ערשטן טונעל־צוג מיט דעם פֿמעט פֿאַרגעטערטן מאַקן.

לאָיד האָט זיך געהייסן אויפֿוועקן אַכט אַ זייגער אין־דערפֿרי. ער האָט אָפּגעפֿרישטיקט און פֿאַרויכערט זיין האַוואַנאַ־ציגאַר. ער האָט געלאַכט און איז געווען אין אַ גוטן הומאָר, ווייל דאָ אין צוג איז אים אַלץ געפֿעלן געווען. ענדלעך איז ער איצט אַליין, פֿון קיינעם נישט געשטערט, ווייט פֿון מענטשן, אין אַן אָרט, ווו קיינער קאָן נישט קומען. פֿון צייט צו צייט האָט ער אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן אַהין און צוריק איבער זיין פּרעכטיקן סאַלאָן אינם ברייטן וואַגאָן. ניין אַ זייגער האָט עטעל צו איהם אָנגעקלונגען אויפֿן טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט און ער האָט מיט איר געשמועסט אַ מינוט צען. דערנאָך האָט לאָיד איבערגעלעזן די אָנגעקומענע דעפּעשן. פּלוצלינג האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. דאָ איז געווען אַ גרויסע סטאַציע. לאָיד האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענסטער און אויפֿן פּעראָן דערזען אַ גרופּע מענטשן און צווישן זיי אַלאַנען. אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט און גראַטולירט, אים שטאַרק דריקנדיק די האַנט. שפּעטער האָט לאָיד געגעסן מיטאָג, האָט זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל נאָך מיטאָג.

דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. די פֿענסטער פֿון זיין סאַלאָן זענען געווען אָפֿן און ער האָט דערזען אַ בלאָ לויטערן ים און ביים ברעג אַ גרויסן המון מענטשן, וועלכע

זענען געווען שטאַרק באַגייסטערט און פון באַגייסטערונג געשריען און געפילדערט. דאָס איז געווען אַ גרויסע סטאַציע, איינע פון די הויפּט-פּונקטן פון טונעל-אַזאָרן. דערויף האָט מען די פענסטער פון סאַלאָן ווידער פאַרמאַכט. דער צוג האָט זיך ווידער אַריינגעוואַנען אין דער פינסטערניש פון טונעל, און דער אַלטער אויסגעטרוקנטער קליינער לאָיד האָט אָנגעהויבן פון פאַרגעניגן צו פייפן—אַ זאַך, וואָס ער האָט שוין זייט צוואַנציק יאָר נישט געטון. פון די אַזאָרן אָן האָט דעם לאָקאָמאָטיוו געפירט שטראָם אַליין. דער צוג האָט זיך איצט געטראָגן אין טונעל מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט פון צווייהונדערט פינפאונצוואַנציק קילאָמעטער אַ שעה. די אינזשעניערן זענען געוואָרן אונרויק, אָבער שטראָם, וועלכער איז געשטאַנען ביי אַ שרעקלעך הייסן און אָנגעגליטן שטאָלענעם אויוון, האָט, ווי ס'זעט אויס, אויך געהאַט שטאָלענע נערוון: ער האָט נישט אָנגעהויבן מורא צו האָבן און די שנעלקייט פונם פאָרן נישט פאַרקלענערט אויף קיין האָר.

—ס'וואָלט דאָך געווען אַ חרפה—האָט ער געזאָגט—ווען מיר וואָלטן אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. ווי וואָלט עס אויסגעזען?

דער צוג האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ טייוולאָנישער שנעלקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט אַז ער שטייט אינגאַנצן... די לאָמטערנעס האָבן זיך אַנטקעגנגעטראָגן, ווי פונקען... נאָר אָט איז דער צוג געקומען צו לויפן קיין פיניסטערע.

* *
*

אין ניויאָרק איז ווידער געוואָרן נאַכט. די האָטעלן האָבן זיך אָנגעפולט מיט מענטשן. די באַגייסטערונג איז געווען גרויס ביז גאָר און האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, בעת ס'זענען אָנגעקומען נייע טעלעגראַמען פון די גרויסע טונעל-סטאַציעס, וועלכע דער ערשטער טונעל-צוג האָט דערגרייכט. דער גאַנצער עולם האָט שוין געוווסט, אַז שטראָם האָט בכיון געלאָזט דעם

צוג מיט אַ משוגענער שנעלקייט, כדי „אָנצויאָגן" די פאַרשפּע-טיקטע מינוטן. און אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט, פּינקט-לעך—נישט איין מינוט שפּעטער און נישט איין מינוט פריער—ווי ס'איז געמאָלדן געווען. איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה געוועטן. טויזנטער מענטשן זענען געגאַנגען אין געוועט אויף גרויסע געלט-סומען,—צי דער צוג וועט ווירקלעך אָנקומען צו דער צייט, אָן אַ פאַרשפּעטיקונג, אָדער נישט.

די לעצטע פופצן קילאָמעטער האָט דעם לאָקאָמאָטיוו געפירט אַלאַן אַליין. ער האָט אַ גאַנצן מעת לעת נישט גע-שלאָפן, נישט צוגעמאַכט קיין אויג, געווען שטאַרק אויסגעמאַ-טערט, אָבער די געהויבענע שטימונג און אָנגענעמע איפּרעגונג האָבן אים צוגעגעבן באַזונדערע כחות, מוט און ניכטערקייט. בלייך און פאַרמאַטערט האָט ער איצט אויסגעזען, פאַרטראַכט און צעשטרייט. פיל זאַכן זענען אים איצט געקומען אין קאָפּ אריין... אַ שטראָם פון זכרונות, פרייד און אומעטיקע... נאָך עטלעכע מינוט און זיי דאַרפן שוין אָנקומען צום גרויסן ציל, וואָס ברענט שוין פון דערווייטן ווי אַ עמוד האש. אַלע אין צוג האָבן איצט געציילט די סעקונדן און די קילאָמעטער, די סיג-נאַל-לאָמפּן זענען פאַרבייגעפלויגן, ווי פונקען, דער צוג איז אַלץ געפלויגן און געפלויגן ווי פייל אויסן בויגן. נאָך צוויי מינוט—און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. פּלוצלינג האָט אַ ווייס העל ליכט פאַרבלענדט די אויגן. ס'איז מיט אַמאָל געוואָרן טאָג... אַלאַן איז אַראָפּ פון צוג. ער איז מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון צוועלף מינוט אָנגעקומען קיין אייראָפּע.

עגדע